STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04391

# DER BLUTIGER SHPAS

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום־עליכם.

# דער
# בלוטיגער שפאַס.

אַ איסערגעוועהנליכער ראָמאַן

אַלע ווערק פון
שלום-עליכם
18-טער באַנד.

געדרוקט דורך פערלאַג „פראָגרעס", וואַרשא.

פערקויף ביי פערלאַגס-געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא.

וואַרשא — תרע"ו — 1915

## דאָס איינאונזיבעציגסטע קאַפּיטעל

## „פּאַסטרעסטאַנטאָ".

דער לעזער געדענקט מן הסתם, ווי אַזוי אונזערע קונדייסים, דער קריסט גרישאַ פּאָפּאָוו און דער יוד הערשעל ראַבינאָוויטש, האָבען אין אָנהויב פון זייער שפּאַס, באַלד ווי זיי האָבען זיך געביטען מיט די יוצרות, זיך אויפגעזעצט ביידע אויף איין דראָזשקע און זע־נען גלייך פונ׳ם פריילילכען קערמעשעל אַוועק אַהיים איבערצושמועסען וועגען פערשידענע זאַכען, אויסאַרבייטען אַ פּלאַן און איבערגעבען זיך איינס דאָס אַנדערע סימנים, בכדי יעדער פון זיי זאָל וויסען אַקוראַט זיין ראָל, וואָס עס שטעהט איהם פאַר צו שפּיעלען אין פערלויף פונ׳ם יאָהר.

אין איין האַלבען טאָג איז אויסגעאַרבייט געוואָרען ביי זיי דער גאַנצער פּלאַן, די דאָקומענטען זייערע זענען געבראַכט געוואָרען אין דער בעסטער אָרדנונג, — אַלסדינג איז דורכגעפיהרט געוואָרען גאַנץ גענוי און פּינקטליך, ווי אויף נאָטען. עס איז געבליבען, אַז דער קריסט פּאָפּאָוו, וואָס הייסט שוין היינט ראַבינאָוויטש, זאָל פאָהרען אין דער גרויסער אוניווערסיטעט־שטאָדט, וואָס געפינט זיך סאַמע אין דער מיט פון דער יודישער „טשערטאַ", און אַלס מעדאַליסט וועט ער דאָרט גע־וויס אַריין, אָהן אַ שום ספק, אין אוניווערסיטעט, און דאָרט וועט ער האָבען אַ געלעגענהייט צו בעקענען זיך און שטודירען יודישקייט פון דער נאָהענט. און דער יוד ראַבינאָוויטש, וועלכער הייסט שוין איצט פּאָפּאָוו, וועט זיך אַוועקלאָזען אין דער גרויסער רוסישער שטאָדט, וואָס געפינט זיך איג׳ם סאַמע צענטער פונ׳ם לאַנד, און אַלס קריסט וועט ער דאָרט אודאי און אודאי גרינג אַריין אין אוניווערסיטעט, ווי עס פּאַסט פאַר פּאָפּאָווס זוהגדעל, און עס וועט זיין, ווי עס רעדט זיך,

אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ען לעפעל. נאָר אַזוי ווי סיי דער קריסט פּאָפּאָוו סיי דער יוד ראַבינאָוויטש האָבען דאָך יעדער זיין היים מיט זיינע אייגענע, מיט וועלכע זיי שטעהען אין שטענדיגע פערבינדונג דורך בריעף, לכן דאַרף מען האַלטען די היימישע אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר אין שטענדיגער פערבלענדעניש. דאָס הייסט די פּאָפּאָווס בעדאַרפען זיין זיכער, אַז זייער גרישאַ לערנט זיך אין דער רוסישער צענטראַל-שטאָדט, און די ראַבינאָוויטשעס בעדאַרפען מיינען, אַז זייער הערשעל לערנט זיך אין דער גרויסער שטאָדט פון דער „טשערטאַ". איי די קשיא—ווי אַזוי איז דאָס מעגליך, אַז באמת וועט זיך אין דער רוסישער שטאָדט געפינען נים גרישאַ פּאָפּאָוו, נאָר הערש ראַבינאָוויטש, און אין דער שטאָדט פון דער „טשערטאַ" וועט דאָך פּאַקטיש זיין ניט דער יוד ראַבינאָוויטש, נאָר דער קריסט פּאָפּאָוו? איז דער תירוץ: אַ יוד אַ למדן גיט זיך אַנ'עצה—און דאָס איז טאַקי געווען דעם יודען ראַבינאָוויטשעס איפּטו; אַז די בריעף, וואָס ראַבינאָוויטש (דער פּאַלשער, ניט דער אמת'ער) וועט שרייבען אַהיים, זאָל ער אַריבערשיקען צו זיין חבר, דעם אמת'ען ראַבינאָוויטש אין דער רוסישער שטאָדט, און פון דאָרט וועט זיי יענער אַריבערפעקלען צו די פּאָפּאָווס. און די בריעף, וואָס דער אמת'ער ראַבינאָוויטש וועט שרייבען צו זייניגע, זאָלען אַריבערגעשיקט ווערען צו דעם געמאַכטען ראַבינאָוויטשען אין דער „טשערטאַ", און פון דאָרטען וועט זיי יענער אַריבערפעקלען צו די ראַבינאָוויטשעס. און צוריק אויך די אייגענע קונץ: די פּאָפּאָווס, וואָס וועלען מיינען, אַז זייער גרישאַ געפינט זיך אין דער רוסישער שטאָדט, וועלען זיי איהם שרייבען אַהין זייערע בריוולעך און פון דאָרטען וועלען זיי שוין אַריבערגעשיקט ווערען צו איהם אין דער „טשערטאַ"; און די שרייבעכצען פון די אמת'ע ראַבינאָוויטשעס וועלען אַריבערגעשיקט ווערען פון דער „טשערטאַ" דורכ'ן געמאַכטען ראַבינאָוויטשען צו זייער חברה-מאַן רב הערש ב"ר משה, וואָס לערנט זיך ניט אין דער „טשערטאַ", נאָר אין דער רוסישער שטאָדט אַלס גליקליכער דוואָריאַנין גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו.

דאַכט זיך, די דאָזיגע קאָמבינאַציע איז אַזוי פּראָסט, אַז ס'איז נישט נייטיג זי איבערצו'חזר'ן נאָך אַ מאָל. נישמעהר ס'איז געבליבען נאָר איין זאַך: וואָס טוט מען ווייטער? אַ קשיא וואָס סע מאַכט זיך! בריוולעך, וואָס יונגע לייט סטודענטען שרייבען איינער דעם אַנדערען,—טאָמער, אל תפתח פה לשטן, טרעפט זיך—זיי פאַלען אַריין אין

אזעלכע הענד, וואָס מע דאַרף גיט, זענען זיי דאָך פערפאַלען מיט די ביינער...

— וואָס-זשע טוט מען? — פרעגט דער געמאַכטער ראַבינאָוויטש ביים אמת'ען און קוקט איהם אין די אויגען אַריין.

— וואָס מע טוט? — ענטפערט איהם דער אמת'ער ראַבינאָוויטש און נעמט זיך אָן ביים בערדעל, וואָס וועט ערשט אַמאָל זיין. — איך וועל דיר זאָגען, וואָס מע טוט. אם ירצה השם מיט גאָטס הילף, אַז דו וועסט קומען אויפ'ן אָרט און דו וועסט זיך בעזעצען בשלום אין דער שטאָדט פון דער „טשערטאַ" געזונדערהייד, וועסטו זיך מטריח זיין און וועסט אָנשרייבען אַ בריוועלע צו דיינע לייט אַזוי און אַזוי. דו וועסט זיי געבען צו פערשטעהן, אַז זיי זאָלען דיר נישט שיקען קיין בריעף אויף דיין נאָמען, וואָרום פּאָפּאָווס זענען פאַרהאַן אין דיין אוניווערסיטעט, וועסטו זיי זאָגען, גאַנצע דריי און אויף צו להבעיס הייסען זיי אַלע גרישאַ. פערשטאַנען? און איך וועל אָוועקשרייבען צו מיינע לייט, אַז אַזוי ווי אין דער שטאָדט פון דער „טשערטאַ" זענען פאַרהאַן אין אוניווערסיטעט ראַבינאָוויטשעס אַזוי ווי די הינט, על כן געבען מיר זיי אויף איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ שטענדיגען סימן, ווי אַזוי מען זאָל אַדרעסירען זייערע בריעף פּאָסטרעסטאַנטאָ. פערשטאַנען?

— בראַוואָ, הערשקאָ! — רופט זיך אָן פּאָפּאָוו אויסער זיך פונ'ם דאָזיגען איינפאַל, — דאָס איז דאָך באמת אַ תלמודישער אויפטו, טשאָרט וואָזמי!

— אַ תלמודישער, ניט קיין תלמודישער, — זאָגט דער אמת'ער ראַבינאָוויטש — נאָר אַנ'איינפאַל איז דאָס. מע דאַרף, פערשטעהסטו מיך, פערדרעהען אַזוי, אַז אַ מכה זאָל עמיצער וויסען ווער שרייבט צו וועמען. נישטאָ קיין אַדרעס, נישטאָ קיין פּאָפּאָוו, נישטאָ קיין ראַבינאָוויטש; פאַרהאַן נאָר פּאָסטרעסטאַנטאָ און ראשי תיבות, איניציאַלען — און געהט זוכט אונז! פערשטאַנען?

— טשאָרט וואָזמי, הערשקאָ, — רופט זיך אָן דער געמאַכטער ראַבינאָוויטש צום אמת'ען ראַבינאָוויטשען, — געב לאָמיר זיך צוקושען!

און ביידע חברים האָבען זיך פריינדליך אַרומגענומען און זעהר וואַרים צוקושט זיך.

* *

*

מע קאָן ניט זאָגען — דער דאָזיגער אויפטו איז טאַקי געווען זעהר אַ געראָטענער אויפטו, און בײַ אונזערע חברים איז עס אַוועקגעגאַנגען פֿײַן און גלאַט ווי אַ מזמור. די פּאַפּאָווס פון ט—ר גובערניע האָבען געשריבען זייערע בריעף צו זייער גרישען פּאָסטרעסטאַנטאָ אין דער רוסישער שטאָדט אַרײַן, און די ראַבינאָוויטשעס האָבען געשיקט זייערע בריוולעך צו זייער הערשלען אין דער גרויסער שטאָדט פון דער „טשערטאַ", אויך פּאָסטרעסטאַנטאָ. און די פּאָסט, וואָס ווייסט ניט פון קיין חכמות, האָט זיך געטאָן איהר צווייענדיגע אַרבייט גאַנץ געטריי: געטראָגען די בריעף צוויי מאָל פון איינעם צום אַנדערען הין און צוריק פּאָסטרעסטאַנטאָ. און עס וואָלט געוויס אַזוי געגאַנגען אונגעשטערט דאָס גאַנצע יאָהר, ווי זיי האָבען אָפּגערעדט. קיין פויגעל וואָלט נישט געוואוסט, קיין האָהן וואָלט נישט געקרעהט, ביז עס וואָלט געקומען די צייט און זיי וואָלטען זיך אָפּגעביטען מיט די יוצרות צוריק און — ברוך שפּטרני. איז אָבער פּלוצים קאַליע געוואָרען עפּעס אַ רעדעל, עס האָט זיך איבערגעריסען אין מיטען, און די גאַנצע מאַשין האָט זיך אַוועקגעשטעלט.

— וואָס איז געשעהן?

עס איז געשעהן אַ קלייניגקייט: דער אמת'ער ראַבינאָוויטש, וואָס לערנט אין דער גרויסער רוסישער שטאָדט אונטערן נאָמען פּאָפּאָוו, האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט צו בעקומען בריעף פון זיין חבר, פונ'ם אמת'ען פּאָפּאָוו, וואָס איז פערשריבען אַלס דאַנטיסט ראַבינאָוויטש אין דער גרויסער שטאָדט פון דער „טשערטאַ". עס האָט נישט געהאָלפען קיין שרייבען „זאַקאַזנאָיע", קיין זידלען זיך, קיין שעלטען זיך. עס האָבען נישט געהאָלפען קיין דעפּעשען. דער געמאַטערטער ראַבינאָוויטש ראָז זיך נישט געוואָלט אָפּרופען, האָטש ווער צוריסען, און דער אמת'ער ראַבינאָוויטש איז שיער ניט משוגע געוואָרען. און ווי אויף צו להכעיס האָבען די פּאָפּאָווס די לעצטע צייט געהאַקט מיט בריעף צו זייער גרישען, וועלכע הערשעל האָט זיי אַלע איבערגעשיקט פּאָסטרעסטאַנטאָ צו זיין חבר גרישאַ אין „טשערטאַ" — און דאָרטען זענען זיי זיך געבליבען ליגען בשלום אויף דער פּאָסט אינאיינעם מיט אַלע בריעף, וואָס די ראַבינאָוויטשעס האָבען פון זייער זייט געשיקט אויך

פאסטרעסטאנטא צו זייער הערשלען און געקלאגט זיך, אז זיי קאנען גאר אזוי קלוג ניט זיין און אז זיי הויבען ניט אן צו פערשטעהן — וואס איז דער שכל, וואס זיי האבען פון איהם קיין ענטפער אויף אלע זייערע בריעף? „ממה נפשך — האבען זיי גע׳טענה׳ט — ביסטו חלילה קראנק, קאנסטו דאך הייסען עמיצען שרייבען א בריוועל, אדער קלא-פען א דעפעש, וועט מען קומען צו דיר צו פאהרען, חאטש ס׳איז נישט אזוי גרינג אפצורייסען זיך פון פרנסה און דער׳עיקר׳שט צו פאהרען אהין אין דיין שטאדט אריין, וואו מע לאזט ניט א יודען א נאכט אי-בערנעכטיגען... אלא וואס דען? בעדארף מען לערנען דעם פשט, אז מיט דיר האט זיך סיידען געטראפען חס ושלום עפעס א „סלוטשיי?״... גלויבט זיך עפעס נישט אויף דיר. דו ביסט נישט אזעלכער... חאטש אפילו א ביסעל איז אונז קשה, וואס דו הייסט אונז שרייבען נאר פאסטרעסטאנט און פאסטרעסטאנט!... על כן זאלסטו וויסען, הערשעל, אז נאך איין וואך ווארטען מיר, נישט מעהר אז איין וואך. און טא-מער חלילה וועט אוועקגעהן די וואך אויך און עס וועט פון דיר אלץ ניט זיין קיין בריעף, וועט אדער דער טאטע אליין, אדער איך מו-זען זיך דורכפאהרען צו דיר, דיך אויפזוכען און געוואוירע ווערען, וואס דו מאכסט...״

אזוי האט איהם געשריבען דער עלטערער ברודער אברהם-לייב ראבינאוויטש, שוין א בעל-הבית׳ל מיט א פיין בערדעל, וואס האנדעלט אינאיינעם מיט׳ן טאטען איין געשעפט ביי דער באהן, און האט זיך שוין גענומען גרייטען אין וועג אריין, מען האט איהם אבער פער-שפארט א טרחה און אומזיסטע הוצאות: טאקי אינ׳ם זעלבען טאג, וואס ס׳איז אוועקגעגאנגען דאס דאזיגע בריוועל, האט מען פלוצים פערנומען אט דעם בעל-הבית׳ל, אברהם-לייב מיט׳ן בערדעל, און זיין פאטער, רב משה ראבינאוויטש, און מע האט זיי במחילת כבודם אפ-געפיהרט אין גוטען מקום און אייגעזעצט — און דאס גאנצע שטעדטעל האט זיך אויפגעקאכט, געגאנגען חאדאראם:

— געשיקט זיך עס! רב משה ראבינאוויטש איז ניט אזא יוד, וואס זאל האנדלען מיט גנבה׳שע פערד, און זיין אברהם-לייב איז ניט אזא יונגערמאן, וואס זאל זיך מישען אין די זאכען, ווי אנדערע יונ-גע לייט למשל... הייגט וואס זאל עס בעדייטען???

## דאָס צוויי און צוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

### רב משה ראַבינאָוויטש פאָהרט ראַטעווען זיין זוהן.

נאָך איידער מע האָט אַרויסגעלאָזט רב משה ראַבינאָוויטשען מיט זיין עלטערען זוהן אברהם-לייב, האָט אויפ'ן אַנדערען טאָג דאָס גאַנצע שטעדטעל שוין געוואוסט די גאַנצע מעשה, איבער וואָס מע האָט זיי געפּאַקט — און ס'איז געוואָרען אַ יאַריד, הימעל עפען זיך!

און דערוואוסט האָט מען זיך עס פון די צייטונגען, וואָס האָבען צום ערשטען מאָל אַרויסגעשטעלט דעם גאַנצע נאָמען מיט'ן טיטעל פונ'ם ריטואַל-מערדער. פריהער האָט מען געשריבען סתם „אַ יוד אַ דאַנטיסט". איצט איז שוין געשטאַנען בפירוש, אַז ער איז אַ שקלאָווער מעשטשאַנין און לערנט זיך אויף דאַנטיסט און הייסט הערש מאָווּשאָוויטש ראַבינאָוויטש — אַלע סימנים.

וואָס אין דעם דאָזיגען שטעדטעל האָט זיך אָפּגעטאָן — איז שווער צו בעשרייבען. מיט אַמאָל אַזוי פיעל נייעס אין אַזאַ קליין שטעדטעל! געליגען זיך אַ שטאָדט רוהיג און געדרימעלט — און פלוצים אַנ'אייגענער דרייפוס! מאָלט אַייך — ס'איז גאָרנישט, ס'איז אַ געלעכטער, אָבער דערוויייל! אַ בזיון פאַר גוים! אַ בזיון פאַר „יעווראָפּע"! אַ בזיון פאַר זיך אַליין! „היינטיגע צייטען, וואָס אפילו אין אַזאַ העק ווי ביי אונז, איז שוין אויך דאָ אַ באַהן און אַ פּראָגימנאַזיע און אַ סינעמאַטאָגראַף"...

— ווער רעדט פון אַ סינעמאַטאָגראַף, שוטה? אויך מיר אַנ'אַנטיק — סינעמאַטאָגראַף! דאָרט האַלט מען שוין ביי „עראָפּלאַנען", לופט-באַלאָנען — און ער זאָגט גאָר סינעמאַטאָגראַף!

— מילא בקיצור, מע איז אַייך מוחל דעם סינעמאַטאָגראַף מיט'ן „ערעפּלאַן" מיט די לופט-באַלאָנען אינאיינעם — אַ רחמנות נעבאַך אויף אונזערע ראַבינאָוויטשעס — אַזאַ בלבול!

— בעשערט אַ מענטשען אַן'אומגליק, טרעפט עס איהם דורך אַ קוימען. ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכען, חאַ-חאַ!

— אַ גוטער געלעכטער! דערוויל האַלט מען אײן יודען דאָרטען און דאָ צוויי יודען. אַ קאַטאַוועסעל!

— בלאָטע, נאַט אײַך אַ גראָשען! מע וועט זיי אַלע דריי אַרויס-לאָזען, אַזוי גיך מעג שוין קומען משיח!

אַזוי האָט זיך אויסגעשמועסט דאָס שטעדטעל—און מע האָט דאָך טאַקי געטראָפען. מע האָט זיי טאַקי אַרויסגעלאָזט. אַלע דריי— דער דריטער זיצט דאָך גאָר דאָרטען, קאָנען זיי פאַר איהם דען ערב זיין?—נאָר די צוויי, דעם פאָטער מיט'ן עלטערען זוהן, האָט מען אויפ'ן דריטען טאָג שוין אַרויסגעלאָזט. מע האָט זיי נאָר אויסגעפרעגט, אויסגעזוכט ביי זיי און איבערגעשאַרט אַלע ווינקעלעך, אויסגעטרייסעלט און צוגענומען ביי זיי אַ גאַנצען פאַק מיט בריוולעך, טאַקי וואָס זיי-ער הערשעל האָט צו זיי געהאַט געשריבען די גאַנצע צייט, און מע האָט זיי געזאָגט, אַז זיי קאָנען געהן. און ווי נאָר מע האָט זיי אַרויס-געלאָזט, אַזוי האָט רב משה ראַבינאָוויטש זיך אַן'עצה געהאַלטען מיט דער משפחה, מיט גוטע פריינד און גלאַט מיט קלוגע מענטשען: וואָס טוט מען ווייטער? און ס'איז געבליבען, אַז ער בעדאַרף פאָהרען „ראַ-טעוועז זיין זוהן". וואָס ראַטעווען? ווי אַזוי ראַטעווען?—דאָס האָט קיינער ניט געוואָלט וויסען. נאָר אַז אַ יוד טרינקט זיך, איז עפּעס אַ תירוץ?

און דער אָרימער פאָטער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות. ער האָט נאָר דורכגעשמועסט זיך נאָך אַ מאָל מיט אַ פּאָר קלוגע מענ-טשען, דאָס הייסט טאַקי כמעט מיט'ן גאַנצען שטעדטעל, און האָט איינ-געפּאַקט דעם טשעמאָדאַן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער גרויסער שטאָדט אַריין אויף גאָטס בעראָט, שוין גאָרנישט איבערצוקלערען אפילו פון דעם, וואָס מע לאָזט דאָרט אַ יודען אפילו אַ נאַכט ניט איבערנעכ-טיגען. „ממה נפשך—האָבען קלוגע מענטשען געדרונגען און אויסגערעדט איהם דאָס האַרץ—וואָס גאָט וועט געבען, אָט דאָס וועט זיין. גע-שיקט זיך עס, אַז אַ יוד זאָל שוין גאָר נישט קאָנען דאָרטען זיין האַטש איין טאָג? נעמט למשל אַזאַ שטאָדט ווי פּעטערבורג, וואו אַ יוד איז, דאַכט זיך, שוין גאָר טרפה. פוּ־עסטוועגען זאָגען אַלע, אַז געבענטשט זאָל זיין פּעטערבורג, וואָרום ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ שטאָדט אויף דער וועלט, ווי פּעטערבורג איז פאַר אַ יודען... אָדער אַ שטייגער בעמט

למשל מאָסקווע. מי לנו גדול ממאָסקווע? אַ יוד איז דאָך דאָרט ווי אין אַנ׳א. אַ שטאָך! אַ קליינינקייט מאָסקווע! פונדעסטוועגען מעג מען זיך ווינשען די אלפים, וויפיעל יודען עס פאָהרען אַריין און פאָהרען אַרויס פון מאָסקווע בכל יום ויום... אַ יוד איז מחויב צו טון, וואָס ער קען און גאָט דאַרף העלפען..."

רב משה ראַבינאָוויטש האָט זיך אַוועקגעלאָזט, מע קען זאָגען, אויף קדוש-השם. ער האָט אפילו דעם פּאַס פערגעסען מיטנעמען — אַ קליינינקייט אַ יוד פאָהרט ראַטעווען אַ קינד!... און מחמת ער אַליין איז נאָך אַ ביסעל אַ מענש פון דער אַלטער וועלט, האָט ער מיטגענומען מיט זיך זיין עלטערען זוהן אברהם-לייב, וועלכער איז שוין, ווי עס רעדט זיך, צו גאָט און צו לייט. אברהם-לייב קאָן זיך ברוך-השם אויס׳טענה׳ן מיט׳ן גרעסטען קריסט. און חאָטש אברהם-לייב האָט קיין גימנאַזיע, ווי דער יונגערער ברודער הערשעל, נישט געענדיגט און קיין מעדאַל נישט געקריגען, פונדעסטוועגען — ער וועט אַייך ניט געהן זאָגען אין אַנדערע זאַכען — נאָר דאָרט, וואו ס׳איז „שייך צו לשון — שפּראַך", וועט ער זיך, האָט קיין יסורים ניט, אויסגלייכען מיט׳ן גרויסען בעל-גראַמאַטיקע, טאַקי מיט רב הערשען אַליין. און אויב איהר ווילט שטאַרק, וועט ער איהם אפשר נאָך געבען דריי אויגען פאָר. קוקט נישט, וואָס אברהם-לייב איז זיך כלומרשט אַ ביונקעלע, זעהט אויס, דאַכט זיך, גאָר אַ יונגערמאַן אַ פלאָכט, אַ יונגערמאַן אַ חניאָק. איהר קאָנט אַייך פערלאָזען. אַ סברה, אַז ער האָט נאָך בחור׳ווייז געוואוסט גאַנץ קירפיטשניקאָווס מיט גאַנץ גאַלאַחאָוו אויף אויסווייניג. נישמעהר ער האָט נישט קיין מזל. איהם האָט דער טאַטע בשום אופן ניט געוואָלט אָפּגעבען אין גימנאַזיע, חאָטש ער איז עלטער פון הערשלען ניט מעהר ווי אויף אַ יאָהר. דער טאַטע פערענטפערט זיך אפילו, אַז די יודישע שונאים זאָלען אַזוי לעבען, ווי ער האָט געוואָלט, אַז זיין הערשעל זאָל געהן אין גימנאַזיע, נאָר ער האָט דען אַיין אַנדער ברירה געהאַט, איך בעט אַייך, אַז אָט דער הערשעל, דער ימח-שמו׳ניק, ווי דער פאָטער רופט איהם אָן אין גוטען מוט, איז גאָר סך-הכל יונגעלוויז, אויב איהר ווילט וויסען, עוקר געווען פון דער היים און אַוועקגעלאָזט זיך, ניט געדאַכט זאָל ער אַייך ווערען, אין אַנ׳אַנדער שטאָדט — אַזוי דערצעהלט דער פאָטער אַליין. מע האָט גאָר אַ צייט נישט געוואוסט אפילו, וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. ערשט העט-העט, אין אַ צייט אַרום, איז מען געוואוירע געוואָרען, טאַקי פונ׳ם

ימח-שמו'ניק אַליין, אַז ער „פּריגאָטאָוועט" זיך אין גימנאַזיע אַריין און אַז ער איז שוין כּמעט פאַרטיג, דאָס הייסט ער האָט שוין דעם „עקזאַמענט" אויסגעהאַלטען, און דווקא גוט אויסגעהאַלטען, נאָר אַנ'-אומגליק — קיין „וואַקאַנציע" איז נישטאָ! פונדעסטוועגען, שרייבט ער, דער כּל-בו'ניק, אַז מע זאָל דערפון חס-ושלום קיין יסורים ניט האָ-בען — ער וועט אם ירצה השם „עקסטערניטשען", זאָגט ער, און „עקס-טערניטשען" אַזוי לאַנג, ביז ער וועט פאָרט, זאָגט ער, אַריין, נאָר יעדענפאַלס אַהיים וועט ער, זאָגט ער, שוין צוריק נישט קומען. נו? אדרבה, זאָגט שוין איהר, וואָס האָט ער געקאָנט טון, אַ פאָטער, וואָס האָט ליעב זיין קינד? און נאָך אַזאַ געראָטען קינד ווי אָט דער שפּירט, אַז צו וואָס ער נעמט זיך, ברענט דאָס ביי איהם אונטער די הענד!?

אַזוי דערצעהלט דער פאָטער, רב משה ראַבינאָוויטש, אַ יוד אַ פּראָסטער און אַנ'עהרליכער. ער איז אַ „פּראַוויטעל" (דאָס מיינט מען „אָטפּראַוויטעל", וועלכעס הייסט עקספּעדיטאָר) ביי דער באַהן. פון'ם פאָטערס רייד איז צו פערשטעהן, אַז זיין זוהן הערשעל האָט זיך גוט אָנגעמוטשעט, אָנגעהונגערט, אָנגעפּרווירען- און „געעקסטערניטשעט" און סוף-כּל-סוף אַריין אין איינע פון די מיטעלסטע קלאַסען ערגיץ אין אַ פערוואָרפענער שטאָדט אין טיעף „ראַסיעיע" (אין ט—ר גובערניע), וואו יודען זענען נישט בנמצא. דאָרט האָט ער אַ קרוב פון דער מוטערס צד, אַ יוד אַ בעל-מלאכה מיט אַלע „פּראַוועס", האָט ער איהם צוגע-שריבען צו זיך, און ס'איז איהם געראָטען, מע האָט איהם צוגענומען, און ער האָט געלערנט, אַ ביסעל צוגעהאָרעוועט, געגעבען שטונדען, און אַ ביסעל האָט איהם אונטערגעהאָלפען דער פאָטער — אַ ברירה האָט ער געהאַט? — „און דער ימח-שמו'ניק האָט געענדיגט די גימנאַזיע מיט'ן קנאַק טאַקי נאָר ווי אַזאַ כּל-בו'ניק שטעהט אָן".

אָט מיט דעם לשון האָט זיך דער פאָטער אַליין דערנאָך בע-ריהמט, גאָר ניט געשעמט זיך, וואָס ער, רב משה ראַבינאָוויטש, אַ יוד מיט אַ טלית-קטן, האָט אַ זוהן מע קאָן זאָגען אַ גוי. נאָר וואָס זאָל מען טון, אַז ס'איז היינט אַזאַ וועלט געוואָרען? נאָך דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט ניט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך אינגאַנצען דעם נאָמען יוד, ווי אַנדערע אין היינטיגע צייטען... אדרבה, זיין הערשעל, אַז ער קומט אַמאָל צו פאָהרען אויף אַ יום-טוב אַהיים, און ער געהט מיט'ן פאָטער אין שוהל אַריין דאַווענען, און מע רופט איהם אויף מפטיר,

לעגט ער אַוועק אַ הפטרה'לע, דער כּל-בו'ניק, איז דאָך ממש די פינ-גער צו לעקען. אַז מע שמועסט אַ גערעכטענער, איז דאָך ניט שייך.

אַזוי האָט זיך דער פאָטער געטרייסט און אונטערגעשיקט דעם זוהן אָפּטליך, וויפיעל ער האָט נאָר געקאָנט און בסוד, אַז דער על-טערער זוהן, אברהם-לייב, זאָל ניט וויסען און זאָל נישט זיין מקנא... אברהם-לייב האָט אָבער יאָ געוואוסט דערפון און איז טאַקי געווען זעהר ניט צופרידען און טאַקי אָפּטליך אונטערגעוואָרטשעט, אונטער דער נאָז געוועהנליך, וואָרום ווי קאָן מען רעדען קעגען אַ טאַטען? כּבוד-אָב איז דאָך עפּעס ניט קיין קלייניגקייט. ער פלעגט נאָר ער-לויבען זיך אַמאָל אַ מורמעל טון פאַרבייגעהענדיג, אַז ער, אברהם-לייב, זעהט ניט אַרויס היינטיגע צייטען אינ'ם שטודירען קיין שום תּכלית פאַר אַ יודען. נאָט אייך דריי גראָשען, יאָ גימנאַזיע, ניט גימנאַזיע. אדרבה, אַ יוד מיט אַ גימנאַזיע איז ביי זיי טויזענד מאָל מעהר טרף, ווי אַ יוד אָהן אַ גימנאַזיע. און לאָמיר זאָגען, אַז ער האָט שוין גאָר געענדיגט די גימנאַזיע — איז וואָס? און אפילו שאַ, לאָז שוין זיין ער האָט שוין געענדיגט אוניווערסיטעט אויך, נו? וואָס ווייטער? פּחע— גאָרנישט מיט גאָרנישט, דער אייגענער הערשקאָ, נאָר טויזענד מאָל ערגער. וואָרום הערשקאָ, אַז ער האָט ניט קיין דיפּלאָם, איז ער ביי זיי הערשקאָ און אַ סוף, און וויבאַלד ער בעקומט אַ דיפּלאָם, וויל ער שוין ניט הייסען הערשקאָ, נאָר גרישאַ אָדער גריגאָרי, און פון אַ הערשקאָ זאָל ווערען אַ גרישאַ אָדער אַ גריגאָרי, דאָס ווילען זיי ניט ליידען — און טוט זיי עפּעס!

פערשטעהט זיך, אַז אין די דאָזיגע דבורים, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ ביסעל אמת, איז געווען אויך ניט ווינציג קנאה, וואָס זיין יונגערער ברודער הערשעל שטודירט און ער, אברהם-לייב, וואָס איז אינגאַנצען מיט איין יאָהר עלטער פון זיין ברודער און קען גאַנץ קירפּיטשניקאָוו מיט גאַנץ גאַלאַחאָוו אויף אויסווייניג, בע-דאַרף ער זיין אַ גאָטפּראָוויטעל אויף דער באַהן, האַלטען דאָס היטעל ניט נאָר פאַר'ן „נאַטשאַלניק סטאַנציע", נאָר אפילו פאַר'ן „סטאָראָזש", אַ גוי אין יוכטאָווע שטיוועל, וואָס פערגינט זיך זאָגען אברהם-לייב'ן „דו". נאָר דער „דו" אַליין וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה, איז זיך מיישב דער חאַמרוק און רופט איהם „חאַלאַמייזער". חאַלאַמייזער — דאָס הייסט ביי איהם חיים-לייזער, האָטש מע רופט איהם ניט חיים און ניט לייזער, נאָר אברהם-לייב. נאָר געה רעד מיט אַ חאַם! וויבאַלד

אַ יוד און האָט צוויי נעמען — איז שוין ביי איהם „חאַלאַמייזער". אַנ-אומה, וואָס מעג זיך טאַקי איבערנעמען...

אַז ס'איז אָנגעקומען די ידיעה פון דער גרויסער שטאָדט פון דער „טשערטאַ", אַז הערשעל איז אין אוניווערסיטעט ניט אַריין און אַז ער האָט זיך גאָר איינגעגעבען אויף דאַנטיסט, איז אברהם-לייב אין האַרצען געוועזן מלא גדולה, וואָס ער האָט געטראָפען נאָך ווייס איך ווען, אַז ס'ט'אַזוי זיין. וואָס דען? סע שפּיעלט ביי זיי אַ ראָל אַ מעדאַל, לאָז זיין אַ זילבערנער מעדאַל, אַ גאָלדענער מעדאַל, אַ ברילליאַנ-טענער מעדאַל! „יִדעלע—לידעלע, וואוהין קריכסטו מיט'ן פידעלע?..."

דער אַלטער ראַבּינאָוויטש, דווקא אַ יוד מיט אַ טלית-קטן, וואָס מע רופט איהם רב משה, האָט זיך דווקא בעריהמט פאַר אַלעמען, אַז זיין הערשעל — איהר קענט דאָך איהם דעם ימח-שמו'ניק — איז שוין היינט אַ סטודענט. דאָס הייסט אייגענטליך ניט קיין סטודענט, נאָר אַ דאַנטיסט, נאָר וואָס איז דער נפקא-מינה אַ סטודענט, אָדער אַ דאַנ-טיסט? — איהר זאָלט זעהען די בריוולעך, וואָס ער שרייבט!... שפּע-טער מיט אַ קורצע צייט האָט דער פאָטער געזאָגט: „שטעלט אייך פאָר, דער ימח-שמו'ניק האָט שוין גאָר אָנגעהויבען פערדיענען געלד, אַזוי ווייט, אַז ניט נאָר ער נויטיגט זיך שוין ניט אינ'ם טאַטענס הילף, זאָגט ער, אדרבה, ער זאָגט, אַז ער וויל זיך שוין גאָר, זאָגט ער, צוצאָהלען מיט'ן טאַטען, זאָגט ער, זיינע אַלטע חובות — אַ כל-בו'ניק קאָן! ניין, נאָך שענער, ער האָט שוין גאָר אָנגעהויבען טאַקי צו שי-קען געלד אַלע חודש, אַמאָל אַ כף-הייא'ער און אַמאָל אַ פופציגער, און אַמאָל אַ גאַנצען הונדערטער. נו, וואָס וועסטו עפּעס איצטער זאָ-גען אויף דיין ברודער, אברהם-לייב? קום נאָר אַהער, וואָס שווייגסטו?"

נאָר וואָס קאָן זאָגען אברהם-לייב? ערשטענס האָט ער אויף זיין ברודער קיינמאָל קיין שלעכטס ניט גערעדט. און צווייטענס, אַז מע וועט איהם שטאַרק בעטען, וועט אברהם-לייב נאָך היינט אויך זאָ-גען, אַז מע קען נאָך גאָרניט וויסען. ס'איז נאָך ווייט צום געלעכ-טער... אַז אַ מענש פערדיענט אַ מאָל איין חודש אַ ביסעל מעהר, איז נאָך גאָר קיין ראיה ניט... איבעריגענס, וואָס וועט ער געהן איבער-שפּאַרען אַ טאַטען? כבוד-אָב — שייך צו זאָגען...

אַ ביסעל האָט זיך אברהם-לייב די ערשטע צייט געקיהלט דאָס האַרץ, אַז זיין ברודער הערשעל האָט פּלוצים אויפגעהערט ניט נאָר צו שיקען מיט פופציגערס און מיט הונדערטערס, ער האָט שוין גאָר

בריעף אויך אויפגעהערט שרייבען. „די משמעות אונזער קנאַקער איז שוין גאָר גרויס געוואָרען, אַז עס שטעהט איהם שוין ניט אָן אפילו אַריינשרייבען אונז אַמאָל אַ בריוועל, פתע!״ — האָט אברהם-לייב אַ זאָג געגעבען איינמאָל פאַרבייגעהענדיג, דער פאָטער זאָל הערען, און האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט, נישט געקאָנט צוזעהען דעם צער, ווי דער טאַטע געהט אַרום ווי אַ שאָטען, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. שפעטער-שפעטער האָט אברהם-לייב אַליין אויך אָנגעהויבען שטילער-הייד האָבען יסורים און איבערטראַכטען מי יודע וואָס: „אַ קשיא, הייג-טיגע פייפערס — אפשר האָט ער זיך איבערגעקעהרט?... די שעה זאָל גאָר ניט זיין, וואָרום דער טאַטע וועט עס, חלילה, ניט איבערטראָ-גען...״ אַזוי האָט זיך געטראַכט אברהם-לייב און איז אומגעגאַנגען אַ טויטער. און ווער שמועסט איצטער, אַז מע ווייסט שוין אַלסדינג, און אַז עס האָט זיך געטראָפען אַזאַ'אומגליק, דאַרף ער וואַרטען, ביז דער טאַטע וועט איהם זאָגען: פאָהר? אברהם-לייב האָט אַליין געגעבען צו וויסען דעם טאַטען, אַז ער פאָהרט מיט. און נישט נאָר ער אַליין, דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט גאָר אַנדערש ניט גערעכענט, אַז וויבאַלד פאָהרען, בעדאַרפען זיי פאָהרען אינצווייען, דער פאָטער מיט'ן זוהן. דער שכל איז דאָך מתחייב. און אַז זיי האָבען זיך אויפגעזעצט פאָה-רען, איז כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל אַרויסגעקומען זיך געזעגענען מיט די ראַבינאָוויטשעס און צווינשעווען זיי, ס'זאָל זיין מיט הצלחה, און אָנגעזאָגט אברהם-לייב'ן אפשר הונדערט מאָל, ער איז דאָך אַ יונגער-מאַן, וואָס קען, על-כן זאָל ער אַרויסשרייבען אַלסדינג און באריכות און וואָס מעהר און וואָס אָפטער. און אם ירצה שם, אַז גאָט וועט העלפען, ס'וועט זיין אַ גוטע בשורה, זאָלען זיי ניט זשאַלעווען קיין געלד און קלאַפען אַ דעפעש.

— געדענק-זשע, אברהם-לייב, פערגעס ניט, וואָס מעהר אָטקריט-קעס און למען-השם, אַז גאָט וועט העלפען, איז געקלאַפט אַ דעפעש!

— גוט-גוט. ס'זאָל נאָר זיין אין דעם געווענדט. און מע מעג שווערען, אַז אברהם-לייב האָט בגנבה אויסגעווישט אַ טרעהר.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט שוין לאַנג געפייפט. פונ'ם קוימען האָט געזעצט אַ רויך. די רעדער האָבען געקנאַקט. די וואַגאָנעס האָבען זיך געשלענגעלט איינס נאָכ'ס אַנדערע. פון די פענסטער האָבען אַרויסגע-קוקט צוויי פערחמורעטע פנים'ער: איינער אַן'עלטערער אַ בעוואַקסע-נער, מיט אַ ראַטשיילע אויפ'ן האַלז; דער אַנדערער אַ יונגערער מיט אַ

וויסע מאַנישקע און סיִמנים פון אַ בערדעל. רב משה נעבאַך און זיין עלטערער זוהן אברהם-לייב — וואָס האָט צו זיי גאָט געהאַט, ווייס מען ניט... אָט נאָך אַ מינוט און מע זעהט זיי שוין ניט מעהר. און יודען מיט פערזאָרגטע פנים'ער שטעהען נאָך אַלץ אויפ'ן וואָקזאַל, געזעגענען זיך מיט די אָפגעפאָהרענע, מאַכען צו זיי מיט די הענד, שרייען זיי נאָך פון דער ווייטען. און עס הערען זיך בעזונדערע, אומבעגרעניצטע און אָפגעהאַקטע ווערטער:

— פאָהרט געזונד!... אָטקריטקעס!... זייט מצליח!... למען השם אַ דעפּעש!...

## דאָס דרייאונזיבעציגסטע קאַפּיטעל.

## זכות-אָבות.

אונזער צווייטען העלד, דעם אמת'ען ראַבינאָוויטש, וואָס האָט זיך פֿערשטעלט פֿאַר אַ גוי און האָט געוואוינט אין דער גרויסער רוסישער שטאָדט, אינ'ם סאַמע צענטער פֿונ'ם לאַנד, אונטערן נאָמען גריגאָרי פּאָפּאָוו, איז עס געגאַנגען אַ סך בעסער ווי זיין חבר, דעם אמת'ען פּאָפּאָוו, וואָס האָט זיך פֿערשטעלט פֿאַר אַ יודען און אַ נאָמען גענומען זיך ראַבינאָוויטש. איהם, דעם פֿאַלשען פּאָפּאָווען, איז עס, קאָן מען זאָגען, אַוועק מיט מזל-ברכה און די הצלחה האָט איהם דאָ געשפּיעלט פֿון דער ערשטער מינוט אָן.

אַז מע האָט איהם באַלד אָהן אַ שום אָפּהאַלט אָנגענומען אין אוניווערסיטעט — פֿון דעם איז דאָך גאָר נישטאָ וואָס צו רעדען. עס איז געווען געגוג נאָר איין קוק טון אין זיינע פּאַפּירען, מע זאָל דערזעהען, פֿון וואַנען ער שטאַמט. זכות-אבות איז נישט קיין קלייניגקייט. דער נאָמען פֿון זיין פֿאָטער, איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, איז מעהר ווי בעקאַנט אין דער דאָזיגער שטאָדט.

עטליכע שווערע מינוטען האָט ער אפילו יאָ איבערגעלעבט בעת אַיינגעבען די פּאַפּירען. די דאָקומענטען זענען געווען נישט אין בעסטער אָרדנונג; למשל, דאָס בילד, וואָס קומט צוגע'חתמ'עט צום אַטעסטאַט, איז געווען „עפּעס נישט אינגאַנצען דאָסיג...” אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט דער סעקרעטאַר פֿון אוניווערסיטעט. נאָר ווידעראַמאָל זכות אבות — דער נאָמען פּאָפּאָוו איז געווען אַזוי מעכטיג, אַז דער סעקרעטאַר האָט זיך אַליין שיער די צונג ניט אָפּגעביסען, וואָס ער האָט איין מינוט אפילו געוואָלט חושד זיין דעם דאָזיגען בחור אין אַזאַ זאַך... און ער האָט אין דער גיך צוגעפּגעלעגט דעם אַטעס-

טאַט און פּערדעקט מיט די איבעריגע פּאַפּירען, אַזוי גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַליין צושלאָגען, פערשאַרען און אַרויסשטויסען יעדע זייטיגע מחשבה.

דאָס איז געווען דער ערשטער גליקליכער שריט, וואָס אונזער געמאַכטער פּאָפּאָוו האָט זיך ביי איהם שיער-שיער נישט אויסגעגליטשט — און איז אַרויס טרוקען.

דער אַנדערער שריט איז געווען נאָך מעהר מסוכן ווי דער ערשטער. געוואוינט געוואָרען האָרעווען, געבען שטונדען, און וועלענדיג פערגרינגערן דעם פאָטער אין זיינע בעדערפעניששען אויך אויף ווייטער, האָט ער בעשלאָסען צו זוכען אַ פּאָאַר שטונדען אין דער דאָזיגער רייכער רוסישער שטאָדט, וואָס דאַרפען זיך זעהר גוט בעצאָהלען. נאָר אָנשטאָט צו געבען אַנ'אַנאָנס אין די צייטונגען, איז ער געפאַלען אויף אַ המצאה און זיך דורכגעגאַנגען צום רעקטאָר פון אוניווערסיטעט בעטען ביי איהם, אַז טאָמער וועט עמיצער זיך נאָכפרעגען אויף אַ רעכטען רעפּעטיטאָר, זאָל ער האָבען אין זינען איהם, פּאָפּאָווען.

אויפגענומען האָט איהם דער רעקטאָר, שוין אַנ'עלטערער מענש מיט באַקענבאַרדען, וועלכע זענען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע, זעהר פריינדליך און זעהר האַרצעדיג. אויסגעהערט דעם סטודענטס בקשה, האָט זיך דער אַלטער מאַן מיט די באַקענבאַרדען גענומען עפּעס מאָדנע איינקוקען אין איהם, גלייך ווי ער וואָלט וועלען זיך איבערציינען, אויב דאָס רעדט צו איהם דער, וואָס ער מיינט, און נישט קיין אַנדערער. עס האָט זיך ביי איהם אַזש מאָדנע אַראָפּגעהאַנגען די אונטערשטע ליפּ. דער געמאַכטער פּאָפּאָוו מיט זיין יודיש קעפּעל האָט אָבער באַלד פערשטאַנען נאָכ'ן דאָזיגען קוק און נאָך דער אַראָפּגעהאַנגענער ליפּ, אַז ער בעדאַרף אויסזעהען ביים רעקטאָר ווילד און זיין בקשה בעדאַרף זיך איהם אויסווייזען אָפּגעפרעגט: ווי קומט פּאָפּאָוס אַ זוהנדעל צו בעטען שטונדען?... האָט ער זיך גיך פערחאַפּט און גענומען אויפקלערען דעם רעקטאָר, אַז ער האָט געגעבען דאָס וואָרט, אַז ער זאָל איין יאָהר כסדר זיך בעגעהן אָהן דעם פאָטערס הילף, און מורא האָבענדיג, טאָמער טוט זיך דער רעקטאָר אַ פרעג אָן, חלילה, ביים פאָטער, דאָס הייסט אייגענטליך ביי זיין חבר'ס פאָטער, און דאָס וואָלט דאָך איהם זעהר נישט געפּאַסט, מכמה וכמה טעמים, האָט ער זיך געאיילט צו פערריכטען דאָס אויך און האָט בסוד סודות איבערגעגעבען דעם רעקטאָר, אַז קיין בן-אדם דאַרף נישט וויסען —

און דער פָאטער אויך נישט — ווי אַזוי און פון וואָס ער קומט דורך דאָס יאָהר. עס איז ביי איהם, פערשטעהט איהר מיך, אַ מין ספּאָרט, אַ ווּעטע, וועלכע ער האָט פערטרויעט נאָר איהם, דעם רעקטאָר, און ווייטער קיינעם נישט.

דעם רעקטאָר האָט די דאָזיגע מעשה טאַקי אויסגעוויזען ווילד. נאָר דאָס סימפּאַטישע פּנים פונ׳ם סטודענט, דאָס פיינע בענעמען זיך, דאָס אויפריכטיג און אָפענטליך זיך בעגעהן מיט איהם, און דערהויפּט (טאַקי ווידעראַמאָל זכות אבות) דאָס, וואָס פאַר איהם זיצט איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוס זוהנדעל — דאָס אַלץ האָט דעם פערגלויבליכען רעקטאָר פערבלענדט די אויגען און פערטומעלט דעם געזונדען שכל, און ער האָט זיך פריילָיך צולאַכט — אַ סימן, אַז דער אויפטו איז איהם געפעלען. פונדעסטוועגען האָט ער געפונען פאַר נויטיג צו בעמערקען אין אַ הומאָריסטישען טאָן, אַז עס איז אודאי זעהר שען פון זיין זייט, וואָס ער וויל פערשפּאָרען זיין פאָטער און בעווייזען, אַז ער קאָן לע־בען זעלבסטשטענדיג, בפרט נאָך אַז ער האָט דאָס וואָרט געגעבען, און אַ וואָרט דאַרף מען האַלטען דאָס איז אַלסדינג זעהר שען און זעהר פיין. מע טאָר אָבער נישט פערגעסען דאָס אויך, אַז פון שטונ־דען לעבען הונדערטער אָרימע יונגעלייט, וואָס פערמאָגען נישט אַזעל־כע פאָטערס, ווי איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, און האָבען נישט דערי־בער קיין שום אַנדערען אַרויסקוק אויף זייטיגע הילף, אויסער זייער אייגענער אַרבייט, זייער אייגענער האָרעוואַניע, און געבען איהם, פּאָ־פּאָווס זוהן, אַ שטונדע, וואָלט געהייסען איינפאַך אַוועקנעמען ביים אָרימען סטודענט דעם ביסען פונ׳ם מויל — און דאָס טאָר על־פּי יושר אַזאַ בחור ווי ער אייגענטליך גאָר נישט פערלאַנגען. נאָר וואָס דען — אַזוי ווי ער האָט שוין געגעבען דאָס וואָרט און אַ וואָרט דאַרף מען האַלטען, זאָגט ער איהם צו, אַז אויב עס וועט זיך נאָר מאַכען, עמי־צער וועט זיך נאָכפרעגען אויף אַזאַ מין רעפּעטיטאָר, וועט ער איהם האָבען אין זינען...

וואָס האָט דער רעקטאָר געמיינט מיט די ווערטער „אַזאַ מין רעפּעטיטאָר" — האָט דער סטודענט נישט פערשטאַנען. נאָר געפיהלט האָט ער נאָכ׳ן וואַרימען קוועטש ביי דער האַנד און נאָכ׳ן קלאַפּען איבער די פּלייצעס און נאָכ׳ן בעגלייטען איהם ביז דער טיר, אַז טאָ־מער וועט ביים רעקטאָר טאַקי זיין עפּעס אַ רעכטער אורזאַך, איז ער, פּאָפּאָוו, דער ערשטער קאַנדידאַט.

און כך הוה. ס'איז נישט צווועקגעגאַנגען קיין וואָך אפילו, האָט מען אונזער פּאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש אַרייַנגערופען צום רעקטאָר, געבעטען זיצען און געלייענט אַ גאַנצע לעקציע ווידעראַמאָל וועגען דעם, אַז ס'איז נישט קיין יושר אַוועקנעמען ביי אָרימע סטודענטען, וואָס האָבען נישט קיין אַנדערע אויסזיכטען אויסער זייער אייגענע האָרעוואַניע, דעם ביסען פונ'ם מויל און אַוועקגעבען אַזאַ בחור ווי איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו זוהגדעל. און דאָס, וואָס ער, פּאָפּאָוו, האָט געגעבען דעם פאָטער דאָס וואָרט אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר צו לעבען זעלבסטשטענדיג, וואָלט ביים רעקטאָר אויך נישט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט, ווען עס זאָל זיך נישט טרעפען אַ צופאַל, גאָר אַ בעזונדערער צופאַל. דהיינו: פאַרהאַן אין דער דאָזיגער שטאָדט זעהר אַ רייכער פּאָמעשטשיק, פון זעהר אַנ'אָנגעזעהענער פאַמיליע, אַ געוויסער פּעאָקטיסט פעדאָסייאיטש באַרדאָ-בראַדאָווסקי, וואָס זוכט אַ רעפּעטיטאָר אַ סטודענט, נאָר דוקא אַ דוואָריאַנין, פון אַנ'אָנשטענדיג הויז, און דוקא אַזע׳-ען, וואָס ער, דער רעקטאָר, קאָן פאַר איהם גאַראַנטירען, אַז ער קאָן זיכער זיין פאַר זיינע קינדער, אַז זיי וועלען נישט אַרייַנפאַלען אין נישט קיין געווינשטע הענד. וויבאַלד אַזוי, קאָן זיך שוין דער רעקטאָר נישט רעכענען דערמיט, וואָס אַ סך אָרימע סטודענטען קוקען אפשר אַרויס אויף אַזאַ צופאַל. דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך אין גאַראַנטיע, דאָרט, וואו יענ[illegible] פערלאַנגט דורכאויס, אַז זיינע קינדער זאָלען זיין ווייט פון אַלע זייטיגע עקסטרעמען, דאָרט איז נישטאָ קיין אָרט פאַר רחמנות, יושר און נאָך אַזעלכע געפיהלען...

אַזוי האָט אויסגעלאָזט דער רעקטאָר, צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעשריבען עטליכע ווערטער.

— דאָ האָט איהר מיין קאַרטעל, יונגערמאַן, געהט, נעמט אָן די שטעלע און לאָז עס זיין אין אַ גוטער שעה, אַז איהר ביידע זאָלט זיין צופרידען איינס פון דאָס אַנדערע און איך זאָל קיין חרטה נישט האָבען אויף מיין רעקאָמענדאַציע... און וואָס אָנבעלאַנגט אייער בקשה, עס זאָל זיין בסוד פון אייער פאָט[illegible] און פון אַלעמען, — האָט דער רעקטאָר צוגעגעבען אויפשטעהענדיג, — קאָנט איהר זיך פערלאָזען אויף מיר; וויבאַלד איך האָב אייך שוין איינמאָל מיין וואָרט געגעבען, אַז צווישען אונז זאָל עס בלייבען, מעגט איהר שוין זיין רוהיג.

מיט די ווערטער האָט דער רעקטאָר אַרויסבעגלייט דעם יונגען

פּאָפּאָוו פון זיין קאַבינעט און געפונען פאַר נויטיג נאָך אַ מאָל צו דערמאַנען איהם, אַז חאָטש ס'איז אפילו נישט אינגאַנצען על-פּי יושר, אין דער צייט ווען אַ סך אָרימע סטודענטען, וואָס האָבען נישט קיין אַנדערע אויסזיכטען...

און אַזוי ווייטער אינ'ם זעלבען נוסח.

## דאָס פיעראונזיבעציגסטע קאַפּיטעל.

### ער חאַפּט זיך אַריין אין די הויכע פענסטער.

מיט אַ ציטערדיגע האַנד און מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ האָט דער סטודענט פּאָפּאָוו-ראַבּינאָוויטש אָנגעקלונגען אין אַ גרויסאַרטיגען אַנטרע פון אַ ציקאַווע טשאַקענדיג מויערל, וואָס שטעהט זיך בעזונדער אַליין אויף איינע פון די רייכסטע גאַסען אין דער רייכער רוסישער שטאָדט. וואָס איז דאָס פאַר אַ שטוב? וואָס זענען דאָס פאַר מענשען? ווי וועט ער זיך מיט זיי האַלטען? ווי וועט ער זיך מיט זיי פיהלען? און דער עיקר — צי שפּיעלט ער זיך גישט מיט פייער? צי וועלען איהם ניט אַרויסגעבען זיינע אויגען, זיין נאָז, זיין אַקצענט?... אפשר איז דאָס ניט דער געווינשטער פּלאַן? צו אַ גרויסאַרטיג הויז. צו אַ גרויס שטריימעל. ער האָט דאָס גאָר אַזוי ווייט נישט געטראַכט. און אַזוי הויך נישט געציעלט... „בעדענק דיך, הערשעל, אפשר איז נאָך דאָ צייט אָפּצוטראָגען זיך פון דאַנען?"... עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט — אויף זיין קלינג האָט זיך גיך בעוויזען אַ הויכער דזשענטעלמען אין אַ ליווריע מיט אַ ווייס געגאָלט אויסגעפּעסטעט פנים. דער דזשענטעלמען האָט אויסגעמאָסטען דעם סטודענט מיט איין קוק פון אויבען ביז אַראָפּ, צוגענומען ביי איהם דעם רעקטאָרס קאַרטעל, אַריינגעפיהרט איהם אין אַ פּרעכטיגען וועסטיבול, געבעטען איהם צו-וואַרטען און אַליין איז דער דזשענטעלמען ווי לאַנג ער איז אַרויפגעלאָפען אויף ברייטע קיילעכיגע טרעפּ און פערשוואונדען געוואָרען אויף עטליכע מינוט, און דער סטודעגט האָט דערווייל צייט געהאַט אַרומקוקען זיך, וואו ער געפינט זיך, בעטראַכטען דאָס זעלטען שענע וועסטיבול, די גלענצענדע זיילען פון געלען מאַרמאָר, די געמאָלטע הויכע גלעזערנע סטעלי, דאָס רייכע מעבעל, די טייערע בילדער וואָס אויף

די וועגט, די בראָנזענע און מאַרמאָרנע סטאַטועז, די בילדער, זשורנאַ-
לען און אילוסטראַציעס אין די טייערסטע בונדען וואָס איפ׳ן טיש
און די אַלע איבעריגע שענע זאַכען און אַנטיקלעך. און וואָס איהם
האָט איבערראַשט—איז נישט די רייכקייט, נישט דער פראַכט און גלאַנץ
פונ׳ם דאָזיגען אַיינטריט, נאָר די רחבות, די ברייטקייט, די פעסטקייט
און בעקוועמליכקייט, וואָס דאָ איז, די שטילקייט און די רוהיגקייט
און ד׳ערהויבט דער בעוואָרענטער זיכערער גייסט, וואָס שוועבט דאָ
אין דער לופט און וואָס זאָגט אייך, אַז די בעלי-בתים בעדאַרפען זיך
דאָ פיהלען ניט נאָר אַנגענעהם און בעקוועם, נאָר זיכער און פעסט
און היימיש. ביי זיך אין דער אייגענער היים... דאָס איז אַזאַ מין
געפיהל, וואָס פערשטעהן קאָן דאָס נאָר אַ יוד. וואָרום ווי רייך דער
יוד זאָל נישט זיין, ווי פעסט ער זאָל זיך נישט בעזעצען, ווי ברייט
ער זאָל זיך נישט צעוואַרפען, ווי שרייענדיג ער זאָל זיך נישט אַרומ-
שטעלען, מוז זיך פיהלען, אַז ער איז אַ גאַסט, אַז ער זיצט אין אַ
האָטעל, אין אַ צייטווייליגע אכסניה, וואָס אויב נישט ער, נאָר זיינע
קינדער אָדער אין בעסטען פאַל זיינע קינדסקינדער—גאָט ווייסט וואו
זיי וועלען זיין...

— פעאָקטיסט פעדאָסייאיטש בעטען אייך צו זיך,—האָט איהם
דער געגאָלטער דזשענטעלמען איבערגעריס׳ן די געדאַנקען און אַרויפ-
געפיהרט אויף די ברייטע געלע מאַרמאָר-טרעפ אַרויף, דורכגעפיהרט
דורך אַ גאַנצע רייהע שפיגעלדיגע חדרים, איינער גרעסער און בריי-
טער און שענער און רייכער פונ׳ם אַנדערען, און אַריינגעלאָזט אין אַ
ברייטען גראָמען גרויסאַרטיג צוגעקליבענעם קאַבינעט, אויסגעבעט מיט
די טייערסטע טעפּיכער און ווייכע דיוואַנעס, אַזוי אַז מע הערט נישט
די אייגענע טריט.

דאָס ערשטע, וואָס איהם האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען
אַריין, איז געווען דער גרויסער גלאַטער שטאַלקאָלירענער הונט, וואָס
איז געלעגען אויסגעצויגען, אַיינגעגאָרעט די חנ׳עווידיגע מאָרדע אין די
פעדערשטע לאַפּעס, אין מיטען קאַבינעט אויף דער ערד, געדרימעלט
נאָר אויף איין אויג, און דאָס אַנדערע אויג, אַ רויטס און אַ זידיגס,
האָט מעלאַנכאָליש בייז געפייערט אויף דעם אַריינגעקומענעם אומבע-
קאַנטען פאַרשוין, אַפנים חשק געהאַט איהם אויפנעמען עפּעס ניט אַזוי
יום-טוב׳דיג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גאַסט אַ סטודענט מיט אַזאַ רעקאָ-
מענדאַציע און מיט אַזעלכע זכות-אבות... דאָס האָט מען באַלד גע-

קאָנט פערשטעהן נאָכ׳ן מאָדנעם בורטשען אָדער ברומען, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פונ׳ם דאָזיגען כלב׳ס האַלז, עפּעס אַ מין „הררררר״, וואָס איז אפשר געווען נישט מעהר ווי אַ היימישער אויפנעהם: „ברוך הבא אַ יוד, סקאָצעל קומט, פון וואַנען האָט איהר זיך גענומען?...״

דער אַריינגעקומענער גאַסט האָט דאָס אָבער אַנדערש אויסגע־טייטשט און ס׳איז איהם פרחה נשמתו געוואָרען. מיר שעמען זיך גאָר ניט און זאָגען אַרויס גאַנץ אָפענטליך, אַז אונזער צווייטער העלד, גרישאַ פּאָפּאָוו, אייגענטליך הערשעל ראַבּינאָוויטש, האָט געירש׳ענט פון זיינע אוראורעלטערן אַ נישטפערשטענדליכע שנאה, אָדער בעסער גע־זאָגט אַ שרעקליכע מורא פאַר אַ הונט... פון וואַנען דאָס נעמט זיך — ווייסען מיר ניט. אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס זיינע עלטער־על־טער־זיידעס, די אַלטע ראַבּינאָוויטשעס, זענען געווען פריצישע יודען, וואָס האָבען בעדיענט דעם פּריץ, און דער פּריץ פלעגט זיך איבער זיי לוסטיג מאַכען, אָנרייצען די הינט, בעת דער יוד איז געקומען אין „הויף״ אַריין, נישט חלילה מיט דעם מיין, אַז די הינט זאָלען צוריי־סען דעם יודען, נאָר גלאַט אַזוי, די יאַסנאָ־וועלמאָזשנע געסט זאָלען קוקען פונ׳ם גאַניק אַרויס און אַ ביסעל לאַכען... דאָס איז אָבער ניט מעהר ווי אַ השערה. מיר ווילען ניט אַריינלאָזען זיך אין אַזעלכע ווייטע חקירות. מיר לאָזען דאָס איבער פאַר די, וואָס פערנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכען, זיי וועלען דאָס שוין מסתמא פערענטפערן ווי עס געהער צו זיין. איך וויל נאָר בעשטעטיגען אַ פאַקט, אַז אונזער הערשעל פּאָפּאָוו האָט בישט ליעב קיין הונט. ער געהט, פערשטעהט איהר מיך, מיט דעם גאַנג, וואָס אַלע זיינע גלויבענס-גענאָסען, אַז אַ הונט איז מעהר בישט ווי אַ הונט און פערלאָזען זיך אויף זיין הינטי־שען יושר איז בישט כדאי... דעריבער איז ער ביים אַריינטריטען אין קאַבּינעט געבליבען שטעהן אַ ווייל און געקוקט מיט איין אויג אויפ׳ן בעל-הבית, וואָס איז געזעסען איבערגעדעקט מיט אַ בלאַט-צייטונג טיעף אין אַ ווינקעל און מיט׳ן אַנדערען אויג האָט ער שטאַרק אין זינען געהאַט דעם כלב שבכלבים, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געיישוב׳ט, וואָס פאַר אַ קבלת-פנים ער זאָל אָפּגעבען דעם האַלב אַריינגעקומענעם גאַסט. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער בעל-הבית און האָט אַ שמועס געגעבען צום הונט אויף דער דייטשער שפּראַך:

— גליזק! בלייבסט רוהיג!

פאַרוואָס קומט דעם הונט, מע זאָל מיט איהם רעדען אויף

דייטש — בלייבט אַ קשיא. נאָר דאָס איז אַ פאַקט, אַז גויבאַלד ער האָט דערהערט פונ׳ם בעל-הבית די דאָזיגע דריי ווערטער, אַזוי איז דער הונט געוואָרען גאָר אַנ׳אַנדער הונט. דאָס הייסט דאָס אָפענע רויטע אויג האָט איהם נאָך געגנוג געפייערט אויפ׳ן אַריינגעקומענעם יונגענ-מאַן, נאָר עס האָט אויפגעהערט ביי איהם צו בורטשען און צו חאַר-חלען. ער האָט זיך בעלעקט, דורכגעלאָזט דעם גאַסט פאַרביי זיך און אַליין געבליבען ליגען אויף זיין אָרט רוהיג און שטיל, ווי איינער רעדט: „איצטיגס מאָל בענטש גומל, שפּעטער וועלען מיר זעהען...״

דער בעל-הבית האָט דערווייל אָפּגעלעגט דאָס בלאַט אויף אַ זייט, עטוואָס אויפגעהויבען זיך אינ׳ם גרויסען ברייטען פאָטעל, וואו ער איז געזעסען, אויסגעצויגען דעם אַריינגעקומענעם אַ גרויסע ברייטע ווייסע האַנד, צוגעצויגען איהם צו זיך, אָנגעוויזען איהם אויף אַ שטוהל גאַנץ נאָהענט נעבען זיך און אַליין אויך אַוועקגעזעצט זיך און זעהר פריינדליך פערבונדען מיט׳ן סטודענט דעם ערשטען שמועס, און דאָ האָט דער סטודענט געהאַט אַ געלעגענהייט צו בעטראַכטען דעם בעל-הבית פון דער נאָהענט.

דאָס איז געווען אַ פּאַרשוין אַ מגושמ׳דיג גרויסער, שוין צו אַ גרויסער, צו אַ שווערער, זעהר נישט קיין ריהרעוודיגער, נאָר ביי אַלעם דעם אַ זעהר אַנגענעהמער, אַ סימפּאַטישער. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דאָס פּנים איז ביי איהם מגושמ׳דיג ניט שען, די באַקען ווי געשוואָלען, די באָרד ווי צושמיסען רעכטס און לינקס, און דערצו האָט ער צייהן אַזעלכע, וואָס זעהען אויס גלייך ווי מע האָט זיי אַרויסגע-נומען און צוריק אַריינגעשטעלט נאָר ניט אויף זייערע ערטער, פונ-דעסטוועגען האָט אָט דער מענש אין זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס אַז ער רעד׳ט נאָר אַרויס די ערשטע עטליכע ווערטער, אַזוי קויפט ער אייך אַוועק און איהר בעקומט איהם ליעב — איהר ווייסט ניט פאַר-וואָס. איהר פיהלט פאַר זיך אַ מענשען, וואָס ביי זיין גאַנצען רייכטום און גרויסקייט איז ער ביי זיך פּראָסט און קליין ווי אַ קינד. היינט זיין אויפריכטיגקייט און אָפענטליכקייט! וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. און אויסערדעם — אַ ברייט הארץ, אַ ברייטע נשמה, אַ ברייטע האַנד. דאָס אַלץ איז צו בעמערקען גלייך, פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איהר ווערט מיט איהם בעקאַנט. דעם סטודענט פּאָ-פּאָוו האָט ער, מעג מען זאָגען, פערכשופ׳ט מיט זיין גוטסקייט, וואָס ער האָט צו איהם אַרויסבעוויזען. עס ווייזט אויס, אַז דער סטודענט

האָט אויפ'ן בעל-הבית פונ'ם דאָזיגען הויז אויך געמאַכט דעם בעסטען איינדרוק, וואָרום ער האָט נישט געמאַכט מיט איהם קיין לאַנגע מחזקות, נישט געפיהרט קיין לאַנגע געשפּרעכען, נישט וועגען דעם, וויפיעל שעה אין טאָג ער דאַרף לערנען מיט זיינע קינדער, נישט וועגען דעם, וויפיעל ער בעקומט דערפאַר געצאָהלט. ער האָט איהם גאַנץ אויפריכטיג געזאָגט, אַז וויבאַלד אַזאַ מענש ווי מיכאַל מיכאַליטש (דער נאָמען פונ'ם רעקטאָר) גאַראַנטירט פאַר איהם, פאַר פּאַפּאָווען, רעכענט ער פאַר איבעריג אַלע ווייטערע רעדענישען, ובפרט אַז איצט איז די צייט פון טיי טרינקען און מע דאַרף געהן צום טיש.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דער מגושמ'דיגער בעל-הבית אויפגעהויבען פון זיין שווערען טיעפען פאָטעל, גענומען דעם רעפּעטיטאָר אונטער דער האַנד און געלאָזט זיך מיט איהם געהן צום טיש. פערשטעהט זיך, אַז פאַר די פיס האָט זיך געפּלאָנטעט אַלץ דער אייגענער כלב שבכלבים, וואָס האָט שטענדיג אויף זיינע הויכע רגלים אויסגעזעהען ביי פּאָפּאָיוען אין די אויגען ווי אַנ'אמת'ע חיה. און דערצו האָט זיך דער דאָזיגער חיה פערוואָלט אַרומשמעקען דעם נייעם רעפּעטיטאָר פון אַלע זייטען, געוואוירע ווערען, מיט וואָס שמעקט ער. האָט ער איהם מכבד געווען מיט זיין נאַסע קאַלטע מאָרדע איןביידע הענד, חשק געהאַט איהם אריינשטופּען די קאַלטע נאַסע מאָרדע אויך אין פּנים אַריין, האָט איהם דער בעל-הבית אַ וואונק געגעבען ווידעראַמאָל אויף דייטש:

— גליוק, בלייבסט רוהיג...

ביים טיש איז שוין געווען די גאַנצע פאַמיליע, און ביים נייעם רעפּעטיטאָר, וועלכען דער בעל-הבית האָט פאָרגעשטעלט פאַר זיינע בני בית, האָט זיך אַזש דער קאָפּ פערדרעהט. אַזוי פיעל פערשידענע פּנימ'ער האָט ער פאַר זיך דערזעהען און אַזוי פיעל פערשידענע נעמען האָט ער דאָ דערהערט. נאָר פון אַלע פּנימ'ער האָט איהם איבערראַשט איין פּנים. דאָס איז געווען די בעל-הבית'טע פונ'ם הויז, אַ בילדשענע פרוי מיט אַזעלכע אויגען, וואָס אַז מע בעגעגענט זיי איין מאָל, חלומ'ען זיי זיך נאָכדעם דאָס גאַנצע לעבען. נאַדיעזשדאַ פעאָדאָראָווּנאַ האָט ער זיך איינגעחזר'ט גוט, ער זאָל ניט פערגעסען איהר נאָמען, וואָרום די נעמען פון די אַלע איבעריגע וואָס ביים טיש זענען איהם גלייך אין איין אויער אַריין פונ'ם אַנדערען אַרויס. פון אַלע אַנדערע נעמען האָט ער געדענקט אויך פעטיאַ און סעריאָזשאַ — דאָס זענען

זיינע נייע תלמידים. איינער איז אין ערשטע, דער אַנדערער אין דריטע קלאַס. און ווייטער געהען אַזעלכע נעמען ווי מסיע דיובוא — אַ פראַנצויזישער לעהרער, אַ פראַנט מיט אַ בלאַס פּנים, מיט שוואַרצע אויגען און מיט אַזעלכע מורא'דיג פערדרעהטע וואָנסעס, וואָס זינט די וועלט שטעהט און מענשען דרעהען וואָנסעס האָט נאָך קיינער אין ערגיץ אַזוי קונציג די וואָנסעס נישט פערדרעהט. נאָך איהם געהט הערר פּריש— אַ דייטש מיט גרויע אויגען און מיט אַזוי פיעל גאַטור-פאַרב אין די באַקען, אַז עס וואָלט גע'לעקט פאַר דריי דאַמען, זיי זאָלען פערשפּאָרען פאַרב אויף צו פאַרבען זיך. נאָכ'ן דייטש געהט אַ מיסס טאָקטאָן — אַנ'ענגלענדערין מיט פּיערעקעכיגע פּלייצעס און פּיערעקעכיגע מאַניערען. און ווייטער געהט אַ גאַנצע רייהע רוסישע נעמען, זכרים'שע און נקבה'שע, וואָס פּאַפּאָוו האָט זיי אַפילו ניט אין זינען געהאַט צו געדענקען. ער איז נאָר געווען נייגעריג צו וויסען, ניט שוין-זשע וועט קומען אַ צייט, וואָס ער וועט האָבען אויסגעלערנט די דאָזיגע אַלע נעמען אויף אויסווייניג, אַזוי אַז ער זאָל חלילה קיין טעות נישט האָבען און נישט פערפּלאָנטען זיך ? ...

* *

*

דעמזעלבען אויפדערנאַכט איז אונזער פּאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש געזעסען ביי זיך אין אַ שען צוגעקליבען צימערל און האָט געשריבען צוויי בריעף. איין בריעף צו זיין פאָטער, וועלכען ער האָט אָפּגעטאָקט צוויי גרויסע קיילעכיגע ליגען: אַז גאָט האָט איהם צוגעשיקט אַנ'אורוק, צוויי אורוקען, אין צוויי רייכע יודישע הייזער, און ער האָפט, אַז ער וועט פון'ם ערשטען חודש אָן שוין קאָנען אָפּשפּאָרען אַ היבשע פּוטיקע און צושיקען אַהיים אויף דער רעכנונג פון זיין חוב, וואָס ער איז שולדיג דעם פאָטער. און וואָס איז שייך צו זיין אַריינטריטען אין אוניווערסיטעט — וועט ער ערשט קאָנען שרייבען אם-ירצה-השם נאָך שבת, ווארום מע ווייסט נאָך ניט, וואָס וועט זיין מיט די פּראָצענטען ...

דער צווייטער בריעף איז געגאַנגען, אינאיינעם מיט'ן אויבנעאָנגעשריבענעם, צו זיין חבר, צום אמת'ען פּאָפּאָווען, וואָס אין דער שטאָדט פון דער „טשערטאַ", פאַר וועלכען ער האָט אויפגעדעקט דאָס גאַנצע האַרץ, אַרויסגעשריבען דעם גאַנצען אמת, ווי אַזוי ער האָט

זיך אַריינגעחאַפּט אין די הויכ֞ע פענסטער דורך דעם, וואָס ער האָט אויסגענוצט נישט ווילענדיג זיין חבר׳ס נאָמען און עס געהט איהם דעריבער נישט אַיין. ער פיהלט זיך, גלייך ווי ער וואָלט עמיצען בע־גנב׳עט... נאָר פאַרפאַלען, עס האָט זיך פון זיך אַליין אַזוי געמאַכ֞ט, ער איז אין דעם ניט שולדיג... און אויסגעלאָזט האָט ער דעם בריעף מיט די דאָזיגע ווערטער: — — —

„— — — און שרייב מיר, וואָס הערט זיך מיט דיר. צי ביסטו שוין אַריין, צי נאָך ניט? איך בעדאַרף עס וויסען פאַר מיין פאָטער, איך זאָל אויפהערען פלאָנטען מיט דער צונג און אויסטראַכ֞טען אַלע מאָל אַ נייעם פּזמון. איך שווים שוין אַזוי אויך ביז׳ן האַלז אין ליגען... נאָר איך בעקלאָג מיך ניט. הלואי, טייערער גרישאַ, ס׳זאָל דיר ניט געהן ערגער, ווי מיר געהט עס אין דעם ערשטען אַריינטריט פון אונ־זער וואונדערליכ֞ען שפּאַס, און הלואי, רבונו של עולם, דו זאָלסט חלילה קיין חרטה ניט האָבען אויף דיין ראָל, וואָס דו האָסט זיך אונטער־גענומען צו שפּיעלען אין דער דאָזיגער קאָמעדיע, וואָס מיר האָבען זיך אַפּירגענומען... אויף זיך מעג איך נביאות זאָגען, אַז איך וועל דאַכ֞ט מיר קיין חרטה נ י ש ט האָבען, וואָס איך הייס שוין נישט הערש־קאָ, נאָר
גרישאַ.״

אויב די דאָזיגע נביאות פון אונזער הערשעל פּאָפּאָוו איז מקוים געוואָרען, אָדער ניין — דאָס וועלען מיר באַלד אַרויסזעהען.

## דאָס פינפאונזיבעציגסטע קאַפיטעל.

## און פיהלט זיך גאַנץ נישקשה'דיג.

די ערשטע צייט האָט זיך דער נייער רעפּעטיטאָר געפיהלט אין דער אויבענבעשריבענער גרויסאַרטיגער שטוב צווישען די פערשידענע אומבעקאַנטע פאַרשוינען ווי אין אַ וואַלד, אָדער ווי אַ מענש, וואָס קומט צו פאָהרען צום ערשטען מאָל אין אַ נייער גרויסער טומעלדיגער שטאָדט צווישען אומבעקאַנטע גאַסען, צווישען אומבעקאַנטע הייזער און אומבעקאַנטע מענשען. ער זעהט פאַר זיך, דאַכט זיך, אַזאַ איין עולם — און איז דאָך עלענד, איין כענש אַליין מיט זיינע געדאַנקען און געפיהלען. עס זענען געווען מינוטען, וואָס ער האָט חרטה געהאַט אויפ'ן גאַנצען עסק, נישט געווען צופרידען מיט'ן שפּאַס, מיט דער קאָמעדיע, וואָס ער שפּיעלט, און געבענקט „אַהיים", געבענקט נאָך יודען... און ווידער זענען געווען מינוטען, וואָס ער איז דאָרט אַרומגעגאַנגען אַ פער'שכור'טער. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז דער העלד פון יענע שענע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט קינדווייז אין חדר: אַ פער'כשופ'טער איז ער געבראַכט געוואָרען אין אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ, וואו עס איז אָנגעברייט פון זיינעטוועגען אַלדאָס גוטס... די מענשען, וואָס דרעהען זיך דאָ אַרום, זענען ניט קיין מענשען, נאָר סאַמע ריטערס, גראַפען און פירשטען, און ער אַליין איז דער פּרינץ, צוליעב וועלכען דאָס אַלעס איז בעשאַפען געוואָרען... איין זאַך האָט דאָ נאָך געפעהלט: די בת-מלכה, וועלכע ער בעדאַרף בעפרייען פונ'ם דאָזיגען פער'כשופ'טען שלאָס... — און ער צולאַכט זיך פון זיינע קינדערשע דמיונות און מאַכט חוזק פון זיך אַליין און פון זיינע יונגעלשע געדאַנקען, וואָס ווילען איהם ניט פאָלגען און קריכען איהם דווקא אין קאָפּ אַריין און וועבען איהם דווקא גאָלדענע כשופ'דיגע חלומות...

דאָס איז אָבער געווען נאָר די ערשטע צייט, איידער ער האָט זיך אַקלימאַטיזירט, איידער ער האָט זיך אָריענטירט און אַרומגעקוקט, וואו ער איז אין דער וועלט, איידער ער האָט זיך בעקענט מיט אַלעס וואָס אַרום איהם, איידער ער האָט אויפגעכאַפּט זיך און איז אַרויס פון'ם עולם-התוהו אין דער אמת'ער וועלט אַריין און איז אַוועק פון'ם עולם-הדמיון צוריק אין ווירקליכען לעבען אַריין. ער האָט זיך גיך אויסגעניכטערט און וואָס ווייטער-ווייטער האָט ער אָנגעהויבען זיך פיהלען אַלץ היימישער און היימישער, געקענט שוין אַלעמען ביי די נעמען, און אַלע האָבען געקענט איהם. ער איז פון'ם צווייטען טאָג אָן געוואָרען פאַר זיי שוין נישט אַ רעפּעטיטאָר, נאָר אַ „גריגאָרי איוואַנאָוויטש", אַ מיטגליד פון דער דאָזיגער מאָדנער גרויסער פאַמיליע. און מאָדנע האָבען איהם אויסגעזעהען די דאָזיגע לייט דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען אין דערזעלבער צייט איינס דאָס אַנדערע אי פרעמד אי אייגענס, אי ווייט אי נאָהענט, אי שטאַרק בעקאַנט אי נישט אָנגעהויבען צו וויסען איינס פון'ם אַנדערען וואָס און ווען. צוגעקוקט זיך מיט זיינע יודישע אויגען צו די דאָזיגע מענשען און צו זייער בענעמען זיך איינס מיט דאָס אַנדערע, האָט אונזער פערשטעלטער פּאָפּאָוו זיך געמוזט מודה זיין, אַז דאָס זענען מענשען ניט נאָר פון אַנ'אַנדער ראַסע און פון אַנ'אַנדער אומה, נאָר די מענשען גופא זענען אַנדערע און זייער פּסיכאָלאָגיע איז אַנ'אַנדערע און פאַר איהם אַ גאַנץ פרעמדע. אויף יעדען טריט און שריט האָט ער זיי פערגלייכט מיט זייניגע און האָט זיך אַליין געפרעגט: ווי וואָלט געווען למשל, ווען אויפ'ן אָרט פון די דאָזיגע זאָלען זיין יודען? פון'ם גרעסטען בידן קלענסטען וואָלטען זיי דאָך געוואוסט, ווער ער איז, און צי האָט ער טאַטע-מאַמע, שוועסטער און ברידער, און ווי לעבט זיך זיי? און אויך ער וואָלט דאָך אודאי געוואוסט, ווער און וואָס זיי זענען, יעדען בעזונדער מיט זיין גאַנצער ביאָגראַפיע. ער האָט בעטראַכט און בעוואונדערט די דאָזיגע לייט, וואָס קלייבען זיך צונויף עטליכע מאָל אין טאָג אַלע אינאיינעם ביי איין טיש, רעדען אַזוי וואַרים און שמועסען אַזוי פריינדליך און לאַכען אַזוי געשמאַק — נאָר אָט איז מען אויפגעשטאַנען פון טיש און — אַוועק יעדער אין זיין ווינקעל, יעדער צו זיין אַרבייט — און מע איז שוין ווידער פרעמד און ווייט איינס פון דאָס אַנדערע כרחוק מזרח ממערב... הײַנט די רחבות, די ברייטקייט, די גלאַטקייט, די רוהיגקייט, די גוטסקייט וואָס יעדען איז אויפ'ן האַר-

צען, די זיכערקייט און די בעוואָרענטקייט וואָס יעדער איז פאַר זיך — אַך, ווי גליקליך, ווייזט זיך איהם אויס, די דאָזיגע מענשען בעדאַרפען זיין, וואָס זיי אַליין ווייסען גאָר ניט פון זייער גליק, ווי עס ווייס נישט אַ קליין קינד, ווי עס ווייס נישט אַ געזונדער מענש, אַז ער איז געזונד... און נישט ווילענדיג קומען איהם אויפ'ן זינען זייניגע, די פעריאָגטע און פערשטויסענע, פעריאָמערטע און פערקלאָגטע, פעראָרימטע און פער'חושכ'טע, וואָס ציטערן פאַר אַ פליג, וואָס זענען נישט זיכער נישט מיט זייער לייב נישט מיט זייער נשמה, וואָס זענען אויסדערוועהלטע ביי גאָט און הפקר ביי מענשען, וואָס זענען ציטעריג ביי זיך און וואָלוועל ביי דער וועלט... נאָר אַוועקט! אַוועקט שוואַרצע מחשבות און פינסטערע געדאַנקען! קוים האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ער איז צווישען גליקליכע, פרייע, זיכערע און בעוואָרענטע, לאָז ער אויך זיין איינער אַזעלכער — אויב ניט אויף תמיד, איז חאָטש אויף אַ קורצער צייט. קוים האָט זיך אַזוי געמאַכט און ער האָט זיך אַריינגעחאַפט אין די הויכע פענסטער און איז אַריינגעטריטען אין גן-עדן — לאָז זיין אַ פרעמדער גן-עדן, לאָז זיין נישט אויף לאַנג — לאָזט איהם אויך פיהלען דעם טעם, חאָטש אויף אַ קורצע צייט, ווי אַזוי איז, אַז מען איז ניט קיין יוד? ווי אַזוי איז, אַז מע האָט ניט מורא אַלע מינוט, אַלע רגע, אַז אָט-אָט גיט מען דיר צו וויסען, ווער דו ביסט, אַז אָט-אָט גיט מען דיר צו וויסען, וואָס דו ביסט, אַז אָט-אָט רופט מען דיך אָן ביי דיין אמת'ען נאָמען?...

דער נייער רעפעטיטאָר איז בעקאַנט געוואָרען אין דער דאָזיגער שטוב און היימיש ניט נאָר מיט די מענשען, ער איז גיך געוואָרען שוה בשוה אויך מיט'ן הונט, וואָס האָט זיך אַיינגעקויפט צו איהם אין גאַנץ נאָהענטע חבר'שאַפט אַזוי ווייט, אַז איטליכס מאָל ביים בעגעגענען זיך האָט דער דאָזיגער כלב געוואָרפען זיך איהם אויפ'ן האַלז, געקוויטשעט, בעלעקט זיך און געמאַכט נאָך אַזעלכע היימישע אָנשטעלען. אויך די דיענערשאַפט האָבען ליעב געקריגען דעם פאַניטש גריגאָרי איוואַנאָוויטש דערפאַר, וואָס ער איז ווינציגער פריוועדליווע פון אַלע אַנדערע אין דעם דאָזיגען הויז, שאַפט זיך ניט אַזוי אָפט ווי אַנדערע, האָט נישט אין זיך קיין שום פריצישע גענג, מע הערט איהם כמעט גאָר נישט אין שטוב — אַ מאָדנער פאַניטש!...

נאָר מעהר פון אַלע האָבען איהם ליעב געקריגען און צוגעבונדען זיך צו איהם זיינע יונגע תלמידים, פעטיאַ און סעריאָזשאַ. מיט

פערגניגען האָבען זיי אַלע מאָל זיך געשיידט מיט'ן פראַנצויזישען לעהרער מסיע דיובואַ, מיט'ן דייטש הערר פּריש, אָדער מיט דער איינגעלישער מיסס טאָקטאָן און געוואַרט אויף גריגאָרי איוואַנאָוויטשען מיט זיין רוסישען אוראָק, ביי וועלכען עס פלעג אָפט זיצען נאַ-דיעזשדאַ פעדאַראָוונאַ און אַמאָל, זעלטען, פּעאָקטיסט פעדאָסייאיטש אַליין אויך, צופרידען, וואָס די קינדער האָבען ליעב זייער רוסישען לעהרער און וואָס דער רוסישער לעהרער האָט זיי ניט אָפּגענאַרט און ניט פערשעמט דעם רעקטאָרס רעקאָמענדאַציע.

— גריגאָרי איוואַנאָוויטש, געהען מיר שפּיעלען אין לאַון-טעניס?— רופען זיך אָן צו איהם איינמאָל זיינע תּלמידימלעך נאָכ'ן אוראָק.

— געהען מיר, — ענטפערט זיי גריגאָרי איוואַנאָוויטש און לאָזט זיך געהן מיט זיי אין הויף אַריין שפּיעלען און לאַון-טעניס.

נאָר גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו האָט פערגעסען אויף אַ ווײַלע, אַז הערשעל ראַבינאָוויטש האָט אַזאַ ידיעה אין „לאַון-טעניס", ווי אַ האָהן אין בני אדם. פרעגט איהם בחרם, ווי מע נעהמט דעם „שלעגער" אין האַנד אַריין, אָדער לאָז ער אַייך זאָגען אַ שטייגער וואָס הייסט אַ „סערוועט", אָדער אַ „סטרייקער"? אַ „ניים", אָדער אַ „זאַק", אָדער אַ „דאָבעלפעללער", וכדומה אַזעלכע ווערטער, וואָס ווערען בענוצט אין לאַון-טעניס-שפּיעל. טערקיש איז דאָס ביי איהם. תּרגום לשון. דע-ריבער פערהאַפּט ער זיך בעצייטענס און זאָגט צו זיינע תּלמידים:

— ווייסט איהר וואָס, קינדער? שפּיעלט איהר היינט אַליין. מיר איז אַ ביסעל דער קאָפּ טוט וועה...

— גריגאָרי איוואַנאָוויטש! פאָהרט איהר גוט רייטענדיג? — פרע-גען איהם אַנ'אַנדערס מאָל זיינע תּלמידימלעך.

— וואָס איז דען? ...

— גלאַט אַזוי. מיר האָבען זיך דערמאַנט אָן אונזערע פערדלעך. זומער וועט איהר דאָך אַריבערגעהן אַוודאי מיט אונז איינאיינעם אין דאָרף אַריין, וועלען מיר איינאיינעם פאָהרען רייטענדיג.

גריגאָרי איוואַנאָוויטש דערמאַנט זיך, אַז הערשעל ראַבינאָוויטש, ניט נאָר ער קען ניט פאָהרען רייטענדיג, — ס'איז אַ חרפּה צו זאָגען — נאָר בסך-הכל האָט ער דאַכט זיך גאָר מורא צוגעהן צו נאָהענט צו אַ פערד ...

— סאַשאַ פאָהרט אויסגעצייכענט! — דערצעהלען איהם ווייטער זיינע תּלמידים, וואָס האָבען אַ סך מעהר ליעב אַ פערדעל ווי אַ ביכעל און

וואָס זענען אַ סך מעהר בעלנים צו פאָהרען רייטענדיג, איידער צו זיצען איבער די „אוראָקען"...

גריגאָרי איוואַנאָוויטש מוז נעבאַך אונטערהאַלטען זיין רענאָמע און זאָגען אַ נייעם ליגען, אַז ער קאָן זעהר שען פאָהרען רייטענדיג.

— אויב אַזוי, — חאַפּט איהם אונטער איינער פון די צוויי תלמידימלעך — וועט איהר פאָהרען גאַנצע טעג מיט סאַשען. סאַשאַ האָט זעהר ליעב פאָהרען רייטענדיג.

גריגאָרי איוואַנאָוויטש ווייסט שוין, ווער די „סאַשאַ" איז — דאָס איז זייער עלטערע שוועסטער, וואָס לערנט זיך אין דער רעזידענץ-שטאָדט אין זעהר אַ געהויבענעם מקום און וואָס דאַרף קומען אַבאַלד צו פאָהרען אַהיים אויף „ראָזשדעסטוואָ". מע קוקט שוין דאָ אַרויס אויף איהר און מע גרייט זיך איהר מאַכען אַ ברוך-הבא ווי אַ פּרינ-צעסין. עס געהט נישט אַוועק איין טיש, מע זאָל ניט הערען וויפיעל מאָל דעם נאָמען „סאַשאַ". דאָס האָט סאַשאַ ליעב און דאָס האָט סאַ-שאַ ניט ליעב. „וואָס איז דאָס פאַר אַ סאַשאַ, וואָס מע רעדט פון איהר אַזויפיעל? ווי זעהט זי אויס?" — טראַכט ער זיך. ער האָט איינמאָל געזעהען איהר בילד — צוויי טראָפּען וואַסער די מוטער, און דערהויפּט דער מוטערס אויגען — און דאָס בילד האָט איהם, ער מוז זיך מודה זיין, איבערראַשט אינצווייען: ערשטענס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז זי איז איהם קענטליך, אַז ער האָט זי שוין איינמאָל ערגעץ גע-זעהען... און צווייטענס איז איהם געקומען אויפ'ן זינען יענע בת-מלכה, מיט וועלכע ער האָט געפיהרט בעקאַנטשאַפט יונגעלווייז אין זיינע כשופ'דיגע מעשיות און גאָלדענע חלומות...

— דאָס איז מיין טאָכטער, — מאַכט צו איהם די בעל-הבית'טע, נאַדיעזשדאַ פעאָדאָראָוונאַ מיט מוטערליכע גדלות — זי קומט צו פאָה-רען אויף ראָזשדעסטוואָ.

— אויף ראָזשדעסטוואָ? — זאָגט ער איהר נאָך ווי אויף אַ ווי-דערקול און פערגלייכט איהרע אויגען צו דער טאָכטערס אויגען: ווי צוויי טראָפּען וואַסער... נאָר וואו האָט ער זי געזעהען? ניט שוין-זשע אין חלום?... און ער הויבט אָן ניט ווילענדיג אַרויסקוקען אויפ'ן יום-טוב ראָזשדעסטוואָ גלייך מיט אַלעמען אין דער דאָזיגער שטוב.

— ווען האָבען מיר ראָזשדעסטוואָ? — פרעגט ער זיך אַליין און דערמאַנט זיך אָבער, אַז דאָס וואָרט „מיר" איז איבעריג. וואָס פאַר אַ מחותן אַ שטייגער איז הערשעל ראַבינאָוויטש מיט „ראָזשדעסטוואָ"?

מיט וויינאַכטען?... און ער זעצט זיך אַוועק שרייבען אַ בריעף צו זיין חבר, צום אמת'ען גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, פאַר וועלכען ס'איז ניטאָ ביי איהם קיין סוד, און דעקט אויף פאַר איהם זיין האַרץ ווי פאַר אַן אייגענעם ברודער:

„שעלט מיך, טייערער גרישאַ! זידעל מיך! מאַך מיך מיט דער „בלאָטע גלייך! איך האָב עס פערדיענט. וואָרום איך בין אַ נידעריגער „מענש, אַ פערדאָרבענער מענש! שטעל דיר פאָר, אַז ס'איז פאַרהאַן „מאָמענטען, וואָס מחמת גרויס ראָסקאָש אַפּנים פערגעס איך, ווער „איך בין און וואָס איך בין און — נאָכמעהר — איך בין צופרידען, „וואָס איך פערגעס עס, איך וויל עס פערגעסען!..."

אין אַן אַנדער אָרט שרייבט ער איהם צווישען אַנדערע זאַכען שוין אין אַ פרייליכערען הומאָריסטישען טאָן:

„— — — ביסטו ניט קיין נאַרר, גרישאַ, אַז דו דולסט זיך „דאָרט מיט אַזעלכע קליינינקייטען, ווי די צרות, וואָס דו שטעהסט אויס „איבער דיין יודישקייט, ווילסט פערענטפערן נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען „וכדומה אַזעלכע פּראָזאַאישע זאַכען, אין דער צייט ווען אַהער קומט „צו פאָהרען די בת-מלכה, וואָס געוועלטיגט אין מיינע בעסטע „חלומות?... נאָר האָב קיין מורא ניט פאַר מיר. איך בין ניט דו. „איך וועל מיך ניט שפּיעלען מיט פייער אַזוי ווי דו... פערצייהע— „איך קאָן דיר היינט קיין סך ניט שרייבען: איך אַייל מיך אויף „דער פּאָסט און פון דאָרטען קום איך אַהיים.— ווערען מיר פאָה- „רען איהר אַקעגען אויף דריי שליטענס, דריי ברענענדיגע טראָי- „קעס — הי געלעבט!..."

## דאָס זעקסאונזיבעציגסטע קאַפּיטעל.

## אויף דריי „טראָיקעס״.

דאָס איז געווען אַנ׳אמת׳ער אַ רוסישער ווינטערדיגער פריהמאָרגען. דער פראָסט האָט געסמאַליעט און געשטשיפּעט ביי דער נאָז. דער ווייסגעפאַלענער שניי האָט געפינקעלט און געסקריפּעט. דריי ברענענדיגע טראָיקעס האָבען געטראָגען דריי ברייטע שליטענס, וואָס רופען זיך מיט׳ן רוסישען נאָמען „ראָזוואַלני״. אויף אונזער יודיש לשון איבערזעצען וועט עס אויסקומען: צ ע וו אַ ל ג ע ר ט, דאָס הייסט די שליטענס זענען אַזוי ברייט און גראָם, אַז מע זיצט אין זיי צולעגט ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען. דאָס מיטעלסטע פערד פערוואָרפען די אויערן אַהינטער, רייסט זיך פון דישעל אַרויס און פליהט פייל אויס׳ן בויגען, און די צוויי זייטיגע האָבען אויסגעדרעהט די קעפּ, איינס רעכטס, דאָס אַנדערע לינקס, און שפּרינגען משוגענערווייז, וואַרפען מיט די קאָפּעטעס דעם שניי אויף אַלע זייטען. די צעהנדליגער גלעקעלעך, וואָס מע האָט אויף זיי אָנגעהאָנגען, קלינגען זייער זילבערנעם בגון, און דער קוטשער, דער פאָני מיט׳ן ברייטען הינטען און מיט דער צוקעמטער באָרד, שמייסט ניט די פערדלעך, נאָר ער האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס און קנאַקט צו מיט דער צונג: „אַי ליולי מאַלינאַ״, און די וואָס זיצען צולעגט אין די שליטענס, רעכט איינגעהילט אין די טייערע סויבלען, אין די וואַרימע פוקסען, סקונקעס אָדער טחוירען, קוים-קוים וואָס זיי חאַפּען דעם אָטעם — וואַנקאַ, האַלט מיך צו! — אָט דאָס איז די רוסישע טראָיקע, וואָס נאָר אַ רוסישער קאָן פיהלען דעם אמת׳ען טעם און אָפּשאַצען.

אונזער געמאַכטער פּאָפּאָוו, וואָס איז געזעסען גלייך מיט אַלע כלומרשט צולעגט אין איינע פון די דריי ברייטע צוואַלגערטע שלי-

טענס — „ראַזוואַלני״ — און געטראָגען זיך פייל אויס׳ן בויגען אין איי־גע פון די דריי טראַיקעס, האָט דעם אמת׳ען רוסישען טעם נישט גע־פיהלט. זיין קאָפּ איז געווען נישט דאָ. זיינע געדאַנקען זענען געווען ווייט פון דאַנען. ער האָט סך הכל מיט איין האַלבע שעה פריהער אָפּגענומען פון דער פּאָסט אַ פּאַקעט פון זיין חבר גרישאַ, און דאָרט איז געווען אַ בריוועל צו איהם פון דער היים, פון זיין עלטערען ברו־דער אברהם-לייב, וואָס האָט אַ טבע, אַז ער שרייבט, שרייבט ער צום מיינסטען טרויעריגע זאַכען און וואַרפט אויף אייך אַ מרה-שחורה אויף אַ גאַנצען טאָג.

אַ טייל פון דעם דאָזיגען בריוועל ברענגען מיר דאָ אַלס מוסטער:

„— — — גם זיי וויסען, אחי יקירי, אַז פון דעם געלד, וואָס דו „האָסט געשיקט דעם טאַטען, איז שוין לאַנג נישטאָ קיין זכר. מע „האָט געמוזט צולעגען צו זיי נאָך אַ פופציגער און אַוועקשיקען צו „אונזער שוואָגער וועלוועל דעם שלימזל, וואָרום מע האָט זיך „אַרומגעקוקט אויף איהם, אַז ער געהט ניט אונטער אונטערן זאַ־„קאָן, און מע משלח׳ט איהם אַרויס מיט דריי קינ.ערלעך, חאָטש „נעהם אַ טאָרבע און געה איבער די הייזער... און אונזער צוויי־„טער שוועסטער פייגע-לאה מוז מען אויך אַלע מאָל אונטערשיקען „אַ פּאָר קערבלעך, או דערצו איז זי נאָך נישט געזונד אויך — זי „שרייבט, אַז זי בעדאַרף אַ רעפּעראַציע, אַזוי ווי מע בעדאַרף לעבען „אויף דער וועלט. זי זאָל האָבען, זאָגט זי, מיט וואָס, וואָלט זי „זיך דורכגעפאָהרען, זאָגט זי, צו דיר, דו זאָלסט זיין מיט איהר, „זאָגט זי, ביי פּראָפעסאָרען; פאַרהאַן ביי אייך, זאָגט זי, בעריהמ־„טע פּראָפעסאָרען. האַלטען מיר זי אָפּ: „סידי דאָמאַ טאַ נע רי־„פּייסיאַ״, וואָרום צו דיר פאָהרען איז אַחוץ וואָס סע שמעקט מיט „הוצאות, שמעקט עס נאָך מיט געהן צוריק מיט׳ן עטאַפּ... גם זיי „וויסען, אחי יקירי, אַז פרנסה איז איצט שטאַרק געשלאָגען. און „אַ נאַטשאַלניק סטאַנציע האָט אונז גאָט געגעבען מעג איהם גאָט „געבען אַ נייע נשמה — אַזאַ המן איז דאָס! האָט פיינט אַ יודען מיט „סכנות — נאָר וואו האָט מען ליעב אַ יודען?... פון די שענע נייסען „אויף יודען, וואָס מע הערט זיך היינט אָן אַלע טאָג ברוך השם, „בעדאַרף איך דיר ניט שרייבען. דו ווייסט עס אָהן מיר... גם, „אחי יקירי, לאָזט דיר דער טאַטע נאָך אַ מאָל הערען, אַז זיבען „טאָג אין שבט האָבען מיר יאָהרצייט נאָך דער מאַמע ע״ה, בכדי

„דו זאָלסט ניט פערגעסען קדיש זאָגען. מע מעג זיך זיין ניט נאָר
„אַ האַלבער סטודענט, אַ דאַנטיסט, נאָר אפילו אַ גאַנצער סטודענט
„און אפילו שוין גאָר אַ דאָקטאָר — פונדעסטוועגען איינס צום אַנ-
„דערען געהער זיך ניט אָן, יאָהרצייט איז יאָהרצייט....."

אַ מאָדנע זאַך! אַלע מאָל, ווען ער בעקומט אַ בריעף פון זיין
עלטערען ברודער, מוז איהם ווערען נישט גוט אויפ'ן הארצען. אברהם-
לייב האָט אַ מיאוסע טבע — אַ טבע פון אַ „וואָראָנע": קיין גוטס וועט
איהר פון איהם קיינמאָל נישט הערען. דעם טאַטענס בריעף זענען
שוין אַ סך ווייכער און אַנגענעהמער צו לייענען. אויף לשון קודש
שרייבט ער צו איהם געוועהנליך:

„לבני היקר כמר צבי הירש נ"י! אחר פ"ש כנהוג אודיעך, אַז
„מיר זענען ברוך השם אַלע בקו החיים והשלום. ומן האָטפּראַווקיס
„אודיעך, אַז ס'איז ניט יותר טוב כמו פאַראַיאָהרען. יתן השם יתברך
„דרך טוב, כי הבלאָטעס זענען אצלנו עד אין לשער, והפאָדוואָז
„איז דעריבער ביוקר גדול. רק זאָלסט ניט האָבען חס ושלום קיין
„עגמת נפש. השם יתברך וועט געבען פּאָגאָדע טובה און עס וועט
„זיך אם ירצה השם אַלסדינג פערבעסערען אויף אונז און אויף כל
„ישראל און הלואי מע זאָל הערען נאָר בשורות טובות ישועות
„ונחמות, יותר אין לחדש רק חיים ושלום.

ממני אביך דו"ש והצלחתך משה ב"ר צבי הירש ראַ-
בינאָוויטש".

אמת, דאָס דאָזיגע לשון-הקודש איז עפּעס ניט אַזוי גאָר פויגעל-
דיג, און די נייעס, וואָס דער פאָטער שרייבט איהם, זענען ניט פיעל
בעסער און פריילי‍כער פון דעם, וואָס דער ברודער שרייבט איהם.
דערפאַר איז אָבער דער טאָן אַנ'אַנדערער. צו וואָס האָט איהם אברהם-
לייב בעדאַרפט דערמאַנען נאָך אַ מאָל, אַז זיבען טאָג אין שבט האָט
ער יאָהרצייט?... מעהר ווי אַלסדינג האָט איהם צודרעהט די ידיעה,
אַז זיין שוועסטער איז קראַנק און קלויבט זיך צו איהם צו גאַסט. אַ
שען פנים וועט ער האָבען — טראַכט ער זיך — טאָמער הויבט זי זיך
טאַקי אויף און קומט צו פאָהרען און טרעפט אָנשטאָט איהם זיין חבר
גרישאַ?!... עס וואַרפט איהם אַזש אַריין אין אַ פיבער פון אַזאַ גע-
דאַנק... ער וועט שוין אַוועקשרייבען זיי אַ גוט בריוועל אַהיים, אַנ-
זאָגען צעהן מאָל, אַז קיינער פון זיי זאָל זיך ניט דערוועגען קומען
צו פאָהרען אין דער שטאָדט, וואו אַ יוד טאָר אפילו קיין נאַכט ניט

איבערנעכטיגען... „ניט שוין-זשע — טראַכט ער זיך זיצענדיג אין שלי-
כען — ניט שוין-זשע וועט מען איהם ניט לאָזען צורוה, ער זאָל קאָנען
זאָגען, אַז ער האָט חאָטש איין יאָהר געלעבט ווי אַ מענש, אָהן מורא
פאַר׳ן מאָרגעדיגען טאָג, אָהן געדאַנק פון „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ און
אָהן בעליידיגונג אויף יעדען טריט און שריט?...״

די דאָזיגע בעליידיגונגען ליגען איהם אין טעם נאָך פון אַמאָל,
פון דער צייט וואָס ער איז געווען אין גימנאַזיע דאָס ערשטע יאָהר,
איידער ער האָט זיך נאָך ניט געהאַט בעקענט נאָהענט מיט זיין חבר,
דעם אמת׳ען גרישאַ פּאָפּאָוו. ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצען, —
דערמאַנט ער זיך — דער האָט איהם אָנגעריהרט. זיין נאָמען „הערשקאָ״
האָט אַרויסגערופען אַזאַ גדולה, גלייך ווי גאָט ווייס וואָס אין דעם
נאָמען שטעקט אַזעלכעס... דער לעהרער אַליין האָט אויך ליעב געהאַט
זיך שפּיעלען מיט׳ן דאָזיגען נאָמען. אַלע תּלמידים זענען אַרויסגערופען
געוואָרען נאָר ביי דער פאַמיליע אַליין. איהם פלעגט מען אַרויסרופען
מיטביידע נעמען: „ראַבינאָוויטש הערשקאָ״ (ראַבינאָוויטש אַליין איז
קאַרג!), נאָר אַ פּוילער האָט נישט געגעבען הערשקען אַ שמיר איבער
דער נאָז, אַ ציה ביים אויער, אַ פּאַהר אַריין אין זייט, אַ דערלאַנג אי-
בער האַלז און אָקען, אָדער אונטערגעשטעלט אַ פּיסעל, אָדער גאָר
צולעגט און געוואָלט אָנשמירען איהם די ליפּען מיט חזיר. פון דעם
אָנשמירען איהם די ליפען מיט חזיר האָט זיך אייגענטליך גענומען זיין
גוטפריינדשאַפט מיט גרישאַ פּאָפּאָוו. עס האָט זיך בעדאַרפט מאַכען
אַזוי, אַז גרישאַ פּאָפּאָוו זאָל אָנקומען אַקוראַט אויף דער טצענע, ווי
דער זשידיאָנאָק הערשקאָ ליגט אין הויף פון גימנאַזיע אויף דער ערד
און אַ פּאָר צעהנדליג חברים שטעהען איבער איהם און עס הערש
זיך אַ געשריי: „חזיר גיט אַהער! חזיר! ווילען מיר איהם אָנרייבען די
פּיסקעס!״... גרישאַ פּאָפּאָוו, וועלכען אַלע האָבען געקענט און פאַר
וועלכען מע האָט דרך-ארץ געהאַט אין גימנאַזיע, האָט מיט איין הוק
צוטריבען די גאַנצע חאַליאַסטרע און אויסגעלייזט דעם זשידיאָנאָק
הערשקאָ פון זייערע הענד און נאָך אויסגעזידעלט גוט די ווייסע-
חברה׳ניקעס: „ווי שעמט מען זיך ניט מיט גוואַלד אָנהענגען אַ מענ-
שען דאָס, וואָס דער „זאַקאָן״ הייסט איהם ניט?״...

דאָס איז געווען איינמאָל. דאָס אַנדערע מאָל האָט איהם זיין
פריינד גרישאַ אויסגעלייזט פון אַ סך אַ גרעסערע צרה. אַזוי ווי הערש-
קאָ איז געווען, נישט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז אַ זשידיאָנאָק,

דער ערשטער אין זיין קלאַס, האָבען זיינע חברים געוואוסט, אַז ווי־באַלד עפּעס אַ האַרבע זאַך, בעדאַרף מען זיך ווענדען צו הערשקען. הערשקאָ ווייס אַלסדינג: „הער נאָר דו, הערשקאָ, פאַרוואָס קומט ניט אויס ביי מיר די זאַדאַטשע חאָטש געב איהר אַ קרענק?” אָדער: „נאַ, הערשקאָ, שרייב מיר אָן, נאָר מאַך אַזוי, מע זאָל ניט דערקענען, אַז ס'איז דו...”

פאַר'ן עקזאַמען האָט מען איהם שיער ניט צוריסען אויף שטיקלעך. און אויפ'ן עקזאַמען גופא האָט מען איהם ממש צוטראָגען די ביינער. די קאָמיסיע האָט פערגעבען דעם קלאַס אַ שטיקעל אַרבייט, וואָס קיין איינער אויסער הערשקען האָט נישט געקאָנט פאַרטיג ווערען. פערשטעהט זיך, אַז אַלע אויגען זענען געווען געקעהרט אין איין פינטעלע אַריין. דאָס פינטעלע איז געווען דער זשידיאָנאָק הערשקאָ. פריהער האָט מען נאָר געקוקט אויף איהם שטאַרק און געוואונקען מיט די אויגען. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען צו איהם פון דער ווייטען בעווייזען אַלערליי סימנים מיט די פינגער. דערנאָך שושקען און מאָדנע מאַכען מיט די ליפּען. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען איינער דורכ'ן אַנדערען איבערגעבען איהם צונויפגעדרעהטע פּאַפּירלעך... און הערשקאָ האָט אַלעמען בעפרידיגט אויפ'ן בעסטען אופן. פריהער פון אַלע האָט ער געוועהנליך בעזאָרגט זיין חבר און זיין פריינד גרישאַ פּאָפּאָוו, און דערנאָך שוין די איבעריגע חברים איינס נאָכ'ס אַנדערע. און דער עקזאַמען וואָלט אָפּגעלאָפען כשר וישר ווי אַלע עקזאַמענס, ווען עס זאָל זיך ניט געווען אַריינמישען דער שטן און עס זאָל זיך ניט טרעפען אַ מעשה, וואָס קיינער איז אייגענטליך אין דעם ניט געווען שולדיג.

בעשערט געווען אונזער הערשלען אַנ'אומגליק, האָט איהם גאָט געגעבען אַ חבר, איינעם אַ קאָטיעלניקאָוו, אַ בחור שוין צו לייטען, אַן אַלטגעזעסענער, דאָס הייסט אַזעלכער, וואָס זיצט צוויי יאָהר אין אַ קלאַס און קען אַליין נישט איבער בשום אופן. מע מוז איהם שלעפען פאַר די אויערן. און מחמת דער קאָטיעלניקאָוו איז קיין עין-הרע אַ געוואוקסיגער, האָט איהם דער לעהרער אַוועקגעזעצט, ער זאָל ניט שטערען די קלענערע, אויף דער סאַמע לעצטע פּאַרטע, און מחמת דעריבער האָט זיין צעטעלע אַ ביסעל פערשפּעטיגט צו הערשקען. עס האָט איהם נישט געהאָלפען נישט קיין ווינקען מיט די אויגען, נישט קיין מאַכען מיט די ליפּען, נישט קיין הוסטען, נישט קיין שאַרען

מיט די פיס. זיין צעטעלע איז איהם אַזוי גיך צוריק נישט אָנגעקו־מען. איז ער געוואָרען אַרויס פון די כּלים און האָט אָנגעשריבען אַ ניי צעטעלע, נישט איבערגעגעבען פון איינעם צום אַנדערען. ס׳איז איהם נמאס געוואָרען די מלאכה. האָט ער געגעבען אַ שליידער דאָס צעטעלע שוין מיט כּעס גלייך צו הערשקען און געטראָפען אַקוראַט דעם דירעקטאָר אין באָרד אַריין. דער דירעקטאָר האָט זיך ביט גע־פוילט, אויפגעהויבען דאָס צעטעלע, אויפגעוויקעלט און צו זיין גרויס ערשטוינונגען האָט ער איבערגעלייענט די דאָזיגע ווערטער:

„פערשאָלטענער זשידיאָנאָק! אַלעמען דעם גאַנ־„צען קלאַס האָסטו געמאַכט די זאַדאַטשע, נאָר מיר „ניט. וואַרט, מע וועט דיר שוין ברעכן אַ ביין. קאָ־„טיעלניקאָוו.״

אַז ס׳איז אַרויס דערפון אַ מורא׳דיגער סקאַנדאַל — איז איבעריג צו זאָגען. עס האָט געהאַלטען ד׳ערביי, אַז דער גאַנצער קלאַס זאָל האָבען אַ פסק, און דער לעהרער אַ מיאוסע נאָז, און פּוג׳ם יודען שמו־עסט מען ניט. ער איז דאָך דער גאַנצער חייב. ראַבינאָוויטש וואָלט זיכער אַרויסגעפלויגען פון גימנאַזיע, ווען ניט זיין חבר, איוואַן אי־וואַנאָוויטש פּאָפּאָוס זוהנדעל... מיט נסים ונפלאות איז דער סקאַנדאַל צוריבען געוואָרען און די גאַנצע מעשה פערגעסען געוואָרען, קיין זכר נישט געבליבען. אַפּנים, אַז דער כּח פון „זכות אבות״ איז נישט קיין קליינינקייט און אַז אַ רעכטע פּראָמעקציע האָט נאָך ביי אונז אַ שטי־קעל ממשות...

דאָס איז אָבער געווען נישט דאָס איינציגע און נישט דאָס לעצטע פעקעל, וואָס אונזער אמת׳ער ראַבינאָוויטש האָט איבערגעטראָ־גען, ביז ער האָט געענדיגט די גימנאַזיע. גענוג פּחדים האָט ער גע־האָט אויסצושטעהן ביז׳ן אַטעסטאַט. גענוג „געפּאָקט״ און „געמאָזעלט״, ביז ער האָט דערלעבט זעהען די מעדאַל, וואָס איז געשטאַנען ווי־פיעל מאָל אין סכּנה, אויף אַ וואָגשאָל: אַ מעדאַל אָדער נישט קיין מעדאַל... — און וואָס איז דער סוף? — טראַכט ער זיך — דער סוף איז, אַז דעם געמאַכטען ראַבינאָוויטש מיט זיין מעדאַל האָט מען די טיר פון אוניווערסיטעט פערהאַקט אונטער דער נאָז און געבעטען מחילה, ער זאָל זיך פערשרייבען פאַר אַ דאַנטיסט, אַניט זייט-זשע מוחל, רב הערש ב״ר משה, מיט דעם רעכטען פוס — מאַרש מיט׳ן עטאַפּ אין שקלאָווער גובערניע...

און דער געפּאַלשטער פּאָפּאָוו דערמאַנט זיך אין זיין חבר, דעם אמת'ען פּאָפּאָוו, און אָן די בריוולעך, וואָס ער שרייבט איהם פון די ליידען מיט די צרות, וואָס ער שטעהט נעבאַך דאָרטען אויס — און ער מאַכט צו זיך אַליין: „נו, גרישוטקאָ? הײנט װעסטו שוין וויסען, וואָס הייסט זיין אַ יוד?... וועסט שוין דאַכט מיר פּערזאָגען אַ צעהנ־טען, — אויב דו וועסט נאָר קיין הרטה נישט האָבען פאַר'ן יאָהר, — אַזעלכע קאַטאָוועסען נישט שפּיעלען און אַזעלכע שפּאַסען נישט צו טרייבען מעהר״...

אָט דאָס זענען געווען די מחשבות, אין וועלכע אונזער העלד-שעל פּאָפּאָוו איז געווען פערטאָן, זיצענדיג צעוואַלגערט אין ברייטען שליטען. אויפגעוואַכט האָט ער ערשט דעמאָלט, אַז מע איז געקומען צו פליהען מיט'ן קנאַק, אַלע דריי טראָיקעס צום וואָקזאַל און עס האָט אַרויסגעשאָטען די גאַנצע משפחה פון פּעאָקטיסט פעדאָסייאיטש באַרדאָ-בראַדאָווסקי מיט די קינדער מיט אַלע לעהרערס און לעהרערינס און מיט'ן הונט „גליוק״ אויף צופריהער.

## דאָס זיבענאונזיבעציגסטע קאַפּיטעל.

## דער כח פון אַנאָמען.

אויף דיזעלבע דריי טראָיקעס, אין דיזעלבע דריי צולעגטע שליטענס — „ראָזוואַלני"—האָט זיך די משפחה באַרדאָ-בראַדאָווסקי מיט'ן זעלבען קנאַק געטראָגען פון וואָקזאַל צוריק אַהיים מיט'ן ניי אָנגעקומענעם לאַנג ערוואַרטעטען גאַסט — מיט סאַשען.

דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז סאַשאַ איז דאָ, איז געווען נישט קיין אַנדערער, נאָר „גליוק", וואָס האָט מיט זיין היגטישען חוש הריח נאָך פון דער ווייטען אָנגעשמעקט סאַשאַס טריט ביי איהר ערשטען אַרויסשטעלען איהר קליין פיסעל פון וואַגאָן ערשטע קלאַס. גליוקס פרייד האָט נישט געהאַט קיין שיער און קיין ערך. ער האָט זיין אומגעלומפּערטע, באמת נישט-געקינצעלטע שמחה אַרויסגעוויזען אויף זיין היגטישען שטייגער מיט אַזאַ מין התפּעלות, מיט אַזעלכע גוואַלדען און קוויטשערייען, ער האָט זיך אַזוי געוואָרפען פון סאַשען צו איהרע עלטערן און פון די עלטערן צו סאַשען, אַז פּעדאַקטיסט פּעדאַסייאיטש האָט איהם גענווזט עטליכע מאָל דערמאַנען אויף דייטש, ווי אַלע מאָל: „גליוק! בלייבסט רוהיג"... איצטיגס מאָל האָט דאָס אָבער ווינציג וואָס געהאָלפען. ווי קען גליוק בלייבען רוהיג, אַז ס'איז געקומען, גאָר פלוצים אומגעריכט ווי פונ'ם הימעל אַראָפּגעפאַלען, אַזאַ גאַסט, אַז איין אָנגעלעגטער גאַסט? גוט איז זיי, אַז זיי האָבען געוואוסט, אַז סאַשאַ קומט — זיי האָבען געהאַט אַ דעפּעש נאָך פון געכטען. גוט איז זיי, אַז ביי זיי איז געווען אויסגערעכענט די שעה און די מינוט, ווען זי בעדאַרף אָנקומען. אָבער גליוק? פון וואַנען זאָל ער וויסען, אַז גראָד איצט, אין דער מינוט, וועט זיך דערהערען אַ בעקאַנטער ריח פון בעקאַנטע טריט און דער ריח וועט

איהם ברענגען גלייך צו פיהרען צום וואַגאָן, פון וואַנען עס וועט אַרויס זיין פריינד סאַשאַ? די אייגענע סאַשאַ, וואָס ער האָט אַזוי ליעב געהאַט תמיד, פון זינט ער געדענקט זיך פאַר אַ הונט, און וואָס האָט תמיד אַזוי ליעב געהאַט איהם, גליוקען? ווער האָט גליוקען געהאָדעוועט מיט גאַנצע שטיקער שאָקאָלאַד, אַז ניט סאַשאַ? ווער האָט איהם געגלעט, געבאַלעוועט און געקיכעלט און בגנבה געקושט, אַז גליוק איז נאָך געווען אַזאַ קליינינטשקער, אַז ער האָט נאָך געקאָנט שפּאַצירען אונטערן טיש? ווער האָט איהם אויסגעלערנט אַ גאַנצען רעפּערטואַר פון קונצשטיקלעך, וואָס ניט איעדער הונט קאָן זיך בעריהמען, אַז ער וועט עס נאָכמאַכען, אַז ניט סאַשאַ? וואָס איז דער וואונדער, וואָס נאָך איהר אַוועקפאָהרען איז גליוק אַרומגעגאַנגען עטליכע טעג דורכגענאַנד ווי אַ צעטומעלטער? זיין הינטישער פערשטאַנד האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַרומנעמען, וואו האָט דאָס פלוצים געקאָנט אַהינקומען מיט די, וועלכע האָט איהם געבאַלעוועט, געקיכעלט און אַרומגעפיהרט זיך מעהר ווי אַלע אַנדערע? גליוק האָט זי שוין אויסגעשמעקט אין איטליכס ווינקעלע. ער איז שוין אַזש געוואָרען מרה-שחורה׳דיג און כמעט אויפגעהערט עסען, און ליגענדיג אויף דער ערד אַיינגעטונעט די מאָרדע אין די פעדערשטע לאַפּעס, האָט ער ניט איין מאָל געזעהן סאַשען אין חלום און זיין הינטיש האַרץ האָט געוויינט אין איהם שטילערהייד. נישט ער האָט דאָס געקאָנט עמיצען אַרויסגעבען, נישט קיינער איז געווען ביכולת איהם צו טרייסטען. וואָס-זשע איז דער חידוש, וואָס גליוק האָט זיך איצט אַזוי דערפרייט, אַז ער ווערט אַזש שיער משוגע? וואָס איז דער חידוש, וואָס ער בייסט זיך אַזש אַליין די לאַפּעס פאַר גדולה? וואָס ער חאַפּט די ערד, וואַרפט זיך און קויקעלט זיך, ממש ער ווערט די כפרה?

גליוקס פרייד איז געווען נאָך גרעסער, אַז ער האָט דערזעהען, אַז זיין פריינד סאַשאַ האָט איהם, גליוקען, דערקענט און ניט פערגעסען, אַזוי ווי ער האָט זי ניט פערגעסען, און אַז זי איז איהם געבליבען געטריי, אַזוי ווי ער, גליוק, איז איהר געבליבען געטריי. אָ, טייערע, טייערע! אָט שפּרינגט ער איהר אַריבער איבערן קאָפּ! אָט טוט ער זיך אַ וואָרף און ציהט זיך אויס ווי לאַנג ער איז פאַר איהר אויף דער ערד! אָט קושט ער איהר די שפּיץ פון די שמעקענדיגע שיכעלעך! און אָט חאַפּט ער זיך אויף און שפּרינגט איבער דריי

מאָל איבער זיך אַליין מיט אַ קוויטש: „וואָס שווייגט איהר, מענשען? אַזאַ גאַסט! אַזאַ טייערער גאַסט — סאַשאַ!...“

נאָר פון די מענשען האָט זיך קיינער אויפ'ן הונט נישט אַרומגעקוקט. אַלע זענען געווען פערנומען מיט'ן גאַסט. יעדער האָט בעטראַכט דעם גאַסט, געפונען, אַז סאַשאַ האָט זיך אין דער קורצער צייט שטאַרק פערענדערט, אויסגעוואַקסען, שענער געוואָרען... סאַשאַס בעקלעך, וואָס האַלטען אַזוי אויך אין רעכטען בליהען, ווי די רויזען אין חודש מאַי, ווערען פון אַזאַ קאָמפּלימענט נאָך בליהענדיגער. „ניט שוין-זשע שענער געוואָרען?“... סאַשאַ ווייסט אַליין, אַז זי איז שען. עס איז ביי איהר גאָר קיין נייעס ניט. נאָר פונדעסטוועגען איז דאָס גאַנץ אַנגענעהם צו הערען אַן־איבעריג מאָל. דערויף איז מען דאָך אַ מיידעל... זי בעגעגענט יעדען איינציגען פון דער חאַליאַסטרע, ווי מע בעגעגענט זיך מיט אַלטע בעקאַנטע, האָט פאַר יעדען בעזונדער אַנ'אַנדער וואָרט, אַ געלעכטער, אַ שטיפעריי, אַ ווערטעל אָדער אַ שמייכעל. נאָר אַז מע האָט איהר פאָרגעשטעלט דעם נייעם רעפּעטיטאָר גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, האָט זי איהם קוים-קוים געשענקט אַ קוק פון איהרע שענע אויגען — איז דאָס אַנ'ערנסטען קוק, — אין איין אויגענבליק האָט זי איהם בעטראַכט פון אויבען ביז אַראָפּ און שטיל אַ פרעג געגעבען ביי דער מוטער: „אַ גרוזין?“

„ניין, טייערע, ניט קיין גרוזין, דוקא אַ רוסישער, פּאָפּאָוו!“ — האָט איהר די מוטער אָפּגעענטפערט אויך שטיל, און סאַשאַ האָט ווידער גענומען רעדען הויך, לאַכען, שטיפען און אַריינגעזעצט זיך מיט די פאָטער און מוטער אין זייער שליטען אַריין, און די איבעריגע משפחה נאָך זיי און אַלע דריי טראָיקעס האָבען זיך געלאָזט מיט דעמזעלבען גאַלאָפּ צוריק.

„אָט דאָס איז זי, אָט די סאַשאַ?“ — טראַכט זיך נאָכדעם דער רעפּעטיטאָר פּאָפּאָוו, וואָס האָט קיין צייט נישט געהאַט אפילו זי רעכט צו בעקוקען. אַזוי איבעררעשט איז ער געווען.

איבעררעשט איז ער געווען נישט אַזוי פון איהר שענקייט, וואָס האָט אַ סך מאָל איבערגעשטיגען איהר פּאָרטרעט, ווי פון דעם, וואָס ער וואָלט געמעגט שווערען, אַז ער האָט זי ערגעץ געזעהען, נאָר ער קאָן זיך נישט דערמאַנען וואו און ווען...

אַ גאַנץ וועג צוריקפאָהרענדיג הערט ער נישט אויף צו טראַכטען וועגען דער אָנגעקומענער סאַשאַ: ווי וואָלט זיין, ווען ער איז

טאַקי דער אמת׳ער, ניט דער געפּאַלשטער פּאַפּאָו?... און נישט ווי-לענדיג דערמאַנט ער זיך אינ׳ם בריעף, וואָס ער האָט היינט בעקו-מען פון זיין עלטערען ברודער, וועלכער דערמאַנט איהם נאָך אַמאָל, ווען ער האָט יאָהרצייט נאָך דער מאַמע... און וועגען זיין שוואָגער, וואָס מע שיקט אַרויס, דערמאַנט ער זיך, און וועגען דער שוועסטער, וואָס קלויבט זיך דורכפאָהרען צום פּראָפעסאָר אויף אַ רעפּעראַציע, און וועגען די איבעריגע גוטע בשורות, וואָס מע שרייבט איהם פון דער היים — און עס פערדריסט איהם, פאַרוואָס ער קאָן זיך נישט אָפּרייסען אויף אַ מיגוט אפילו פון די דאָזיגע אַלע וואָכעדיגע טרויעריגע ביל-דער, און פאַרוואָס מע דערמאַנט עס איהם אַלע מאָל, ער זאָל חלילה ניט פערגעסען...

נאָר דאָס אַליין, וואָס ער וואָלט אַבעלן זיין פערגעסען, פער-דריסט איהם נאָך מעהר. למאי זאָל ער וועלען פערגעסען, וואָס אין דער היים טוט זיך? ווי טאָר ער פערגעסען, אַז ער איז דאָ אַ גאַסט אויף גאָר אַ קורצע צייט? ווי טאָר ער פערגעסען, אַז דאָס, וואָס ער און זיין חבר גרישאַ האָבען אויפגעטאָן, איז נישט מעהר ווי אַ פּלאַ-טשיגער שפּאַס, וואָס דאַרף אָוועק אינאיינעם מיט׳ן לויפענדיגען יאָהר; אַ שפּאַס, וואָס אויב ער האָט נאָך אַ זין פאַר׳ן אמת׳ען פּאַפּאָו, האָט ער פאַר איהם, פאַר׳ן געפּאַלשטען פּאַפּאָו, קיין שום זינען ניט. אדרבה, אָט דאָס פרייע, ברייטע, געזיכערטע, גליקליכע לעבען צווישען די דאָ-זיגע גליקליכע, געזיכערטע, געוואָרענטע מענשען קאָנען איהם נאָך ברענ-גען דערצו, אַז זיין אומקעהרען זיך צוריק צו זיין פריהעריגען יודי-שען לעבען זאָל זיין טויזענד מאָל שווערער און אונערטרעגליכער ווי געוועזען. צו וואָס האָט איהם גענוצט דער דאָזיגער שפּאַס? צו וואָס האָט ער בעדאַרפט די דאָזיגע קאָמעדיע? מיט וואָס קאָן זיך עס אויס-לאָזען... נאָר באַלד קומט איהם אַקעגען דער געשטאַלט פון דער אָנ-געקומענער סאַשאַ און ער דערפיהלט אַ וואַרימען שטראָם אין האַרצען, ווי אַ מענש, וואָס איז געווען פערטראַכט און עס קומט איהם אויפ׳ן זינען פלוצים אַ זאַך, וואָס איז איהם אַזוי טייער און אַזוי נאָהענט און וואָס ער האָט גאָר געהאַט דערפון פערגעסען...

געקומען פון וואָקזאַל אַהיים, האָט די גאַנצע משפחה ווידער זיך צונויפגעקליבען אַלע ביי איין טיש, וואו סאַשאַ איז געווען דער צענטער. אַלע האָבען געקוקט אויף סאַשען, אַלע האָבען אויסגעהערט סאַשען, אַלע האָבען זיך געווענדט צו סאַשען. און סאַשאַ האָט געטאָן עטליכע

אַרבייט מיט אַמאָל: גערעדט, געהערט, געגעסען, געלאַכט, אויסגעפּרעגט אַלעמען און אָפּגעענטפערט אַלעמען, נישט דורכגעלאָזט קיינעם, גע-שענקט גליוקען אויך אַלע מאָל אַ גלעט מיט איהר קליין הענטעל אי-בערן קאָפּ און אַ זאָג צו איהם פאַרבייגעהענדיג, ווי מע זאָגט צו אַ קליין קינד, צונויפגענומען די ליפּען: „דוסיאַ!"

גליוקען איז, ווייזט אויס, געפעלען די מעשה, איז ער געקראָ-כען אַלע מאָל בעהענטער צום גאַסט, זיך גאָר קיין אָרט נישט געפונען, געדעכענט אַפּנים, אַז סאַשאַ איז געקומען אַהער איינגאַנצען צוליעב איהם. דער חברה-מאַן איז פערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מע האָט דעם כלב שבכלבים געמוזט אָננעמען פאַר אַנ'אויער און מיט גרויס כבוד אַרויספיהרען פון חדר. עס האָט אָבער נישט געדויערט אַזוי פיעל ווי-פיעל דאָס אָנשרייבען פון די דאָזיגע ווערטער, איז גליוק שוין ווידער געלעגען נעבען סאַשאַס קליינע פיסלעך, איצטיגס מאָל שטיל ווי אַ סטאַטיק, און געקוקט אין אַ זייט אַ ביסעל ווי ברוגז'ליך: „דאַכט זיך שוין צייט, מע זאָל איהם קענען, אַז ער איז ניט פון יענע הינט, וואָס מע בעדאַרף זיי פיהרען פאַר די אויערן"...

אויסער סאַשען האָבען אויך אַלע אַנדערע זעהר לעבעדיג גע-רעדט. די גאַנצע משפחה. יעדער בעזונדער האָט געהאַט וואָס צו זאָ-גען. אפילו פעטיאַ און סיעריאָזשאַ האָבען געהאַט וואָס צו דערצעה-לען. נישט גערעדט האָט נאָר איין פאַרשוין — דער רוסישער רעפּעטי-טאָר גריגאָרי איוואַנאָוויטש... ער האָט ווי אַלע מאָל מעהר צוגעקוקט, וואָס אַנדערע טוען, און מעהר צוגעהערט, וואָס אַנדערע רעדען, און ווי אַלע מאָל בעוואונדערט און מקנא געווען זיי נישט אַזוי אויף זייער רייכקייט און נישט אַזוי אויפ'ן שיק, ווי אויף זייער נישט געמאַכט לעבעדיגקייט, ברייטקייט, רוהיגקייט, זיכערקייט, בעוואָרענטקייט און היימליכקייט. „קאָן זיך דען פיהלען אַזוי אַ יוד? דער רייכסטער, דער גליקליכסטער?... אַזוי האָבען זיך בעדאַרפט פיהלען — טראַכט ער זיך — סיידען אַמאָל-אַמאָל זיינע אור-אור-עלטערן, אין זייער אייגען לאַנד, אויף זייער אייגענעם באָדען, שוין לאַנג-לאַנג, אין שלמה המלכ'ס צייטען"... נאָר וואו האָט ער געזעהען אָט די סאַשאַ? ווי עהנליך זי איז מיט איהר מוטער. צוויי טראָפּען וואַסער. איבערהויפּט די אויגען... און ווי עס פּאַסט איהר דער נאָמען „סאַשאַ"...

דער נאָמען „סאַשאַ" פערנעמט אין זיינע געדאַנקען דעם שענס-

טען אויבענאָן, און אין האַרצען און איבער אַלע גליעדער ווערט צו-
גאָסען אַ מאָדנע וואַרימקייט אַלע מאָל, ווען ער דערהערט עמיצען דער-
מאַנען אָדער ווען ער דערמאַנט זיך אַליין דעם נאָמען „סאַשאַ״. אינ׳ם
דאָזיגען נאָמען, מאָלט זיך איהם אויס, הערט זיך עפּעס אַ בעזונדערער
קלאַנג. אַ מוזיקאַלישער נאָמען: „סאַ—שאַ״.
דער כח פון אַ נאָמען!...

## דאָס אַכטאונזיבעציגסטע קאַפּיטעל.

## אַחיי-שעה.

מיט סאַשאַס קומען צו פאָהרען אַהיים איז באַרדאָ-בראַדאָווסקיס שטוב געוואָרען גאָר אַנ'אַנדער שטוב. דריי מאָל אַזוי פריילּיכער ווי פריהער. און די פריילּיכקייט גופא האָט בעקומען אַנ'אַנדער קאָליר.

עס איז אַוועק אַ גאַנצע רייהע פון יום-טוב'דיגע טעג און נעכט: פריהער „ראָזשדיעסטוואָ”, דערנאָך „נאָוויגאָד”, דערנאָך „קרעשטשע-ניע”, — יעדער יום-טוב מיט זיין פּראָגראַם, אויסגעאַרבייט פון סאַשען אַליין און בעשטעטיגט פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע לעהרערס און לעהרערינס, פריילינס און גובערנאַנטינס, און פערשטעהט זיך, אַז הער-שעל פּאָפּאָוו איז אויך געווען אין מיטען.

ווי האָט ער געקאָנט אָפּשטעהן פון חברה, אַז סאַשאַ אַליין האָט איהם איינגעלאַדען, און דערביי האָט זי, ווי איהם האָט זיך אויסגע-דאַכט, אויף איהם אַזאַ קוק געגעבען מיט איהרע וואונדערליך שענע אויגען און האָט זיך אַזוי קינדעריש לעבעדיג צולאַכט, אַז פאַר נאָך איין קוק אַזעלכען פון איהרע שענע אויגען וואָלט ער אַוועקגעגעבען ער ווייס אַליין ניט וויפיעל...

מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען אַ מין קינדעריש-שטיפערישע פריילּיכקייט, וואָס האָט פונ'ם ערשטען טאָג אָן אַריינגעצויגען אין זיך אַלע און אַלעס. אפילו אַזאַ גראַנד-דאַמע ווי נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ, און אפילו אַזאַ שווערער אומגעלומפּערט מגושמ'דיגער פאַרשוין ווי פּעאָקטיסט פעדאָסייאיטש האָבען זיך אויך אָנגענומען און געמוזט נאַ-ריש מאַכען זיך גלייך מיט אַלעמען, שפּיעלען אין פאַנדען, אין „צענ-זור”, אין „קוואַרטעט”, אין „שטעדט”, און אפילו אין „קעצעלע-מייזע-לע” און אין „קוואַטש”; וואו ערגיץ אַ קינדערש שפּיעלעכעל—איז דאָס

איבערגעחזר'ט געוואָרען אין דער דאָזיגער גליקליכער שטוב, וואו גרויסע מענשען האָבען זיך פערשטעלט פאַר קליינע קינדער, זיך געפרייט ווי קינדער און געווען גליקליך ווי קינדער.

פאַר אונזער העלד ראַבינאָוויטש, וואָס האָט אַזוי קונציג געשפּיעלט די ראָל פון גרישאַ פּאָפּאָוו, איז דאָס אַלסדינג געווען איבערראַשענד נײַ. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלען, למשל, אַז זיין פאָטער, רב משה ראַבינאָוויטש, זאָל זיך אַוועקשטעלען אין מיטען העלען טאָג מיט קינדער טאַנצען, שפּיעלען אין בעהעלטערלעך און נאָך אַזעלכע זאַכען. ער האָט זיך גלאַט נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז אַ יוד זאָל ווען קאָנען זיין אַזוי פריילך, אַז אַ יוד זאָל זיך פערגינען סתם אין דער וועלט אַריין נעמען און לאַכען און זיך נאַריש מאַכען... אפילו פורים שוין אָדער שמחת-תורה בעמט, וואָס איז שוין דאַכט זיך גאָר אַ מצוה צו פרייען זיך, וואָס יודען זענען דעמאָלט שוין גאָר שכור-לוט, געדענקט ער אויך ניט זיין טאַטען, ער זאָל זיין איבעריגס פריילך. אדרבה, ער געדענקט איהם „אונטערן גלעזעל", ווי ער פלעגט זיך דעמאָלט פערקלויבען בעזונדער אין אַ ווינקעלע פערזאָרגט, אָדער גאָר צעוויינען זיך, גיסען מיט טרעהרען — ער ווייס ניט אויף וואָס: צי אויף חורבן בית-המקדש, צי אויף דעם — וואָס זיין טאַטע איז געשטאָרבען מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק, געווען, זאָגט מען, אַ „וואַזשנער" יוד?...

אַריינגעחאַפּט זיך אין דער דאָזיגער שטוב, אין'ם דאָזיגען פרייליכען טומעל, וואָס האָט ניט אויפגעהערט עטליכע וואָכען דורכאַנאַנד, האָט דער געפעלשטער פּאָפּאָוו געפיהלט, ווי עס פערחאַפּט איהם דער אָטעם און עס דרעהט זיך די ערד אונטער איהם. און ער האָט אָנגעהויבען צו פערגעסען, אַז ער איז אַ יוד. אויף זיין גליק האָט ער נאָך בעדאַרפט אָנטרעפען אויף אַזאַ שטוב און אויף אַזעלכע מענשען, וואָס ניט נאָר זיי האָבען פיינט אַ יודען, דער נאָמען יוד איז דאָ פאַר איהם קיין איינציג מאָל נישט דערמאַנט געוואָרען אפילו, גלייך ווי די דאָזיגע מענשען וואָלטען גאָר ניט געוואוסט, אויב ס'איז גאָר פאַרהאַן אַזאַ בעשעפעניש אויף דער וועלט, וואָס מע רופט עס יוד.

נאָר איינמאָל האָט זיך איהם געטראָפען דאָ דערהערען דעם דאָזיגען נאָמען, און ס'איז איהם ענטפאַלען געוואָרען דאָס געזונד. דאָס איז געווען אין'ם סאַמע רעכטען ברען פון די ווינטערדיגע ימים-טובים, „טאַטיאַנעס טאָג" ווערט אָנגערופען יענער יום-טוב, און סאַשאַ

האָט געפּלאַנט מאַכען אַנ'אַרויספאָהר אויפ'ן פאָנישען שטייגער מיט ברענענדיגע טראָיקעס אין „סטרעלני", אין „מאַוריטאַניע", אָדער גאָר אין „יאַר", וואו עס קלויבען זיך צונויף יונגוואַרג פון דער גאַנצער שטאָדט און מע לעבט אַ גוטען טאָג. האָט זיך אָבער בעדאַרפט טרעפען אַזוי, אַז יענער יום-טוב איז אויסגעפאַלען פונקט זיבען טאָג אין שבט, דעמאָלט ווען הערשעל ראַבינאָוויטש האָט, ווי מיר ווייסען שוין, יאָהרצייט נאָך זיין מאַמע, און וואָס וועגען דעם יאָהרצייט האָט איהם זיין ברודער אברהם-לייב אָנגעדולט אַ קאָפּ כמעט אין יעדען בריעף. דעם יאָהרצייט נאָך דער מאַמע, וואָס איז שוין דריי יאָהר טויט, האָט ער נאָך ניט דורכגעלאָזען איין מאָל, ער זאָל ניט געהן אין שול אריין קדיש זאָגען. נישט מחמת פרומקייט, נאָר ווייל ער האָט דעם טאַטען דאָס וואָרט געגעבען און ווייל ער האָט די מאַמע זעהר ליעב געהאַט. זי איז געווען די איינציגע, נאָך וועלכע ער האָט באמת גע-בענקט און צוליעב וועלכע אייגענטליך ער פלעגט אַהיימפאָהרען אַלע יאָהר אויף וואַקאַציעס. אַ מאָדנע ליעבשאַפט איז געווען צווישען זוהן און מוטער, אַ ריהרענדע איבערגעבענקייט. געקומען אַהיים, איז ער ניט אָפּגעטראָטען פון דער מאַמע, געוואָלט איהר אפנים פערגיטיגען פאַר דער גרויסער עבירה, וואָס ער איז אַמאָל אַנטלאָפען פון דער היים זיך לערנען, וועלכעס האָט די אָרימע מאַמע פאַר דער צייט גרוי און אַלט געמאַכט. זי האָט דאָס גאָר ניט געקאָנט פערשטעהן, ווי איז דאָס מעגליך, אַז איהר קינד, איהר הערשעל, זאָל אַזעלכעס טון, זיך אויפ-הויבען און אַוועקפליהען, ווי אַ פייגעלע, ניט זאָגען דער מאַמע קיין וואָרט אפילו וועגען דעם? פירגעהאַלטען האָט זי איהם דערנאָך קיינ-מאָל ניט. נאָר ער האָט אַליין געזעהען און פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ פערברעכען ער איז קעגען איהר בעגאַנגען און האָט געוואָלט פער-גלעטען זיינע זינד — און דאָס איז איהם געראָטען: די מאַמע האָט איהם מוחל געווען באַלד נאָך זיין ערשטען קומען צו פאָהרען אַהיים. זי האָט דאָס איהם פערשפאָרט זאָגען — איבערהויפּט איז צווישען זיי קיין סך רייד נישט געווען — צו וואָס רעדען? ער האָט דאָס דען נישט אַרויסגעזעהען נאָך איהר שמייכלענדיגען פנים און נאָך איהרע נאַסע אויגען? דעריבער איז ביי איהם נאָך מעהר טייער געווען דער מאַמעס צוואה, וואָס זי האָט איהם אָנגעזאָגט דורכ'ן טאַטען, — זי האָט געוואוסט, אַז זי שטאַרבט — אַז איהר הערשעל זאָל געבען „די האַנד תקיעת כף", אַז ער וועט זאָגען נאָך איהר קדיש...

נאָך מיט עטליכע טעג פריהער פאַר׳ן יאָהרצייט האָט ער זיך געפעדערט, בגנבה אַריינגעחאַפּט זיך אין שוהל אַריין, זיך גוט פער־שטעלט מיט׳ן קאָלנער, טאָמער חלילה בעגעגנט ער זיך מיט אַ יודי־שען סטודענט, וואָס קען איהם, און אָפּגערעדט מיט׳ן שמש, אַז דעם און דעם טאָג האָט ער יאָהרצייט, על כּן זאָל ער שטעלען אַ ליכט, צוגרייטען אַ מנין — אַלסדינג ווי עס געהער צו זיין. בעת מעשה האָט איהם געקלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דער שמש, אַ קורצער יוד מיט רויטע געשוואָלענע באַקען און מיט אַ ווייסען, לאַנגען באָרד, וואָס זעהט אויס ווי אַ גנאָם, פון יענע קליינע מענשעלעך, וואָס דיענען אַלס דעקאָראַציעס אין אַ גאָרטען, קוקט אויף איהם מאָדנע מיט פערדאַכט, ווי אויף אַ משומד אָדער אויף אַ גר, נאָר יעדענפאַלס נישט ווי אויף אַ יודען...

— ווער זייט איהר, וואו געפינט איהר זיך און נאָך וועמען האָט איהר יאָהרצייט? — מאַכט צו איהם דאָס קורצע שמש׳ל מיט׳ן לאַנגען באָרד, האַלט דעם קאָפּ אויף אַ זייט און פערקוקט צו איהם פון אונ־טען אַרויף.

— וואָס געהט אייך אָן? — ענטפערט איהם פּאָפּאָוו־ראַבינאָוויטש מיט פערדראָס און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, צי זיי זענען דאָ אַליין...

— איהר ווילט ניט זאָגען, דאַרף מען ניט! — טוט דער שמש דער גנאָם אַ מאַך מיט די הענד און אַ טרייסעל מיט׳ן באָרד און חאַפּט זיך פערשליסען די שוהל מיט אַזאַ איין אימפּעט, גלייך ווי אינ׳ם צוויי־טען הויז ברענט.

היינט געהט ריכט זיך אויף אַזאַ שלאַק, אַז אַקוראַט אינ׳ם טאָג פון זיין יאָהרצייט וועט אויספאַלען „טאַטיאַנעס יום־טוב" און סאַשען וועט זיך פערגלוסטען שיקען רופען דוקא איהם, דעם רוסישען רעפּע־טיטאָר גריגאָרי איוואַנאָוויטש, און געבען צו וויסען, אַז אין דעם טאָג מאַכען זיי אַ גרויסען אַרויספאָהר מיט׳ן גאַנצען קנאַק.

אומזיסט האָט זיך נעבאַך גריגאָרי איוואַנאָוויטש געוואָלט אַרויס־דרעהען, געשוואָרען, אַז ער קען ניט. אומזיסט אויסגעזוכט אַ תירוץ, אַז אַזוי ווי „טאַטיאַנעס טאָג" איז אַ אוניווערסיטעט־יום־טוב, דעריבער קען ער ניט אָפּשטעהן פון חברים סטודענטען. סאַשאַ האָט נישט געוואָלט הערען קיין שום תירוצים. מיט איהר קליין הענטעל האָט זי איהם פערשטעלט דאָס מויל, „ער זאָל גאָר אפילו ניט רעדען" — און בעת

מעשה אַזוי געקוקט אויף איהם און אַזוי געלאַכט, אַז ער האָט פערגעסען דעם יאָהרצייט, דעם תקיעת כף, די מאַמע פון יענער וועלט, דעם טאַטען אויף דער וועלט, און אפילו אָן זיך אַליין האָט ער פערגעסען, און פערשטעהט זיך, אַז ער האָט זיך באַלד אונטערגעגעבען.

נאָר נישט דאָס איז דער עיקר המעשה. דער עיקר איז, וואָס אין דערזעלבער צייט, וואָס סאַשאַ האָט איבער איהם גע׳טענה׳ט און צוגערעדט, ער זאָל ניט אָפּשטעהן פון זייער קאָמפּאַניע, האָט איינער, גאָר מן הצד, אַרויסגעחאַפּט זיך מיט אַ באַנאַל וואָרט, מיט אַ וויץ, יועלכער ווערט אייגענטליך גאַנץ אָפט בענוצט אין דער רוסישער געזעלשאַפט און האָט נישט אין זיך קיין שום וואונק אויף עמיצען צו בעליידיגען.

דער וויץ איז געווען אַ פוילער וויץ: „צוליעב אַ קאָמפּאַניע האָט זיך אַ יוד אויפגעהאַנגען” („ראַדי קאָמפּאַניאי זשיד פּאָוועסילסיאַ”).

דער גאַנצער עולם האָט זיך פון דעם וויץ צולאַכט און אונזער העלד איז פערקיהלט געוואָרען דאָס בלוט און אָט איבער וואָס: ערשטענס דאָס וואָרט „זשיד” אַליין, וואָס די פיינליכקייט פון דעם קאָן פערשטעהן נאָר אַ יוד. דאָס דאָזיגע וואָרט מעג אַרויסגעזאָגט ווערען פונ׳ם בעסטען גוי און גאָר אין גוטען מוט, פיהלט זיך אויך אין דעם אַ טיעפע בעליידיגונג דורך דעם, וואָס דערמיט ווערט ניט ווילענדיג אַרויסגעטייטשט, אַז איהר געהערט צו אַ נידעריגערער ראַסע... און צווייטענס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דער, וואָס האָט עס געזאָגט, האָט געהאַט דערביי אַ מיין... און געזאָגט האָט דאָס זיינער אַ שונא, דער איינציגער שונא זיינער אין דער דאָזיגער שטוב, וואָס האָט זיך בעוויזען דאָ באַלד אויפ׳ן אַנדערען טאָג נאָך סאַשאַס קומען צו פאָהרען אַהיים.

דאָס איז געווען גאָר גאָך אַ יונגער אָפּיצער, אַ פאַרשוין ניט קיין אַבי-ווער. אַ גרויסער מיוחס, אַ קניאַז, מיט אַ צווייענדיגען נאָמען ע־־יי-ניעפּיאַטאָוו, נאָר גערופען האָט מען איהם דאָ נישט קניאַז, נאָר „פּיער”, פערקירצט פון פּיאָטר מיכאַילאָוויטש. עס איז שווער צו זאָגען פאַרוואָס, נאָר אָט דער פּיער האָט אויף אונזער העלד געמאַכט דעם ערגסטען אַיינדרוק. איהם איז ניט געפעלען ניט דאָס האַלטען זיך פון דעם דאָזיגען „אָפּיצערל” אויסגעצויגען ווי אַ סטרונקעלע, ניט

זיין צוקעמטער וויסער שרינט אין מיטען קאָפּ, ניט זיינע רויטינקע פרישינקע גלאַטינקע בעקעלעך, ניט זיינע קליינינקע שפּיצעכיגע וואָנ-סעלעך, ניט זיינע שטענדיגע שמייכלענדיגע אויגעלעך. אויך זיין שפּראַך איז איהם ניט געפעלען, חאָטש פּיערס אויסשפּראַך איז געווען דאָס רייגסטע רוסיש, נאָר איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלסדינג, וואָס פּיער רעדט, איז געקינצעלט, באַנאַל און פלאַטשיג, און וואָס פּאַר אַ חכמה ער זאָל ניט אַרויסלאָזען פון זיין מויל, מוז זי עקלען. אפשר האָט עס זיך גענומען דערפון, וואָס צו דעם פּיער'ן האָט זיך די גאַנ-צע שטוב, אויסער איין סאַשען, בעצויגען ווי צו אַ זעהר געהויבענעם הויכגעשעצטען און אָנגעלעגטען גאַסט? די דיענערשאַפט איז געשטאַנען פאַר איהם מאָדנע אויסגעצויגען און אויף זיין מינדסטען קוק געלאָפען פייל אויס'ן בויגען אויף דעם קאָפּ צו ברעכען.

נאָר וואָס דעם רעפּעטיטאָר פּאָפּאָוו האָט געוואונדערט און פּיינ-ליך פּערדראָסען — איז געווען דאָס, וואָס די איידעלע, די גוטע נאַ-דיעזשדאַ פּעאָדאָראָוונאַ האָט דעם פּיער'ן אַרויסבעוויזען אַזוי פיעל רעספּעקט, אויפמערקזאַמקייט און פריינדליכקייט, ווי צו קיינעם ניט אין דער דאָזיגער שטוב. „ניט שוין-זשע איז דאָס אַ חתן?... אויב ניט שוין, וועט ער אַמאָל זיין אַ חתן... ניין, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג...”

אַזוי האָט אָפּגעפּסק'עט ביי זיך דער סטודענט פּאָפּאָוו און האָט פיינט געקריגען דעם „אָפּיצערל” שנאת מות, נישט געקאָנט אָנקוקען זיין אויסגעוואַשען און פּערברעמט פּנימ'ל, נישט געקאָנט הערען זיין הויך קול מיט זיין הילכיגען געלעכטער, וואָס האָבען איהם געעקעלט. און דאָס „אָפּיצערל” פון זיין זייט האָט אַפּנים אינסטינקטיוו („אַ האַרץ פיהלט אַ האַרץ”) אויך ניט איבעריג ליעב געהאַט דעם דאָזיגען „שוואַר-צען סטודענט”, אָדער ווי ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „וואָס-טאָטשני טשעלאָוועק” (מזרח-מענש).

מיט דעם דאָזיגען נאָמען האָט איהם „פּיער” געקרוינט דערפאַר, וואָס גריגאָרי איוואַנאָוויטש (אַלע האָבען עס געמוזט מודה זיין) האָט טאַקי זעהר אַ סימפּאַטיש אויסזעהען, נאָר ער האַט גיכער דעם אָפּ-בליק פון אַ גרוזין, פון אַנ'אַרמענער אָדער פון אַ גרעק, איידער פון אַנ'עכטען פּאָני. וואָרום ווי קומט צו אַ רוסישען אַ זעלכע אויגען מיט אַזאַ נאָז?...

— וואָס? אפשר ניט אַזוי, גריגאָרי איוואַנאָוויטש?... — מאַכט צו

איהם סאַשאַ און קוקט אויף איהם אַזוי פריינדליך און לאַכט אַזוי האַרצעדיג גוט, אַז ניט נאָר אַ גרוזין, אַנ׳אַרמענער אָדער אַ גרעק, ער זאָל האַפּען דעם אָפּבליק פון אַ רוח, וואָלט איהם אויך געוועז ניחא, אַבי „זי״ זאָל אויף איהם אַזוי קוקען און אַבי זי זאָל אַזוי לאַכען...

וואָס איהם האָט פערדראָסען איז דאָס, וואָס אויף דער המציאה, אַז ער איז אַ „וואַסטאָטשני טשעלאַוועק״, איז געפאַלען ניט קיין אַנ-דערער נאָר „פּיער״, און וואָס „פּיער״ האָט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „טשעלאַוועק״, ווי איהם האָט זיך אויסגעוויזען, מיט אַ יודישען אַקצענט— און עס האָט איהם אַ טיאָכקע געגעבען דאָס האַרץ: „ניט שוין-זשע האָט ער אַזאַ יודיש אויסזעהען? ניט שוין-זשע רעדט ער אַזאַ רוסיש, וואָס גיט זיך נאָך מיט יודיש? ניט שוין-זשע האָט דאָס „אָפּיצערל״ אויף איהם אַ מינדעסטען חשד?...״

אָט דעריבער האָט דאָס איהם אַזוי אויפגעטרייסעלט, אַז ער האָט דערהערט דאָס באַנאַלע ווערטעל און דעם נאָמען „זשיד״— דעם ער-שטען מאָל אין דער דאָזיגער שטוב. זיין מורא איז אָבער געוועזן אומ-זיסט: „פּיער״ האָט איהם אין זינען געהאַט אין דער לינקער פּיאַטע, און ווינציגער פון אַלעמען האָט „פּיער״ געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ אַ יודען, אַזוי ווי אַלע אין דער דאָזיגער שטוב — און דאָס האָט דעם געמאַכטען פּאָפּאָוו נישט ווינציגער פערדראָסען. עס איז נישט זעהר אַנגענעהם, ווען דו זעהסט, אַז יענער בעמערקט דיך ניט, אַז יענער טראַכט גאָר-ניט וועגען דיר, גלייך ווי דו וואָלסט גאָר אויף דער וועלט ניט גע-וועזן... איהם האָט זיך, אדרבה, זעהר געוואָלט וויסען, וואָס פאַר אַ מיינונג איז מען וועגען אַ יודען דווקא אָט דאָ, אין דער דאָזיגער שטוב? און נאָך מעהר אינטערעסאַנט וואָלט געווען צו וויסען, וואָס פאַר אַ מיינונג האָט וועגען דעם „זי״ — סאַשאַ?... אַליין נעמען און בעריהרען דעם דאָזיגען ענין האָט ער ניט געוואָלט — צו אַנ׳איידעלע מאַטעריע... נאָר שטעהן פון דער ווייטען ווי אַ זייטיגער מענש און הערען, וואָס זאָגען „זיי״ — דערויף וואָלט ער זעהר און זעהר אַ בעלן געוועזן. איז אָבער ווי אויף צו להכעיס דאָ קיינמאָל דערפון קיין רייד נישט געווען. ביז דער צופאַל אַליין האָט מיטגעבראַכט דערצו, — און דעמאָלט ערשט האָט ער געהאַט אַ גוטע געלעגענהייט זיך צו איבערצײ-גען, ווי מע קוקט דאָ אויף אונז, וואָס מע דענקט וועגען אונז און וואָס פאַר אַ וואָרט ביי זיי האָט אָט דער מין מענש, ווען מען גאָט האָט

אויסדערוועהלט און געבענשט מיט'ן נאָמען „יוד”... דערווייל האָט ער געקאָנט אומגעשטערט, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס אין איינעם פון ווינע בריעף צו זיין חבר, דעם אמת'ען פּאָפּאָוו: „טרינקען פון יענעם ויסען כוס, וואָס ווערט אָנגערופען לעבען”...

גוט איז, זאָגט מען, אַ חיי-שעה.

## דאָס נײַנאונזיבעציגסטע קאַפּיטעל.

## די בת-מלכּה.

מיט סאַשאַס אָפּפאָהרען האָבען זיך געענדיגט אַלע ימים-טובים און עס האָבען אַײנגעטראָטען די פריהערדיגע געוועהנליכע וואָכעדי-גע טעג.

אמת, דאָס לעבען האָט זיך ניט שטאַרק איבערגעאַנדערשט. די אײגענע שטוב וואָס פריהער — אַ שטוב פון כּל טוב, און דער אײגענער טיש — אַ טיש פול מיט מענשען, — אַלץ אַזוי ווי פריהער. עס איז שוין אָבער ניט געווען די לעבעדיגקייט וואָס פריהער. עס האָט זיך געפיהלט, אַז עפּעס פעהלט, אַז עמיצער געהט אָפּ.

דער „עמיצער" איז געווען סאַשאַ.

פונדעסטוועגען איז בײַ איהר אָפּפאָהרען (אונזער פּאָפּאָוו-ראַבינאָ-וויטש האָט דאָס גוט בעמערקט) נישט פערגאָסען געוואָרען קײן טרעהר. קײנער האָט ניט אַרויסגעלאָזט אפילו קײן זיפץ. און אויב עמיצער אין דער דאָזיגער שטוב איז יאָ אַרומגעגאַנגען אַ צומישטער, זיך קײן אָרט נישט געקאָנט געפינען — איז דאָס געווען נישט קײן אַנדערער, נאָר „גליוק".

עס איז געווען באמת אַ גאָטס רחמנות אַ קוק צו טון אויף דעם דאָזיגען הונט! פאַר גרויס צרות האָט ער זיך פערקליבען צום רוסי-שען רעפעטיטאָר אין חדר אַרײַן און דאָרט האָט ער זיך אויסגעצויגען אויף אַלע פיער, געקוקט איהם אין די אויגען אַרײַן פול מיט בענקע-ניש. „נישטאָ זי... ווידער אַ מאָל נישטאָ!..." — האָט זיך דער הונט גע-קלאָגט פאַר'ן יודען אָהן ווערטער, און דער יוד, וואָס האָט שוין מעהר קײן ברעקעל מורא נישט געהאַט פאַר'ן הונט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו איהם, געשענקט אַ גלעט מיט דער האַנד איבער דער וואַרימער גלאַ-

טער שטאָל-קאָלירענער פּעל, גלייך ווי ער וואָלט אי... וועלען טרייסטען: „איך פיהל דיר מיט, גליוק, איך ווייס, נאָך וועמען דו בענקסט... גישקשה, פאַרהאַן נאָך עמיצער, וואָס בענקט אָט דאָ אין דער דאָזיגער שטוב...״

אין זכרון לעבט איבער אונזער הערשעל פּאָפּאָוו נאָך אַ מאָל אַלע יענע גליקליכע מאָמענטען פון די לעצטע פּאָר וואָכען, וואָס זענען איבערגעפלויגען פאַר איהם אַזוי ווי אַ חלום, אַזוי ווי אַ שענע מעשה, איינע פון יענע שענע כשופ׳דיגע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין זיינע יונגעלשע יאָהרען, נאָך אַז ער האָט געלערנט אין חדר. דאָס זענען מעשיות, וואָס מען ווייס ניט, וועמענס פאַנטאַזיעס האָט זיי בעשאַפען און פון וואַנען זיי האָבען זיך גענומען. אפשר טאַקי דאָ אין דעם פינסטערען חדר זענען זיי געבוירען געוואָרען? דערצעהלט ווערען זיי געוועהנליך אין דער צייט פון בין מנחה למעריב, ווען דער רבי איז אין שוהל, און אין חדר איז שטאָק-פינסטער, חאָטש נעם זיך אַרויס אַנ׳אויג, און חדר-יונגלעך האָבען זיך צונויפגעשלאָגען אַלע אין איין ווינקעלע, ווי די שעפּעלעך, און מע האָרכט צו מיט קאָפּ, און איינער אַ יונגעל, אַנ׳עלטערער, מיט גרויסע פערטראַכטע אויגען, הויבט אָן שטיל און גלאַט, ווי אַ לויפענדיג וואַסער:

— וואָס-זשע פאַר אַ מעשה, ווילט איהר, זאָל איך אייך היינט דערצעהלען, קינדער? אויב איהר וועט מיך בעטען, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ בת-מלכה פונ׳ם לאַנד פון „אופיר״. דאָס לאַנד פון „אופיר״ דאַרף אייך זיין בעקאַנט פון פסוק. דאָס לאַנד איז אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך העט-העט אויף יענער זייט סמבטיון, אַזש הינטער די הרי-חשך. דאָרט איז, ווי איהר ווייסט, פערבליבען די רעשט פון די עשרת השבטים, וואָס גאָט האָט זיי געבענשט מיט אַ ברכה, זיי זאָלען קיינמאָל נישט קראַנק זיין אויף קיין אבר, און זיי זאָלען נישט וויסען פון קיין שום צרות, גזירות, דאגות-פרנסה און נאָך אַזעלכע זאַכען. דעריבער זענען זיי דאָרט אַלע גבורים, און געלד וואַלגערט זיך ביי זיי ווי מיסט; די גאַסען זענען אויסגעפלאַסטערט מיט די טייערסטע שטיינער, וואָס הייסען כדכוד; און אויף פערל וויל דאָרט קיינער נישט קוקען אפילו, וואָרום זיי שטעהען סטערדעסווייז, אַזוי ווי ביי אונז היי. דערווייל האָט זיך געטראָפען אַ מעשה: געווען ביי זיי אַ מלך פונ׳ם שבט לוי, איז ער געשטאָרבען און איבערגעלאָזט נאָך זיך צוויי זיהן מיט איין טאָכטער אַ גרויסע יפת-תואר. האָבען זיך די זיהן

נישט געקאָנט איינטיילען מיט דער ירושה, ביידע האָבען געוואָלט אַרויף אויף דער שטוהל געוועלטיגען. האָבען זיי אַ לאַנגע צייט מלחמה געהאַלטען צווישען זיך, פערגאָסען בלוט אָהן אַ שיעור. האָבען זיך מיישב געווען די עשרת השבטים איינמאָל אין אַ שענעם פריהמאָרגען און האָבען געחאַפּט ביידע ברידער און געבונדען זיי הענד און פיס און אויסגערופען אויף אַ קול: „וואָס טוט מען מיט צוויי ברידער, וואָס ס'איז זיי ענג די וועלט און קאָנען זיך נישט געפינען קיין אָרט אויף דער ערד?" רופט זיך אָפּ איינער: „בעדאַרף מען זיי שיקען אויפ'ן הימעל, אפשר וועט זיי דאָרטען זיין גראָמער. לאָז מען נעמען אַ בוים פופציג איילען די הויך און לאָז מען זיי ביידע אויפהענגען". און מע האָט טאַקי אַזוי געטאָן און ס'איז געוואָרען שטיל און פון דעמאָלט אָן איז ניטאָ ביי זיי קיין מלך. וואָס-זשע טוט מען מיט זייער שוועסטער, מיט דער בת-מלכה? רופט זיך אָפּ איינער: „איהר ווייסט ניט וואָס מע טוט? לאָז מען זי נעמען און פערפיהרען ווייט-ווייט אויף אַ וויספּע אין מיטען ים און לאָז זי זיך דאָרט לעבען הונדערט און צוואַנציג יאָהר און לאָז מען ניט זאָגען אויף אונז, אַז מיר האָבען פערגאָסען אומשולדיג בלוט". און מע האָט טאַקי אַזוי געטאָן, און מע האָט גע-נומען די בת-מלכה און מע האָט זי פערפיהרט העט ווייט אויף אַ וויס-פּע אין מיטען ים, אויס■עבויט דאָרט פון זיהרעטוועגען אַ פּאַלאַץ פון סאַמע קרישטאָל מיט גינגאָלד געדעקט, איהר איבערגעלאָזט פולע שאַ-פעס מיט כל טוב — „נאַ, זיץ, עס און טרינק און לאָז דיר וואויל זיין". זיצט זי זיך דאָרט, די בת-מלכה די יפת תואר, איינע אַליין אויף דער וויספּע אין מיטען ים און וואַרט אויף איהר אויסלייזער, טאָמער וועט עמיצער אַהין פערבלאָנזען, וועט ער זי נעמען און וועט זי ברענגען צוריק אינ'ם לאַנד פון „אופיר", און דאָרט וועט ער מיט איהר שטעלען אַ חופה און וועט זיך אַוועקזעצען אויף איהר פאָטערס שטוהל און וועט געוועלטיגען אויף די עשרת השבטים. דערווייל האָט זיך געטראָפען אַ מעשה: איינער אַ תנא און אַ גרויסער בעל-מופת פון אונזערע קאַנטען איז געוואוירע געוואָרען על פי רוח הקודש פון דער עולה, וואָס די עשרת-השבטים זענען בעגאַנגען קעגען זייער מלכות, וואָס זיי האָבען אויפגעהאַנגען זיינע צוויי זיהן, און ועל כלם קעגען דער בת-מלכה די יפת-תואר, וואָס איז נעבאַך גאָט די נשמה שולדיג, האָט ער געשיקט רופען צו זיך איינעם פון די בעסטע בחורים, וואָס זיצען אין בית-המדרש און לערנען, און רופט זיך אָן צו איהם: „מה

שמך, ווי אַזוי רופט מען דיך?" זאָגט ער: „כך וכך אַזוי און אַזוי" זאָגט צו איהם דער תנא: „הער נאָר אויס, מיין קינד, וואָס איך וועל דיך פרעגען: אַ שטייגער מע זאָל דיר זאָגען: געה אויף יענער זייט סמבטיון, הינטער די הרי-חשך, אינ'ם לאַנד פון „אופיר", דאָרט איז פערבליבען די רעשט פון די עשרת השבטים און זיצען אָהן אַ מלך, גאָט געוועלטיג איבער זיי — וואָס וואָלסטו געזאָגט דערויף?" פערטראַכט זיך דער בחור און שוויגט. אַ סימן, אַז ער איז מסכים. רופט זיך אָן צו איהם דער בעל-מופת נאָך אַ מאָל: „און ווי איז דער דין, אַז מע מוז פריהער זיך אַוועקלאָזען אויפ'ן ים, דאָרט איז דאָ אַ ווינספע, און אויף דער ווינספע אַ פּאַלאַץ פון קרישטאָל מיט גינגאָלד גע'עקט, וואָס דאָרט זיצט די בת-מלכה די יפת-תואר און וואַרט אויף איהר אויסלייזער?" שוייגט ווידער דער בחור — אַ סימן, אַז ער איז דערויף אויך מסכים. רופט זיך אָן צו איהם דער בעל-מופת ווייטער: „און ווי נאָר דו ברענגסט זי צו פיהרען אינ'ם לאַנד פון „אופיר", אַזוי נעמסטו זי מיט חופה וקדושין כדת משה וישראל. וואָס ווערסטו דערויף זאָגען?" ווערט דער בחור רויט פאַר בושה, אַ סימן, אַז ער זאָגט זיך ניט אָפּ פון קיין זאַך. מאַכט צו איהם דער בעל-מופת: „אויב אַזוי, מיין קינד, נאַ דיר מיין שטעקען מיט מיין פאַטשיילע, מיט מיין פושקעלע און געה און זיי מצליח..." וואוהין צו געהן — זאָגט ער איהם ניט. און איבערפרעגען איהם וואוהין — איז ניט שייך. אַזאַ מענש אַז ער זאָגט געה — געהט מען. ובפרט אַז ער גיט איהם זיין שטעקען, מיט זיין פאַטשיילע, מיט זיין פושקעלע...

און דאָ הויבט זיך ערשט אָן די ריכטיגע מעשה, ווי אַזוי דער בחור לאָזט זיך אין וועג אַריין, און די צרות און יסורים, וואָס ער שטעהט אויס, און די בעגעגענישען, וואָס ער האָט אין וועג, און די נסים ונפלאות, וואָס עס בעווייזען זיך נאָכדעם אַרויס פונ'ם צדיק'ס שטעקען, מיט דער פאַטשיילע, מיט'ן פושקעלע, — איטליכע זאַך אין איהר צייט, געבונדען און געקייטעלט איינס מיט דאָס אַנדערע — און צו דער בת-מלכה איז נאָך אַלץ ווייט. עס זעהט אויס, אַז דאָס יונגעל מיט די פערטראַכטע אויגען, וואָס דערצעהלט די דאָזיגע שענע מעשה מיט דער בת-מלכה, וועט צו דער בת-מלכה אַזוי גיך ניט צוקומען, ער זאָל אפילו דערצעהלען אַ יאָהר כסדר — און דאָס איז זעהר אַנ'עבירה, אַט באַלד קומט אָן דער רבי, — און הערשלען ווילט זיך אַקוראַט וויסען, וואָס איז מיט'ן בחור? צי האָט ער געטראָפען צו

דער בת-מלכּה די יפת-תואר, צי ניין? איהם ווייזט זיך אויס, אַז יאָ. און זיין אייגענע פאַנטאַזיע דערמאָלט שוין דאָס איבעריגע, און ער שטעלט זיך פאָר די פּערוואָרפענע וויספּע, וואָס אין מיטען ים, און דעם קרישטאָלענעם פּאַלאַץ מיט'ן גאָלדענעם דאַך, און די בת-מלכּה די יפת-תואר מאָלט זיך אויס אין זיין כּח-הדמיון מיט אַלע פּיטשעווקעס אַזוי שאַרף און אַזוי בולט, אַז ער קען זי, דאַכט זיך, אויסגעבונדען, אַזוי ווי ער קען זיך אַליין. ער ווייס אפילו, וואָסערע אויגען זי האָט, וואָסערע האָר, און ווי זי געהט אָנגעטאָן, און אפילו וואָס פאַר אַ קול זי האָט, און ווי אַזוי זי רעדט, און ווי אַזוי זי לאַכט, — אַלסדינג, אַלסדינג... און ער שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס איז ער אַליין טאַקי, אָט איינער בחור, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפזוכען די בת-מלכּה די יפת-תואר, און אָט ער אַליין איז דאָס טאַקי איהר בעשערטער און זי איז דאָס זיין בעשערטע, און אַז ער פאָהרט מיט איהר איבערן ים צוריק אינ'ם לאַנד פון „אופיר", און אַז ער קומט אַהין בשלום, שטעלט ער מיט איהר אַ חופּה כּדת משה וישראל... און אָט וואָס איהם איבעראַשט אין דער דאָזיגער מעשה: איהם איבעראַשט, וואָס די בת-מלכּה די יפת-תואר, וועלכע ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דער מחשבה, איז איהם געקומען איצט פאַר די אויגען אַ לעבעדיגע, אַ רעאַלע — אינ'ם געשטאַלט פון סאַשען...

דער דאָזיגער פאַקט, אַז ער האָט דאָס מיידעל געקענט נאָך איידער ער האָט זי געזעהען, מאַכט איהם שיער משוגע און ער ווערט אַ פאַטאַליסט און ער הויבט אָן צו גלויבען אין אַלע גרעסטע אונמעגליכקייטען, און ער דערלאָזט זיין פאַנטאַזיע, זי זאָל איהם אויפהויבען העכער און העכער און פליהען מיט איהם כּמעט ביז'ן זיבעטען הימעל און מאָלען זיך די שענסטע און ליכטיגסטע בילדער, וואָס קענען נאָר געמאָלט זיין אויף דער וועלט... און ער פרעגט ביי זיך אַליין: „נישט שוין-זשע וועט מקוים ווערען דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל, שוין לאַנג, געזעהען אין חלום? נישט שוין-זשע איז דאָס מעגליך אויף דער וואָהר?"... נאָר ניין. ער וויל דערפון איצט ניט קלערען. ער וויל גאָר ניט וויסען, וואָס עס קאָן זיין, וואָס עס וועט זיין, ער איז צופרידען מיט דעם, וואָס איז געווען.

וואָס-זשע איז געווען? אָט וואָס ס'איז געווען.

* *

*

ס'איז געווען אַנ'אָווענד. מען האָט געשפּיעלט אין פֿאַנדען. ס'איז איהם אויסגעקומען צו זיצען ווייט אין סאַמע עק זאַל. נישט אַליין. אין צווייען איז ער געזעסען — מיט סאַשען — אַ שטוהל נעבען אַ שטוהל. און דאָרט, אין צווייטען זאַל, איז געזעסען דער גאַנצער איבעריגער עולם. מע האָט געשפּיעלט אין פֿאַנדען. דעם ערשטען מאָל, אַז ער זיצט נעבען איהר אַזוי נאָהענט. ער האָט געהערט איהר אָטעם. ער האָט געפֿיהלט איהר ריח. נאָר ער איז געזעסען ווי ווייט מעגליך רוהיג: „וואָס געהט איהם אָן, וואָס זי זיצט נעבען איהם אַזוי נאָהענט? ס'איז דאָך מעהר ניט ווי אַ שפּיעל, אַ פֿאַנדען-שפּיעל"...

— גריגאָרי איוואַנאָוויטש, וואָס זענט איהר אַזוי אָנגעחמורעט? איך האָב ניט ליעב אָנגעחמורעטע, איך האָב ליעב, אַז מע איז פֿריילִיך.

דאָס האָט געזאָגט צו איהם סאַשאַ איינפֿאַך, אָהן אַ שום איראָניע, אָהן אַ ברעקעל קאָקעטעריי, נאָר פּשוט, ווײַל סאַשאַ האָט טאַקי ליעב, אַז מע איז פֿריילִיך.

— איהר טראָגט עפּעס אויף דער נשמה, — זאָגט זי צו איהם ווייטער ערנסט און בעשענקט איהם מיט אַ קוק פֿון איהרע שענע אויגען, פֿאַר וועלכען ער איז גרייט צו שטאַרבען יעדע מינוט. נאָר ער האַלט זיך ווי אַ גבור. „פֿון וואַנען נעמט זי דאָס, אַז ער טראָגט עפּעס אויף דער נשמה?" — פֿון וואַנען? ניט שוין-זשע ווייסט ער נאָך ניט, וואָס פֿאַר אַ בריה זי איז צו לייענען יענעמס געדאַנקען, ווי פֿון אַ בוך? — ענטפֿערט איהם סאַשאַ הויך אויף אַ קול, בייגט זיך אַריבער איבערן שטוהל און צולאַכט זיך מיט איהר פֿריילִיך הילכיגען געלעכטער, פֿון וועלכען עס ווערט אי גוט, אי אומעטיג אויפֿ'ן האַרצען, פֿון וועלכען עס גלוסט זיך אי לאַכען, אי וויינען, וואָרום אַז ער וויל, איז דאָס גלאַט אַ געלעכטער פֿון גוטמוט, פֿון פֿולען האַרצען, און אַז ער וויל, הערט זיך אין דעם געלעכטער עפּעס אַנדערש... פֿון וואַנען ווייס ער, אַז דאָ שמעקט ניט אַ ווּעלען אָפּשפּעטען, אַ חוזק מאַכען?... נאָר ניין, לאָז זי לאַכען. לאָז זי לאַכען!...

און נאָך:

עס איז געווען אַ נאַכט, אַ קאַלטע, אַ שנייאיגע ווינטער-נאַכט. די שטאָדט האָט זיך אַיינגעהילט אין ווייסען. די משפּחה באַרדאָ-בראַדאָוו-

סקי איז געגאַנגען פון טעאַטער. געגאַנגען, ניט געפאָהרען — ס'איז שוין נמאס געוואָרען דאָס שליטלען זיך. אין טעאַטער איז מען געזעסען אין דריי לאָזשעס. אין איין לאָזשע דער פאָטער מיט דער מוטער מיט דער טאָכטער און מיט „פיערן", אין די איבעריגע צוויי לאָזשעס — דער לעהרער-פערסאָנאַל און גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש אויך בתוכם. נאָר זיין נשמה איז געווען דאָרט, אין דער ערשטער לאָזשע. ער האָט געליטען חבוט-הקבר ניט אַזוי פון דעם, וואָס ער איז דאָרט ניטאָ, ווי פון דעם, וואָס דאָרט זיצט דאָס „אָפּיצערל", וועלכען ער קאָן אַזוי ניט אָנקוקען. ער האָט קוים דערלעבט דעם סוף און איז געווען גליקליך, וואָס דער „פיער" האָט זיך אָפּגעזעגענט און איז אַוועק מיט אַ קאָמפּאַניע אָפּיצערען אין קלוב, און די משפחה באַרדאָ-בראַדאָוו-סקי האָט אָפּגעשיקט די פערד אַהיים און געלאָזט זיך צו-פוס איבערן האַרטען סקריפּענדיגען שניי פאַרלעכווייז. פאָרנט זענען געגאַנגען, איינ-געהילט אין סויבלען, פעאָקטיסט פעדאָסייאיטש מיט זיין נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ, דערנאָך די לעהרערס מיט די לעהרערינס, די פריילינס מיט די גובערנאַנטינס, און גאַנץ הינטען סאַשאַ מיט'ן רוסישען רעפּע-טיטאָר. סאַשאַ האָט געהאַלטען אין איין רעדען און אין איין לאַכען, און דער רעפּעטיטאָר האָט מעהר געהערט און געשוויגען.

— ווי געפעלט אייך דער קניאַז? — טוט איהם פּלוצים אַ חאַפּ סאַ-שאַ, ווי איהר שטייגער איז, איבערגעהענדיג פונ'ם גרעסטען געלעכטער צום גרעסטען ערנסט.

— וואָסער קניאַז?

סאַשאַ האָט אויפגעהויבען די אויגען אויף איהם און אַזש אָפּ-געשטעלט זיך אויף אַ ווייל'ע... נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט איינער פון די פאָראויסגעהענדיגע און דער שמועס איז איבערגעריסען גע-וואָרען...

„איז פיער, הייסט עס, אַ קניאַז? ער זאָל עס אָנהויבען צו ווי-סען... אַצינד זענען איהם שוין פערענטפערט אַ סך — אַ סך זאַכען"... און זיין פאַנטאַזיע האַפּט איהם אויף און ער מאָלט זיך אַ בילד, אַ געוועהנ-ליכעס בילד פון דעם, וואָס ווערט אָנגערופען „מעשים בכל יום", אַ געוועהנליכע געשיכטע, וואָס מע קאָן איבערגעבען אין דריי ווערטער: די עלטערן האָבען ליעב זייער טאָכטער, זיי ווילען זי זעהען וואָס גליקליכער, על-כן בעדאַרף מען זי פערשלייערן פאַר אַנ'אָפּיצערל אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, דערפאַר ווייל ער איז אַ מיוחס, אַ קניאַז... אַי

טאָמער איז איהר האַרץ גאָר נישט צום קניאַז — דאָס ווילען די עלטערן ניט וויסען... אַזוי איז דאָס געווען פון קדמונים און אַזוי וועט דאָס נאָך לאַנג זיין... אַנ׳אַלטעס פּראָבלעם, אַלט ווי די וועלט! . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין דערזעלבער נאַכט האָט דער געמאַכטער פּאָפּאָוו געשריבען אַ בריעף צו זיין חבר, צום אמת׳ען פּאָפּאָוו, און אויסגעגאָסען פאַר איהם זיין נשמה, ווי אַלע מאָל, ווען דאָס האַרץ איז איהם געווען פול. נישט גלייך האָט ער איהם געשריבען און נישט אָנגערופען קיין נעמען גע-וועהנליך (גרישאַ פּאָפּאָוו צו איהם פון זיין ראָמאַן האָט אויך געשרי-בען האַלבע ווערטער). ער האָט זיך איהם נאָר מודה געווען, אַז איצט זעהט ער אַרויס, אַז ער איז געווען אַ נאַר, אַז ער האָט געקאָנט איהם, גרישען, זאָגען מוסר, למאי ער שפּיעלט זיך מיט פייער, למאי ער איז פערקאָכט ניט אין זיין גלייכען... איצט זעהט ער, ווי נאַריש דאָס איז, אַז דער קאָפּ נעמט זיך דיקטירען דעם האַרץ און אַז דער שכל וויל גובר זיין די נשמה... און לאָזען לאָזט ער אויס דעם בריעף אַזוי:

„— — — געדענקסטו, גרישאַ, איך האָב דיר אַמאָל געהאַט דערצעהלט „וועגען אַ בת-מלכה אַ יפת-תואר, וואָס איך האָב געקענט און וואָס האָט „געוועלטיגט איבער מיר יאָהרענלאַנג, חאָטש איך האָב זי קיינמאָל „נישט געזעהען? נו, האָב איך מיך דערקענט מיט איהר איצט אויף „דער וואָהר... און ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען, גרישאַ? „דאָס לעבען איז גאָר ניט אַזוי מיאוס, ווי עס האָט זיך מיר פאָרגע-„שטעלט ביז אַהער, און אַז ס׳איז כדאי, וואָס מע לעבט אויף דער „וועלט, כ׳לעבען ס׳איז כדאי, ס׳איז כדאי, ס׳איז כדאי!...“

## דאָס אַכציגסטע קאַפּיטעל.

## זיינע אַקציעס שטייגען.

דער ווינטער האָט זיך דעם יאָהר אָוועקגעשטעלט אַ קאַלטער ווינטער און אַ לאַנגער, לענגער ווי אַלע יאָהר — און דאָך איז די צייט נישט געשטאַנען, וואָכען זענען געגאַנגען און דער טאָג-לוח, פּערלירענדיג אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל, האָט זיך צוגערוקט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו פּסח צו.

די משפּחה באַרדאָ-בראַדאָווסקי האָט אָפּגעצעהלט די זיבען וואָכען פוּנ'ם גרויסען תענית און האָבען אַלע מיט'ן גאַנצען פּערסאָנאַל און מיט אַלע דיענסטען זיך מתודה געווען (געהאָוועיעט), ווי עס פיהרט זיך ביי פּראַוואָסלאַוונע רוסישע לייט. נאָר איינער אין דער דאָזיגער שטוב האָט דאָס דורכגעלאָזט פאַרביי. דאָס איז געווען דער רוסישער רעפּעטיטאָר גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, אייגענטליך דער יוד ראַבינאָוויטש, וואָס האָט זיך פון דער דאָזיגער רעליגיעזער צערעמאָניע גליקליך אַרויסגעדרעהט נאָר אַדאַנק דעם, וואָס איהם איז דאָ געגאַנגען, ווי ס'רעדט זיך, דורך טיר און דורך טויער. ער האָט גאָר אַליין אַזוי פיעל ניט געוואוסט, ווי הויך זיינע אַקציעס שטעהען אין דעם דאָזיגען הויז. אויסער דעם, וואָס ער איז דאָ אַלעמען געפעלען, אויסגענומען ביי יעדען בעזונדער, פון'ם קלענסטען ביז'ן גרעסטען („ס'איז ועלטען צווישען היינטיגע סטודענטען אַזאַ יונגערמאַן" — האָט פּעאָקטיסט פּעדאָסייאיטש געזאָגט, „אַזאַ סימפּאַטישער יונגערמאַן" — האָט נאַדיעזשדאַ פּעאָדאָראָוונאַ צוגעלעגט) — אויסער דעם האָט איהם דאָס גליק אַזוי געשפּיעלט, אַז פּעאָקטיסט פּעדאָסייאיטש האָט זיך בעדאַרפט בעגעגענען ערגיץ אויף אַ באַל מיט'ן רעקטאָר פון אוניווערסיטעט און איהם דאַנקען פאַר'ן רעפּעטיטאָר, וואָס ער האָט איהם צוגעשיקט.

— אַ פיינער יונגערמאַן, זעהר אַ פיינער. איך בין צופרידען. זעהר צופרידען! — און פעאָקטיסט פעדאָסייאיטש האָט איהם וואַרים געקוועטשט די האַנד. און דער רעקטאָר איז צוגאַנגגען פאַר תענוג, וואָס ס'איז איהם געראָטען אָפּצודיענען אַ גוטען פריינד.

— איהר האָט אַ גוטען חוש-הריח. איהר זעגט אַ מבין אויף אַ מענשען, — האָט איהם באַרדאָ-בראַדאָווסקי געשענקט אַ קאָמפּלימענט און נאָך אַמאָל אַ קוועטש געגעבען איהם די האַנד און געוואָלט שוין אָפּגעזעגענען זיך מיט איהם, איז אָבער דער רעקטאָר געווען אַזוי געריהרט פונ'ם קאָמפּלימענט, אַז ער האָט איהם גענומען אונטער-דער האַנד, אַ ביסעל צוגעבויגען איהם צו זיך און מיט אַ שמייכעל, וואָס האָט זיך צוגאָסען איבער ביידע באַקענבאַרדען, אַ פרעג געגעבען:

— ווייסט איהר אָבער, ווער דער סטודענט איז?

— ווער?

— איך וועל אייך זאָגען ווער, נאָר מיט אַ תנאי: איהר וועט מיר געבען אייער וואָרט, אַז צווישען אונז וועט עס בלייבען... איך אַליין האָב אויך געגעבען מיין וואָרט, אַז... ס'איז פערשטעהט איהר מיך, אַ קאַפּריז, אַ וועטע... אַ סוד, אַ פאַמיליען-סוד... און שמייכלענדיג ניט נאָר מיט די באַקענבאַרדען, נאָר מיט'ן גאַנצען פּנים, און רעדענדיג שטיל, האָט דער רעקטאָר אויסגעליידיגט אַ פרעמדען סוד און ביים צושיידען זיך דערמאַנט נאָך אַ מאָל, אַז צווישען זיי בעדאַרף עס בלייבען, וואָרום ער האָט געגעבען דאָס וואָרט, „און אַ וואָרט דאַרף מען האַלטען".

פערשטעהט זיך, אַז פעאָקטיסט פעדאָכייאיטש האָט דעם סוד נישט דערצעהלט קיינעם אויסער זיין ווייב, און נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט דאָס נאָכדעם איבערגעגעבען בסוד דער טאָכטער, און די טאָכטער דעם קניאַז, און דער קניאַז האָט דאָס איבערגעגעבען גאַנץ הויך אין קלוב פאַר זיינע חברים די אָפיצערען און אויסגעלאָזט אַזוי:

— ווען נישט דאָס, וואָלט איך זיך וועטען, שטעלען טויזענד פאַר איינעם, אַז ער איז אַ „זשיד"... געה טרעף, אַז דאָס איז אַנ'עכטער פּאָפּאָוו, פון די פּאָפּאָווס, וועלכע...

— שפּיעלט ער אין באַקאַראַ? —

— וועלכער רוח!

— אויב אַזוי שיק איהם אָפּ צום...

* *
*

פּאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש האָט קיין טעות נישט געהאַט, וואָס דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז דער קניאַז („פּיער") — דאָס איז אַ חתן. אַלע אין דער דאָזיגער שטוב האָבען עס געוואוסט, נאָר קיינער האָט דערפון נישט גערעדט. און אויב מע האָט גערעדט דערפון, איז סיי-דען בסוד סודות, אי דאָס ניט די יונגעלייט, נאָר זייערע פּאָטער און מוטער, וואָס האָבען געוואָלט דעם שדוך. און מעהר פון אַלע האָט גע-וואָלט „פּיערס" פּאָטער, דער אַלטער קניאַז, דער גענעראַל-לייטענאַנט שירייִ-ניעפּיאַטאָוו, מיכאַיל אַנדרעאיטש, נאָך גאָר אַ בראַווער קאַוואַליער מיט שפּאָרען און מיט געדיכטע גרויע וואָנסעס, און זיין אַלטיטשקע יוליאַ וולאַדימיראָוונאַ, אַנ'אַלטע חורבה און אַ רוחניות, הערט ניט די וועלט און רעדט דורך אַ טרייבעל.

די צוויי אַלטע לייט האָבען ליעב געהאַט סאַשען, ממש אויסגע-גאַנגען נאָך איהרע טריט און נישט געהאַט קיין גרעסערען וואונש, ווי האָבען זי פאַר זייער „פּיער'ן" פּאַר אַ כלה. פערשטעהט זיך, ניט אַזוי גיך: סאַשאַ איז נאָך צו-יונג און „פּיער" דאַרף נאָך מאַכען זיין קאַריערע — און ער ווערט זי אם ירצה שם מאַכען. דערווייל בעדאַרף מען זעהען, אַז די קינדער זאָלען זיך נעהענטער בעקענען און צוליעב דעם, ווי נאָר סאַשאַ קומט אַהיים אויף אַ יום-טוב, שרייבט אויס דער אַלטער קניאַז אויך „פּיער'ן" פון שטאַב, ער זאָל אַ ביסעל זיך „אויסרו-העַן". און חאָטש „פּיער'ן" גלוסט זיך ניט אַזוי שטאַרק שלעפּען זיך אַהיים (אין שטאַב איז אַ סך פריילּיכער), נאָר אַז דער פּאָטער הייסט — דאַרף מען פּאָלגען. „פּיער" איז טאַקי אַ בן-יחיד און אַ ציטעריגער, אָבער נאָר ביי דער מאַמע. דער טאַטע איז אַ שטרענגער גענעראַל פון אַלטען שניט און האַלט פון דיסציפּלין. ער האָט אָנגעשריבען דעם זוהן נאָר דריי ווערטער: „קום אויף ראָזשדיעסטוואָ" — איז ער געקומען. איצט געהט צו פּסח, וועט ער איהם שרייבען: „קום אויף פּסח", וועט ער קומען. און ווי אויף „ראָזשדיעסטוואָ", אַזוי אויך אויף פּסח וועט „פּיער" מסתמא די גאַנצע צייט פערברענגען מעהר ביי די באַרדאָ-בראַ-דאָווסקיס איידער ביי זיך אין דער היים. די אַלטע גענעראַלשע, יוליאַ וולאַדימיראָוונאַ, וועט זשעדנע זיין ווי אַלע מאָל רעכט אָנצושפּיגלען זיך אין איהר תכשיט דעם קראַסאַוויצע, וועלכער איז איהר פון דריי

געבליבען איינער און אַוואוילער, אַגעטרייער און אַפּאָלגעדיגער. אָט וועט ער קומען צו פאָהרען אויף פסח, וועט ער זיך צוקושען מיט איהר און אַוועקגעהן צו דער כלה — מעהר וועט זי איהם נישט זע-העין — און זי וועט גאָט בעטען, תפלה טון פאַר זיי ביידען. אוי, די אַלטיטשקע לעבט אין טעות: זי מיינט, אַז „פיער“ שטאַרבט נאָך דער כלה אַזוי ווי זי, זיין אַלטע מאַמע, וואָס געהט אויס נאָך סאַשאַט טריט. זי מיינט, אַז „פיער“ זיצט דאָרט גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, און אַז ער געהט גאָר נישט אין קלוב, און אַז ער שפּיעלט גאָר נישט אין באַקאַראַ, און אַז דער אַלטער גענעראַל צאָהלט ניט זיינע אייגענע און דעם זוהנס חובות שטילערהייד טאַקי פון דער גענעראַלשעס אי-מעניעס, וואָרום דער אַלטער גענעראַל אַליין במחילת כבודו האָט אויך נישט פיינט קיין קערטעל, חאָטש ער שפּיעלט ניט מיט'ן זוהן ביי איין טיש — גאָט בעהיט! ער איז דאָך פונ'ם אַלטען שניט און האַלט פון דיסציפּלין... דער אַלטער שפּיעלט אויך אין באַקאַראַ, נאָר בעזונדער, מיט זיינע אַלטע קאָלעגען...

נאָך אַזאַ אָפּטריט אויף אַזייט וועט גרינג זיין צו פערשטעהן, אַז אויפ'ן פסח, דאָס הייסט אויף סאַשאַס קומען צו פאָהרען אויף פסח, האָט דער רעפּעטיטאָר גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו אַרויסגעקוקט אַ סך מעהר ווי איהר חתן „פיער“. דער רעפּעטיטאָר האָט ניט נאָר אַרויסגעקוקט, ער האָט געצעהלט די וואָכען און די טעג און די שעה'ן. מיט יעדען בלעטעל, וואָס ער האָט אָפּגעריסען פונ'ם לוח, איז איהם אַראָפּ אַמשא פונ'ם האַרצען, געוואָרען מיט אַטאָג נעהענטער צו... צו וואָס? פרעגט איהם ניט, אַז ער אַליין פרעגט זיך ניט, אַז ער אַליין ווייס ניט, וואָס ער טוט... אָט עפענט ער אויף דאָס שופלעדעל פונ'ם שרייבטיש, וואָס אין דער רעכטער האַנד, און ער נעהמט אַרויס פון דאָרט אַבוך, אַגאַנץ געוועהנליכען בוך, אָהן אַבונד אפילו, און לעגט אַוועק דאָס בוך ביי זיך צוקאָפּענס און קלויבט זיך שלאָפען.

נאָר איידער ער לעגט אַוועק דאָס בוך צוקאָפּענס, טראָגט ער דאָס צו פריהער צום האַרצען, דערנאָך צו די ליפּען און טוט עס אַ קוש, אַגעשמאַקען קוש, — און לייגט עס אַוועק צוקאָפּענס אונטערן קישען.

וואָס איז מיט אונזער הערשעל ראַבינאָוויטש? איז ער אַראָפּ פונ'ם זינען? און וואָס איז דאָס פאַר אַבוך, וואָס ער קושט עס און לייגט עס אַוועק צוקאָפּענס?...

דאָס איז „אַננאַ קאַרעני נאַ", דער בעריהמטער ראָמאַן פון טאָלס-טאָי, „אַננאַ קאַרעני נאַ" — אַ קלייניגקייט! גאָר נישט דאָס, וואָס ס'איז „אַננאַ קאַרעני נאַ", און נישט דאָס וואָס ס'איז דער בעריהמטער ראָמאַן פונ'ם גרויסען ליעוו טאָלסטאָי. דאָ איז פאַרהאַן אַנ'אַנדער סוד: דעם ראָמאַן האָט געבראַכט צו פיהרען מיט זיך אַהער סאַשאַ. פאָהרענדיג אַהערצוּוועגס נאָך אויף ראָזשדיעסטוואָ, האָט זי געלייענט דעם דאָזיגען ראָמאַן — סאַשאַ האָט געלייענט אָט דעם ראָמאַן. איהר פערשטעהט? סאַשאַס הענד האָבען געהאַלטען אָט דאָס בוך. איהרע פינגער האָבען געמישט אָט די בלעטלעך. איהר קאָפּ איז געווען פער-נומען מיט די געדאַנקען, וואָס טאָלסטאָי האָט אַריינגעלייגט אינ'ם דאָ-זיגען בוך. איהר האַרץ האָט געפיהלט די פריידען און ליידען פון דער העלדין אַננאַ קאַרעני נאַ, — און איצט איז דאָס בוך ביי איהם! זי אַליין האָט עס איהם געגעבען. ער האָט זי געבעטען, האָט זי איהם געגע-בען. ניט שוין-זשע וועט איהר איהם נישט פערגינען דאָס דאָזיגע פער-גניגען?... איהר וועט זאָגען — ס'איז נאַריש. גאָר וועלכער פון אייך — דער-מאָנט אייך גאָר — וועלכער פון אייך האָט נישט געקושט, אַז איהר זענט געווען יונג און ליעב געהאַט? דאָס נאָזטיכעל, אָדער דאָס הענטשקע-לע, אָדער אַ בלום, וואָס אייער געליעבטע האָט אומגערן אַראָפּגע-לאָזט?...

איהר וועט זאָגען, אַז דאָס איז אַ מין עבודה-זרה? ס'איז אָבער זיס, דיענען צו דער עבודה-זרה איז זיס...

נאָכמעהר. ער ווייס, אַז סאַשאַ ווייס אַזוי פיעל פון דעם, וואָס ביי איהם אויף דער נשמה טוט זיך, פונקט ווי די עבודה זרה ווייס, וועלכע עס בוקט זיך פאַר איהר — און דאָך איז ער גרייט, ווען ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר זיך אַליין, נעמען דאָס בוך — סאַשאַס בוך — אַוועקשטעלען אין דער הייך ווי אַנ'אָפּגאָט און זיך קניהען און זיך בוקען פאַר'ן דאָזיגען אָפּגאָט, און אסור אויב זי אַליין וועט אפילו ווען ס'ניט איז אָנהויבען צו וויסען, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך. דאָס וועט קיינער קיינמאָל ניט וויסען, אַז הערשעל ראַבינאָוויטש, וועלכער הייסט איצט גרישאַ פּאָפּאָוו, איז געווען אַזוי מסוכן קראַנק, אַז ער האָט אַזש געדיענט צו דער עבודה-זרה...

## דאָס איינאונאַכציגסטע קאַפּיטעל.

## ער קאָן נישט שלאָפען.

ווער ווייס, וואָס נאָך פאַר נאַרישקייטען אונזער גע'מלאכה'טער פּאָפּאָוו וואָלט אָפּטון, ווען מען זאָל איהם לאָזען געהן זיין וועג און ניט אָפּשטעלען אַלע מאָל, פון איין זייט זיין עלטערער ברודער, דער מרה-שחורה'ניק אברהם-לייב ראַבינאָוויטש, מיט זיינע אַביסעל צו אָפּטע און צו מרה-שחורה'דיגע גריסען פון דער היים, און פון דער אַנדערער זייט זיין חבר, דער אמת'ער פּאָפּאָוו, מיט זיינע נאַאיווע, כמעט קינדערשע ובוחים, פלפּול און פלאַפּלעריי.

די צוויי האָבען זיך ווי אָנגערעדט זיי זאָלען איהם דערגעהן די יאָהרען. איינער — דער ברודער — מיט זיינע שטענדיגע בשורות פון נייע צרות, גזרות און רדיפות אויף יודען און מיט זיינע איידעלע אָנצוהערענישען אויף היינטיגעיונגע לייט, וואָס „צוליעב אַ מונדיר מיט קנעפּלעך זענען זיי גרייט אָפּצוזאָגען זיך פון טאַטע-מאַמע און פון גאָט און פון אַלסדינג". דער אַנדערער — גרישאַ — מיט זיין אָפּטען פילאָזאָפירען איבער „די אייביגע פּראָבלעמען פונ'ם אייביגען פאָלק"...

זיין ברודער אברהם-לייב'ן האָט גאָט צוגעשיקט אַ געשיכטע, אַ גאַנצע טראַגעדיע פון עפּעס איינעם אַ יודישען גימנאַזיסטעל, אַנ'אָרימער אלמנה'ס אַ זוהנדעל פון אַ קליין שטעדטעל, ניט ווייט פון זיי, וואָס האָט צוליעב אַריינטרעטען אין אוניווערסיטעט גענומען און אָפּגעשמד'ט זיך, געוועהנליך שטילערהייד, אַז די מאַמע די אלמנה זאָל ניט וויסען. וואָרום ווי וועט זי קאָנען אַריבערטראָגען אַזאַ בזיון?...

„מילא — אַזוי שרייבט אברהם-לייב ראַבינאָוויטש אין זיין בריוועל — האָסט זיך איבערגעקעהרט — געזונטערהייד! זאָל דער קרענקען ווער עס וועט נאָך דיר קדיש זאָגען, אָדער קריעה רייסען, אָדער פּער-

גיסען אַ טרעהר... איז איהם אָבער קאַרג, דעם שענעם בחור, איז ער זיך מיישב און שרייבט אויס צו זיך אַ שוועסטערל, אַ יונגערע פון איהם, און דווקא אַ שען מיידעל אַזוי ווי גאָלד, אויך געענדיגט גימנאַזיע, זי זאָל שטודירען אויף אַ גרויסע זאַך, אַזש אויף אַנ׳אַקושערקע! האָט זי דאָך ניט קיין שום פראַיואַזשיטעלסטווע, וויל מען זי מסתמא, ניט פאַר קיין יודען געדאַכט, אַרויסשיקען. גיט איהר דער אחי אַנ׳עצה, ווי אַ ברודער און ווי אַ גוטער פריינד, טון דאָס אייגענע וואָס ער... וויל זי ניט, זי האָט רחמנות, זאָגט זי, אויף דער מאַמע; אַנ׳אַלטע יודינע, זאָגט זי, און אַ קראַנקע, זי וועט דאָס חלילה ניט איבערטראָגען... איז זיך מיישב דער געטרייער ברודער און מאַכט צו איהר אַזוי: אויב זי וועט דאָס ניט טון, שרייבט ער באַלד אַוועק אַ בריעף צו דער מאַמע און איז זיך מודה, אַז אַזוי און אַזוי... וואָס טויג דיר — ער האָט זי איבערגערעדט, אַ מיידעל, וואָס ווייסט זי? נאַר וואָס דען? באַלד ווי זי האָט דאָס אָפּגעטאָן, אַזוי האָט זי שוין חרטה געקריגען אויף דער מעשה און צווישען איהר מיט׳ן ברודער זענען אַרויס מחלוקת׳ן. מסתמא האָט זי איהם עפּעס געזאָגט, האָט ער איהר געענטפערט, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — הקצור, זי האָט גענומען און האָט זיך אָפּגע׳סמ׳ט. איז גע-קומען צו פליהען די מאַמע די אלמנה קראַנקערהייד און אויפ׳ן אָרט איז זי מסתמא געוואָהרע געוואָרען דעם גאַנצען אמת, איז זי געקומען אַהיים, ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, גענומען און געשטאָרבען.״

„נו, וואָס ווייסטו עפּעס זאָגען, הערשעל, אויף דיינע לייט? — אַזוי לאָזט אויס אברהם-לייב זיין בריוועל — איך ס׳איז כדאי?... צופרעג זיך נאַר דאָרט אַקוראַט אויף דעם שענעם תכשיט, ער הייסט לאַפּידוס, און איז אַ געלער, און געהער אונז אָן טאַקי אַ שטיקעל קרוב: זיין מאַמע און אונזער שוואָגער וועלוועל דעם שלימזל׳ס מאַמע זענען גע-ווען אייגענע גלידגעשוועסטערקינדער—דעם ווייס פערדס בייטש שוואַרץ שטעקעלע.....״

הערשעל האָט דעם ברודער, פערשטעהט זיך, אויף דעם בריעף גאָרניט געענטפערט. נאָר דער ברודער האָט איהם נישט געלאָזט צו-רוה. אין יעדען בריעף האָט ער איהם דערמאַנט און איבערגע׳חזר׳ט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל די אייגענע מעשה און נאָכגעפרעגט זיך, אויב ער האָט זיך שוין בעגעגענט דאָרט מיט דעם פיינעם קרוב, מיט לאַפּידוסען? און ווי זעהט ער אויס? און וואָס זאָגט ער?... אברהם-לייב האָט איהם אַזוי לאַנג דערקוטשעט, ביז הערשעל האָט איהם גע-

מוזט אָפּענטפּערן און בעטען רחמים, ער זאָל איהם אויפהערען דולען אַ קאָפּ מיט עפּעס אַ דער רוח ווייסט איהם וואָס פאַר אַ קרוב, אַ לאַפּי-דוס, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געהערט אפילו דעם נאָמען זיינעם! און אויסגעלאָזט האָט ער דעם בריעף שוין אַ ביסעל ווייכער: „אַז ער איז ניט דער ערשטער, ער איז נישט דער לעצטער... אָהן אַנ'אומגליק, טאָמער וועט זיין ווינציגער מיט אַ יודען...”

נאָר אין הארצען האָט איהם די דאָזיגע מעשה געקאָלופּעט. „וועלכער רוח האָט געטראָגען דעם לאַפּידוסען, ער זאָל אויסשרייבען צו זיך אַ שוועסטערל?... און וואָס האָט זיך איהם געוואָלט דוקא מאַ-כען זי פאַר אַנ'אַקושערקע? און בכלל וואָס פאַר אַ גליק איז ענדיגען אויף אַקושערקע? ווינציג אַקושערקעס ביי אונז? אַקושערקעס און דאַנ-טיסטקעס ווי זאַמד און שטערען!”...

אָט אַזוי קערעוועט ער אַוועק זיינע געדאַנקען מיט אַ פּיון אין איין אַנדער זייט, בכדי ער זאָל ווינציגער טראַכטען וועגען דעם הויפּט-פּונקט, וועגען דעם, וואָס דער לאַפּידוס האָט אָפּגעטאָן, וועלכעס עק-בוירט איהם דעם מח און לאָזט ניט שלאָפען זיין געוויסען...

ווי אַ פערבייסונג צו דעם זענען פאַר איהם זיין חבר גרישאַס בריוולעך. אַפנים, אַז דער אמת'ער פּאַפּאַוו, וואָס שפּיעלט די ראָלע פון אַ יודען, האָט זיך אונטערגענומען נישט אויף קאַטאָוועס צו שטודירען און צו פערענטפערן די יודישע פראַגע פון אַלע זייטען. אַלע מאָל, אַלע מאָל קומט ער מיט אַנ'אַנדער זאַך.

די ערשטע צייט האָט דער אמת'ער גרישאַ פּאַפּאָוו ניט געקאָנט פערשטעהן בשום אופן, וואָס זענען מיר פאַר אַ פאָלק, וואָס מיר האָ-בען נישט אין זיך קיין טראָפען אַמביציע און לאָזען זיך טריטען מיט די פיס, שפייען אין פנים, בעליידיגט ווערען אויף יעדען שריט און טריט, באשר וואָס איז? מיר האָבען זיך איינגע'עקשנ'ט, מיר ווילען בלייבען יודען, אין דער צייט ווען מיט איין שריט ווערען מיר פטור פון אַלע צרות, בעפרייען זיך מיט קינדער און קינדס-קינדער פון דעם אונענדליכען גלות...

„איז דען ניט גלייכער טויזענד מאָל—לאָזט ער אויס זיין בריעף— אַז איהר זאָלט זיך אַליין מיט אייער אייגענעם ווילען נעמען און בע-פרייען, איבערבייטען אייער אויסוויינינגסטע פיזיאָנאָמיע און שענקען אונזער לאַנד עטליכע מיליאָן פעהיגע, נוצליכע גלייכבערעכטיגטע ביר-גער, איידער אונטערגעהן אָט אַזוי אויף אַזאַ קלאָגעדיגען דרך ביס-

לעכוויי אין אַ משך פון הונדערטער יאָהרען?... ווען וועמען ווילט איהר בעווייזען אַ בריה׳שאַפט? וועמען ווילט איהר אָנלערנען?...״

דערויף האָט איהם דער אמת׳ער ראַבינאָוויטש אָפּגעענטפערט, ווי עס ענטפערט געוועהנליך יעדער יוד, אַז מע הויבט איהם אָן זינגען דאָס געוויסע ליעדעל וועגען „בעפרייען זיך״...

„זאָלסט זיך נאָר ניט זאָרגען צופיעל פאַר אונז — יודען זענען אויסגעשטאַנען גרעסערע צרות... און אַזוי ווייטער״.

דערנאָך האָט דער געמאַכטער ראַבינאָוויטש גענומען אַ נייעם טאָן. איהם איז געפעלען, שרייבט ער, די אידעע פונ׳ם דאָקטאָר הערצל. „סיאָן״ איז, נאָך זיין מיינונג, דער איינציגער וועג פאַר אונז. בעניי-ען די אַלטע יודישע אומה מיט אַ נייער מלוכה אויפ׳ן אַלטען באָדען אינ׳ם אַלטען לאַנד פון די אבות אבותינו — וואָס קאָן זיין שענער און העכער און פּראַקטישער דערפון? ער פערשטעהט נאָר ניט, שרייבט ער, פאַרוואָס דער דאָזיגער ערהויבענער רעיון האָט נאָך נישט דורכגעדרונגען און אַרומגענומען אַלע יודען פון דער גאַנצער וועלט? ער פערשטעהט ניט, פאַרוואָס אויפ׳ן אָרט פון שטרעבען צו אַזעלבסטשטענדיגען לעבען זענען מיר זיך מקריב צוליעב אַזעלכע נאַרישקייטען ווי אַ גאָלדענע מעדאַל, אַ דיפּלאָם און נאָך אַזעל-כע זאַכען...

„ניט שוין-זשע — לאָזט ער אויס זיין בריעף צו זיין פריינד — ניט שוין-זשע ביסטו נישט קיין ציוניסט אין האַרצען? וויבאַלד אַזוי, וואָס פאַר אַ יוד ביסט דו?... אָ! ווען איך זאָל זיין דו! ווען איך זאָל זיין אַ ג׳אמת׳ער, נישט קיין געמאַכטער ראַבינאָ-וויטש, וואָלט איך מיך געשטעלט אויבענאָן פון אַזאַ שענע בעווע-גונג און וואָלט דורכגעפיהרט דעם דאָזיגען הייליגען געדאַנק פריהער פון אַלץ אינ׳ם יונגוואַרג, צווישען די וואָס שטודירען, און דערנאָך שוין אין גאַנצען פאָלק. אָ! איך וואָלט בעוויזען דער וועלט, וואָס יודען זענען און אויף וואָס יודען זענען פעהיג!...״

דערויף האָט ער בעקומען פון דעם אמת׳ען ראַבינאָוויטש אַזאַ מין ענטפער:

„ליעבער טייערער גרישאַ!

„פון דיינע לעצטע בריעף איז צו זעהען, אַז דו געפינסט זיך אונטערן איינפלוס פון חברים ציוניסטען. איך דאַרף דיך אָבער אָפּקיה-לען, מיין טייערער פריינד, און זאָגען דיר דעם גאַנצען אמת, אַז דיי-

גע חברים זענען נאַראָנים, אויב זיי מיינען, אַז ציון איז דער איינציגער וועג פאַר מיינע אומגליקליכע ברידער. דאָס בעווייזט, אַז זיי זענען טאַקי הייסע פּאַטריאָטען פון זייער פאָלק, נאָר זיי ווייסען ניט, אַז דאָס דאָזיגע פאָלק איז ניט גלייך צו אַלע אַנדערע פעלקער. אין דער צייט ווען די סאָציאָלאָגיע לערנט אונז, אַז אַ פאָלק בעשטעהט פון דריי יסודות: אַ ל אַ נ ד, אַ מ ל ו כ ה און אַ ש פ ר אַ ך, בעגעהט זיך אונזער פאָלק אָ ה ן אַ לאַנד און אָ ה ן אַ מלוכה שוין אַזוי פיעל הונדערטער יאָהרען. ווייסטו פאַרוואָס? טאַקי ווייל מיר האָבען נישט נ י ט קיין לאַנד און נ י ט קיין מלוכה. מיר האָבען קיין מורא ניט פאַר קיינעם. וואָס וועט מען אונז טון? אַוועקנעמען דאָס לאַנד, וואָס מיר פערמאָגען ניט? צושטערען די מלוכה, וואָס מיר האָבען ניט? מיר זענען, אויב דו ווילסט וויסען, אַ עקסטעריטאָריאַלע פאָלק, אַ פאָלק אָהן אַ באָדען, אָהן גשמיות, אָהן מאַטעריאַליזם, סאַמע רוחניות, סאַמע גייסט, סאַמע אידעע — און אַ אידעע לעבט אייביג, האָט קיין מורא ניט פאַר צושטערען — האָסטו עס רעכט צוקייעט?"

אַזוי האָט ער געשריבען צו זיין פריינד גרישאַ.

אין האַרצען אָבער ביי זיך האָט ער געפיהלט, אַז דאָס איז פּיזעם, ניט מעהר ווי אַ פּשט'ל, און אַז ער זאָל זיין אַזאַ יוד, ווי זיין חבר גרישאַ שטעלט זיך פאָר, וואָלט ער נישט בעדאַרפט וואַרטען, ביז זיין חבר דער גוי וועט איהם דערמאַנען אָן ציון...

עס האָט איהם אי אויסגעזעהען קאָמיש צום לאַכען, אי עס איז איהם צו גלייכער צייט געוועז אַ בזיון, אַ בזיון פאַר זיך אַליין, אַ בזיון פאַר די דאָזיגע פיער ווענט...

און ער ליגט אויס נעכטווייז אויף זיין ווייכען געלעגער אין זיין גרויסאַרטיגען שענעם חדר, מיט אַ זיידענע קאָלדרע איינגעדעקט, און ער קאַטשעט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און קאָן ניט שלאָפען. — — —

— ווייסט איהר ניט עפּעס אַ מיטעל קעגען ניט קאָנען שלאָפען?...

## דאָס צוויי און צוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

## אַנ׳אומגעריכטע דיסקוסיע

עס איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען דער ווינטער.

דער ליעבער יום-טוב פּסח, אויף וועלכען פּאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש האָט אַזוי אַרויסגעקוקט, איז אַיינגעטריטען. און די, וועלכע האָט „גע-וועלטיגט אין זיינע בעסטע חלומות“, איז געקומען צו פאָהרען.

די שטוב פון באַרדאָ-בראַדאָווסקי האָט שוין ווידער אויפגעלעבט. און גליוק דער הונט איז שוין ווידער משוגע געוואָרען פון שמחה און פון התפעלות. און וועה-וועה וואָס עס טוט זיך דאָרט. מע באַקט און מע קאָכט, און מע פּוצט און מע רייניגט, און מע ברענגט צו פיהרען אַלע מאָל אַלץ נייע און נייע פּעק פון׳ם מאַרק, און מע גרייט זיך, מע גרייט זיך צום הייליגען פריילינען יום-טוב.

אַלעמענס פּנים׳ער שיינען. אַלעמענס אויגען לייכטען און מעהר פון אַלע שיינט און לייכט ווי אַלע מאָל סאַשאַ. העכער פון אַלעמען לאָזט זיך הערען סאַשאַס קול. הילכיגער פון אַלעמען לאָזט זיך הע-רען איהר געלעכטער. און מתנות האָט סאַשאַ אָנגעבראַכט צו פיהרען אָהן אַ שיעור. מעהר פון אַלעמען, געוועהנליך, פאַר די ברידערלעך די קונדייסים, פּעטיאַ און סעריאָזשאַ — אַ גאַנצען אַרסענאַל פון האַרמאַטען, ביקסען, סאָלדאַטען, טעלעפאָנען, גראַמאָפאָנען, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַ-טען און אַעראָפּלאַנען.

דערנאָך דעם לעהרער-פּערסאָנאַל, איטליכען בעזונדער אַנ׳אַנדער זאַך צום אָנדענקען: וועמען אַ גאָלדען אייעלע, וועמען אַ ציגאַרען-שפּיץ, וועמען אַ הערצעל-מעדאַליאָן און וועמען אַ זיידען שאַרף פון דער לעצ-טער מאָדע (דעם רוסישען רעפעטיטאָר „גאַנץ טאָלסטאָי“ רייך געבונ-דען — גריגאָרי איוואַנאָוויטש איז דאָך טאָלסטאָיס אַ חסיד). און דערנאָך

פֿאַר די דיענסטען — אַ גאַנצע קראָם פֿון גאַלאַנטעריי און שניט-סחורה — קיינעם ניט פֿערגעסען — און אַך! וויפֿיעל פֿרייד, וואָס פֿאַר געלעכטערן עס זענען געווען ביים אויסטיילען פֿון די מתנות! פֿערשטעהט זיך, אַז אין סאַמע רעכטען האַרמידער האָט זיך אַריינגעמישט אויך „גליוק", וואָס האָטש ער האָט נישט בעקומען פֿונ'ם גאַסט גאָרנישט אַחוץ אַ גלעט מיט'ן הענטעל איבער דער פֿעל, פֿונדעסטוועגען איז ער געווען גליקליכער פֿון אַלעמען און אַרויסגעוויזען זיין פֿרייד מעהר פֿון אַלעמען. פֿאַר זיין אַריינמישען זיך האָט ער אָבער שיער נישט געהאַפּט זיין פּסק: „פֿאַר די אויערן — און מאַרש!

מיט איינעם וואָרט די שטוב האָט שוין ווידער בעקומען די אייגענע פֿיזיאָגנאָמיע וואָס דעמאָלט ווינטער, ביים ערשטען קומען צו פֿאָהרען פֿון סאַשען, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען ווידער יענע לעבעדיגע פֿריילינבע יום-טוב'דיגע טעג מיט זייערע טויזענדערליי שפּיעלען, אַרויספֿאָהרען, מוזיק, טענץ, פֿאַנדען און אַנדערע פֿערוויילונגען און צייט-פֿערטרייבונגען. — נאָר וואו איז אַהינגעקומען דער רוסישער רעפּעטיטאָר? וואו איז גריגאָרי איוואַנאָוויטש? פֿאַרוואָס זעהט מען איהם ניט? אָט קומט ער צו געהן אויף אַ ווייל, גאָר צום טיש, שוואַרץ ווי די נאַכט, ענטפֿערט איינס איבער צעהן, שמייכעלט כּלומרשט, נאָר מע זעהט, אַז ער זיצט קוים אַיין, און אָט איז מען אויפגעשטאַנען פֿון טיש — אַזוי איז ער שוין נישטאָ. ניין. מיט איהם איז עפּעס נישט גלאַט... — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

וויפֿיעל דער געמאַכטער פּאַפּאָוו האָט זיך ניט אויסבעהאַלטען פֿון יודען און יודישקייט; וויפֿיעל ער האָט זיך ניט געפֿלייסט, ער זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט פֿון דער יודישער וועלט; וויפֿיעל ער האָט זיך ניט געמוטשעט, ער זאָל פֿערגעסען, האָטש אויף אַ קורצע צייט, אַז ס'איז פֿאַרהאַן אַ זאַך, וואָס הייסט „יודישער גלות", וואָס אַ יוד קאָן זיך פֿון איהם ניט בעפֿרייען אין ערגיץ, טיידען אויף יענע וועלט — אומזיסט געווען זיין מיה, אַרויסגעוואָרפֿען, ווי נאָר עס איז אַרויפגעשוואומען דער בלבול פֿון עלילת-דם אויפ'ן ים פֿון דער פּרעסע...

דעם אמת דאַרף מען זאָגען, אַז דער אמת'ער הערשעל ראַבינאָוויטש האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ ראַבינאָוויטש אפֿילו אויף קיין מינוט. ווי יעדער יוד, אַז ער נעמט נאָר אַ רוסיש בלאַט אין די הענד, איז דאָס ערשטע, וואָס זיינע אויגען זוכען און געפֿינען, איז

דאָס וואָרט „יעוורעי״, אַזוי האָט אויך הערשעל פּאָפּאָוו אַלע טאָג. ווי נאָר אַ בלאַט-צייטונג איז אַריין צו איהם אין די הענד, דאָס ערשטע געזוכט מיט די אויגען דאָס דאָזיגע פערפישופטע וואָרט און אַלע מאָל, אַז ער האָט דאָס געפונען, האָט ער געפיהלט אַ קלאַפּ אין האַרצען, נאָר זיינע אויגען האָבען עס כלומרשט איבערגעהיפּט און דערנאָך, אַז קיינער פון דער זייט האָט נישט געזעהען, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק צום אייגענעם וואָרט און דורכגעלייענט בגנבה אַלסדינג, וואָס דאָרט שטעהט געשריבען און וואָס דאָרט רעדט זיך וועגען יודען, נאַטירליך, אַלטע, בעקאַנטע, אַ סך מאָל איבערגעקייטע נייעס: וועגען יודישע פּראָצענט-נאָרמע, יודישע אַרויסשיקעניש̈ען, יודישע אַרויסטרייבעכצען, יודישע בעגרענצונגען אין דער אַרמיי, אין די שקאָלעס, אין דער יוריספּרודענץ און אַזוי ווייטער און ווייטער,— אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס אַ יוד איז שוין געוואוינט געוואָרען און אַ גוי האָט זיך עס צוגעגעסען ...

פיהלען האָט ער זיך בעת מעשה געפיהלט טאַקי נישט אַזוי פוי-געלדיג, ווי עס דאַרף זיך פיהלען יעדער מענש, וואָס ווערט געזידעלט, נאָר ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח, ער זאָל עס ניט אַרויסבעווייזען און פערגעסען, וואָרום ניט ער קאָן העלפען און ניט פון נעמען זיך צום האַרצען וועט איהם גרינגער ווערען, ובפרט אַז מע טראָגט אַ שטענדיגע מאַסקע אויפ׳ן פּנים און מע האָט מורא אַרויסגעבען דעם אינקאָגניטאָ, אַנטפּלעקען דעם סוד ...

דאָסזעלבע איז געווען אויך, בעת ער האָט דורכגעלייענט צום ערשטען מאָל די מעשה-נורא, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרען מיט׳ן קריסטליכען יונגעל אין דער גרויסער שטאָדט אין דער „טשערטאַ״ און וואָס מע איז חושד, אַז דאָס איז אַ יודיש שטיקעל אַרבייט... עס איז איהם נאָר געווען אַ בזיון, מעהר נישט, וואָרום אַלס אַ יוד ווייס ער דאָך, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ פערבלענדעניש, אַ מין ווילדע טפשות אַזעלכע אויף דער וועלט, וואָס מע רופט עס „עלילת-דם״ און וואָס מע בעשולדיגט אין דעם זיינע ברידער פון כמה וכמה יאָהרען. ער ווייס אָבער דאָס אויך, אַז יודען לאַכען זיך אויס פון דעם, וואָרום ווער נאָך ווייס אַזוי וואָס פאַר אַ נאַרישער פערפיהרטער שקר דאָס איז, ווי אַ יוד?...

דאָס איינציגע, וואָס איהם איז יאָ געבליבען אין זכרון, איז געווען נאָר דאָס, וואָס דער פאַקט איז געשעהען פונקט אין יענער

שטאָדט, וואו עס געפינט זיך זיין פריינד גרישאַ פּאָפּאָוו אונטער זיין, ראַבינאָוויטשעס, נאָמען, — און ס'איז געבליבען ביי איהם, אַז ער וועט האַלטען ביי שרייבען צו גרישען אַ בריעף, זאָל ער אָנפרעגען ביי איהם אויף דעם דאָזיגען ענין. נאָר אַז ס'איז געקומען צום שרייבען, האָט ער וועגען דער מעשה גראָד פערגעסען.

ווי איבערראַשט אָבער איז ער געווען, אַז וועגען דער געשיכטע האָט איהם דערמאַנט נישט קיין אַנדערער, נאָר פּעאָקטיסט פּעדאָסייאיטש באַרדאָ-בראַדאָווסקי!

פּעאָקטיסט פּעדאָסייאיטש, וואָס האָט פיינט פּאָליטיק, און ווער שמועסט ביי זיך ביים טיש, האָט זיך פערגונען איינמאָל, און דוקא ביים טיי טרינקען, בעריהרען די דאָזיגע מעשה, נאָר אין אַזאַ טאָן, גלייך ווי ער וואָלט דערצעהלט וועגען אַ פערד, וואָס האָט גענומען דעם ערשטען פּרייז, אָדער וועגען אַ נייעם אַטלעט, וואָס דאַרף קומען צו פאָהרען פון לאָנדאָן, אָדער וועגען אַ דיריזשאַבל, וואָס איז דורכגע-פלויגען איבער דער שטאָדט, אָדער וועגען אַן אַנדער זאַך, וואָס גע-הער זיך אָן מיט ספּאָרט. נאָר אינ'ם טאָן איז געווען צו זעהען, אַז סיי דער בעל-הבית אַליין, סיי די אַלע, וואָס זיצען דאָ ביים טיש, זענען איבערצייגט, אַז די מעשה איז תורת-אמת.

דער איינציגער, וואָס האָט אַרויסבעוויזען אַ שטיקעל ספק, איז געווען דער פראַנצויזישער לעהרער, מסיע דיובואַ. האָט איהם אָבער זיין דייטשער קאָלעגאַ, העדר פריש, גאַנץ ערנסט, האָטש אפילו מיט אַ ברייטען שמייכעל אויף די גלאַנצענדיגע רויטע באַקען, געגעבען צו פערשטעהן, אַז די רוסישע יודען זענען ניט גלייך צו די פראַנצויזישע אָדער דייטשע יודען, און אַז די רוסישע און דערהויפּט די „פּאָלנישע" יודען זענען נאָך אַזוי ווילד, אַז זיי מוזען נאָך האָבען אַ „קרבן-פּסח"... און אויסגעלאָזט האָט ער זיינע רייד מיט אַ וואונק צו זיין קאָלעגאַ „גרעגואַר איפּאַנאָפּיש", פון וועלכען ער האָט ערוואַרט, אַז יענער, אַלס רוסישער סטודענט, דאַרף עס וויסען בעסער פון אַלעמען...

גריגאָרי איוואַנאָוויטש, וואָס איז אַזוי אויך געזעסען אויף הייסע קויהלען, האָט דערפיהלט, אַז נאָך אַ ביסעל ווערט איהם צוזעצט די גאַל. האָט ער אויסגעלאָזט זיין ביטער האַרץ צום דייטשס קאָפּ. ער האָט זיך נישט געווענדט גלייך צו איהם. ער האָט נאָר געפרעגט אַ קשיא בכלל: ווי איז דאָס מעגליך, אַז היינטיגע צייטען זאָלען מענשען אייראָפּעער, דאַכט זיך ציוויליזירטע, קאָנען גלויבען אין אַזעלכע ווילדע, נאַרישע,

שוין לאַנג אָפּגעלעבטע זאַכן, וואָס שמעקען מיט שימל פון פּאַרציי־טען, מיט פינסטערען פאַנאַטיזם, מיט גראָבע עם־הארצות? ווי קאָנען מענשען נאָך ברענגען פאַר׳ן מויל אַזעלכע ווערטער, וואָס איז גאָר אַ בזיון אין אַ לייטישער שטוב צווישען לייטישע מענשען צו הערען, וואָס איז אַן עבירה, אַ פערברעכען דאָס איבערצו׳חזר׳ן פאַר ניט דערוואַקסע־נע קינדער?...

די דאָזיגע אומגעריכטע הייסע רעדע פונ׳ם רוסישען סטודענט, וואָס האָט זיך פּלוצים אָנגענומען די קריוודע פון יודען, האָט איבער־ראַשט דעם גאַנצען עולם, און מעהר פון אַלע איז געווען איבערראַשט פּעאָקטיסט פּעדאָסייאיטש, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט די אויגען אויפ׳ן רוסישען רעפּעטיטאָר.

„דאַכט זיך אַזאַ שטילער בחור — האָט ער זיך געטראַכט — אַזאַ בעשיידענער, און פּלוצים גאָר — וואָסערע שאַרפע צייהן!... און איבער וואָס? איבער יודען... אַ מאָדנע זאַך!...״ — פּעטיאַ און סעריאָזשאַ האָ־בען איהם אויך אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגען: וואָס איז דאָס מיט זיי־ער לעהרער? זיי האָבען איהם נאָך קיינמאָל ניט געזעהען אַזעלכען... און אפילו גליוק, וואָס איז געהאַט געלעגען ביי די פיס פונ׳ם סטו־דענט און וואָס האָט שוין אודאי גאָרניט פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט אַפּנים אויך מיט זיין איידעלען חוש־הריח דערפיהלט, אַז זיין נייער פריינד ברענט, האָט ער זיך אויפגעהויבען, אויסגעצויגען און אַריבערגעטראָגען זיך צו אַן׳אַנדערען... און אָט אַזוי האָט זיך דער גאַנצער טיש פעראינטערעסירט מיט דער דאָזיגער אומגעריכטער דיס־קוסיע. כמעט אַלע האָבען געהאַלטען מיט׳ן דייטש. אויף גריגאָרי אי־וואַנאָוויטשעס זייט איז געווען נאָר איין פראַנצויז, מסיע דיובואַ, וואָס איז גלאַט געווען ענטציקט פונ׳ם רוסישען רעפּעטיטאָרס הייסען טעמפּע־ראַמענט, און די גוטע נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ, וואָס האָט געוואָלט מאַכען אַ שטיקעל פשרה, האָט זיך אָנגענומען אין דער קריוודע פונ׳ם רוסישען רעפּעטיטאָר, נאָר אַזוי, אַז דער דייטש זאָל אויך נישט אויס־קומען איינגאַנצען אומגערעכט, און זי האָט זיך אָנגערופען:

— איך געפין, אַז גריגאָרי איוואַנאָוויטש האָט רעכט. רודפ׳ען מענשען דערפאַר, וואָס זיי געהערען צו אַן׳אַנדער גלויבען, איז טאַקי ניט אָנשטענדיג... נאָר — האָט זי זיך געווענדט צום רוסישען רעפּע־טיטאָר — איך וואָלט וועלען וויסען, גריגאָרי איוואַנאָוויטש, איין זאַך:

איהר קענט זיי פּערזענליך, אָט די?... איהר קענט חאָטש איין יודען? אַך! זיי דאַרפען זיין שרעקליך...

דריי עמער קאַלט וואַסער, ווען מע גיסט אויס אויף איהם, וואָלטען זיכער ניט געקאָנט אַזוי גיך אָפּקיהלען דעם צוהיצטען סטודענט, ווי דאָס האָבען געטאָן די דאָזיגע עטליכע ווייכע נאַאיווע ווערטער פון דער גוטער נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ. וואָס האָט ער איהר געהאַט דערויף צו ענטפערן? „ער קען ניט, פערשטעהט זיך, אַז ער קען ניט קיין יודען — פון וואַנען זאָל ער קענען? — ער איז אָבער גוט בעקאַנט מיט זייער היסטאָריע, מיט זייער ליטעראַטור, און ער האָט אין ערגיץ ניט בעגעגענט קיין וואָרט, קיין ווינק, קיין סימן אפילו פון דעם, וואָס די גאַזעטען פּלאַפּלען...”

ער פיהלט, אַז אינווייניג ביי איהם קאָכט, אַז דאָס קול ציטערט איהם, נאָר ער האַלט זיך איין ווי ווייט מעגליך, רעדט רוהיג און מיט אַ שמייכעל, גלאַט אַזוי זיך, ווי עס רעדט אַ מענש אַ זייטיגער, ווי עס רעדט אַ דורכגעהער, וואָס האָט דערזעהען אַנ'עולה, קאָן ער נישט ליידען... נאָר ער פיהלט, אַז זיינע ווערטער זענען אַרויסגעוואָרפען, און אפשר נאָך איבעריג אויך? אפשר האָט ער דאָס אויך ניט בעדאַרפט? און ער האָט חרטה אַזוי ווי הינט עסען איהם — צו וואָס האָט איהם געגוצט זיך זאַטשעפּען מיט דעם דאָזיגען דייטש? דער רוח האָט איהם געבראַכט צו טראָגען!... נאָר איהם קומט צו הילף נישט קיין אַנדערער, נאָר טאַקי דער דייטש אַליין, וואָס איז אַרויס מיט זיין צובראָכענעם, צו'הרג'עטען רוסיש:

— ווי אָשין קאַראַשאָ סקאַזאַל, גאַדעזשדאַ טעאָדאָראָוונאַ, אי ווי אָשין קאַראַשאָ קאַפּאַריל, גרעגוואַר איפאַנאָפיש, — האָט דער דייטש אַרויסגעגעבען זיין הסכמה און געבעטען, מע זאָל איהם ערלויבען דערצעהלען אַנ'אַנעקדאָט. און הגם עס האָט זיך אָנגעקעהרט אַהער זעהר ווינציג, און דער אַנעקדאָט אַליין איז געווען פּלאַטשיג, איינער פון יענע אַנעקדאָטען, וואָס רופען אַרויס גיכער אַ געניץ איידער אַ שמייכעל, נאָר ווי די מעשה איז [illegible] רפואה איז דאָס געווען זעהר אַ וואוילע אויף צו פּעררייבען, פּערגלעטען און פערגעסען די אומגעריכטע דיסקוסיע.

## דאָס דרייאונאַכציגסטע קאַפּיטעל.

## זי האָט פאַר זיי מורא.

צו דעם דאָזיגען אונאַנגענעהמען שמועס האָט מען זיך אין דער דאָזיגער שטוב מעהר נישט אומגעקעהרט, ביז סאַשאַ איז נישט געקומען צו פאָהרען אויף פסח אַהיים.

און אַז סאַשאַ איז געקומען צו פאָהרען אויף פסח אַהיים, האָט מען ביים טיש די געשיכטע נאָך אַ מאָל אויפגעמישט (ווידער דער דייטשער לעהרער הערר פּריש) און אָנגעוויזען, אַז גרעגואַר איפּאַנאָפּיש וויל האָבען, אַז די גאַנצע געשיכטע מיט'ן ריטואַל-מאָרד איז ניט מעהר ווי אַ לעגענדע, וואָס די גאַזעטען האָבען אויסגעטראַכט — חאָ-חאָ-חאָ!

— ווער זאָגט דאָס? — האָט אַ פרעג געגעבען פּיער, וועלכער איז אויסגעוואַקסען אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך סאַשאַס קומען צו פאָהרען און געזעסען ביים טיש, נעבען סאַשען פון דער לינקער האַנד.

— איך זאָג עס! — האָט זיך אָנגערופען גריגאָרי איוואַנאָוויטש הויך, ווייל ער איז געזעסען ווייט פון פּיער'ן און מורא געהאַט טאָמער וועט ער איהם ניט דערהערען... ער האָט זיך אָנגענומען מיט האַרץ, וואָס ס'וועט זיין וועט זיין, ער וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסזאָגען אַלסדינג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט ביי איהם אויף דער נשמה פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער איז דאָ און קומט אָפּ חבוט הקבר און גיהנם און כף-הקלע... ביז וואַנען וועט ער שווייגען? צייט שוין צו רעדען אַ וואָרט! צייט שוין צו עפענען זיי די אויגען, ווייזען די דאָזיגע זאַטע גליקליכע געזיכערטע מענשען, אַז אַ וועקמאַכען מיט דער האַנד אַ גאַנץ פאָלק, וואָס צאַפּעלט, געהט אָפּ מיט בלוט, ראַנגעלט זיך מיט'ן מלאך המות און וויל נאָך לעבען, און וויל נאָך זיין לייטענגליך — איז אַ פערברעכען!... און אַגב האָט זיך איהם זעהר גע-

וואָלט אָנגעריבען אַ ביסעל דעם דאָזיגען „אָפּיצערל“, וואָס ער קען זײַן פּנים ניט אָנקוקען. איהם האָט זיך געוואָלט ווײַזען פֿאַר אַלעמען (און דערהויפּט פֿאַר סאַשען), וואָס פֿאַר אַ נ׳עם-הארץ ער איז, אָט דער דאָזיגער געשליפענער פּאָלירטער קניאַז מיט זײַנע אַריסטאָקראַטישע מאַניערען. ער האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגענהייט איהם אָנחאַפּען ביים גאָרגעל... האָט אָבער פּיער קיין חשק ניט געהאַט אַפּנים זיך אָנצוהויבען מיט דעם דאָזיגען „שווארצען סטודענט“, וואָס האָט אַ טעמפּעראַמענט פון אַ גרוזין און אַ פּנים פון אַ „זשיד“ אָדער פון „אַנ׳אַרמיאַנין“, חאָטש ער איז דעם ט—ר פּאַפּאָווס אַ זוהנדעל... פּיער האָט איהם אפילו נישט בעעהרט מיט אַ קוק און האָט זיך אָנגעבויגען צו סאַשען, וועלכע האָט דערהערט דעם רעפּעטיטאָרס „איך זאָג עס!“ און האָט זיך פֿעראינטערעסירט. האָט זי זיך געווענדעט גלייך צום סטודענט:

— גריגאָרי איוואַנאָוויטש, וועגען וואָס רעדט איהר דאָרט?

גריגאָרי איוואַנאָוויטש האָט אויפגעלעבט, אַ מאָדנע וואַרימקייט האָט ער דערפיהלט און דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּען „הערסט דו, אָט דאָס האָט ער דאָך טאַקי געוואָלט! אויסהערען איהר מיינונג — דאָס אַליין וואָס איז ווערט?...“ און אגב האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז אין איהר, דוקא אין איהר, וועט ער געפינען אַ שוץ און אַ חבר און אַ מיטפיהלעריין. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אַזאַ פייַנע איידעלע נשמה, ווי סאַשאַ איז, מוז סימפּאַטיזירען גיכער מיט איהם, ווי מיט אָט דעם פּוסטען קניאַז, וואָס האָט ניט אין קאָפּ גאָרניט, אַ חוץ שען אויספּוצען זיך און אויסציהען זיך ווי אַ סטרונקע און קלינגען מיט די שפּאָרען — אַך, ווי פיינט ער האָט איהם!...

און גריגאָרי איוואַנאָוויטש ציהט אויס דעם קאָפּ פון ווייטען צו סאַשען און, ווי ווייט מעגליך רוהיג און פעסט אַרויסרעדענדיג איטליכס וואָרט, ווענדט ער זיך צו איהר:

— דאָ רעדט מען וועגען יודען, אַלעקסאַנדראַ פּעאָקטיסטאָוונאַ, וועגען יודען רעדט מען און וועגען...

— אַך, ניין! ניין! רעדט ניט וועגען די דאָזיגע... די דאָזיגע... איך האָב פאַר זיי מורא!...

און סאַשאַ האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ אַהינטער און גענומען אָפּטרייסלען זיך מיט ביידע הענד, ווי מע טרייסעלט זיך אָפּ פון עפּעס אַ מיאוסקייט... נאָר עס איז אויסגעקומען אַזוי קינדעריש נאַאיוו און מיט אַזוי פיעל חן, אַז דער גאַנצער טיש האָט זיך צולאַכט. פריהער

פון אַלע האָט זיך צולאַכט דער פראַנצויזישער לעהרער מסיע דיובואַ, וואָס האָט אייגענטליך פערשטאַנען ווינציגער פון אַלעמען. נאָר העכער פון אַלעמען האָט געלאַכט דער דייטשער לעהרער הערר פריש. דער האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ אַרויף, די אָדערן פונ׳ם פעטען האַלז האָבען זיך איהם אָנגעצויגען, דאָס גלאַנצענדיגע פּנים, וואָס איז אַזוי אויך געוועזען געגנוג רויט פון ביר, איז איהם געוואָרען נאָך רויטער, און מע האָט געקאָנט מורא האָבען פאַר דעם דאָזיגען נפש, אַז מיט אַזאַ קאָמפּלעקציע ווי ער, זאָל ער חלילה ניט דעם שלאַג בעקומען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז גריגאָרי איוואַנאָוויטש איז גלייך מיט אַלעמען אַרויס פון טיש, האָט ער געפיהלט, ווי עס רוישט איהם אין קאָפּ, און אַרויף איז איהם געשטאַנען פאַר די אויגען. און אין די אויערן האָבען איהם געקלונגען סאַשאַס ווערטער: „רעדט ניט פון די דאָזיגע — איך האָב פאַר זיי מורא!...“

זי האָט פאַר זיי מורא?... און איהר מוטער, די גוטע נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ, האָט דעמאָלט געזאָגט: „זיי דאַרפען זיין שרעקליך!“ אַך, וואָס פאַר אַ תהום! וואָס פאַר אַ טיעפער אָפּגרונד צווישען מענשען-ברידער, אַז אַזעלכע גוטע, איידעלע נשמות ווי די צוויי קאָנען זיך אַזוי אויסדריקען!... אַזעלכע גוטע, איידעלע הערצער, וואָס קאָנען נישט הערען קיין בייז וואָרט, וואָס קאָנען נישט זעהען קיין קרום פּנים!... און ער קוקט פון דער מוטער אויף דער טאָכטער און פון דער טאָכטער אויף דער מוטער און דערמאַנט זיך אַ מעשה, ווי ער אַליין האָט געזעהען, ווי אַזוי די ביידע האָבען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך — די מוטער צוויי רינגען בריליאַנטענע און די טאָכטער אַ טייערען בראַסלעט — און אָפּגעגעבען פיער׳ן, ער זאָל עס אַוועקטראָגען צום פּאָטער, צום אַלטען קניאַז, וואָס קלויבט נדבות פאַר די הונגעריגע...

„וואָס וואָלטען געזאָגט — טראַכט ער זיך — אָט די צוויי גוטע איידעלע נשמות, ווען זיי זאָלען וויסען, וויפיעל הונגעריגע, עלענדע, דערשלאָגענע, דערנידעריגטע און פערגעסענע עס געפינען זיך דאָ ביי אונז אין לאַנד, וואָס הונגערן זייער גאַנצען לעבען, זשעדנע אַ שטיקעל ברויט? און ניט נאָר אַ שטיקעל טרוקען ברויט זענען זיי זשעדנע, זיי זענען זשעדנע פּשוט׳ע מענשליכע רעכט; זיי זענען זשעדנע אַ גוט וואָרט, עמיצער זאָל פאַר זיי זאָגען; זיי זענען זשעדנע אַ שטראַהל פון

דער זון, אַ ביסעל פרישע לופט, אַ לויט בילדונג, אַ רוסישען אלף-בית, אַ פראָסטען רוסישען אלף-בית..."

און נאָך אַ פאַקט דערמאַנט ער זיך, וואָס ער אַליין איז געווען דערביי.

דאָס איז געווען שוין לאַנג. אין אָנהויב ווינטער איז געווען אַ געשיכטע. ביים גליטשען זיך אויפ'ן אייז. אַלע זענען דאָרטען געווען. גריגאָרי איוואַנאָוויטש אויך. ער איז געשטאַנען פון דער וויטען און געקוקט, ווי סאַשאַ גליטשט זיך מיט'ן פראַנצויזישען לעהרער מסיע דיובּואַ מיט די פערדרעהטע וואָנסעס, מיט'ן דייטשען לעהרער הערר פריש מיט די רויטע גלאַנצענדיגע באַקען, און מיט פּיער'ן, וואָס ער קאָן איהם נישט אָנזעהען... גליוק איז אויך געווען אויפ'ן אייז — ווי קאָן זיין אַ שמחה אָהן גליוקען?... מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ טומעל, אַ געפּילדער — הימעל עפּען זיך! עס האָבען זיך צונויפגעגאָסען איינאיינעם אַ קוויטשעריי פון אַ סך הינט און אַ געשריי פון אַ סך מענשען... עמיצער האָט גע'חלש'ט... עס האָט געדויערט גוטע צוויי מינוט, ביז מע האָט געקאָנט אַרויס, זעהן וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן. עס האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אויף אַ ווילע אַ קליינע טראַגעדיע.

דער העלד אין דער טראַגעדיע איז געווען גליוק, און נאָך העלדען זענען געווען, אויך אַזעלכע כלבים ווי ער, נאָר אַ סך קלענערע פון איהם. איינער איז געווען צווישען זיי גאָר אַ קליינינקער, אַ מחיה'דיגער, אַ ציטערדיגער, גאָר פון די געצייכענטע, פון די געהויבענע, וואָס מע האַלט צו זיי אַ בעזונדערען מענשען און מע באָדט זיי שיער ביז אין שאַמפּאַניער-ווייַן. אַ פעלכעל האָט דאָס אויף זיך אַ ווייס, העלערעלעך — זייד, אייגעלעך שוואַרצינקע, בייזע, פּיסלעך טרייסלענדיגע, אַ מאָרדעלע פון אַ מאַלפּע, די ציינדלעך אין דרויסען, — פאַר אַזאַ צאַצקע ווייפּיעל מע גיט אַוועק, איז ווינציג. פונדעסטוועגען, אַז ס'איז בעשערט אַנ'אומגליק, איז אַרויס צווישען די הינט אַ סכסוך, אַ מין מיספערשטענדעניש, און די כלבים זענען אַריינגעפאָהרען איינס דאָס אַנדערע מיט די צייהן אין די סאַמע ערטער, וואו עס טוט רעכט וועה, און מעהר פון אַלע האָט זיך אויסגעצייכענט גליוק, וואָס האָט דעם קליינעם מיוחס אַזוי צוזאָשעט, אַז מע האָט איהם קוים אָפּגעמינטערט... גליוק אַליין האָט זיך גאָר אויף אַזוי פיעל נישט געריכט. דאָס האָט מען געקאָנט אַרויסזעהען נאָכדעם פון זיין שטעהן און פון זיין בעלעקען זיך און פון זיין קוקען מיט מאָדנע אויגען, גלייך ווי ער וואָלט

וועלען זאָגען: „עס קאָן זעהר געמאָלט זיין, אַז איך בין דאָ בעגאַנ-גען אַ נאַרישקייט, נאָר פערפאַלען...” ווי די מעשה איז — נאר די בעל-הבית'טע פונ'ם געשעדיגטען הינטעל — אַ דייסטוויטיעלני כט. זסקי סאָוויעטניקס אַ טאָכטער — איז נעבאַך געפאַלען חלשות, און סאַשאַ, וואָס האָט געהאַלטען דאָס צויאָשעטע הינטעל, דאָז געוויינט, געוויינט שטילערהייד, מיט טרעהרען... און נאָכדעם, אַז זי האָט איבערגעגע-בען דער מוטער די דאָזיגע טראַגעדיע, האָט מען געקאָנט זעהען טרעהרען אויף די אויגען ביי זיי ביידען...

וואָס האָט ער זיך פלוצים דערמאַנט אָן דער דאָזיגער געשיכ-טע?... ער זוכט מיט די אויגען סאַשען און דערזעהט, ווי זי שטעהט ביים פאָרטעפּיאַן מיט'ן פראַנצויז. דער פראַנצויז בעט, זי זי זאָל עפּעס שפּיעלען, סאַשאַ זאָגט זיך אָפּ... „ווי וואָלט זיין אַ שטייגער, — אַזוי טראַכט זיך פּאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש — וואָס פאַר אַנ'עפעקט וואָלט דאָס געמאַכט, ווען ער רופט זי אָפּ אויף אַ זייט, אויף צוויי ווערטער, מעהר ניט ווי אויף צוויי ווערטער: ער בעט ביי איהר, זי זאָל איהם מוחל זיין, וואָס ער האָט דאָס איהר ניט אויפגעדעקט ביז אַהער, — ער האָט נישט געקאָנט, — איצט זאָגט ער איהר אויס דעם גאַנצען אמת, איצט דעקט ער איהר אויף אַ סוד — און נאָר איהר, ווייטער קיינעם ניט — אַז ער איז איינער פון יענע, וואָס זי האָט פאַר זיי מורא....” נאָר אָט געהט זי איהם אַקעגען מיט איהר תמיד ליכטיג פריילייך פנים און מיט איהר תמיד פריינדליכען שמייכעל:

— גריגאָרי איוואַנאָוויטש, איך וויל מיט אייך שפּיעלען אין טריק-טראַק.

## דאָס פיעראונאַכציגסטע קאַפּיטעל.

### אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ.

וואו איז געוועזען זיין שכל? וואו זענען געוועזען זיינע אויגען? וואוהין האָט ער געקוקט און וואָס האָט ער געזעהען?

ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס, וואָס איז געוועזען ביז אַהער, איז געוועזען אַ חלום, אַ מעשה מיט אַ בת-מלכה אינ׳ם לאַנד פון „אופיר”...

ער האָט פערשטאַנען, אַז ער האָט געקוקט דורך געדיכטע אַיי-זערנע גראַטעס אין אַ פרעמדען גאָרטען אַריין, וואו דורך געדיכטע גרויסאַרטיגע בוימער און שענע שמעקענדיגע בלומען קוקען אַרויס קוים-קוים סימנים פון אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ—און דאָס איבעריגע—ווי זעהט אויס דער פּאַלאַץ און די גליקליכע מענשען, וואָס וואוינען דאָרטען—דאָס אַלסדינג האָט איהם שוין דערמאָלט זיין אייגענע פאַנטאַזיע. דיזעלבע פאַנטאַזיע, וואָס האָט איהם געהאָלפען צו צודערמאָלען יענע שענע פּרינצעסין, וואָס געוועלטיגט ביי איהם אינ׳ם לאַנד פון „אופיר”...

ער האָט פערשטאַנען, אַז ווען ניט דער גליקליכער צופאַל, וואָס די אַלע האָבען זיך דאָ אַרויסגעחאַפּט מיט׳ן אמת און וואָס האָט איהם געעפענט די אויגען, ער זאָל וויסען, וואו ער האַלט מיט זיי, וואָלט ער אַצינד שוין אָנגעשפּאַרט ווייס איך וואו... ער וואָלט פערפלויגען אַהין, פון וואַנען עס איז נישט אַזוי גרינג צוריק צו קומען... און ער האָט בעשולדיגט נישט קיינעם, נאָר זיך אַליין.

בשום אופן האָט ער נישט געקענט מוחל זיין זיך, וואָס ער האָט געהאַנדעלט ווי אַ יונגעל פונ׳ם ערשטען טאָג אָן, וואָס ער איז אַריינגעטריטען אין דער דאָזיגער פרעמדער וועלט. וואָרום אָנשטאָט דעם ער זאָל ווי אַ געטרייער זוהן פון זיין פאָלק אויסנוצען אַזאַ געלעגענהייט און ווי וויים מעגליך פערענטפערן זיינע ברידער, פער-

שפּרייטען ליכט און צוטרייבען די שאָטענס, איז ער געשטאַנען ווי אַ זייטיגער צוקוקער, געזעסען ווי אַ גאַסט און נישט פּערברענט קיינעם מיט׳ן פייער פון זיין מויל און נישט פּער׳סמ׳ט קיינעם מיט׳ן גיפט פון זיין צובלוטיגטער נשמה. און אפילו אַז ער האָט שוין אַמאָל יאָ געפּרובט אַרויסשטעלען זיך מיט עטליכע ווערטער, האָט ער דערנאָך באַלד חרטה געקריגען, מורא געהאַט, טאָמער וועט מען איהם חושד זיין אין דעם, וואָס ער פּערמאָגט, טאָמער וועט מען מיינען אויף איהם, אַז ער איז דאָס, וואָס ער איז...

ער האָט נישט געקאָנט מוחל זיין זיך, וואָס אין דער אייגענער צייט, וואָס ער האָט גענאַרט פרעמדע מענשען, וועלכע האָבען געגלויבט אָן איהם, האָט ער גענאַרט אויך זיינע אייגענע, געשריבען זיי אַלע מאָל נייע שקרים, איין שקר גרעסער פון׳ם אַנדערען, אָפּגעליגנערט דעם אַלטען נאַאיוועו טאַטען, אַז ער זאָל קיין פּאַראיבעל ניט האָבען, וואָס ער קומט נישט אויף יום-טוב אַהיים, ווייל אין דער „זובאָווראַטשעבנע", וואו ער לערנט אויף דאַנטיסט, איז די רעכטע אַרבייט פּסח-צייט, און אַז ער זאָל גאָר קיין יסורים ניט האָבען פאַר איהם, ער איז שוין בעשטעלט אויף פּסח צוביידע סדרים אין צוויי געהויבענע ערטער, די גרעסטע יודישע הייזער אין שטאָדט, און אַז ער מעג זיין גאַנץ רוהיג, אַז עס וועט, חלילה, ניט אַריין צו איהם קיין ברעקעל חמץ אין מויל אַריין. — אָ! ווען דער פּראָסטער עהרליכער רב משה ראַבינאָוויטש זאָל וויסען, וואָס זיין זוהן האָט הייגטיגען פּסח געגעסען, וואו זיין זוהן איז אויף געוועזען אין דער נאַכט פון דעם „מורא׳דיגען שבת" קעגען דעם „ליכטיגען זונטאָג", בעת די גלעקער פון די פערציג מאָל פערציג, האָבען געקלונגען, און דערנאָך אין דער פריה, ווי אַזוי ער האָט זיך געקושט מיט איטליכען בעזונדער, פון׳ם מגושמ׳דיגען פּעאָקטיסט פּעדאָסייאיטש ביז׳ן גרויסען געגאָלטען דושענטעלמען וואָס ביי דער טיר, — און דאָס אַלסדינג צוליעב וואָס? צוליעב אַ יונגעלשען שפּאַס און צוליעב אַ חלום, צוליעב אַ פאַנטאַזיע מיט אַ בת-מלכה פון׳ם לאַנד פון „אופיר"... ניין, איהר דאַרפט איהם מוחל זיין — ער איז שוין זיינס אָפּגעקומען, ער האָט שוין זיין שכר אָפּגענומען בכפל כפליים... וועגען דעם האָט שוין געזאָרגט די השגחה אַליין, אַז מיט יעדען טאָג זאָל דאָס פייער פון׳ם גיהנם ווערען גרעסער און שטאַרקער, וואָרום יעדער טאָג האָט איהם געבראַכט

אַ נייעם סיורפריז, אַ בראָך נאָך אַ בראָך, אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ, איין באָמבע גרעסער פון דער אַנדערער.

פריהער האָבען איהם די צייטונגען מחיה געווען אַלע טאָג מיט אַנ'אַנדער נייעס און מיט אַנ'אַנדער פּירוש וועגען דעם בעריהמטען עלילת-דם, וואָס אין דער גרויסער שטאָדט פון דער „טשערטאַ".

די דאָזיגע שענע ידיעות, ווי ביטער זיי זאָלען ניט זיין פאַר איהם, וואָלט ער נאָך ווי עס איז אַראָפּגעשלונגען און פערשוויגען. האָט איהם גאָט צוגעשיקט אַ גוטען פריינד אַ דייטש, דעם הערר פריש, וואָס האָט בטבע ליעב סענסאַנציעס, קרימינאַל-געשיכטען, הריגות און אַנדערע פערברעכען. ער האָט אַלע מאָל אויפגעמישט די דאָ... מיאוסע געשיכטע ביים טיש, ווענדענדיג זיך צום בעל-הבית אויף זיין גע-הרג'עטער רוסישער שפּראַך: „שטאָ ווי שיטאַייל, פּאַקטיסט פּאָדאָסייטש, פּאָ פּאָוואָדו שרעקליכע ריטועלמאָרד?"

פּעאָקטיסט פּעדאָסייאיטש, וואָס האָט בעסער ליעב רעדען פון פרייליכערע זאַכען, האָט אָדער אָפּגעשוויגען, אָדער גענומען רעדען פון עפּעס אַנדערש. האָט אָבער דער צווייטער גוטער פריינד פונ'ם רוסישען רעפּעטיטאָר (פּיער) אונטערגעהאַלטען דעם דייטש, אַז ער איז איבערצייגט, אַז נישט היינט איז מאָרגען וועט מען אויפדעקען די גאַנצע זשידאָווסקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פערשפּרייט איבערן גאַנצען לאַנד און וואָס פערנעמט זיך נאָר מיט „אַזעלכע זאַכען"...

אַך! ווי גוט עס וואָלט געווען — טראַכט זיך פּאָפּאָוו-ראַבינאָ-וויטש — ווי גוט עס וואָלט זיין אַצינד וואַרפען אָט דעם „אָפּיצער-ל" אָט דאָס בייכיגע פלעשעל ווייַן גלייך אין פּנים אַריין, איהם צובייַלען, צוקאַרדאַשען די אויסגעפּוצטע פּיזיאָנאָמיע, אַרויסזעצען אַנ'אויג, שפּאַלטען דעם מוח, אויף צווייען צושפּאַלטען!...

— גריגאָרי איוואַנאָוויטש! — דערהערט ער פונ'ם אַנדערען עק טיש סאַשאַס קול, וואָס קלינגט איהם אין די אויערן ווי די בעסטע מוזיק, — גריגאָרי איוואַנאָוויטש! וואָס האָט איהר אויפגעהאַנגען די נאָז אויף דער קווינטע? וועלכע פליג האָט אייך אַ ביס געגעבען? איהר זעהט אויס ווי אַ מענש, וואָס קאָן בשום אופן נישט דערמאַנען זיך, וואָס איהם האָט זיך גע'חלום'ט...

אַלע לאַכען און גריגאָרי איוואַנאָוויטש בתוכם, נאָר וואָס ער פיהלט בעת מעשה — דאָס ווייס נאָר ער און סיידען גאָט און ווייטער קיינער ניט...

אַ פאַרבייסונג צו דעם איז געקומען די נייעס, אַז דאָרט, אין יענער שטאָדט, וואו ס'איז פאָרגעקומען דער „ריטואַל-מאָרד", ריכט מען זיך אויף אַ „פריילעכן יום-טוב" און אַז יודען לויפען... אַ לאַנגע צייט שוין, אַז ער האָט נישט געהערט דאָס דאָזיגע ליעבע וואָרט און נישט בעגעגענט געדרוקט דאָס וואָרט „פּאָגראָם" אין ערגיץ...

אין וועסטיבול ביי די באַרדאָ-בראַדאָווסקיס איז דאָס געווען. דאָרט ליגען אָנגעוואָרפען גאַנצע פּעק מיט צייטונגען פון אַלערליי לענדער אויף אַלערליי לשונות. יעדער קומט און יעדער נעמט זיך וואָס איהם געפעלט. דאָרט האָט ער געטראָפען דעם פראַנצויז מסיע דיובואַ, און דעם דייטש הערר פּריש, און די ענגלישע מיסס טאָקטאָן — יעדער ביי זיין צייטונג — און אויך סאַשאַ איז דאָ געווען, אָנגעטאָן אויף צו שפּאַצירען געהן, נאָר דערוויל פונאַנדערגעעפענט און דורכ-געקוקט אַלערליי אילוסטרירטע בלעטער און זשורנאַלען.

עס איז געווען אַ שענער פריהמאָרגען, פון די ערשטע שענע טעג, וואָס געבען זיך אויס פסח-צייט.

ער וויל אַוועקלעגען דאָס בלאַט און קאָן נִיט. ער לייענט: „* * * דאָ רעדט מען שטאַרק וועגען אַ פּאָגראָם. יודען לויפען אין די טויזענדער. דער פּחד איז גרויס..." און עס קומט איהם אויפ'ן זינען אַ בילד, וועלכעס ער האָט נאָך אייגענט-ליך אויף קיין מינוט ניט פערגעסען און וועט דאָס ניט פערגעסען קיינמאָל:

— — — אַ קליין שטעדטעל... תחלת ווינטער... ער, אַ בר-מצוה בחור'ל פון אַריבער דרייצעהן, חזר'ט בגנבה געאָגראַפיע אויף אויסוויי-ניג... זיין עלטערער ברודער אברהם-לייב, אויך אַ בחור און אַ ציקאַ-ווע בחור, ברענגט אַלע מאָל צו טראָגען פון שטאָדט נייעס: „יודען רעדען... יודען לויפען... מע זאָגט, עס וועט שוין זיכער זיין... אַ סברה, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען..." — וואָס-זשע טוט מען? „מע דאַרף לויפען..." — וואוהין?... „וואוהין די אויגען טראָגען..." און עס הויבט זיך אָן אַ דינגעניש: אברהם-לייב גיט אויף אַ פּלאַן, אַז ביידע שוועסטער זאָלען זיין ביים נאַטשאַלניק סטאַנציע. ער מיט'ן טאַטען ביים גלח. און די מאַמע מיט די הערשלען ביים פּריסטאַוו, דאָס הייסט ביי דער פּריסטאַוושע, אַ וואוילע גויע... זי האָט צוגעזאָגט... וויל אָבער ניט די מאַמע: „משוגע איהרע שונאים? אָט וועט זי געהן פּערטרויען דעם נאַטשאַלניק סטאַנציע איהר עטעכטער!..." זאָגט אברהם-

לייב (ביי איהם פועלט מען, וואָס מע וויל): „אויב אַזוי, טאָ לאָז די מאַמע מיט הערשלען זיין ביים נאַטשאַלניק סטאַנציע, ביידע שוועסטער ביים גלח און ער מיט'ן טאַטען ביים פריסטאַוו, דאָס הייסט ביי דער פריסטאַוושע, אַ גוטע גויע, זי האָט צוגעזאָגט...״ רופט זיך אָן ווידער די מאַמע: „יאָ נו, אָט פליהט זי באַלד מיט איהרע טעכטער צום גלח!...״ זאָגט אברהם-לייב (ביי איהם פועלט מען אַלסדינג): וויבאַלד אַזוי, טאָ לאָז מען איבערקעהרען דעם פעלץ: ער מיט'ן טאַטען צום נאַטשאַלניק סטאַנציע, די מאַמע מיט הערשלען צום גלח און ביידע שוועסטער צום פריסטאַוו, דאָס הייסט צו דער פריסטאַווע, אַ וואוילע גויע, זי האָט צוגעזאָגט...״

דער שפּיץ איז געווען, אַז ניט דער נאַטשאַלניק סטאַנציע, ניט דער גלח און ניט דער פריסטאַוו, דאָס הייסט די פריסטאַווע, האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט — ס'איז ביי זיי שוין אַזוי אויך געווען פול... און זיי האָבען זיך אַלע, דער טאַטע מיט דער מאַמע מיט אַלע קינדער, איינגעבעטען צו אַ שכן אַ גוי אין אַ שטאַל אַריין, און דאָרט האָט מען זיי פערשלאָסען פון דרויסען, און זיי האָבען געהערט אַלסדינג, וואָס אין שטעדטעל טוט זיך...

און ער דערמאַנט זיך, ווי אַזוי אברהם-לייב האָט זיך געמאַרדעוועט, ווי אַ חיה אין אַ שטייג, אַלץ גע'טענה'ט, שטילערהייד גע־וועהנליך, למאי מע האָט איהם גענומען אין געפענגעניש? בעסער וואָלט ער געבליבען אין דער היים, וואָלט ער האָטש געגעבען עמיצען מיט אַ שייט האַלץ איבערן קאָפּ. „ממה נפשך, מיר אַ טויט דיר אַ טויט!...״ אַזוי האָט גע'טענה'ט אברהם-לייב, און די מאַמע האָט איהם איינגעשטילט, געבעטען, ער זאָל רחמנות האָבען אויב ניט אויף זיך איז האָטש אויף די איבעריגע קינדער... און דער טאַטע האָט שטילערהייד געדאַווענט די גאַנצע נאַכט... און דאָרטען אין עק שטאַל אין אַ ווינקעל איז עמיצער געלעגען און געקרעכצט עפּעס אַזוי שווער, ניט „אוי!״ נאָר „אָ!״ אָדער „אָהאָ!״ עפּעס ווי געקרעכצט און גע־קוויקט זיך צו גלייכער צייט: „אָ!... אָהאָ!... אָ!...״ איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס דאַרף זיין אַן אַלטער מאַן, אַ זקן, מיט אַ ווייסען לאַנגען באָרד, מיט אַ געל געקנייטשט פּנים, אָהן איין צאָהן אין מויל, די ליפּען אַראָפּגעהאַנגען, די אויגען פערגלעזערט, אַ קראַנקער, אַ נוטה למות, און אפשר — טראַכט ער זיך אין גרויסען שרעק — איז ער גאָר אַ גוסס?... אונטערן טאַטענס שטילען דאַווענען און אונטערן קרעכצען:

„אָ! אָהאָ! אָ!, וואָס ער ווייסט ניט פון וואַנען דאָס געהט, ווערט סוף-כל-סוף אונזער הערשעל אַנשלאָפען (צוקאָפּענס האָט איהם די מאַ-מע צונויפגעשאַרט אַ ביסעל אונטערגעפוילט שטרוי און איבערגעדעקט האָט זי איהם טאַקי מיט איהר שאַל) און אַז ער חאַפּט זיך אויף, איז שוין לאַנג טאָג, און ער דערזעהט, אַז דער, וואָס האָט אַזוי מאָדנע געקרעכצט און געקוויקט זיך, איז ניט קיין זקן און ניט קיין גוסס. נאָר, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ דבר-אחר... „און דאָ האָט דער טאַטע געדאַוונט? — האָט ער זיך דעמאָלט געטראַכט — אַ גאַנצע נאַכט געדאַוונט!..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— געהען מיר שפּאַצירען? — דערהערט ער אַ קענטליך קול... ער טהוט זיך אַזש אַ וואָרף און דערזעהט מאַשען, ווי זי ציהט אָן די הענטשקעלעך אויף איהרע קליינע הענטלעך...

„פּאַרדאָן! ער איז געווען אַזוי פערטיעפט אין פּאָליטיק, אַז ער האָט גאָר פערגעסען, אַז זי איז דאָ..."

## דאָס פינפאונאַכציגסטע קאַפּיטעל.

### דער אַוועקפאָהר.

דער רעכֿטער קלאַפּ איז ערשט געקומען נאָכֿדעם, אַז גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו איז געוואויר געוואָרען, וועמען מע איז חושד אין דער שענער געשיכֿטע פונ׳ם אַזוי גערופענעם „ריטואל“.

דאָס איז געווען אין אַ שענעם פריהמאָרגען, איז מיט אַ ברייטען שמייכֿעל איבער די פעט-רויטע באַקען זיין קאָלעגע, דער דייטש הערר פריש, אַרויסגעקומען אַקעגען איהם מיט אַ בלאַט-צייטונג אין האַנד און מיט אַ גדולה אויף זיין געמוטשעטער רוסישער שפּראַך אָנגעזאָגט דעם „הערר גרעגואַר איפאַנאָפיש“ אַ בשורה, אַז מע האָט שוין געפּאַקט דעם ריטואַל-מערדער און אַז ער איז דוקא אַ אינטעליגענט, אַ דאַנטיסט, און אַז מע רופט איהם ראַבינאָוויטש (געשטעלט די טראָפּ אויפ׳ן „בי“).

גריגאָרי איוואַנאָוויטש האָט געמוזט זוכען אַ שטוהל אויף צוצו-זעצען זיך, אַניט וואָלט ער זיכֿער אומגעפאַלען. ער האָט גענומען ביים דייטש די צייטונג און אַליין מיט זיינע אויגען איבערגעקוקט פון אָנ-הויב ביז׳ן סוף, און ניט איין מאָל, נאָר צוויי מאָל. ער האָט זיך אָבער ניט פערלוירען. ער האָט קיין איבעריג וואָרט ניט אַרויסגעלאָזט, קיין איינציגע העויה נישט געמאַכֿט. אַדרבה, ער האָט געפיהלט אַ מאָדנע ליכֿטיגקייט אין קאָפּ און אַ זעלטענע קלאָרקייט אין די געדאַנ-קען און ס׳איז איהם באַלד אַלסדינג פערענטפערט געוואָרען, פאַרוואָס ער האָט אַזאַ צייט פון זיין חבר גרישאַ קיין איינגעטונקטע פען נישט,— און עס האָבען זיך אָנגעהויבען וועבען ביי איהם אין קאָפּ אַלערליי פּלענער, וואָס ער זאָל טהאָן, אום אַרויסצוראַטעווען זיין אומשולדיגען חבר פון דער פערפלאָנטערניש... נישט נור דאָס איז זיין חוב, נאָר

פון דער בעשרייבונג האָט ער פערשטאַנען, אַז ער איז דער איינצי-גער, וואָס קאָן איהם ראַטעווען...

פערשטעהט זיך, אַז ער בעדאַרף וואָס גיכער פאָהרען אַהין אין יענער שטאָדט, וואו זיין אומגליקליכער חבר געפינט זיך — זעהען אויפ׳ן אָרט, וואָס ער האָט צו טון. און בכדי צו פאָהרען אַהין, בעדאַרף מען אַרויסבעקומען פון אוניווערסיטעט אַ דאָקומענט — דאָס איז דאָס ערשטע. און ער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, נישט גע-וואָרט אפילו אויפ׳ן אינדערפריהעדיגען טיי-טרינקען און איז אַוועק אין אוניווערסיטעט, גאָר נישט פיהלענדיג די ערד אונטער זיך.

„אַצינד איז איהם שוין פערענטפערט אַלסדינג... אַצינד איז איהם שוין קלאָר, פאַרוואָס ער האָט נישט פון דער היים קיין שום ידיעה. וועה-וועה, וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלען דאָרטען איבערלייענען די אייגענע געשיכטע?... און וואָס וועט מען זיך טראַכטען ביים חבר גרישען אין דער היים, וואָס ס׳איז ניטאָ אַזאַ צייט קיין בריעף פון איהם? אָדער אפשר האָט ער, גרישאַ אַליין הייסט עס, שוין געגע-בען צו וויסען זיין פאָטער, איוואַן איוואַנאָוויטשען, וואו ער האַלט און וואָס מיט איהם טוט זיך?... נאָר ניין — ער קען גרישען. דאָס וועט גרישאַ נישט טון פאַר קיין געלד! — אַך, ווער ווייס, וואָס דאָר-טען טוט זיך? ווער ווייס, וואָס זיין חבר נעבאַך טראָגט דאָרטען אי-בער? ווער ווייס, וואָס זיין גויעשער קאָפּ טראַכט דאָרטען וועגען דעם... און וואָס זיין צונג קאָן דאָרטען אָנפּלאָנטען? ניין, מע דאַרף פאָהרען, פאָהרען, וואָס גיכער פאָהרען!...״

געקומען צו געהן אין דער קאַנצעלאַריע נאָך די דאָקומענטען, האָט מען איהם איבערגעגעבען, אַז דער הערר רעקטאָר פרעגט זיך נאָך אויף איהם — ער דאַרף איהם נויטיג האָבען... איהם? אויף וואָס קען ער עס איהם אַזוי נויטיג דאַרפען? ניט שוין-זשע וועגען דער-זעלבער געשיכטע?... און ער איז אַוועק צום רעקטאָר.

געהענדיג, האָט ער געהאַפּט אַ פּאָר ווערטער פון צוויי בעקאַנטע חברים-סטודענטען יודען, פון וועלכע ער האָט זיך שטענדיג געהאַלטען פון דער ווייטען, מורא געהאַט, מע זאָל ניט אָנשמעקען, ווער ער איז... די צוויי האָבען געהאַלטען אַ בלאַט-צייטונג און געלייענט, נאָר דערזעהען פּאָפּאָווען, האָט מען דאָס בלאַט בעהאַלטען און איינער האָט אַ זאָג געטאָן דעם אַנדערען אויף יודיש (ער האָט גאַנץ גוט געהערט):

— דבר נישט, יהודי, ס'אַ בזיון פאַר'ן ערל...

ער האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, ווען וואָס די צוויי רעדען דאָ... און איהם האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געוואָלט דווקא אָפּשטעלען זיך אָט דאָ מיט די דאָזיגע חברים און דורכוואַרפען זיך מיט זיי מיט אַ פּאָר ווערטער, און דווקא אויף יודיש, וועגען דעם דאָ-זיגען מאָדנעם עסק, וועלכער איז באמת „אַ בזיון פאַר אַן ערל"... אַ בזיון און אַ ווערהטאָג!... ביי זיי וואָלט ער אפשר מעהר נייעס געוואוירע געוואָרען — וואָס שרייבט מען? וואָס זאָגט מען? וואָס טראַכט מען? ווער נאָך ווייס אַזוי, ווי גאַריש דאָס איז, ווי אַ יוד וויים? גאַריש און ביטער... און אַ יוד מיט אַ יודען אַז מע רעדט זיך דורך, ווערט פאַרט אַ ביסעל גרינגער... נאָר ער האַלט זיך איין און געהט פאַרביי כלומרשט רוהיג, קוקט נישט אין זייער ווינקעל...

אָפּגעטריטען פון זיי, שלאָגט ער זיך אָן אויף אַ גרופּע פון האַלב-יודישע סטודענטען, געוועזענע יודען... זיי האָבען אויך געהאַט געשמועסט עפּעס צווישען זיך; נאָר דערזעהען פּאַפּאָווען, זענען אַלע מיט אַמאָל אַנשוויגען געוואָרען... ער וואָלט געמעגט שווערען, אַז אויך דאָ האָט מען גערעדט וועגען יענער מעשה — און ער איז שיעור פערברענט געוואָרען פאַר בושה, וואָס אפילו די דאָזיגע, וואָס האָבען זיך אָפּגעריסען פון יודישקייט און לעבען זיך אין זייער אייגען וועלט, אפילו די דאָזיגע, וועלכע ער האָט בעצם זעהר פיינט, ווי אַ גוי אַ יודען, אפילו די דאָזיגע, וואָס זעהען אויס אין זיינע אויגען נישט אַנדערש ווי פּראָוואָקאַטאָרעס, אינטערעסירען זיך פונדעסטוועגען מיט דער דאָזיגער געשיכטע, וואָס פערשוואַרצט אונז אַלעמען דאָס פּנים מאַכט אונז מיאוס אין די אויגען פון די פעלקער — און נאָר ער איי-נער, כלומרשט גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאַפּאָוו, נאָר באמת הערשעל ב"ר משה ראַבינאָוויטש, שטעהט פון דער ווייטען, ווי אַ זייטיגער, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען, וואָרום ער האָט זיך דאָך די גאַנצע צייט ביז צום היינטיגען טאָג אַרומגעטראָגען מיט זיינע גאָלדענע חלומות אויף דער וואָהר, געבויט לופט-שלעסער, געפאַנטאַזירט פון אַ בת-מלכה פוג'ם לאַנד פון „אופיר", געדיענט צו דער עבודה-זרה, אין דער צייט ווען זיין חבר, דער אמת'ער פּאַפּאָוו, קאָן זיין, קומט אָפּ פאַר יודען, איז אַ קרבן פאַר אַ פרעמדען פאָלק — „שמיץ ביסטו ווערט, הערשעל! העגגען בעדאַרף מען דיך!..."

* *

*

דער רעקטאָר פון אוניווערסיטעט האָט איהם בעגעגענט מיט דער-זעלבער ברייטער פריינדליכקייט וואָס תמיד. ער בעט איהם זיצען, ער איז צופרידען, וואָס ער זעהט איהם געזונד און מונטער און ער האָפט, אַז ביי איהם איז אַלסדינג אין דער בעסטער אָרדנונג. דאַנקען גאָט, ער רעדט נישט מיט איהם פון יענער געשיכטע... נאָר אָט שטעהט ער אויף, געהט צו צום טיש, נעמט אַ דעפּעש, עפענט זי אויף און לייענט איהם איבער, אַז זיין פאָטער, איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, פרעגט זיך נאָך אויף זיין זוהן גריגאָרי, וואָס ער מאַכט און וואו ער וואוינט און פאַרוואָס ער שרייבט ניט.

— פערשטעהט איהר מיך, מיין ליעבער פריינד, — מאַכט צו איהם דער רעקטאָר, גלעטענדיג די באַקענבאַרדען און קוקענדיג אויף איהם פון אונטען אַרויף, — דאָס, וואָס אייער פאָטער ווייסט ניט, וואו איהר וואוינט — דאָס איז גרינג צו פערשטעהן: ספּאָרט, חאַ-חאַ, אַ קליינִיג-קייט? נאָר דאָס, וואָס איהר שרייבט נישט — דאָס איז שוין נישט אַזוי רעכט, יונגערמאַן, דאָס איז שוין... ע-ע-ע...

דער סטודענט האָט דערפיהלט אַ טרוקענקייט אין מויל. ער האָט גיכער אַרויסגעהוסט ווי אַרויסגערעדט:

— האָט איהר איהם געענטפערט?

— נו, פערשטעהט זיך! נאָך נעכטען האָב איך איהם געענטפערט, מיט אַ דעפּעש נאַטירליך.

ביים סטודענט האָט איין קניה גענומען ציטערן.

— מיט אַ דעפּעש? אַז וואָ-וואָס?

דער רעקטאָר האָט זיך ברייט צולאַכט.

— אַז וואָס? חאַ-חאַ... אַז איהר זענט געזונד און שטאַרק, הלואי אויף אַלעמען... און אייער אַדרעס איהם אויפגעגעבען... אָבער נאָר אייער אַדרעס אַליין, מעהר נישט... דאָס, וואָס מע דאַרף וויסען, לאָז מען וויסען. און דאָס, וואָס אַ סוד, בעדאַרף זיין אַ סוד, חאַ-חאַ, און אַ וואָרט איז הייליג... איאָ, מיר פערשטעהען זיך איינס דאָס אַנדערע, יונגערמאַן, וואָס?...

אָט דאָס איז גאָר? דריי פוד משא איז איהם אַראָפּ פון די פּלייצעס, און וויבאַלד אַזוי, האָט ער דאָך געטאָן ווי אַ חכם, וואָס ער

האָט זיך צוגעגרייט אין וועג אַריין — און איז אַוועק מיט די דאָקו-מענטען צוריק אַהיים. נאָר דאָ האָט אויף איהם געוואַרט אַנ'אַנדער סיורפּריז.

— איהר האָט אַ דעפּעש, — געהט איהם אַקעגען דער הויכער גע-גאָלטער דזשענטעלמען, וואָס ביי דער טיר און וואָס זעהט אויס מעהר ווי אַ גובערנאַטאָר איידער אַ שווייצאַר, און דערלאַנגט איהם אויף אַ זילבערן טעצעלע אַ פּער'חתמ'עטע טעלעגראַמע. דאָס איז געווען די ערשטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס דער רוסישער רעפּעטיטאָר האָט פאַר דער גאַנצער צייט אָט דאָ בעקומען אויף זיין נאָמען.

די דעפּעש איז געווען פון גרישאַ פּאָפּאָוס שוועסטער און איז בעשטאַנען אינגאַנצען פון דריי ווערטער:

„כ'פאָהר מיט'ן קוריער. ווערא".

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט שוין דאָס גאַנצע הויז געוואוסט, אַז גריגאָרי איוואַנאָוויטש האָט אַ דעפּעש און אַז ער פאָהרט אַהיים. וואָס אין דעפּעש שטעהט — האָט קיינער נישט געפּרובט זיך איהם אַ פרעג טון. נאָר נאָך זיין האַפּען זיך פּאַקען אין וועג אַריין און נאָך זיין בלאַס פּנים איז געווען צו זעהען, אַז מסתמא האָט געמוזט פּאַסי-רען אַנ'אומגליק, אַז אַ מענש איילט זיך אַזוי אַהיים. אַלע האָבען איהם מיטגעפיהלט, אפילו די, וואָס האָבען פון איהם ניט אַזוי שטאַרק גע-האַלטען. אַ שטייגער פיער, זיין בלוטיגער שונא. פיער האָט זיך צוגע-לאָזט צו איהם, מיט אַמאָל געוואָרען ווייך ווי אַ טויג, מכבד געווען איהם מיט אַ ציגאַר און אַ פרעג געגעבען פריינדליך:

— איהר פאָהרט אַוועק פון אונז?

— איך פאָהר ניט אַוועק, — האָט ער איהם געענטפערט מיט אַ שטאָך, — נאָר איך פאָהר זיך דורך אַהיים...

דאָס האָט בעדאַרפט הייסען:

„זיי נאָר ניט אַזוי פרייליך, מיין ליעבער קניאַז, — מיר וועלען זיך נאָך זעהען..."

מעהר פון אַלע האָט אַרויסבעוויזען אינטערעס צו זיין אָפּפאָה-רען די פרוי באַרדאָ-בראַדאָווסקי. עס איז געווען צו זעהען, אַז די גוטע נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט באמת רחמנות אויף איהם און עס טוט איהר באַנג, וואָס דער רעפּעטיטאָר פאָהרט אַוועק, חאָטש אפילו נישט אויף לאַנג.

— סאַשאַ, — האָט זי זיך אָנגערופען צו דער טאָכטער, וועלכע

האָט זיך נאָר-וואָס אַרויסבעוויזען פון איהר צימער, — גריגאָרי איוואַ-נאָוויטש וואַרפט אונז אַוועק.

— נאָך עפּיס! עס קאָן ניט זיין! און זי בעשענקט איהם מיט אַ קוק פון איהרע זעלטען-שענע אויגען, אַז ער איז גרייט פערגעסען זיין חבר׳ס שוועסטער וואָס קומט צו פאָהרען, און זיך אליין איז ער גרייט צו פערגעסען אין דער מינוט, און אַזוי ווי ער שטעהט אָט דאָ פאַר איהר מוטער אין די אויגען זיך אַ וואָרף געבען פאַר איהר אויף דער ערד, קושען די טריט און אויסזאָגען דעם אמת, דעם גאַנ-צען אמת — און לאָז זיך זיין וואָס עס וויל זיך! זיי ביידע זענען אַזעלכע גוטע, איידעלע, געטרייע, אַז זיי וועלען איהם מוחל זיין, וואָס ער האָט זיי ניט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער געהערט צו יענעם פאָלק, פאַר וועלכען זיי האָבען אַזוי מורא... זיי וועלען איהם פער-שטעהן, אַז ניט ער איז שולדיג, וואָס ער איז געבאָרען אַ פער-משפט׳ער צו זיין אַרויסגעשטויסען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, אַ סטראַשידלע פאַר די, וואָס האָבען וועגען איהם אַן׳איבערגעטריבענע מיינונג... אַז ניט ער איז שולדיג אין די זינד פון זיינע עלטערן, וואָס האָבען געהאַט אַ העזה אָנצוצינדען דאָס ערשטע ליכט פון גאָט-הייט אויף דער וועלט און געבען די מענשען דאָס ערשטע בוך צו וויסען, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט...

— דאָס קאָן ניט זיין! — זאָגט נאָכאַמאָל סאַשאַ, און די מו-טער גיט איהר צו פערשטעהן, אַז ניט אויף תמיד פאָהרט ער אַוועק, נאָר אויף עטליכע טעג — ער האָט אַ דעפּעש. — דאָס איז עפּיס אַנ-דערש! — ציהט אויס סאַשאַ און צולאַכט זיך מיט איהר פריילי כען בעלעכטער, און עס מאָלט זיך איהם אויס, אַז די גאַנצע וועלט לאַכט מיט, און ער הערט שוין גאָרניט, וואָס אַרום איהם טהוט זיך. עפּיס דרעהען זיך אַרום איהם מענשען, אַ סך בעקאַנטע פּנים׳ער, ער דריקט אַלעמען די הענד. אַלע דריקען איהם די האַנד, ער הערט בעקאַנטע קולות. פּעטיאַ און סעריאָזשאַ וואַרפען זיך איהם אויפ׳ן האַלז. דער הונט וויל אויך מיט איהם צוקושען זיך. „גליוק! בלייבסט רוהיג...״— זאָגט צו איהם פּעאָקטיסט פּעדאָסייאיטש און שלעפּט איהם אָפּ מיט זיין גרויסער מגושמ׳דיגער האַנד פאַר׳ן האַלזבאַנד, נאָר דער הונד האָט זיך איינגעשפּאַרט — ער וויל דוקא צו זיין פריינד, צום רוסישען רעפּעטיטאָר אויפ׳ן פאַיעטאָן. עס וועט זיך גאָר ניט העלפען, מע וועט איהם מוזען בעטען מחילה און פערשליסען אין שטוב — לאָז ער גראַב-

לען דערנאָך מיט די לאַפּעס די טהיר ווִיפֿיעל זיין הארץ געלוסט... און די גוטע נאַדיעזשדאַ פעאָדאָראָוונאַ געזעגענט זיך מיט'ן רעפּעטיטאָר, ווי אַ מאַמע, ווי אַ געטרייע מאַמע, זי צלמ'ט איהם איבער.....

צו פיעל עולם האָט זיך צונויפגעקליבען אַרויסבעגלייטען דעם רוסי־שען רעפּעטיטאָר, צו אַ גרויסער טאַראַראַם. אויף קיין איין מינוט קאָן ער ניט בלייבען מיט סאַשען אַליין, ער זאָל איהר קאָנען זאָגען כאָטש אַ וואָרט, כאָטש איין וואָרט...

שוין אין דרויסען, אין דער צייט, ווען מע האָט געהאַט צו טהאָן מיט'ן הונד, איז איהם געראָטען שטעהן נעבען סאַשען אַזוי נאָהענט, אַז ער האָט איהר געקאָנט אַריינוואַרפען אַ פּאָר ווערטער:

— זייט געזונד — עס קאָן זיין, מיר וועלען זיך שוין מעהר קיינ־מאָל ניט זעהען... און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז איבער סאַשעס ליכטיג פּנים איז דורכגעפלויגען אַ קליין וואָלקענדעל און איהרע לאַכענדיגע אויגען האָבען ווי אַ ציטער געגעבען אונטער איהרע שענע געדיכטע ברעמען, און „פּיער", וועלכער איז צוגעגאַנגען צו איהר אין דער מינוט און עפּיס אַ פראַגע געגעבען ביי איהר, איז געבליבען, ווי איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אָהן אַ ענטפער... אַ מצוה! כן יאבדו!... אָט דער אָפיצירעל וועט ערשט פּיהלען נאָכדעם, אַז ער, גריגאָרי אי־וואַנאָוויטש, וועט שוין זיין ווייט, און סאַשאַ וועט אַרומגעהן ווי אַ שאָ־טען, זיך קיין אָרט נישט קאָנען געפינען. נאָר קיין בן-אָדם וועט ניט וויסען, נאָך וועמען סאַשאַ בענקט אַזוי, ביז...

— — — — — — — — — — — —

— ווידער חלומות? ווידער פאַנטאַזיעס? ווידער די בת-מלכּה פונ'ם לאַנד פון „אופיר"? — רייסט ער זיך אַליין איבער זיינע מחשבות, זיצענדיג אין פאַיעטאָן און לויפענדיג צו דער באַהן אַזוי גיך, ווי עס איז נור מעגליך פּאַר פּאָקטיסט פעדאָסייאיטש'עס ברענענדיגע פערד.

נאָר אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער שוין געזעסען אין וואַגאָן, וואָס האָט איהם געטראָגען נישט קיין ט..., ווי מע האָט געמיינט ביי די באָרדאָ-בראָדאָווסקיס אין הויז, נאָר אין דער גרויסער שטאָדט פון דער „טשערטאַ" — צו ראַטעווען זיין חבר, דעם אמת'ן גריגאָרי איוואַ־נאָוויטש פּאָפּאָוו.

## דאָס זעכסאונאַכטציגסטע קאַפיטעל.

### „אָחינו אתה".

וואָס געהענטער רב משה ראבינאָוויטש און זיין עלטערער זוהן אַברהם לייב זענען געוועזן צו דער גרויסער שטאָדט, האָבען זיי אַלץ אָפטער געהערט, ווי יודען רעדען פונ׳ם „פעקעל", פונ׳ם אומגליקליכען קרבן, פונ׳ם דאַנטיסט דעם שלים-מזל, וואָס זיצט איינער אַליין און מע לאָזט נישט צו צו איהם קיין לעבעדיגען מענשען.

דער פאָטער מיט׳ן זוהן, וואָס האָבען די גאַנצע צייט פון דער נסיעה זיך געהאַלטען אין אַ זייט, פערשלאָגען אין אַ ווינקעלע און געשוויגען שטיל, דערהערט די דאָזיגע דבורים, האָבען זיי אָנגעשטעלט די אויערען, טאָמער וועלען זיי זהאַפּען עפּיס אַ וואָרט, וואָס זאָל זיי עפּיס זאָגען... זיי האָבען אָבער פון די שמועסען נישט געקאָנט אַרויס-בעקומען קיין זאַך. זיי האָבען נור געהערט די ווערטער „שלים-מזל׳דיגער דאַנטיסט"... „אומגליקליכער קרבן"... וכדומה אַזעלכע עפּיטעטען און עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען, אַז דער עולם מאַכט חוזק — און דאָס האָט זיי פערדראָסען, ניט פערשטאַנען, וואָס איז דאָ צו לאַכען?

מעהר ווי אויף אַלע האָט זיי געערגערט אויף אַ געלען יודען, אַ קלייענדיגען, מיט גראָבע ליפּען, וואָס רעדט שטשיפּיליאַווע און וואָס האָט געהאַלטען אין איין לאַכען. די אויגען האָבען איהם אַזש גע-טרערענט פאַר געלעכטער. ער האָט גע׳טענה׳ט זיין טענה, אַזוי צו זאָגען:

— ניין. איך זאָג נור איינס. נעחייבי וואָלטען זיי געפאַקט האָטש אַ נאַש בראַט, ווי זאָגט איהר, אַ יודען מיט אַ טלית קטן. צום סוף נאַט אייך נאָר אַ דאַנטיסטעל, אַ פּוסטער בחור, אַ גוי גמור, וואָס

ווייס ניט אַ וואָרט יודיש, ווי זאָגט איהר, קיין צלם פאַר קיין אלוף, שוין ניטאָ קיין זייטען לאַבענדיג!

דער פאָטער מיט'ן זוהן קוקען זיך איבער: „פון זייער הערשעל רעדט מען דאָס אַזוי? ווי איז דאָס מעגליך? זייער הערשעל קען עס ניט אַ וואָרט יודיש, קיין צלם פאַר קיין אַלוף?"... אַ גליק, וואָס דער פאָטער זיצט אויף דערביי. ווען אַברהם לייב אַליין, למשל, זאָל דאָ זיין, וואָלט געקאָנט אַרויס אַ מאוסער סקאַנדאַל. אַברהם לייב איז אַ יונגערמאַן מיט טעמפעראַמענט. ער האָט זיך אַזוי אויך געריסען אַלע מינוט צו אָט דעם געלען יודען מיט די גראָבע ליפּען מיט דער שטשיפּעליאָווע צונג, האָט איהם דער פאָטער אַלע מאָל מיט אַ ציה פאַר'ן אַרבעל אָבגעהאַלטען: „זיץ!" און ער האָט נעבאַך געמוזט זיצען אין געהאַקטע וואונדען און אויסהערען אַלע שטות'ערייען, שקרים וכזבים. וואָס האָט ער געקאָנט טהאָן? „כבוד אָב!"...

נאָר אָט איז מען, דאַנקען גאָט, באַלד ווי געקומען. אַלע פּאַסאַזשירען האָבען זיך געגעבען אַ נעהם צו די פּעקלעך און יודען האָבען אָנגעהויבען עפּיס ווי ציהען זיך, מאָדנע אָטעמען, און פיבערען, ווי עס פיבערט זיך, למשל, פאַר אַ עקזאַמען, פאַר אַ פּריזיוו אָדער פאַר אַ משפט... אַנדערע האָבען זיך געטאַפּט ביי די קעשענעס, צו די „פּע-סער". אַנדערע האָבען זיך צורעכט געמאַכט די מאַנישקעס און די קאַפּעלושלעך, רעכט פערשאַרט די פּאות אויף יענער זייט אויערען, געטהאָן אַלסדינג וואָס נור מעגליך איז — עס זאָל זיך אַזוי ניט וואַרפען דער „יוד" אין די אויגען...

נאָר אונזערע ראַבינאָוויטשעס האָבען פון דעם פיבער נאָך נישט געוואוסט. ס'איז זיי נאָך נישט רעכט בעקענט געווען דער אמת'ער טעם פון גלות... דאָס הייסט, געהערט האָבען זיי, אַז פון דער דאָזיגער גרויסער שטאָדט טרייבט מען יודען, און אַז מע מאַכט „אָבלאַ-וועס", און אַז מע שיקט אָפּ אַהיים מיט'ן עטאַפּ אין 24 שעה און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכען. נאָר פון הערען ביז אַליין פיהלען איז נאָך ווייט. און ווייל זיי פאָהרען אַהער דעם ערשטען מאָל, דעריבער האָבען זיי זיך גאַנץ ברייטליך, כמעט די ערשטע, געחאַפּט פון וואַגאָן און אַריין מיט הענד און פיס אין דעם גרויסען שטראָם פון דער גרויסער שטאָדט, שיער ניט פערטויבט געוואָרען פונ'ם גרויסען טומעל, פונ'ם רעש און פונ'ם יאַריד און פונ'ם לויפען היך און צוריק משוגע'נערווייז, וואָס האָט אויסגעזעהען ביי זיי אין די אויגען ווי אַ תהום, ווי אַ גיהנם.

— וואוהין געהען מיר צום אַלעם ערשטען?—האָט דער פּאָטער אַ פרעג געגעבען ביים זוהן, חאַפּענדיג אַ שטויס אין זײַט אַריין נישט איין מאָל, נאָר אַ פּאָר מאָל.

— וואוהין געהען מיר?—האָט איהם דער זוהן געענטפערט מיט די אייגענע ווערטער און בעגעגענט זיך מיט אַ מאָרדע פון אַ פערד פּנים-אל-פּנים און שיער נישט פערלוירען געגאַנגען—ווייסטו וואָס, טאַטע, חאַפּט זיי דער וואַטענמאַכער, לאָמיר נעהמען אַ איזוואָזשטשיק און לאָמיר פאָהרען.

— וואוהין?

— לאָמיר זיך קאָרשט פריהער אַוועקזעצען און דערנאָך וועלען מיר שוין זעהען וואוהין.

— טאַ! אפשר ביזט דו גערעכט,—איז דער פּאָטער מסכים צום פּלאַן פון נעהמען אַ איזוואָזשטשיק.

עס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי „נעהמען אַ איזוואָזשטשיק”. מחמת זיי זענען דאָך שוין לאַנג אַרויס פון דער רייהע און אָבגעשטופּט געוואָרען מיט׳ן שטראָם אַלע מאָל ווייטער און ווייטער, זענען אונזערע קליינשטעדטעלדיגע פּאַסאַזשירען נעבאַך געבליבען כמעט די לעצטע און דאָס האָבען זיי זיך כמעט איינגעבעטען, מע זאָל זיי נעהמען, אַזוי אַז נאָך אַ לאַנגע שורה פון פאַיעטאָנעס, אָמניבוסען, קאַרעטען און דראָשקעס האָט מען געקאָנט זעהען צוויי יודען, איינער אַן׳עלטערער, אַ בעוואַקסענער, דער אַנדערער אַ יונגערער מיט אַ סימן פון אַ היבש בערדעל, זיצען איינגעבויגען אין דרייען און העצקען זיך שאָקלענדיג זיך הין און הער אויף אַן׳אַלטער, אַ ביסעל אַן׳אויסגעבויגענער דראָשקע מיט אַן׳אויסגעדאַרט ווייס משיח׳ס פערדעל, וואָס ווען ס׳זאָל ניט זיין אין דער דאָזיגער גרויסער גלאַנצענדיגער שטאָדט, וואו אַ יוד בעדאַרף האָבען „פּראַוואָזשיטעלסטווע”, וואָלטען זיי זיכער געקאָנט מיינען, אַז זיי זיצען אויף אַ יודישען בעל-עגלה. און ווער שמועסט זיי זאָלען נאָך געוועזען אַ קוק טהון אויפ׳ן בעל-עגלה פון פאָרענט, ניט פון הינטען, וואָלטען זיי שוין דעמאָלט איינגאַנצען געוועזען זיכער, אַז זיי פאָהרען מיט אַ יודען, ניט מיט קיין גוי, און רב משה ראַבינאָוויטש וואָלט נישט בעדאַרפט זיך ברעכען די צונג רעדען מיט איהם אויף אַ שפּראַך, אויף וועלכער ער איז שוואַכליך, און זיין זוהן אַברהם לייב וואָלט נישט בעדאַרפט אַרויסווייזען פאַר איהם, ווי ווייט ער איז קלאָר אין קיר-פּיטשניקאָוו׳ס גראַמאַטיקע, וואָרום אַז דער איזוואָזשטשיק האָט נאָך אַ

האַלבע שעה העצקען זיך אַ פרעג געגעבען זיינע פאַרשווינדלען אויף רוסיש, וואוהין זיי וועלען זיך הייסען פיהרען, און אברהם לייב האָט איהם אַ זאָג געגעבען אויך אויף רוסיש, ער זאָל פאָהרען גלייך אין דער „זובאָווראַטשעבנע שקאָלע“, האָט דער איזוואָזשטשיק געגעבען אַ האַלבען דרעה אויס דעם קאָפּ צו איהם: „יעסט דוואַ זובאָווראַטשעבניע שקאָלע“—האָט איהם אברהם לייב באַלד אָפּגעהאַקט, אַז מע בעדאַרף זאָגען „דוויע“, ניט „דוואַ“, ווייל „שקאָלע“ איז אַ לשון נקבה—„שזענסקאַוואַ ראָדאַ“.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי פאָהרען, האָט דער איזוואָזשטשיק דאָס ערשטע מאָל אויסגעדרעהט דאָס גאַנצע פּנים צו זיינע פאַרשוינען און זיי האָבען דערזעהען פאַר זיך—גוואַלד, רבונו של עולם!—אַ יודען מיט יודישע אויגען, מיט אַ יודישער אויסגעבויגענער נאָז און מיט אַ יודיש געגרייזעלט בערדעל, נישט מעהר, וואָס ער געהט אין דער גאַנצער אוניפאָרם, אין אַ רוסישען אַרמאַק מיט אַ ברייטען גאַרטעל און מיט אַ שוואַרץ גלאַט סיראַטען לאַקשענטעפּעל אויפ'ן קאָפּ. ווען ניט דאָס, וואָלט איהם חלעבען אַ סך בעסער אָנגעשטאַנען צו זיין אַ שמש ביי זיי אינ'ם קליינעם שטעדטעל איידער אַ איזוואָזשטשיק אין דער דאָזיגער גרויסער טומעלדיגער רוסישער שטאָדט.

— איך וואָלט געמעגט שווערען—האָט דער פאָטער אין אַ מינוט אַרום אַ זאָג געגעבען צום זוהן—אַז אונזער איזוואָזשטשיק איז ניט קיין ערל, נאָר אַ „יהודי“.

— אָט וועל איך מיט איהם עפּיס דבר'ן, וועלען מיר באַלד וויסען, צי איז ער אַ יהודי, צי אַן ערל—האָט דער זוהן איהם אָבגעענטפערט און האָט זיך געקלויבען אַ פרעג געבען ביים איזוואָזשטשיק גופא. ער איז נור נישט פאַרטיג געוועזען מיט דער שפּראַך, ווי אַזוי ער זאָל עס איהם אויסדריקען. אַ פרעג טהון ביי איהם גלייך: „טשי ווי איז נאַשיך?“—וועט זיין צו גראָבליך. זאָגען איהם איידעל: „פּאָזוואָלטי אוזנאַט וואַשו נאַציאָנאַלנאָסט“—וועט זיין צו איידעל פאַר אַ איזוואָזשטשיק. האָט איהם אָבער דער איזוואָזשטשיק פערשפּאָרט אַנ'אַרבייט. ער האָט ווידער אַמאָל אויסגעדרעהט דאָס גאַנצע פּנים צו זיינע פּאַסאַזשירען און האָט זיך אָפּגערופען צו זיי שוין גלייך אויף יודיש:

— איהר פאָהרט אין דער זובאָווראַטשעבנע? ביי אונז איז פאַרהאַן צוויי זובאָוראַטשעבנעס, דריי זובאָווראַטשעבנעס. איהר רופט מיר אָן אַ

נאָמען, אָדער אַ גאַס, איך זאָל וויסען, וואוהין צו פערקערעווען. פער-שטעהט איהר מיך?

— געזונד זאָל איהר זיין! — רופט זיך אָן רב משה ראַבינאָ-וויטש צופריעדען, וואָס דער איזוואָשטשיק איז אַ יוד — זענט איהר, הייסט עס, אַ אונזעריגער? וואָס-זשע האָט איהר ביז אַהער געשוויגען? נאַט אייך אָפּעט שלום עליכם.

ער קוועטשט דעם יודישען איזוואָשטשיק׳ס קאָרענע, פערסמאָל-צעוועטע האַנד, וואָס שמעקט מיט פערד און מיט סמאָלע. אַברהם לייב פון זיין זייט טהוט נאָך דעם פאָטער און ציהט איהם אויך אויס אַ האַנד:

— אחינו אתה? שלום עליכם.

— עליכם ועל בניכם! — ענטפערט איהם דער איזוואָשטשיק, וועלכער זיצט שוין מיט אַ האַלבען פנים צו די פאַרשוינען, דאָס שוואַרצע סיראָטענע לאָקשענטעפעל פערקאַטשעט אַרויף און שוואַרצע געקרייזעלטע הערלעך זעהען זיך אויפ׳ן פערשוויצטען געקנייטשטען שטערען. און די פאַרשוינען פרעגען אויס ביים איזוואָשטשיק, ווער ער איז און פון וואַנען ער איז און צי איז ער שוין לאַנג אין דעם ברויט? און דער איזוואָזשטשיק ביי זיי פרעגט זיך אויס, ווער זיי זע-נען און פון וואַנען און וואָס טהוען זיי דאָ?

ווער זיי זענען און פון וואַנען — דאָס האָבען זיי איהם ניט געזשאַלעוועט. נאָר וואָס זיי טהוען דאָ — האָבען זיי ניט געפונען פאַר נייטיג איהם מודיע צו זיין. אָפּגעבען אַ יודען שלום-עליכם — מהיכי-תיתי, פאַרוואָס ניט? נאָר אַריינלאָזען זיך מיט אַ בעל-עגלה אין טיעפע דרכים — דאָס אַזאָס!

— מסתמא אַ געשעפטעל? — מאַכט צו זיי דער איזוואָזשטשיק, נישט אויסצופרעגען זיך, נאָר גלאַט אַזוי זיך.

— מסתמא אַ געשעפטעל — גיבען זיי איהם נאָך.

— און אפשר צום דאָקטאָר? — פרובט זיך דער איזוואָשטשיק מיט אַ טאַפּ אין וואָגען נאָכאַמאָל.

— אפשר צום דאָקטאָר — ענטפערען זיי איהם ביידע, מיינענדיג, אַז זיי זענען שוין פאַרטיג מיט איהם. לסוף וויל ער נאָך וויסען צו וועלכען דאָקטאָר און אויף וואָסער שלאַפקייט?

די פאַרשוינען זעהען, אַז ס׳איז פון איהם ניט אַזוי גיך פטור צו ווערען, בלייבט ביי זיי צו זאָגען איהם בעסער דער גאַנצען אמת.

צו וואָס טויגען די חכמות? ער איז דאָך אַ יוד, גלייך ווי זיי, וואָס האָבען זיי פאַר איהם מורא צו האָבען? און אַגב טאָמער ועלען זיי ביי איהם עפּיס אויסטאַפּען? זיי ווייסען דאָך אפילו ניט, אין יוואָס פאַר אַ זובאָוראַטשעבנע זייער הערשעל האָט זיך געלערנט און אויף וואָס פאַר אַ גאַס ער האָט געוואוינט. און געה ריכט זיך, אַז אָט דער איזוואָשטשיק (אַ יוד איז ניט קיין גוי) ניט נור ער ווייס די גאַנצע געשיכטע מיט'ן „פעקעל", אַ סברה, אַז ער קען זייער הערשלען ווי ער קען זיך און זיין בעל-הבית מיט דער בעל-הבית'טע, וואו ער האָט געיואוינט, קען ער אויסגעבונד'ען, וואָרום ער האָט ניט אַזוי פיעל האָר אין באָרד, וויפיעל מאָל ער איז מיט זיי געפאָהרען... אָט אַ שטייגער ערב פסח אין פאָדראַד אַריין צו די מצות, און צוריק פון פאָדראַד מיט די מצות אַהיים ווער האָט זיי געבראַכט צופיהרען, אַז ניט ער מיט אָט דעם דאָזיגען פערדעל?

— אַ בחור אַ פאַניטש, אויף מיר אַזאַ יאָהר! איז דאָס טאַקי אייערער אַנ'אייגענער קרוב בעבאַך? וויאָ!

— געזונד זאָלט איהר זיין! — רופט זיך אָן צו איהם דער על-טערער — וויבאַלד אַזוי, צו וואָס זאָלען מיר זיך שלעפּען אומזיסט אין דער זובאָוראַטשעבנע זיך נאָכפרעגען? איהר קאָנט דאָך אונז פיהרען גלייך אַהין, וואו ער האָט געוואוינט.

— אַודאי קאָן איך אייך פיהרען גלייך אַהין, פאַר וואָס זאָל איך ניט קאָנען? וויאָ! ווילט איהר, הייסט עס, מיט איהם זיך זעהען? איך האָב מורא, ס'איז אומזיסט אייער טרחה. איך האָב געהערט זאָ-גען, אַז מע לאָזט ניט צו צו איהם קיין בן-אָדם, מע האָט מורא, מע זאָל ניט אונטערקויפען די שומרים און איהם אַרויסלאָזען פריי, וואָרום ער איז זעהר רייך!

ביידע פאַרשוינען קוקען זיך איבער, און דער עלטערער רופט זיך אָן צום בעל-עגלה:

— געזונד זאָלט איהר זיין! ווער, זאָגט איהר, איז זעהר רייך?

— ער טאַקי, אָט דער דאָזיגער, וואָס זיצט אין טורמע, אייערס אַ פריינדעל איז ער, זאָגט איהר? ער איז זעהר רייך, זאָגט מען — וויאָ! דאָס הייסט, ניט ער איז רייך, נאָר קרובים, זאָגט מען, האָט ער זעהר רייכע, מיליאָנערען — וויאָ! מיר זענען שוין באַלד געקו-מען. זעהט איהר אָן דאָרט אַ הויכען מויער? איז דער צווייטער הויף אָדער דער דריטער, זיצט דאָרט יענער יוד, שפּירא רופט מען איהם,

אַ גאַנץ וואוילער יוד, און ניט נאָך אַזוי ער, ווי זיין ווייב, אַ כשר'ע יודענע, און אַ טעכטערעל ביי זיי אַ צאַצקע, זיצט אויף אַ דאַטשע, די טאָכטער, הייסט עס — וויאָ! נאָר מאַכט מיר קלאָר, איך בעט אייך, איהר ווייסט בעסער, איך בין אַ יוד אַ פּראָסטער, אַ בעל־עגלה, איז אויף מיין בעל-עגלה'שען מוח לעגט זיך עפּיס ניט די גאַנצע מעשה: אַ בחור אַ דאַנטיסט, אַ גאַנצער פּאַניטש, קאָן אַ וואָרט יודיש ניט ר עדן...

ביידע פּאַסאַזשירען קוקען זיך איבער ווידער אַמאָל און דער על-טערער טהוט אַ פרעג:

— ווער, זאָגט איהר, קאָן אַ וואָרט יודיש ניט רעדען?

— אָט אָט דער קרוב אייערער, וואָס געהער ער זיך אייך אָן? אַ פלימעניק, אַ שוועסטער-קינד? אַ שני שבשלישי? טפררררו — מיר זענען שוין אָטאָ געקומען צופאָהרען. זעהט איהר אָטאָ אַ גלעקעל? טהוט אַ ציה, ועט מען אייך עפענען. איהר ווייסט ניט ווי אַזוי? לאָזט מיך... וויפיעל מיר קומט? מיר קומט פון וואָקזאַל אַהער אַזוי גרויס אַזוי קליין — מעהר קיין באַגאַזש האָט איהר ניט? ווען רעכענט איהר אם ירצה שם פאָהרען צוריק? איהר ווייסט נאָך אַליין ניט? נו, פערשטעהט זיך, פון וואַנען זאָלט איהר וויסען? אַז איהר וועט דאַרפען פאָהרען, זאָלט איהר זיך מטריח זיין זאָגען איהר, אָט דער מאַדאַם שפירא, זי קען מיך, וויפיעל מאָל געפאָהרען מיט מיר אין באָלניצע צו דער טאָכטער. אָט דאָ טאַקי געפין איך מיך מייסטענס, אויף דער יודישער גאַס. אַ יודישער איזוואָשטשיק בעדאַרף זיין אויף דער יודישער גאַס, ווי זאָגט איהר, אָחינו אתה, און אָנגעהויבען האָט איהר צו מיר רעדען אויף „רישוס”, נאָר, וואָס האָט איהר געמיינט, בין איך אַ פּאָני? חאַ-חאַ! שולדיג איז די פאָרמע משטיינסגעזאָגט, און אַ ביסעל דאַרף טאַקי נאַש בראַט פערשטעלען דעם יודען, מע זאָל איהם חלילה ניט דערקענען — וואָס זאָלען מיר טהאָן? מיר זענען ביי זיי, ניט זיי ביי אונז... ווילט איהר, הייסט עס, איך זאָל אייך טאַקי גע-בען „סדאַטשע” אויך, צי דאָס זאָל שוין זיין אויף „נאַ וואָדקע”? לאַנג לעבען זאָלט איהר. לאָז אייך גאָט העלפען, איהר זאָלט מצליח זיין בכל אשר אפנה — איהר חדוש'ט זיך, וואָס איך קען? איך בין דאָך, ווי איהר אַליין זאָגט: „אָחינו אתה...” אַ גוטען!

## דאָס זיבענאונאַכציגסטע קאַפּיטעל.

### אורחים.

טאָמער איז געווען קאַרג דאָס פּעקעל צרות, וואָס די אָרעמע מוטער נעבאַך, שׂרה שפּיראָ, האָט געטראָגען אויף איהרע הרופקע פּלייצעס, האָט איהר גאָט צוגעשיקט אורחים — דעם קוואַרטיראַנט׳ס פּאָטער מיט׳ן ברודער, רב משה ראַבינאָוויטש מיט זיין עלטערען זוהן אברהם לייב, אָדער ווי זיין ווייבעל רופט איהם אברהם לייבוש (מיר טהוען איהר צוליעב און רופען איהם שוין פון איצט אָן אַברהם לייבוש).

דער פּאָטער, רב משה ראַבינאָוויטש, איז אַ הויכער יוד און אַ דאַרער, מיט פערזאָרגטע אויגען, וואָס האָבען זיך בעזעצט טיעף אין דעם ווייס געקנייטשטען שטערען; זעהט אויס אַ יוד אַ חלש. יעדער זיפץ, וואָס ער טהוט, רייסט אויס אַ שטיק האַרץ; רעדט שטיל, בנעימות׳דיג: „געזונד זאָלט איהר זיין״. און דער זוהן, אַברהם לייבוש, אַ בעל-הבית׳ל מיט סימנים פון אַ פיין בערדעל, דוקא אַ געזונדער יונג און אַ שענער, נאָר אַ גרויסער בעל מרה-שחורה און ניט קיין קליינער עזות-פּנים; זיין טאַטע האָט פאַר איהם מעהר מורא ווי ער פאַר׳ן טאַטען, אָדער בעסער געזאָגט זיי ביידע, דער טאַטע מיט׳ן זוהן, האָבען איינס פאַר׳ן אַנדערען דרך-ארץ. די נאָז שנייצט ער ניט אין אַ פאַטשיילע, ווי די גאַנצע וועלט, נאָר מיט איין פינגער אויף אַ זייט, אַ סימן פון אַ זשוואַווער יונגענמאַנטשיק.

אָנגעקומען זענען די געסט צו די שפּיראָס אין שטוב אַריין פּונקט האַלבען טאָג, אין דער צייט ווען דוד שפּיראָ חאַפּט זיך אַראָפּ אַהיים איבערחאַפּען דעם אָנבייסען, ווי זיין שטייגער איז, אויף איין

פוס און אַנטלויפען צוריק אין געשעפט אַריין, וואָרום ער איז דאָך אַ „פערקויפטער מענש".

דוד שפּיראָ איז די לעצטע צייט געוועהנט געוואָרען, אַז פרעמדע מענשען, קאָרעספּאָנדענטען פון צייטונגען און גלאַט זייטיגע פּאַרשוי־נען, זאָלען איהם קומען דולען אַ ספּאָדיק וועגען זיין קוואַרטיראַנט, דעם אומגליקליכען דאַנטיסט נעבאַך, וואָס האָט זיך אַזוי מאוס אַריינ־געחאַפּט. די ערשטע צייט איז דוד געווען צופריעדען, וואָס מענשען אינטערעסירען זיך מיט זיין קוואַרטיראַנט, ווילען הערען פון איהם, פון דוד שפּיראָ'ן אַליין זיין מיינונג, וואָס זאָגט ער אויף דעם אומגליק. נאָר שפּעטער-שפּעטער האָט זיך עס איהם צוגעגעסען און ער האָט כמעט געטריבען מענשען פון שטוב; ווען שרה זאָל איהם ניט אָפּ־האַלטען, וואָלטען געווען סקאַנדאַלען.

אויך איצט, אַז די צוויי פרעמדע יודען זענען אַריינגעקומען, האָט זיי דוד נאָכ'ן ערשטען שלום-עליכם שיער נישט געגעבען דעם וועג.

— עליכם שלום — האָט זיי דוד קורץ געענטפערט — וואָס ווילט איהר זאָגען גוטס?

— דאָ, ביי אייך, האָט געוואוינט אויף קוואַרטיר — האָבען די אַריינגעקומענע אָנגעהויבען, האָט זיי דער בעל-הבית אָפּגעהאַקט און אַליין געענדיגט פאַר זיי:

— דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש? ביי מיר, ביי מיר. נאָר וואָס געהט אייך אָן? אַקעגען וואָס דאַרפט איהר עס וויסען? און וואָס וועט אייך שוין זיין אַזוי גוט אַז איהר וועט וויסען? און ווענמען קאָן דערפון אַרויס אַ טובה? יודען קריכען — טאָמער ווייסט איהר וואָס?

נאָך אַזאַ שענעם ברוך-הבא זענען ביידע אורחים, דער פאָטער מיט'ן זוהן, געבליבען שטעהן אָהן ווערטער, נישט געוואוסט וואָס זיי זאָלען טהון. דער זוהן האָט, ווי עס ווייזט אויס, שטאַרק חשק גע־האַט, דערלאַנגען דעם דאָזיגען יודען צוריק נאָך אַ שענערען ברוך־הבא, ווי ער, אַברהם לייבוש, קען. האָט איהם אָבער דער פאָטער מיט אַ ציה פאַר'ן אַרבעל אָפּגעהאַלטען, אַזוי אַז דער גייציגער און זשוואַווער אַברהם לייבוש האָט זיך אויסגעדרעהט אויף אַ זייט און גע־געבען אַ שטאַרקען שנייץ אויס די נאָז מיט איין פינגער, ווי זיין שטייגער איז, און דער פאָטער, רב משה ראַבינאָוויטש, האָט זיך אָנ־גערופען צום בעל-הבית בנעימות'דיג מיט אַ ביטערען שמייכעל:

— זאָלט איהר געזונד זיין! פאַר וואָס זאָלט איהר אונז בעסער

נישט פרעגען מה שמכם און וויסען ווער מיר זענען און וואָס מיר טהוען דאָ, וואָלט איהר פערשפּאָרען זיך אָפּעסען דאָס האַרץ אומזיסט-אומגישט.

— זעהר געדעכט — מישט זיך אַריין שרה, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט אַ טעלער צעהאַקטען הערינג און אָנגעבראָקטע ציבעלקעס מיט עסיג און מיט געווירצען פערפּראַוועט. דער געשמאַקער ריח פונ׳ם הערינג און דער שאַרפער אַראָמאַט פון די געווירצען האָט זיך מיט סכּנות נפשות צעטראָגען איבער דער גאַנצער שטוב און פער׳-אַגבה׳ט זיך אין נאָז אַריין צו די אורחים און אַזוי שטאַרק געקיצעלט זיי דעם אַפּעטיט, אַז אברהם לייבוּש האָט אַזש אַ הויכען שלונג גע-געבען — דער יוד איז דאָך כ׳לעבען געדעכט, זעהר, זעהר געדעכט! ווער געוואויר פריהער ווער, וואָס און ווען, דערנאָך וועסטו אַרויסבע-וויזען דעם כהן...

אַנ׳אַנדער צייט וואָלט זיך שרה נישט געגאַרט פון איהר מאַן, דעם אמת׳ן שפּיראָ, פאַר אַריינגמישען זיך אינ׳ם מאַנ׳ס רעד. איצט אָבער האָט ער זיך געפיהלט באמת אַ ביסעל שולדיג, וואָס ער האָט זיך געחאַפּט זידלען פרעמדע מענשען נישט צו וויסען אפילו זייער נאָמען. און ער האָט זיך אָנגערופען צו זיי מיט אַ טאָן נידעריגער:

— ווער זענט איהר דען, וואָס איהר פרעגט זיך אַזוי נאָך אויפ׳ן דאַנטיסט ראַבינאָוויטש און פון וואַנען קומט איהר?

דער אַלטער האָט אַ ביסעל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אויך שטיל אַ זאָג געגעבען:

— דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש — דאָס איז טאַקי מיינער אַ זוהן, איך בין זיינער אַ טאַטע, און אָט דער דאָזיגער — דאָס איז אויך מיי-נער אַ זוהן — אַנ׳עלטערער, און געהער זיך אָן הייסט עס אייער קוואַר-טיראַנט אַ ברודער, אַנ׳עלטערער ברודער הייסט עס..

איצט זענען שוין די שפּיראָס געבליבען אָהן לשון. פון זינט דער קוואַרטיראַנט איז ביי זיי געווען, האָבען זיי נאָך פון איהם קיינ-מאָל נישט געהערט, ער זאָל דערמאַנען אַפילו, אַז ער האָט ערגיץ אַ פאָטער אָדער אַ ברודער. זיי וויסען נאָר פון אַ מומע אַ רייכע, אַ מיליאָנערשע, אָהן קינדער, און פון אַ שוועסטער, וואָס מע רופט זי „וויערא“, ווייטער ווייסען זיי גיט פון קיין שום נאָהענטע אָדער ווייטע קרובים — און פלוצים גאָר וואַקסט אויס אַ פאָטער און אַ ברודער! פאַר גרויס אימפּעט האָט שרה גאָרניט געוואוסט, וואָס צו טהון מיט׳ן

צעהאַקטען הערינג, צי זי זאָל איהם אָוועקשטעלען אויפ'ן טיש, צי זי זאָל איהם אָפּטראָגען צוריק, פון וואַנען ער איז געקומען, און דוד האָט פערגעסען, אַז ער איז אַ פערקויפטער מענש און רופט זיך אָן צום פאָטער פונ'ם קוואַרטיראַנט און די אויגען ביי איהם פינטלען:

— זייט-זשע מוחל, וואָס-זשע האָב איך אייך געוואָלט זאָגען? יאָ. איז אייער זוהן, זאָגט איהר, אָט דער ראַבינאָוויטש הייסט עס, אייערער אַ דאַנטיסט, מיין איך אַ זוהן אייערער? און מיר האָבען גאָר-ניט געוואוסט, אַפילו ניט אָנגעהויבען צו וויסען, אַז אייער זוהן, דער דאַנטיסט הייסט עס, האָט אַ טאַטען...

— זאָלט איהר געזונד זיין — מאַכט צו איהם דער אַלטער מיט זיין ביטער שמייכעל — יעדער זוהן האָט אַ טאַטען...

— נו, יאָ, פערשטעהט זיך — דוד שפּיראָ פיהלט, אַז ער ווערט רויט — אַוודאי אַזוי, ווי דען? ניט דאָס האָב איך געמיינט. איך האָב געמיינט, פערשטעהט איהר מיך...

— שאַט, וואָס טויגען לאַנגע שמועסען! — מישט זיך אַריין ווי-דער אַמאָל שרה, וואָס האָט זיך קוים געחאַפּט אָוועקשטעלען דעם הערינג אויף זיין געהעריגען אָרט, אויפ'ן טיש — איהר זאָגט בעסער, מיין ליעבער יוד, ווי אַזוי רופט מען אייך ביים נאָמען?

— מיך ווי אַזוי מען רופט ביים נאָמען? — זאָגט דער אַלטער און קוקט אויפ'ן זוהן — מיין נאָמען איז משה... משה ראַבינאָוויטש הייסט עס.

— רב משה ראַבינאָוויטש — פעררירכט איהם דער זוהן און שנייצט אויס די נאָז מיט איין פינגער.

— נו, יאָ! — רופט זיך אָן שרה צום מאַן — איצט איז שוין רעכט: ער האָט דאָך טאַקי געהייסען גריגאָרי מאָיסייעוויטש...

דער אַלטער לאָזט ווידער אַראָפּ די אויגען און רעדט שטיל:

— ווי אַזוי זאָגט איהר — גריגאָרי מאָסייוויטש? אין דערהיים רופט מען איהם הערשעל, און דאָ הייסט ער שוין, דער ימח-שמו'ניק, גרי-גאָרי... איך הייס, אין דערהיים הייס איך, משה, אין פּאַס שטעה איך פערשריבען „מאָושא", און דאָ בין איך שוין אַ מאָיסייעוויטש... היינ-טיגע קינדער ימח שמם...

שרה'ן איז איהר קוואַרטיראַנט'ס פאָטער געפעלען געוואָרען, דער פאָטער מעהר פונ'ם זוהן. זי האָט זיך אַ וואָרף געגעבען, צוגע-רוקט איהם אַ שטוהל, און דעם זוהן שוין אויך אַ שטוהל, און געגעב-

טען זיצען. אויף איהר קוקענדיג האָט שוין דוד אויך אַ קעהר געגעבען זיך צו די אורחים, גלייך ווי ער האָט זיי שוין דריי מאל געבעטען זיצען און זיי ווילען ניט.

— זיצט, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

און ביידע אורחים האָבען זיך אוועקגעזעצט, געגומען אויספרע-גען זיך קודם אויף זייער הערשלען, ווי אַזוי איז דאָס געשעהען, פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ גאָט׳ס שטראָף אויף זיי. און איין וועגס דערצעהלט וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען, ווי אַזוי זיי האָבען אַ צייט קיין בריעף נישט געהאָט, געמיינט זיי ווילען משוגע ווערען און דערנאָך ווי אַזוי מע האָט זיי גענומען, איינגעזעצט אין חד-גדיא אַריין, אויסגעפרעגט און אויסגעטרייסעלט זיי, אָפּגעהאַלטען צוויי טאָג, און ערשט דערנאָך, אַז מע האָט זיי אַרויסגעלאָזט, זענען זיי פון די צייטונגען געוואויר געוואָרען פונ׳ם אומגליק, אַז דער דאַנטיסט, וואָס מע האָט איהם איינגעזעצט, דאָס איז טאַקי ניט קיין אַנדערער נאָר זייער הערשעל! זענען זיי געקומען אָט דאָ אַהערצו צופאָהרען ראַ-טעווען זייער הערשלען — אַ גרויסע שטאָדט, רייכע יודען, מיליאָנערען, ווי וועלען זיי דאָס שווייגען, לאָזען אַ יודען זיצען אומזיסט-אומנישט איבער אַזאַ נאַרישקייט, אַ בלבול? היתכן?

— היאמן כי יסו״ר? — לעגט צו אַברהם לייבוש אויף העברע-איש. היינטיגע צייטען פון פראָגרעס און ציוויליזאַציע זאָל זיך טרע-פען אַזאַ רציחה!...

— און איך זאָג אייך, הערט איהר, ס׳איז בלאָטע! — אָט האָט מען מיר אַליין, ווי איהר זעהט מיך, אויך איינגעזעצט און אויך גע-נומען צום צימבעל — און בלאָטע, בלאָטע שבבלאָטע! נאָר אַ געלעכ-טער!... דוד שפּירא האָט דערווייל אַ געלעגענהייט צו דערצעהלען פון זיך, ווי אַזוי ער האָט זיך געהאַלטען די גאַנצע צייט פונ׳ם אָנהויב, פונ׳ם ערשטען אַרעסט אָן, ביז היינטיגען טאָג. ער האָט ניט פערגע-סען איבערצוגעבען אַלע געשיכטען מיט די אָביסקען, מיט די אַרע-סטען, און דערנאָך וויפיעל מאָל מע האָט איהם, דוד׳ן, שוין געשלעפּט צום סלעדאָוואַטעל, און וואָס מע האָט איהם געפרעגט, און וואָס ער האָט זיי דאָרט אַלעמען אָוועקגעגעבען — וואָס האָט ער מורא? „אַז מע עסט ניט קיין קנאָבעל, שמעקט ניט פון מויל״... און אויסגעלאָזט האָט ער ווי אַלע מאָל, „אַז דער גאַנצער עסק איז ניט ווערט, איהר זאָלט זאָגען, אָט אָ דאָס אָ (אַ וייז אויפ׳ן שפּיץ פינגער). מע וועט איהם

נאָר אָפּהאַלטען אַ ביסעל און מע וועט איהם אַרויסלאָזען בשם אלהי ישראל אויף אַלע פיער זייטען".

— אמן הלואי! — שטעלט אַריין שרה אויף אַ וואָרט — פון דיין מויל אין גאָט'ס אויערען! — דערוויל נעבאַך זיצט ער, אַנ'איידעל קינד, אויף זייד געצויגען, מע לאָזט ניט צו צו איהם קיין לעבעדי- גען מענשען... נישט קיין עסען צו טראָגען, נישט קיין בריוועל שרייבען, נישט קיין פּאַפּיראָס אויף רויכערען — טאָמער ווייסט איהר פאַר וואָס? פאַר ווען? באַשערט געווען נעבאַך אַ מענשען אָפּקומען דעם גיהנם אויף דער וועלט...

שרה ווישט אויס אַ טרעהר, און דער פאָטער נעבאַך ווייגט אויף איין זייט און דער זוהן אויף דער אַנדערער זייט. זיי ווישען זיך די אויגען און פּרּעגען זיך אויס נאָכאַמאָל, ווי אַזוי איז דאָס גע- שעהען? פון וואַנען האָט זיך עס גענומען? ביידע שפּיראָס, איינס איבער דאָס אַנדערע, גיבען איבער אויף דער גיך, נאָכאַמאָל און נאָכ- אַמאָל, די גאַנצע געשיכטע מיט זייער שכנ'ס שטיפזוהנדעל, וואָס איז אַ חבר געווען מיט זייער סיאָמקען להבדיל, אַ קינד אַ גאָלד, ער איז איצט אין גימנאַזיע, אָט באַלד דאַרף ער קומען עסען; און פון דעם ווי אַזוי זייער ראַבינאָוויטש, וואָס האָט געלערנט מיט זייער סיאָמקען, האָט געלערנט אויך מיט זייער שכנ'ס שטיפזוהנדעל להבדיל, נישט צו- ליעב געלד חלילה—צו וואָס דאַרף ער געלד?—נור צוליעב זייער סיאָמ- קען און צוליעב זייער בעטי — דאָס איז זייער טאָכטער, בעטי רופט מען זי, וואוינט איצטער אויף אַ דאַטשע — אַנ'עבירה, וואָס זיי קאָנען זי נישט זעהען, ס'איז שוין איין מאָל אַ בעטי!...

— זאָלט איהר געזונד זיין! — רייסט איבער דער עלטערער אורח — איהר זאָגט, אַז מיין זוהן דאַרף ניט קיין געלד און לערנט נור לשם מצוה, און וואו זענען יענע צוויי רייכע הייזער, וואָס ער האָט דאָרטען געהאַט די בעסטע אוראָקען?

— וואָסערע הייזער? — וואָסערע אוראָקען? — זאָגט דוד שפּיראָ און קעהרט זיך אום צוריק צו זיינע מעשיות.

און די אורחים קוקען זיך איבער און שטוינען: „וואָס טהוט זיך עס מיט זיי? פאַהרענדיג אין וואַגאָן האָבען זיי געהערט ווילדע רעד וועגען זייער הערשלען, אַז ער ווייסט ניט קיין צלם פאַר קיין אַלוף... איצט אָט דאָ הערען זיי, אַז ער האָט דאָ נישט געהאַט קיין שום רייכע אוראָקען אין דער דאָזיגער שטאָדט — טאַקי נאָר משוגע צו

זוערען!"... און דער בעל-הבית, שפּירא, ווי באַלד ער איז אַריין אין זיין ראָל און האַלט אין דערצעהלען, איז איהם שוין נישט אַזוי גרינג אָפּצורייסען.

— טאָמער וואָלט געווען געגוג! — רייסט איבער דוד שפּירא זיך אַליין — איך דאַרף געהן אין געשעפט אַריין, איך בין, פער-שטעהט איהר מיך, אַ פּערקויפטער מענש, אַ סלוזשעשצע,— מאַכט ער צו די געסט, און צום ווייב טהוט ער אַ זאָג: טאָמער וואָלסטו, שרה, גע-בעטען די געסט צום טיש, די אורחים קערען אַודאי זיין הונגעריג, אַ טאַנץ, זאָגט מען, געהט ניט פאַר'ן עסען און די נשמה אויסשפּייען קאָן מען אויך ניט, וואָס? ניט אַזוי?

— אַודאי אַזוי. כל זמן אַ מענש לעבט. נאָר וואָס דען? ביי אייך איז דאָך ניט קיין אַכסניה, זאָלט איהר געזונד זיין! — זאָגט דער פּאָטער און קוקט אויפ'ן זוהן, צי זאָל ער אָננעהמען די איינ-לאַדונג, אָדער ניין.

— מיר זענען דאָך געקומען אַהערצו עפּיס מכּח אַנ'עסק — מאַכט דער זוהן נישט צו ריהרען פון אָרט,— אַ סימן אַז ער איז מסכּים מע זאָל בלייבען אויף וואַרעמעס.

— איהר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען — טהוט זיך שרה אַ דרעה אויס און שטעלט נאָך טעלער — איהר וועט אונז חלילה נישט קאַליע מאַכען גאָרנישט, אַ הערינג איז גרייט, וואַרעמעס קאָכט זיך, וואו צוויי עסען, דאָרט קאָנען פיער... געה, דוד, וואַש דיך און רוף די געסט אויך.

— זייט-זשע מוחל — מאַכט צו זיי דוד, בעוויזט אויף דער קוואָרט און וואַשט זיך אויף צו פריהער, ווי דער מנהג איז פון אַ בעל-הבית אַ מכניס אורח — זייט-זשע מוחל, אָהן אַ שום דאָס...

— זאָלט איהר געזונד זיין! — ברעקעלט זיך נאָך דער פּאָטער, שטעהט אויף און קוקט נאָך אַלץ אויפ'ן זוהן — מיר קענען דאָך אַפילו נאָך גאָרנישט איינס דאָס אַנדערע ווי עס געהער צו זיין. מיר ווייסען דאָך אַפילו ניט, ווער איהר זענט און ווי אַזוי מע רופט אייך?

— בקאָטע! — זאָגט דער בעל-הבית און חאַפּט אָפּ דעם „שאו-ידיכם" אויף דער גיך, ווי זיין שטייגער איז, ווינקט צום ווייב זי זאָל זיך ניט בענוצען מיט זיין ניט קאָנען רעדען און חלילה ניט אויסהאַפּען ביי איהם פונ'ם מויל, וואָס ער וויל זאָגען, און מאַכט אַ המוציא אויף דער גיך און איז צופריעדען, וואָס ער קאָן שוין רע-

דען — בלאָטע! — איצט קענען מיר אייך שוין ווער איהר זענט זעהר גוט. אייער זוהן איז ביי אונז ניט נור אַ קוואַרטיראַנט געווען, ער איז אונזערער אַ פריינד, נאָך נעהנטער פון אַ פריינד, מע קאָן זאָגען אַ ידיד נאמן, וואָס איז אונז אַלעמען איינגעבאַקען אין האַרצען, שייך צו זאָגען, אהבת נפש!... און ווער מיר זענען — וועט איהר אויך באַלד וויסען. איך וועל אייך נאָר זאָגען איין וואָרט: „סלאַוויטע". האָט איהר געהערט אַמאָל סלאַוויטע? — און דוד פערקוקט די אורחים אין די אויגען אריין.

— זאָלט איהר געזונד זיין! — זאָגט דער פאָטער אַ געוואַשענער, קייענדיג די המוציא מיט זאַלץ — וועלכער יוד ווייס דאָס נישט סלאַוואוטע?... און דער זוהן, וואָס ווישט נאָך די הענד און טאָר נאָך נישט רעדען, מאַכט נור מיט׳ן וואונק:

— פס—נו... המ... אָ... נו... נדפס בסלאַוויטאַ!

און איידער אַברהם לייבוש זעצט זיך אַוועק צום טיש, טהוט ער נאָכאַמאָל אַ שנייץ אויס די נאָז מיט איין פינגער, און דער בעל-הבית מיט די אורחים נעהמען זיך גלייך צום געהאַקטען הערינג, וואָס איז מיט ציבעלקעס פערבראָקט און מיט געווירצען פערפּראַוועט און דער ריח צוגעהט זיך איבער׳ן גאַנצען שטוב — מחיה נפשות.

## דאָס אַכטאונאַכטציגסטע קאַפּיטעל.

### וואונדער איבער וואונדער!

די אורחים האָבען ניט פערגעסען, אַז דער בעל-הבית האָט זיי אָנגעהויבען דערצעהלען פון זיין יחוס, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. און חאָטש זייער האַרץ איז איצטער געוועזען נישט צו האָרכען פרעמדע מעשיות, זייער נשמה איז געווען גאָר ווייס איך וואו, ערגיץ ביי זייער אומגליקליכען הערשלען, דאָך איז נישט קיין דרך-ארץ, אַז מע זיצט ביי אַ פרעמדען טיש און אַ בעל-הבית רעדט, בעדאַרף מען איהם אויסהערען ביז'ן סוף.

— זענט איהר אַליין טאַקי אַ סלאַוויטער פון סלאַוואוסטע הייסט עס? — אַזוי מאַכט צו איהם רב משה ראַבינאָוויטש, און ביידע, דער פאָטער מיט'ן זוהן, קוקען אויף שפּיראָ'ן, גלייך ווי דאָס האָט אַ וואַזשנע שייכות מיט זייער עסק, וואָס זיי זענען צוליעב איהם אַהער געקומען.

דוד שפּיראָ צעלאַכט זיך, ווי אַ מענש וואָס האַלט ערשט ביים אויפדעקען ווער ער איז און ביי איבערראַשען דערמיט די וועלט נאָר ער ווייסט נישט, פון וואָסער זייט ער זאָל אָנהויבען.

— האָט איהר געהערט אַמאָל דעם נאָמען שפּיראָ? איך מיין, אַז איהר האָט געהערט... און ער שלינגט אַראָפּ דעם ביסען וואָס גי־כער, טרייסעלט אָפּ די ברעקלעך פון באָרד און שיסט אויס בעסער מיט אַמאָל, ווי איינער רעדט: „צו וואָס מוטשען מענשען?"

— בקצור — איך בין פון די אמת'ע, פון די סלאַוויטער שפּיראָס...

און דוד שפּיראָ שטעלט אַוועק די אויגען אויף די אורחים, וואָס פאַר אַ רושם האָט אויף זיי געמאַכט דער נאָמען שפּיראָ?

דער דאָזיגער נאָמען וואָלט געמעגט מאַכען אויף די אורחים אַ גרעסערען רושם ווי עס האָט געמאַכט, און עס קאָן זעהר מעגליך זיין, אַז עס וואָלט טאַקי געמאַכט דעם רושם, וואָס שפּיראָ האָט גע-וואָלט, ווען עס זאָל זיך נישט געווען אַריינמישען אין מיטען שרה — אַ יודענע בלייבט אַ יודענע! — און אַריינפאָהרען מיט איהר ווייבער-שער טשיקאַוועקייט. שרה, וואָס האָט דערווייל אויפגעגעבען דאָס עסען צום טיש, האָט געוואָלט וויסען נאָר איין זאַך: וואָס איז די מעשה, וואָס די גאַנצע צייט, זינט עס האָט זיך געטראָפען דאָס אומגליק, הערט מען ניט פון דער מוהמע און מע זעהט ניט פון איהר, אַז ס'זאָל זי אָנהויבען אַרען, וואָט דער פלימעניק זיצט און וועט נאָך חלילה זיצען און זיצען?...

— איך פערשטעה גאָרניט — לאָזט זי אויס — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין מוהמע אויף דער וועלט? האָט קיין פעדאיבעל ניט, וואָס איך רעד אַזוי אָפען — זי בעדאַרף זיין ניט פון פלייש און בלוט, נאָר פון שטיין אָדער פון אייזען...

אין דער גאַנצער צייט, וואָס שרה רעדט, קוקט דער פאָטער אויפ'ן זוהן און דער זוהן אויפ'ן פאָטער. און אַז יענע האָט געענדיגט, מאַכט צו איהר רב משה ראַבינאָוויטש און הערט-אויף קייען:

— זאָלט איהר געזונד זיין! פון וועלכער מוהמע רעדט איהר דאָס?

— וואָס הייסט פון וועלכער מוהמע? — זאָגט שרה — פון וועל-כער מוהמע זאָל איך רעדען? פערשטעהט זיך, פון דער רייכער מוהמע די מיליאָנערשע די אַלמנה...

— וועלכע רייכע מוהמע? וואָס פאַר אַ מיליאָנערשע? וואָסער אַלמנה? — זאָגט דער פאָטער און קוקט אויפ'ן זוהן, און דער זוהן העלפט איהם אונטער:

— וואָסערע לאָקשען? וואָסערע פלומען? — און ער בויגט זיך אָן און שנייצט אויס די נאָז מיט איין פינגער.

אָט דאָס האָט דוקא יאָ געמאַכט אַ רושם. אַזאַ רושם, אַז דוד שפּיראָ האָט אַזש פערגעסען אָן זיין יחוס און אַ קוק געגעבען אויפ'ן ווייב.

— וואָס הייסט? — זאָגט שרה נאָכאַמאָל צו די געסט שוין מיט אַ טאָן העכער — וואָס הייסט? אייער ראַבינאָוויטש האָט ניט קיין מוהמע אַ מיליאָנערשע אָהן קינדער, וואָס ער איז ביי איהר דער איינ-ציגער יורש איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר?

דער פּאָטער מיט׳ן זוהן האָבען אַזש אויפגעקלעקט די גאָפּלען.

— עס הויבט זיך גאָרניט אָן! — זאָגט דער פּאָטער, און דער זוהן לעגט צו:

— לא היה ולא נברא, ניט געשטויגען ניט געפלויגען!

— און גאָרניט געהאַט אויך? — פרעגט שרה און שעמט זיך צו קוקען דעם מאַן אין די אויגען אַריין.

— זאָלט איהר געזונד זיין! וואָס הייסט ניט געהאַט? ער האָט היינט אויך אַ מוהמע, צוויי מוהמעס, דריי מוהמעס, אַ סך מוהמעס, באַר אַלע קבצנ׳טעס, אביונ׳טעס, און ניט איינע אַ מיליאָנערשע.

— ווער האָט דאָס אייך אויסגעטראַכט אַזאַ פזמון, אַ נעכטיגען טאָג, אויפ׳ן הימעל אַ יאַריד? — לעגט צו דער זוהן.

— ער אַליין, טאַקי אייער ברודער — מאַכט צו איהם שרה, שטאַרק צעקאָכט פון דער מעשה.

— אָט אַזוי טאַקי מיט דעם לשון „אַ מוהמע אַ מיליאָנערשע״ האָט ער אייך געזאָגט? — פרעגט איבער ביי איהר נאָכאַמאָל אַברהם לייבוש. דאָ ווערט שוין שרה אויף איהם רעכט בייז:

— וואָס פרעגט איהר ביי מיר איבער ווי אַ סלעדאָוואַטעל, ווי אַזוי מיט וואָסער אַ לשון ער האָט מיר געזאָגט? איהר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז ניט מיט דעם לשון ווי איהר רעדט, וואָרום אייער ברודער רעדט דאָך ניט אונזער לשון...

— אויף וואָס פאַר אַ דען לשון רעדט מיין ברודער? — מאַכט צו איהר אַברהם לייבוש און קוקט אויפ׳ן פּאָטער.

— וואָס בעדאַרף מען זיך דאָ שעמען? — מישט זיך אַריין דער בעל-הבית — ס׳איז היינט דאָ ברוך-השם גענוג אַזעלכע יונגע לייט ביי אונז. נישקשה, אייער זוהן איז נישט דער איינציגער, וואָס פערשטעהט ניט אַ וואָרט יודיש.

— מיין הערשעל, זאָגט איהר, פערשטעהט ניט אַ וואָרט יודיש? — מאַכט דער פּאָטער און לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פונ׳ם זוהן.

— ווער האָט דאָס אייך געזאָגט אַזאַ שאַרפען ליגען? — לעגט צו אַברהם לייבוש.

— אַזאַ שאַרפען ליגען? טאַקי ער אַליין, אייער ברודער האָט דאָס אונז געזאָגט, היינט ווייסט איהר שוין? — ענטפערט אָפּ שרה פאַר איהר מאַן מיט כעס און איז גרייט צערייסען אָט דעם „יונגען-מאַן פון דער ציעג״, וועלכען זי האָט פיינט געקריגען פון דער ערשטער

מינוט אָן—צי אפשר מיינט איהר, אז מע טראַכט אייך אויס? זאָלט איהר וויסען, אַז מיר זענען ניט קיין ליגנערס. מע קען אונז!

דערויף האָט איהר אברהם לייבוש גאָרניט געענטפערט און נאָר אויסגעשנייצט די נאָז מיט איין פינגער. געענטפערט האָט איהר דער אַלטער ראַבינאָוויטש.

—זאָלט איהר געזונד זיין!— האָט ער איהר געזאָגט און אַ נעהם געגעבען זיך צו דער בוזעם-קעשענע און אַרויסגעצויגען פון דאָרטען אַ גראָבען טייסטער— אַ בחור, וואָס פערשטעהט ניט אַ וואָרט יודיש, שרייבט ניט אַזעלכע בריוולעך אויף מאַמע-לשון... אַנ׳עבירה, וואָס איך קאָן אייך ניט ווייזען ווי ער שרייבט לשון-קודש. ס׳איז געווען ביי אונז אַ טרייסלעניש, אַנ׳ „אַביסקע״, האָט מען מיר אויסגעליידיגט דעם דאָזיגען טייסטער, צוגענומען ביי מיר זיינע בעסטע לשון-קודש׳דיגע כתבים, אַלע מליצה-בריעף...

דוד און שרה האָבען געגאַפט, נישט געגלויבט זייערע אויערען: וואָס איז דאָס? אַ חלום? אַ כשוף?... נאָר ס׳איז ניט קיין דרך-ארץ: אורחים—מע בעדאַרף זיי בעטען עסען.

—פאַרוואָס עסט איהר ניט?— מאַכט צו זיי דער בעל-הבית מיט אַ זויערער מינע, און די בעל-הבית׳טע גיט צו:

—עסט, עסט. דאָס מיט דעם געהער זיך גאָרניט אָן.

—זאָלט איהר מיר געזונד זיין!— מאַכט דער אַלטער ראַבינאָוויטש, וואָס איז אַריין אין אַמביציע, וואָס מע איז חושד זיין הערשלען, אַז ער פערשטעהט ניט קיין יודיש.— אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע! ער וואָלט אַ בעלן געווען, אַז שפּירא און שפּירעכע זאָלען זיך פערגינען הערכען ווי זיין הערשעל זאָגט קדיש נאָך דער מאַמע. אָדער ווי זיין הערשעל קלינגט אָפּ אַ מפטיר, אַז ער קומט אַהיים אויף יום-טוב. אָדער ווי זיין הערשעל זאָגט די הגדה פסח ביים סדר...

—די הגדה פסח ביים סדר?— מאַכט דוד שפּירא און ווערט שיער ניט דערוואָרגען מיט׳ן ביסען, ער קוקט מיט איין אויג אַ לאַבענדיגס אויף שרה׳ן און פיהלט, אַז דאָס עסען געהט איהם נישט איין.

שרה—די האָט זיך אַפילו ניט צוגעריהרט צום וואַרעמעס. איהר קריכט נישט אַרויס פון קאָפּ די מוהמע די מיליאָנערשע. קומט דאָך אויס, הייסט דאָס, אַז דער קוואַרטיראַנט, פון וועלכען זי האָט געהאַלטען אַנ׳עולם ומלואו, איז אַ פּראָסטער ליגנער?... רבונו של עולם! צו

וואָס האָט ער איהר בעדאַרפט אויסטראַכטען אַזאַ מאָדנעם ליגען?.. שאַ, אָט וועלען מיר באַלד וויסען אַקוראַט!—מאַכט זי צו זיך אַליין און ווענדט זיך צום פאָטער (דעם זוהן האָט זי פיינט, וויל מיט איהם נישט רעדען):

— האָט איהר נישט געהאַט אַ שוואָגער, וואָס האָט געהייסען אברהם און זיין טאַטע אויך אברהם? אַבראַם אַבראַמאָוויטש?

— זאָלט איהר געזונד זיין! — ענטפערט איהר דער אַלטער — ווי איז דאָס מעגליך ביי יודען, אַז דער זוהן מיט'ן טאַטען זאָלען הייסען איין נאָמען?

— דאָס איז ביי גוים — גיט צו דער זוהן — ביי זיי איז מעגליך, אַז דער טאַטע זאָל הייסען איוואַן און דער זוהן אויך איוואַן.

— דאָס ווייס מען אָהן אייך אויך — זאָגט שרה און וויל גאָר אויף איהם קיין קוק נישט טהון. זי רעדט בעסער צום פאָטער:

— זאָגט-זשע מיר, וואָס איך וועל אייך פרעגען נאָך אַ זאַך: וויפיעל קינדער האָט איהר?

— וואָס גערט עס דיך אָן? — פאַלט אָן אויף איהר דוד אַ צעקאָכטער — ביזט אַ סודעבנע סלעדאָוואַטעל, צי וואָס?

— לאָז דיך ניט אַרען, מסתמא ווייס איך וואָס איך פרעג—האַקט איהם אָפּ שרה, וואָס האָט זיך איהרס אין זינען און ווענדט זיך ווידער צום עלטערען אורח: — איך האָב נור געוואָלט וויסען, אויב איהר האָט אַ טאָכטער „ויערא"?

— איך? אַ טאָכטער ויעראַ? המ... איך האָב צוויי טעכטער, זאָלען געזונד זיין, הייסען זיי ביידע מיט יודישע, ניט גוי'אישע נעמען... איינע הייסט שפרה, איז זי דאַנקען גאָט אַ גרויסע אביונ'טע, און די אַנדערע שרה-לאה, איז זי אויך ניט קיין קליינע קבצנ'טע און איז נאָך, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט קיין געזונטע אויך, בעדאַרף אַ רעפּעראַציע, ווי מע דאַרף לעבען...

שרה בלייבט שוין גאָר אָפּהענדיג: „קומט דאָך אויס, הייסט עס, אַז ער איז ניט נור אַ ליגנער, נאָר טאַקי אַ שווינדלער אויך, וואָרום ווי באַלד אַז קיין שוועסטער „ויעראַ" האָט ער ניט, בלייבט דאָך ווידער די קשיא: ווער-זשע איז געווען די „ויעראַ פ."...? אָדער אפשר האָט ער געהאַט אַמאָל אַ שוועסטער, נאָר זי איז געשטאָרבען?... עס טליעט נאָך ביי איהר אַ פונק פון האָפענונג און זי ווענדט זיך ווידער אַמאָל צום אַלטען:

— אַ סברה, אַז איהר האָט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט קיין טאָכ־טער, וואָס האָט געהייסען „ויערא״, אָדער דבורה, אָדער?...

— שרה! עס וועט אַמאָל האָבען אַנ׳עק, צי ווער־וואָס? — איז אויף איהר אָנגעפאַלען דוד מיט אַ געשריי — האָסטו געזעהען אַ ביסעל אַ יודענע האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ? אַ גרויסע נפקא מינה מיר, צי ויערא, צי דבורה, צי סאָסי, צי דוואָסי! גיב שוין בעסער אַהער מים אַחרונים, וועלען מיר בענטשען מזומן. דו ווייסט אַליין, אַז איך בין אַ פערקויפּטער מענש, איך דאַרף געהן...

מיט אַ טיפען זיפץ שטעהט אויף שרה פונ׳ם טיש, דערלאַנגט אין אַ קעלישעקעל אַ ביסעל וואַסער אויף אַ טעלער און טראַכט זיך: „אַ שטיקעל גליק האָטש, וואָס בעטי איז דאָ נישטאָ...״ און דוד גיסט אָפּ די שפּיץ פינגער פונ׳ם קעלישעקעל און טהוט אַ רוק צו דעם טע־לער צו די אורחים:

— רבותי, מיר וועלען בענטשען!

ביידע אורחים צעשאָקלען זיך און חאַפּען אונטער:

— יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם.

— ברשות מרנן ורבנן ורבותי נברך שאכלנו משלו.

— ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו — לאָזען אויס ביידע אורחים שוין מיט אַ נגון, און מיט דעמזעלבען נגון נעהמען אַלע דריי בענ־טשען, שאָקלען זיך, און יעדער פון זיי בענטשט אויף אַנ׳אַנדער אופן: דער בעל־הבית האַפּט אַזוי גיך, אַז מיט דריי לאָקאָמאָטיווען איהם ניט צו דעריאָגען. ראַבינאָוויטש דער פּאָטער פערקעהרט זאָגט פּאַוואָלי איטליכס וואָרט בעזונדער, ווי מע צעהלט אַרבּעס אָדער ווי מע ניזשעט פּערעל. און זיין זוהן אַברהם לייבוש — דער מורקעט עפּיס אונטער דער נאָז אויף אַ ביי־קולכעל, מע ווייס ניט וואָס, צי ער בענטשט, צי ער זינגט זיך גלאַט אַ נגונ׳דעל. גאָר אַלע דריי קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע, קאַלופּען זיך בעת מעשה די ציינער און יעדער האָט זיך אויף יעדען זיינע מחשבות.

## דאָס ניינאונאַכטציגסטע קאַפּיטעל.

### שוה-כסף.

דער, וואָס וועט מיינען, אַז רב משה ראַבינאָוויטש איז געקומען צופאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט ראַטעווען זיין זוהן מיט ליידיגע הענד, דער וועט האָבען אַ גרויסען טעות. אמת, קיין גרויסע קאַפּיטאַלען האָט ער מיט זיך ניט מיטגעבראַכט. ער איז געוועזען גליקליך, וואָס ער האָט חאָטש געקריגען אויף הוצאות. אַ ביסעל גוטע פריינד און אַ ביסעל האָט ער זיך אַליין אַנ'עצה געגעבען: פערזעצט זיין אייגענעם זייגער און דעם זייגער פון זיין עלטערען זוהן (אַ גאָלדענער זייגער, אַ „רעמאָנטירער" מיט צוויי קאָפּערטעס 56 פּרוב). אַברהם לייבוש האָט זיך אַפילו זעהר געהאַט געבריקעלט, קיין בעזונדער חשק ניט געהאַט זיך צעשיידען מיט דער מתנה, וואָס ער האָט בעקומען פון זיין כלה חתן-וויז. נאָר דערזעהען, וואָס פאַר אַנ'אָנטייל די גאַנצע שטאָדט נעהמט אין זייער אומגליק — „פדיון שבויים", אַ קלייניגקייט? — האָט ער אַליין אויסגעטהון פון זיך דעם זייגער מיט'ן קייטעל (דאָס קייטעל שוין נישט פון ריין גאָלד, נאָר פון זילבער, שטאַרק פערגאָלדעט).

דערפאַר האָבען זיי אָבער מיטגעבראַכט מיט זיך שוה-כסף, וואָס ניט יעדערער וואָלט עס געקאָנט אויספיהרען, סיידען אַזאַ אָנגעזעהענער בעל-הבית און אַזאַ חשוב'ער יוד ווי רב משה ראַבינאָוויטש, וואָס איז נישטאָ איינער אין שטאָדט זאָל זאָגען אַ שלעכט וואָרט אויף איהם. דאָס איז געוועזען זעהר אַ וואַרעמער בריעף, וואָס דער רב פון שטעדטעל האָט אָנגעשריבען צום רב פון דער גרויסער שטאָדט אין זעהר אַ שענער מליצה-שפּראַך, מיט אַ זעלטענער האַנדשריפט און דערצו אין אַ ריין לשון-קודש, וואָס איז גאָר שווער צו גלויבען, אַז אַ רב פון אַ

קליין שטעדטעל זאָל אַזוי קאָנען שרייבען.

צום אַלעם ערשטען שיקט ער איהם הונדערט ברכות מיט טויזענד ווינשעוואַניעס אויף זיין קאָפּ און אויף די קעפּ פון כּל-ישראל, סיי די, וואָס אין דער דאָזיגער שטאָדט, סיי די, וואָס אין אַלע שטעדט אויף דער גאַנצער וועלט, וואו נאָר די קינדער פון ישראל טהוען רוהען דאָרטען.

דערנאָך גיסט ער אויס אַ ביסעל התנצלות, וואָס אַזאַ קליין ווערעמעל ווי ער האָט אַ העזה צוצוטרעטען צו אַזאַ וויזעלטיער, צו איינעם פון די הויכע בערג, פון די וואָלקען-זיילען, וואָס דאָס גאַנצע הויז פון ישראל איז אָנגעשפּאַרט אויף זיי; נאָר ווייל דאָ איז אַ זאַך, וואָס איז נוגע דעם כּלל ישראל, האָט דאָס איהם געגעבען שטאַרקייט און דרייסטיגקייט און אַזוי ווייטער... און ערשט דעמאָלט געהט ער אַריבער צום גוף הענין און מאָלט איהם אָרום מיט אַלערליי פאַרבען די צרות און רדיפות, וואָס יודען טראָגען איבער אויף זיך פון זינט זיי זענען געוואָרען אַ פאָלק, ביז צום היינטיגען טאָג, — ניין, דאָס איז ניט געוועזען קיין בריעף, נאָר אַ ים מיט פייעריגער מליצה, אַנ'אמת'ער שעדעוור אויף דריי בויגען פּאַפּיר, וואָס קאָן ריהרען אַ שטיין; און שענער פון אַלץ איז דער סוף, מיט וועלכען ער לאָזט אויס גאָר קונציג: „קלאַפּט אין די טהירען פון אונזערע גרויסע און מעכטיגע! וועקט רחמנות אין זייערע לייבער! ישראל איז ניט קיין אַלמן אין רייכע מענשען מיט גוטע הערצער! בעפרייט די געפאַנגענע, און צו די געבונדענע זאָגט: געהט אַרויס! און נעהמט אַראָפּ די חרפּה פון אונזער פאָלק און פערשטאָפּט לאָזען ווערען די מיילער פון אונזערע שונאים און אָנרייצער — אמן".

הכּלל — דאָס איז שוין געווען איין מאָל אַ בריעף. נאָר איידער עפּיס וואָס, איידער אונזערע ראַבינאָוויטשעס האָבען זיך גענומען צו זייער אַרבייט, איידער זיי האָבען זיך געזעהען מיט וועמען ס'גיט איז אין דער דאָזיגער טומעלדיגער שטאָדט, האָבען זיי אַ טראַכט געגעבען מכּח אַ קוואַרטיר און טאַקי באַלד זיך אַוועקגעלאָזט אינאיינעם מיט דוד שפּיראָ'ן זוכען אַ סטאַנציע — דאָס איז דאָס ערשטע. ס'איז זיי אָבער נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען, ווי זיי האָבען געמיינט. אין די אַלע סטאַנציעס, וואָס דוד שפּיראָ האָט זיי אָנגעוויזען, האָט מען ביי זיי געפאָדערט דאָקומענטען נאָך איידער זיי האָבען אַריבערגעטרעטען

די שוועל. און זיי האָבען, ווי אויף צו להכעיס, ניט געהאַט קיין שום דאָקומענטען. נישט נור דאָס, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען פון יודענס וועגען און ווערט אָנגערופען מיט'ן נאָמען „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", נאָר אַפילו אַ געוועהנליכען פּאַס, „שווארץ אויף ווייס", דאָס, וואָס יע-דער לעבעדיגער מענש בעדאַרף האָבען מיט זיך, אַז ער פאָהרט אַרויס פון דערהיים, האָבען זיי אויך פאַר גרויס אימפּעט גאָר פערגעסען מיטצונעהמען. שלעכט. וואָס טהוט מען? עס איז זיי אויסגעקומען אָדער נעכטיגען אין דרויסען אונטער גאָט'ס הימעל, אָדער פערקערעווען די האַלאַבליס און אָוועקפאָהרען מיט'ן בייטשעל צוריק אַהיים!

צווישען יודען אָבער ווערט מען ניט פערפאַלען. עס האָט זיך געפונען אַ גוטער מענש, און דוקא אַ יוד אַן אָרעמאַן (אָרעמע לייט האָבען אין זיך אומעטום מעהר יושר), וואָס האָט זיי פאַרגעלעגט זיין שטוב מיט זיין בעט מיט זיין טיש מיט זיין אַלסדינג און דוקא אומ-זיסט, איהר זאָלט זאָגען אַ גראָשען געלד. — ס'איז ביי איהם ניט קיין אַכסניה, האָט ער געזאָגט, ער לעבט נישט חלילה פון דעם, זיין גע-שעפט איז, זאָגט ער, גאָר אַן אַנדער געשעפט, רב דוד שפּיראָ קען איהם, ער דרעהט זיך אַרום דער בערזע, דרעהט ער זיך, אַמאָל איז אַזוי, און אַמאָל איז אַזוי, מע קומט דורך..."

דאָס איז געוועזען אונזער אַלטער בעקאַנטער, מיר האָבען זיך בע-געגענט מיט איהם אויף דער בערזע אין קאַפע; זיין נאָמען איז קאַץ און רופען רופט מען איהם „קעצעלע", ווייל ער איז אַ קליינינקער, מיט קורצינקע פיסעלעך.

געפּאַקט האָט קעצעלע די אורחים, בעת זיי זענען געשטאַנען מיט שפּיראָ'ן אין גאַס און גע'טענה'ט. דוד שפּיראָ, וואָס האָט זיך אַליין מטריח געווען און איז געגאַנגען מיט זיי זוכען אַ סטאַנציע, האָטש ער איז אַ פערקריפּטער מענש, האָט ניט געזשאַלעוועט נאָך עט-ליכע מינוט צייט און איז געשטאַנען מיט די אורחים אין מיטען גאַס און האָט ניט אויפגעהערט צו זאָגען מוסר, אַז ער פערשטעהט ניט, אַז ער הויבט עס ניט אָן צו פערשטעהן, האָטש נעהמט איהם אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי אַזוי זעצען זיך דאָס אויף מענשען בעיאָהרטע, יודען מיט בערד, און פאָהרען אַרויס אָהן אַ שטיקעל פּאַפּיר, אָהן אַנ'איינ-געטונקטער פען, און נאָך וואוהין? אין אַזאַ שטאָדט אַריין, וואו אַ יוד איז סכנות נפשות!...

ביידע ראַבינאָוויטשעס האָבען אַפילו אַליין אויך פערשטאַנען, אַז

פֿון זייער זייט איז דאָס אפשר אַ נאַרישקייט, וואָס זיי האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אָהן אַן׳איינגעשטונקטער פּען; נאָר זיי האָבען געגרובט פּערענטפּערען זיך דערמיט, וואָס דער קאָפּ איז זיי געווען לאָ עליכם אַזוי ווייט אין דער ערד, אַז ניט נור אַ פּאַס, ס׳איז אַ מערכה, וואָס זיי האָבען זיך אַליין ניט פערגעסען אין דערהיים.

„אַ ווערטעלע, וואָס האָט זיך אָפּגעטהון ביי זייער אַוועקפאָהרען? די גאַנצע שטאָדט איז דאָך געווען אויף! עס איז געווען הימעל עפּען זיך!"

זעהר שען. דוד שפּיראָ האָט אָבער ניט געוואָלט הערען פון קיין תירוצים.

— זיבעצעהן מאָל דער קאָפּ אין דער ערד און אַכטצעהן מיתה משונה׳ס אפילו, בעדאַרף אַ יוד געדענקען, אַז ס׳איז דאָ אַ זאַקאָן, און ס׳איז דאָ „פּראַוועס"...

פונקט אין דער מינוט וואַקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד קעצעלע.

— וואָס איז? אין וואָס געהט דאָ ביי אייך? אין וועלכען קאָן מען זיך ניט אויסגלייכען? און ווער זענען דאָס די יודען? נישט קיין היגע? פון וואַנען? שלום עליכם אייך.

אַן׳אַנדערש מאָל וואָלט זיך קעצעלע נישט גענאַרט פון דוד שפּירא: אַ יוד געהט פאַרביי, זאָל ער זיך געהן געזונדערהייד און ניט האָבען קיין טבע אריינשטעקען אַ נאָז וואו מע דאַרף ניט. נאָר איצטיגעס מאָל, אָנגעשטויסען אויף די אורחים נאָך פון פריהער, איז ער דוקא געווען צופריעדען, וואָס עס האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטער. לאָז נאָך אַ יוד וויסען, וואָס פאַר אַ ווילדע מענשען ס׳איז נאָך דאָ אויף דער וועלט, וואָס ווייסען ניט פון קיין זאַקאָן און פון קיין „פּראַוועס" און פון קיין זאַך און מיינען, אַז די גאַנצע וועלט — דאָס זענען זיי, און אַז מע האָט אָנגעגרייט פון זייערטוועגען מסתמא אַלס-דינג, סטאַנציעס, מיט פּראַוואָזשיטעלסטוועס, מיט... מיט... מיט...

דוד שפּירא האָט אַזוי שטאַרק געמאַכט מיט די הענד, אַז ער האָט אַזש געטראָפען קעצעלען גלייך אין נאָז אַריין, אומגערעדן, פערשטעהט זיך, וואָרום ווער איז איהם שולדיג, אַז ער האָט אַזעלכע קורצינקע פּיסעלעך, אַז זיין נאָז קומט אויס אַקוראַט יענעם צו דער האַנד? האָט זיך קעצעלע אָפּגערוקט אַ ביסעל אויף אַ זייט און אָנגערופען זיך צו שפּיראָ׳ן:

— שוין? — האָט איהר שוין געענדיגט, צי נאָך ניט? און אויב יאָ, קאָן איך אויך רעדען אַ וואָרט, צי ווער וואָס?

— ווער זאָגט דען, אַז ניין? אַפילו אַכטצעהן טויזענד ווערטער. נאָר דער עיקר נישט מאריך זיין קיין סך, וואָרום איך האָב קיין צייט ניט, איך בין אַ פערקויפטער מענש.

דוד שפּיראָ האָט זיך גאָר אַליין ניט געריכט, אַז ער וועט פּטור ווערען פון די אונאנגענעהמע אורחים אויף אַזאַ גרינגען דרך. געהט זייט אַ נביא, אַז קעצעלע, אַ יוד אַן עני ואביון, וואָס לויפט אַרום זוכען אַ דרייערעל, וועט ווערען גאָר אַ מכניס-אורח פּלוצים.

— מהכתיתי — רופט זיך אָן שפּיראָ — זעהר שען, וואָס הערט זיך אָבער מיט יענער מעשה, וואָס בייסט זיך?...

— מיט וואָסער מעשה? — פרעגט קעצעלע בתמימות — מיט די וואַנצען, מיינט איהר?

— וואָסערע וואַנצען? — מאַכט דוד מיט ביידע הענד — נאַט אייך גאָר וואַנצען! ווער האָט זיי אין זינען? איך רעד פון פּאָליציע רעד איך. טאָמער חלילה אַן׳אָבלאַווע? די יודען האָבען דאָך נישט, איהר זאָלט זאָגען, אַנ׳איינגעטונקטע פּען...

קעצעלע האָט זיך צעלאַכט: חע-חע-חע! פון וואָס אַ יוד רעדט? נאַט אייך גאָר פּאָליציע! אָבלאַוועס! פּסיע! ער זיצט שוין אַכט יאָהר מיט אַ ווייב מיט קינדער, קיין עין-הרע, מיט אַ שוויגער אויף סאַמע נסים, אָהן אַ פּיצעל פּראַוואָזשיטעלסטווע — און גאָרנישט! מע זאָל וועלען כסדר מורא האָבען פאַר אַזעלכע זאַכען, וואָס-זשע וואָלט עס געווען, איך בעט אייך, פאַר אַ לעבען אויף דער וועלט? ווייס איך וואָס, נאַט אייך גאָר אָבלאַוועס, פּאָליציע, לאָקש, בוידעם, ציבעלעס—קומט!

— טאַ! — מאַכט שפּיראָ צו קעצעלען — אויך די אייגענע מעשה, אַז אייך איז ל׳עב, איז מיר ניחא... און צו די אורחים זאָגט ער:

— פערגעסט-זשע נאָר נישט דעם זיי-געזונד און לאָזט זיך נאָר זעהן. מיר האָבען נאָך, ווי זאָגט איהר, צו רעדען און צו רעדען! ס׳איז ביי אייך, האָט קיין פאַראיבעל ניט, עפּיס ניט איינגאַנצען גלאַטיג, עפּיס צו-שטאַרק פערדרעהט ביי אייך, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, און פערפּלאָנטערט...

שפּיראָ בעווייזט מיט די הענד, ווי אַזוי ס׳איז ביי זיי פערדרעהט און פערפּלאָנטערט.

— זאָלט איהר געזונד זיין! — ענטפערט איהם רב משה ראַבי-

נאָוויטש גאַנץ בנעימות און פשוט — ביי אונז איז עס, דאַכט זיך, גלאַט, וואָס גלאַטער קאָן שוין גאָרניט זיין. און ער בעווייזט מיט די הענד, ווי גלאַט ס׳איז ביי זיי.

— אפשר איז ביי אייך פערדרעהט און פערפלאָנטערט, דאָס יאָ,— לעגט צו אַברהם לייבוש, ווי אַנ׳עזות-פנים און קערעוועט זיך אָפּ און שנייצט אויס די נאָז מיט איין פינגער.

— אַנ׳עזות מחוצף פנים! — טראַכט זיך אַ ווײלע שפּעטער שפירא, בעת די אורחים זענען מיט קעצעלען שוין ווייט — גאָרנישט פּאַחאָזשע אויפ׳ן ברודער... און דער פּאָטער? אין לעבענסטאָג וואָלט איך נישט געזאָגט, אַז דאָס זאָל זיין אונזער קוואַרטיראַנט׳ס אַ פּאָטער! און פון וואַנען האָט זיך צו איהם גאָר איינגאַנצען גענומען אַ פּאָטער? צי שטעקט דאָ נישט קיין שווינדעל אַ שטייגער?...

איהר מיינט, ס׳איז איהם נאָר-וואָס געקומען אויף דער מחשבה? ער האָט דאָס נאָך אין דערהיים געטראַכט, נאָר דאָס ווייב האָט איהם דעם קאָפּ פערשלאָגען. אַ יודענע, אַז זי מישט זיך אַריין!... און ער וויל זיך אומקעהרען צוריק, אָניאָגען קעצעלען מיט די אורחים און אַ רעד געבען מיט זיי ריינע דבורים: „זאָגט נור, יהודים, צי קעהרט איהר מיר ניט אָן קיין גנבים, וואָס פאָהרען אַרום איבער דער וועלט, ווי יענע גשרפים כלומר׳שט, אויסנאַרען געלד אויף „פדיון שבויים”? מע האָט שוין געזעהען אַזעלכע זאַכען!...” ער בעטראַכט זיך אָבער באַלד: „לאָמיר שמועסען דאָס אייגענע טאַקי נאָכאַמאָל ווידער צוריק, וואָס האָט ער קיין צייט ניט? דער טייך ברענט? ער וועט זיך נאָך אָנרעדען. זיי וועלען דאָך ניט אַנטלויפען ביז מאָרגען”...

און דוד שפיראָ לאָזט זיך געהן זיין וועג מיט גיכע טריט, מאַכענדיג שטאַרק מיט די פלייצעס און מיט די הענד און דרעהענדיג מיט׳ן שטעקען אין דער לופטען ווי אַ מיהלכעל.

## דאָס נײַנציגסטע קאַפּיטעל.

## קעצעלע — אַ מכניס-אורח.

עס מאַכט ניט אויס טאָמער האָט קעצעלע פאַר זײַנע אורחים אַ ביסעל מגזם געווען, זיי דערצעהלט גליקען וואָס פאַר אַ רחבת אַ קוואַרטיר ער האָט, וואָס פאַר אַ פיין פיהרעכטס ביי איהם איז. „דאָס הייסט אייגענטליך למאי זאָל ער זיך בעריהמען? ער פערלאַנגט דען חלילה ביי זיי געלד צי וואָס? ער זעהט יודען געבאַך דרעהען זיך אַרום, האָבען נישט וואו אַ נאַכט איבערצונעכטיגען, פאַרוואָס זאָל ער זיי ניט אויפנעהמען? צי ער איז קיין יוד ניט? ובפרט אַז זיי האָט געטראָפען אַזאַנ'אומגליק, וואָס אַז מע וויל איז דאָס ניט נור זייער אומגליק, ס'איז אונזער אַלעמענס אומגליק..."

אַזוי שמועסט זיך אויס קעצעלע און פיהרט צו זיך אַהיים די אורחים, וואָס גאָט האָט איהם צוגעשיקט.

„אמת, ער איז ניט קיין גביר, אַפילו ניט קיין נגיד — למאי זאָל ער זאָגען אַ ליגען? — ביי די גבירים פיהרט מען זיך אַודאי אַ סך שענער ווי ביי איהם און אַ סך ברייטער. וואָס זאָלט איהר דאָ קלערען? קיין קוראָפּאַטוועס ביי איהם עסט מען ניט און קיין שאַמ-פּאַניער-ווײַן, חי-חי, ווערט ביי זיין טיש ניט געטרונקען, גאָר דאָס שטיקעל ברויט — ניט צו פערזינדיגען, און אַ שטיקעל פלייש אז ס'איז דאָ איז דאָך אַודאי גוט, וואָס נאָך דאַרף מען?..."

קעצעלע שטעלט זיך אָפּ, חאַפּט דעם אָטעם און געהט ווייטער און די אורחים נאָך איהם.

„דער עיקר — זאָגט ווייטער קעצעלע — דער עיקר, וואָס אַ שטוב איז ביי איהם דאַנק גאָט אַ רוהיגע, קינדער בכבוד'ע, און אַ ווייב האָט

ער אויך דאַנק גאָט ניט קיין נאַרישע יודענע, מע קען זאָגען אַ יודענע אַ בר-דעת, ס'איז דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען, געראָטען אין דער מאַמע, זי זיצט טאַקע ביי איהם, די שוויגער הייסט עס, אַ די-מענט פון אַ יודענע, געווען אַמאָל אַ פּאַרשוין, און רייך אויך געווען, גאַנץ רייך געווען, מע קאָן זאָגען אַ גביר'טע, אַ שטוב געהאַט אַנ'איי-געגע, מיט זילבער, מיט אַלדעס גוטס, פון ציהרונג שמועסט מען ניט, פּערעל—אָט אַזאַ האַלז, און פערד אייגענע, דריי מיט אַמאָל, מיט אַ קאַ-רעטע, אַ קוטשער פון פאָרענט, אַ קוטשער פון הינטען, גרויס-האַר-טיג!

אַזוי קלאַפּט אָפּ אין איין אָטעם קעצעלע און דערפיהלט אָבער אַליין, אַז ער האָט שוין אַ ביסעל אַריבערגעהאַפּט די מאָס. צו וואָס האָט ער עס בעדאַרפט — דאָס ווייס נור איין גאָט. מיר קאָנען אָבער פערזיכערען, אַז ער האָט נישט געהאַט דערביי קיין שום זייטיגע מחשבה, אויסער וואָס בעריהמען זיך פאַר אַ פרעמדען האָט יעדער מענש נישט פיינט. און אפשר איז דאָ די פּראָפּעסיע זיינע אַ ביסעל שולדיג; אַ מענש, וואָס רייבט זיך ביי דער בערזע, אַ יוד אַ מעקלער... אָדער אפשר האָט ער דאָ געהאַט אַ שטיקעל מיין אויך, — ווער קאָן עס וויסען? — ער האָט זיך גערעכענט: יודען זענען געקומען וועגען אַזאַ מין עסק, וואָס קלינגט מיט איהם די וועלט, און חאָטש זיי אַליין ווייזען עפּיס נישט אויס פון אַזעלכע רייכע לייט, ווייסט ער אָבער, אַז זייער דאַנטיסט, וואָס זיצט, האָט עפּיס אַ רייכע מוהמע, אַ מיל-יאָנערשע זאָגט מען, מסתמא דאַרף זי דאָך אויך די טעג קומען צו-פאָהרען. טאָמער, אַ קשיא אויף אַ מעשה, פיקט זיך אויס דורכדעם אַ געשעפטעל. ווי אַזוי? — דאָס זאָלט איהר ניט פרעגען. מע האָט שוין געזעהען אַזעלכע זאַכען: אַ יוד קומט צופאָהרען פון אַלדע גוטע יאָהר האַנדלען רויכוואַרג, געהט אַרויס אויף דער בערזע, צערעדט זיך מיט דעם, מיט יענעם, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, קומט אַרויף אויף הייזער און ווערט אַ קונה אויף אַ שטוב — און מעקלערס פערדיענען דערוייל געלד... ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער האָט אַ ביסעל צו-פיעל מגזם געווען זיין שטוב מיט זיין פיהרעכטס. זיי וועלען דאָך אָט באַלד דער-זעהען. צו וואָס האָט איהם געטויגט נאָך אויסטראַכטען זאַכען, וואָס ניט געשטויגען נישט געפלויגען? אַ צונג איז אָט ווי אַ פערדעל — לאָזט עס נאָר אָפּ פריי, וועט דאָס אייך פערטראָגען צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!...

קעצעלע ווישט זיך מיט דער קאַפּאָטע דעם פערשוויצטען שטערן

און פערקוקט צו די אורחים אין די אויגען אַריין, נאָר אין זייערע אויגען זעהט מען ניט, אַז זיי זאָלען עפּיס חלילה איבערקלערען אויף איהם. אַדרבה, מע זעהט, אַז אַלסדינג, וואָס ער זאָגט זיי, איז ביי זיי תורה. „קליינשטעדטעלדיגע יודען — טראַכט ער זיך — ווי קומט צו זיי למשל אַזאַ פייפער, ווי אָט דער דאַנטיסט?... אַפּנים, ער איז ניט ביי זיי געוואַקסען, נאָר ביי זיין מוהמע די מיליאָנשציצע?... מע בעדאַרף זיך ביי זיי צעפרעגען...”

קעצעלע איז אויסער זיך פון זיין המצאה, וואָס ער האָט געטראָפען, וואָרום זיי אַליין זאָגען, אַז זייער הערשעל איז אויסגעוואַקסען אין דער פרעמד, ניט ביי זיי. קעצעלע איז שוין ווידער צופריעדען מיט זיך און פון צופריעדענהייט ווערט ער נאָך מעהר בערעדעוודיג, טהוט אויף אַ מינוט אַ טאַפּ אין וואָגען, וואָס הערט זיך מכח'ן שדוך? לאָזט זיך אויס, אַז די יודען ווייסען גאָר ניט פון וואָס צו זאָגען.

— וואָסער שדוך? — פרעגעןביידע מיט אַמאָל, דער פאָטער מיט'ן זוהן.

פערשטעהט דערפון קעצעלע, אַז די שפּיראָס האָבען פערלייקענט פאַר זיי, אַז זיי געהערען זיך אָן מחותנים... ווי באַלד אַזוי, איז דאָך עס אַנ'עולה! סטייטש, פריהער האָבען זיך די שפּיראָס פאַר אַלעמען בעריהמט, אַז זייער טאָכטער מיט דעם דאַנטיסט זענען חתן-כלה; איצט אַז מע האָט איהם אַריינגעזעצט אין חד-גדיא אַריין, מאַכען זיי שוין אַ שווייג. פע, ניט שען, כלעבען, זעהר ניט שען! טאַקע אַ גרויסע עולה אויב איהר ווילט וויסען! ווי באַלד אַזוי איז דאָך אַ מצוה מזיק'ען אַ יודען. לאָז אַ יוד ניט זיין קיין צווייפּנימ'יגער!

און קעצעלע גיט איבער זיינע אורחים אַ גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי אָט די שפּיראָס (זיי זענען טאַקע זעהר פיינע מענשען, ער רעדט חלילה אויף זיי קיין שלעכטס — וואָס האָט ער צו זיי? נאָר אַז ס'איז געקומען צו רעד רעדט זיך...)—הכלל, ער דערצעהלט זיי אַ געשיכטע ווי אַזוי די יודען, די שפּיראָס הייסט עס, האָבען זיך נאָכגעיאָגט די גאַנצע צייט נאָך זייער קוואַרטיראַנט, ווי מע יאָגט זיך נאָך אַ שטייגער נאָך אַ גוטען העכט, געוואָלט פערשלייערען פאַר דער טאָכטער... „אַפילו מען קאָן ניט זאָגען, זעהר אַ פיין מיידעל, און אַ געבילדעטע, שוין אַ ביסעל צו אַ געבילדעטע — און וואָס צו איז איבעריג...—”

קעצעלע וואַרפט אַ קוק אויף די צוויי יודען און האַקט ווייטער:

„אַ סברה גאָר, אַז אויף דער קוואַרטיר צו זיי האָבען אויך זיי אַליין, די פאָטער און מוטער הייסט דאָס, מיט דער טאָכטער טאַקי אינאיינעם איהם אַריינגענאַרט מיט כל החיטראָסטען... נאָר אַפּנים ס'איז ניט אָבגעראָטען דער עסק. דער בחור האָט זיך אַפּנים בעציי-טענס אַרומגעקוקט — ווייזט אויס גאָר קיין נאַר ניט — אַז אַ שען מיי-דעל איז זי טאַקע, חי-חי, נאָר אַ שען פּנים אַליין איז נאָך ניט איינ-גאַנצען... און לאָמיר זיך נאָר ניט נאַרען — וואָס האָט ער קיין צייט ניט? אַזעלכער ווי ער וועט ניט אָנווערען שפּעטער אויך די מציאה. אַי טאָמער האָט ער געמאַכט אַ מוציא אומגעוואַשען, חי-חי, איך מיין חלילה קיין זאַך, איך מיין טאָמער אַפילו אַ קוש אין דער פינסטער, פאָרט אַ שען מיידעל, חי-חי... פּאַוואָלינקע נאָר ווי איהר געהט אָט דאָ — מאַכט צו זיי קעצעלע, אַראָפּלאָזענדיג זיך מיט זיינע אורחים גאַנץ טיעף אין אַ קעלער אַריין אויף מסופ'נע הילצערנע טרעפּ-לעך — ס'איז דאָ שטאָק פינסטער און נאָך גליטשיג אויך צו אַלדע רוחות! קיינמאָל וועלען זיי אייך, הערט איהר, ניט אָנצינדען קיין לעמפּעל! זיי האָבען מורא כּלומר'שט פאַר אַ שרפה, נאָר שפּייט זיי אָן אין פּנים — זיי זשאַלעווען פּשוט קעראָסין פאַר דריי גראָשען, דריי חלירע'ס אויף זיי! אַז מע זיצט עטליכע שכנים אין איין לאָך, קאָן עפּיס זיין גוט? מע פערלאָזט זיך דער אויף דעם און יענער אויף יע-נעם און מען ווערט אויסגעריסען — שאַ! שאַ! שאַ! וואָס פאַר אַ גע-שריי אין מיטען דרינען? לאָז זיין שטיל! שטילער אַ ביסעל! לאָזט איבער אייערע ווייבערשע עסקים אויף אַנ'אַנדערש מאָל! — איהר זעהט דאָך עפּיס מענטשען!...”

דאָס איז געזאָגט געוואָרען שוין ניט צו די אורחים, נאָר צו דריי ווייבער, פון וועלכע איינע איז געווען טאַקע קעצעלעס ווייב, אַ יודענע אַ פער'חושכ'טע. די צווייטע, איהר מאַמע, אַנ'אַלטע מכשפה מיט אַ שוואַרצער פּאַטשיילע, פון וואַנען עס קוקען אַרויס צעלאָזטע גרויע האָר, און נאָך עפּיס אַ ווייבעל מיט אַ פויגעלשען פּנים און מיט קאַליע צייהן, נאָר אַ גרויסע כעסנ'טע ווייזט אויס און אַנ'אָנהאַפּעריין.

ווערדליג די וואָרימקייט פונ'ם שמועס און ווערדליג די קולות, וואָס האָבען דערגרייכט צו דער העכסטע אָקטאַווע, האָט מען געקאָנט זיין זיכער, אַז עס האַלט ביי די דאָזיגע ווייבער קרוב צו פעטש, חאָטש געגאַנגען איז דאָ ביי זיי נישט מעהר ווי אין אַ געבראָטען פּיפּיקעל פון אַנ'עוף, וואָס עס קאָן זיין אַז די קאַץ האָט עס פערשלעפּט, נאָר

דאָס ווייבעל מיט׳ן פויגעלשען פנים, קעצעלעס אַ שכנה, האָט גע׳טענה׳ט, אַז דאָס האָט געטהון נישט קיין קאַץ, נאָר אַ קעצעלע, און ניט איין קעצעלע, נאָר דריי קעצעלעך, און געמיינט האָט זי טאַקע קעצעלעס דריי קליינע האַלב-נאַקעטע קינדערלעך, וואָס האָבען ווי די מייזלעך אַרויסגעקוקט פון יענער זייט אויווען, געהאַלטען די הענטלעך פערלעגט פון הינטען און אָנגעקוואָלען פון ספּעקטאַקל, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט. מעהר פון אַלץ איז זיי געפעלען, וואָס די באָבע זייערע, די מכשפה, וואָס שעלט זיי און קאָרעניִעט זיי, וואָס הרג׳עט זיי און ממית׳ט זיי צעהן מאָל אַ טאָג, האָט זיך פּלוצים אָנגענומען זייער קריוודע און זאָגט, אַז „אַזעלכע גאָלדענע קינדער, ווי איהרע אייניקלעך, פערמאָגט ניט דער מלכות. ס׳איז דען קינדער? ס׳איז דאָך מלאכים! היינט ווי האָט עס אַ ווייבעל פּאָטעפּאַלגאַסט אַזעלכעס אַפילו איבערצוטראַכטען גאָר און ברענגען עס פאַר׳ן מויל?"

אַז קעצעלע איז אַריינגעקומען מיט די געסט, האָט די אַלטע אָנגערוקט די שוואַרצע פּאַטשיילע, קעצעלעס ווייב האָט אָבגעווישט די פערשמאַכטע ליפּען, און די שכנה מיט׳ן פויגעלשען פנים איז אין איין רגע אַנטרינען געוואָרען, מע האָט אַפילו נישט בעמערקט ווי אַזוי.

— קומט אַהער, ממזרים, — האָט קעצעלע אַ קאָמאַנדעווע געגעבען צו די קינדער — גיט אָפּ די אורחים שלום עליכם, וועט מען אייך שענקען צו קאָפּיקעס. — נאָר די ממזרים האָבען מוחל געווען די קאָפּיקעס און האָבען נישט געוואָלט צוגעהן אָבגעבען די אורחים שלום-עליכם. זיי האָבען זיך געשעמט, אפנים דערפאַר, וואָס זיי געהען ניט אָנגעטהון ווי עס געהער צו זיין. האָבען זיי זיך איבערגעקוקט איינס מיט דאָס אַנדערע און אַלע דריי אויסגעשאָסען אַ געלעכטער.

— קיין קאַפּעל דרך-ארץ פאַר פרעמדע מענשען, ניט געדאַכט זאָלט איהר ווערען! ווארט-וואַרט, איך וועל אייך שוין בעצאָהלען נאָכדעם — האָט זיי דער פּאָטער מבטיח געווען און האָט אָפּגערופען אויף אַ זייט דאָס ווייב מיט דער שוויגער און האָט זיי איינגערוימט אַ סוד. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו די געסט:

— וואָס רעכענט איהר צו טהון קודם כל? מסתמא אָפּרוהען זיך? אויסגעמידט פון וועג?... אפשר וועט איהר אייך צולעגען אַ ביסעל אָט דאָ אויף דער סאָפע? אָדער — שאַ! — גאָר אין בעט? אסתר, איך וועל זיי בעלעגען דערוויל ביי דיר אין בעט, ביינאַכט וועלען מיר שוין

מאַכען אַנ׳אַנדער פאָראַדאָק...

ווי אַזוי פערבעט דאָס צו זיך אַ יוד פון אַ ווייב מיט אַ שוויגער מיט דריי קינדער צוויי אורחים מיט אַמאָל אין דער צייט, ווען ער פערמאָגט בסך-הכל איין בעט מיט איין שטיקעל סאָפע? — דאָס האָבען די אורחים אַפילו ניט אין זינען געהאַט איבערצוטראַכטען. ערשטענס דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען צופריעדען, וואָס זיי האָבען חאָטש געפונען אין דער דאָזיגער מסוכנ׳ער שטאָדט אַ ווינקעלע, וואו דעם קאָפ אָנצושפאַרען. און צווייטענס זענען זיי גלאַט ניט פון די גרויסע מפונקים. און חוץ לזה איז מען דאָך עפיס געקומען אַהער צופאָהרען נישט צוליעב פערגניגען, אַז אָך און אַז וועה.

צעקאָכטע זענען די אורחים אַריינגעטרעטען צו קעצעלען אין שטוב אַריין. צעקאָכט פון אָט אָ יענעם יודען פון סלאַוואוטע, וואָס האָט זיי דערצעהלט אויף זייער הערשלען אַזעלכע ווילדע זאַכען, וואָס איז נאָר משוגע צו ווערען: אַז ער האָט יאַקבי אַ מוהמע אַ מיליאָנערשע, און אַ שוועסטער, וואָס מע רופט זי וויערא און אַז ער קען ניט יאַקבי קיין וואָרט יודיש רעדען—חאַ-חאַ—ס׳זאָל זיין גוט אויפ׳ן האַרצען וואָלט געווען פון וואָס צו לאַכען! און ועל כולם איז זיי אַריין אין נאָז אַריין אָט דאָס, וואָס דער קלייניטשקער האָט זיי דערצעהלט וועגען שדוך. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין שדוך?... פערגאַרט זייער הערשלען אין אַ פלאָטע אַריין... זיך געקושט אין דער פינסטער... פע, חלשי חלשות!... אַצינד איז שוין רעכט. אַצינד איז זיי שוין פערענטפערט אַלסדינג: „אַ רעכטער פויגעל אָט דער שפיראָ, חאָטש ער בערימט זיך אַז ער קומט אַרויס פון די סלאַוויטער! און זיין ווייב—אויך אַ גוטע צרה! און די טאָכטער זייערע, מסתמא אויך אַ גוטע שטוקע—אַ שענע משפח׳טערע"...

אַ סך לייטישער האָט שוין אויסגעזעהען ביי זיי אין די אויגען אָט דאָס דאָזיגע קליינע יודעלע (קעצעלע). דאַכט זיך, אַ יוד ניט קיין נגיד, מע קאָן זאָגען אַנ׳אָרעמאַן אַ יוד, וואָס קען זיי ניט און ווייס זיי ניט, האָט ער אָפגעטרעטען פונדעסטוועגען פון זייערטוועגען כמעט די גאַנצע שטוב און מפקיר געווען איינגאַנצען דעם טאָג צוליעב זיי, חאָטש ער איז אַ מענש, ווי ער אַליין זאָגט, אַ פערנומענער, טויזענדער געשעפטלעך, זאָגט ער, וואַרטען אויף איהם אויף דער בערזע. „איהר מיינט עפיס וויכטיגע זאַכען"? חלומות, זאָגט ער, נעכטיגע טעג, טעלעגראַמעס פון פעטערבורג, קורסען, לאָקש, בוידעם, ציבעלע—ס׳וועט

ניט אַנטלויפֿען. ער וועט בעסער, זאָגט ער, פֿערברענגען איצט מיט זיי אַ פּאָר שעה, איבעררעדען פֿון זייער עסק, וואָס זיי האָבען צו טהון אין דער דאָזיגער שטאָדט. און ווער קען נאָך אַזוי די שטאָדט ווי ער?

—איהר האָט דען אַ „בעגריפֿיע”, ווי איך קען די שטאָדט? איך בין אייך קלאָר אין דער שטאָדט מיט די מענשען מיט זייערע כּראַ-אַקטיירערים יעדען איינציגען אויסגעבונדען! איבערהויפּט בין איך בע-קענט מיט די „גדולים”—זיי בעדאַרף מען, הערט איהר, קענען. אוי, בעדאַרף מען זיי קענען....

און קעצעלע טרעט נישט אָב פֿון די אורחים דעם גאַנצען טאָג און זיצט אַוועק מיט זיי אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, און מאָלט זיי אויס די גרויסקייט פֿון זיין שטאָדט מיט איהרע „גדולים”, שאַצט אי-בער זייערע פֿערמעגענס דריי מאָל אַזוי פֿיעל און פֿיער מאָל אַזוי פֿיעל, זשאַלעוועט זיי ניט קיין מיליאָנען, און דערצעהלט זיך אָן פֿון זיי מעשיות און גבורות און טובות, וואָס זיי האָבען שוין אָפּגעטהון און טהוען אָפּ און ווילען, קלויבען זיך ערשט צו טהון פֿאַר יודען—נו, היינט געהט האָט טענות צו אונזערע גבירים און זאָגט, אַז זיי זענען נישט יוצא פֿאַר די אָרעמע לייט...

אויפֿגעעפֿענט מויל און אויערען זיצען די אורחים, הערען אויס קעצעלעס מעשיות און לאָזען ניט אַראָפּ קיין אויג פֿון איהם. זייערע הערצער וואַקסען און זיי זיפֿצען אָפּ שטילערהייד, וואָרום ווי באַלד אַזוי איז דאָך טאַקי פֿאַרהאַן אַ האָפֿנונג... דער מענש רעדט אַזוי ערנסט און אַזוי געשמאַק און אַלסדינג איז ביי איהם אַזוי קיילעכיג און אַזוי געטאָקט, אַז עס קאָן גאָרנישט איינפֿאַלען קיין מחשבה אין קאָפּ איבערצוקלערען, טאָמער איז דאָ דער יוד שוין צופֿיעל מגזם? מע דאַרף ניט האָבען קיין גרעסערען פּעסימיסט ווי אַברהם-לייבוש איז, וואָס האָט זיך פֿערגונען אַמאָל אויסדריקען אין אַ בריעף צו זיין ברודער הערשעל אויפֿ'ן גרויסען לעוו טאָלסטאָי, אַז ער, דער גרויסער לעוו טאָלסטאָי, איז אויך ניט מעהר ווי אַ בשר ודם... פֿונדעסטוועגען האָט דער אַברהם לייבוש זיך געטראַכט, שוין ביינאַכט ליעגענדיג אין געהאַקטע וואונדען אויף דער צעפּאָהרענער סאָפֿע און מלחמה האַל-טענדיג מיט די, וואָס האָבען ניט קיין צייהן און בייסען זיך:

— ממה-נפשך, וואָס קאָן דאָ זיין? לאָמיר זאָגען, אַז אַ העלפֿט

וואָס דער יוד האָט דאָ דערצעהלט וועלען מיר אַריינוואַרפען אין ים אַריין, און פון דער אַנדערער העלפט לאָמיר האַלב אַוועקשענקען דער וואַנט, איז דאַכט זיך אויך גאַנץ גענוג?... גאָר גוואַלד, רבונו של עולם, ווי דערלעבט מען שוין טאָג און מע חאַפּט זיך אַרויס אַ לע־בעדיגער פון דעמדאָזיגען וויסטען געלעגער און מע טהוט זיך שוין עפּיס אַ נעהם צו דער רעכטער אַרבייט!...

## דאָס איינאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

## אַברהם לייבוש בעווייזט וואָס ער קען.

ווען מען וואָלט דאָס געקאָנט איינפֿאַלען אַ שטייגער, אַז גראָד אין יענער נאַכט, וואָס די ראַבינאָוויטשעס נעכטיגען ביי קעצעלען, וועט זיך דער אַדמיניסטראַציע פֿערגלוסטען מאַכען אַ רעוויזיע אויף יענער גאַס און טרעפֿען אַקוראַט אין יענעם קעלער, וואָס מענשען האָבען אַ נאָמען געגעבען דירה און קעצעלע האָט זיך דאָרטען בע־זעצט מיט זיין געזינדעל און נאָך פֿערבעטען אורחים אויך צו זיך אויף נאַכטלעגער?

די אורחים האָבען נעבאָך געהאַלטען אין טאָמע רעכטען שלאָף, און עס האָבען זיך גע'חלומ'ט זיי סאַמע די רעכטע „מאַכערס" פֿון דער דאָזיגער שטאָדט, ווי אַזוי די „גדולים" אַליין האָבען זיך פֿעראינ־טערעסירט מיט זייער הערשלען, אַרבייטען פֿאַר איהם, לעגען־אַיין די וועלט און שווערען זיך מיט כל השבועות, וואָס מע מעג גלויבען אַ הולטיי, אַז אָט־אָט אָקערשט ווי מע זעהט ניט לאָזט מען זייער הערש־לען אַרויס פֿריי געזונטערהייד בשם אלקי ישראל — און פּלוצים גאָר וועקט מען זיי אויף און מע הייסט זיי ווייזען פּאַפּירען...

אמת, ביי קעצעלען איז אַנ'אָבלאַווע געווען אַזאַ נייס, ווי ביי אַ סאָלדאַט אַ טרונק בראָנפֿען. וויפֿיעל מאָל איז שוין אויף זיין פּאַס געווען אָנגעשטעמפּעלט מיט רויטען אויף אַרויסצופֿאָהרען אין 24 שעה. און וויפֿיעל מאָל איז ער טאַקי אַרויסגעפֿאָהרען פֿון דאַנען און געקו־מען אויפ'ן אַנדערען טאָג צוריק. און אַז מע זאָגט איהם צו, אַז מע וועט איהם שוין נאָכאַמאָל שיקען מיט'ן עטאַפּ, מיינט איהר אַז ער שרעקט זיך אַזוי איבער? וואָס הערט ער, אַז בסך־הכל איז ער אַ וואַסילעוו־

קער נכתב, און פון דאָרטען אַהער קאָן מען זיך אין איין טאָג אויס־דרעהען דריי מאָל הין און צוריק...

קעצעלע האָט זיך שוין אַזוי צוגעגעסען דער אַדמיניסטראַציע, אַז מע האָט איהם אַמאָל אַ פרעג געגעבען: „וואָס טהוט מען מיט דיר מע זאָל דיינער פטור ווערען?" דערויף האָט זיי קעצעלע געענטפערט גאַנץ ערנסט, אַז דערצו איז פאַרהאַן נור איין עצה — מע זאָל איהם אַרויס־געבען שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער מעג דאָ זיצען, וועט דאָס האָבען אַנ׳עק.

אַנ׳אַנדערש מאָל האָט מען איהם געפּאַקט אין גאַס און צעשריגען זיך אויף איהם: „ווידער אַמאָל ביזטו דאָ? וואָס טהוט מען מע זאָל נישט זעהען מעהר דעם פנים דיינעם?"—פערשטעלען זיך די אויגען — האָט זיי קעצעלע געענטפערט גאַנץ קאַלטבלוטיג.

און נאָך אַנ׳אַנעקדאָט דערצעהלט מען פון איהם אויף דער בערזע (די בערזע האָט ליעב אַזעלכע אַנעקדאָטען), אַז קעצעלע האָט געבראַכט צוטראָגען דעם פּאָליצמייסטער אַ פּאַפּיר, אַז ער איז אַ בעל מלאכה און ווי באַלד אַ בעל־מלאכה האָט ער אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע אין שטאָדט. „וואָס פאַר אַ מלאכה קענסט דו?"—איך ווייס, זאָגט ער, ווי אַזוי מע מאַכט טינט. „ווי אַזוי מע מאַכט טינט, זאָגט איהם דער פּאָליצמייסטער, ווייס איך אויך".—נו, האָט איהר טאַקי אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע, וואַשע פּרעוואָסחאָדיטעלסטווע...

מיר מיינען אָבער, אַז דאָס איז לויטער אַנעקדאָטען. וואָרום ווי שטעלט איהר זיך פאָר—די אַדמיניסטראַציע האָט טאַקי מעהרנישט וואָס צו טהון נאָר אַריינלאָזען זיך אין שמועסען מיט יעדען יודען און טרייבען מיט איהם קאַטאָוועסלעך? און אויב איהר ווילט איז דאָס אַ בעליידיגונג פאַר די, וועלכע פערנעהמען זיך דערמיט, וואָס זיי גיבען אַכטונג, אַז מענשען זאָלען חלילה נישט אַריבערטרעטען די געזעצען פון גערעכטיגקייט און רעכטפאַרטיגקייט, און מע זאָל נישט מיינען, אַז אַלע שטעדט זענען גלייך, און אַז יעדער קאָן זיך קומען ווען ער וויל און בעזעצען זיך וואו ער וויל און אַרומדרעהען זיך אויף גאָט׳ס ערד פראַנק און פריי, הפקר פּעטרישקע! אַ מענש איז נישט קיין פויגעל, וואָס קאָן זאָגען: „דער הימעל איז מיינער..." אַ מענש איז נישט קיין הונט, וואָס קיינער וועט איהם נישט אָבשטעלען און אַ פרעג טהון: „זאָג נאָר, רב כלב, ווער ביזטו?..."

בקצור—ס׳איז געווען יענע נאַכט אַנ׳אָבלאַווע אויף יודען און מע

האָט פּערנומען קעצעלען מיט זיין געזינדעל און מיט זיינע צוויי אורחים, און מע האָט די אורחים געבראַכט צופיהרען אַהין, וואו מע דאַרף, און אַ נעהם געגעבען צום סמיטשיק:

— ווער זענט איהר?

— מיר זענען יודען.

— פון וואַנען זענען יודען?

— פון דאָרט און פון דאָרט.

— האָט איהר שוואַרץ אויף וויים:

— ניין, פערגעסען מיטצונעהמען...

און וואָלטען זיי חאָטש זיין צוגעשריבען דאָרטען, פון וואַנען זיי זענען געקומען—איז ניין. עס לאָזט זיך אויס, אַז צוגעשריבען זענען זיי גאָר ווייס איך וואו, אַזש אין שקלאָוו, שקלאָווער מעשטשאַנעס. לכן מוזען זיי זיך מטריח זיין געהן מיט׳ן עטאַפּ נישט אַהיים, נאָר קיין שקלאָוו—אַ פּאָלג מיך אַ גאַנג! —

וואָלט דאָס אָבער אויך נאָך נישט געווען אַזאַנ׳אומגליק, ווען מע טרייסעלט נישט אויס ביים יונגען ראַבינאָוויטשען, ביי אברהם לייבושען, אַ פּאַקעט (דאָס איז געווען דער „שוה כסף”, וואָס ער האָט מיטגע-בראַכט פון דערהיים פון זייער רב צום רב פון דער דאָזיגער גרויסער שטאָדט).

— וואָס איז דאָס, ברודער, פאַר אַ פּאַקעט ביי דיר?

— דאָ איז אַ בריעף.

— אַ בריעף? המ... ווענען איז דאָס אַזאַ גרויסער בריעף ביי דיר קיין עין-הרע אַזאַ כפול-שמונה׳דיגער? אַ „דאָנאָסעל” מסתמא? אַ מסירה׳לע? אָדער אפשר אַנ׳אָנווייזונג אויף געלד?

יענער, וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז אַפּנים געווען אַ רעכטער לץ. ער האָט בעטראַכט דעם פּאַקעט פון אַלע זייטען, געשאָקעלט איהם אויף דער האַנד, גלייך ווי ער וואָלט וועלען וויטען זיין געוויכט. און עס קאָן זעהר זיין, אַז ווען אברהם לייבוש טראַכט אויס מחילה אַ לי-גען און זאָגט, אַז דאָס איז אַ געשעפטס-בריעף, וואָלט עס אפשר אויס-געלאָזט זיך מיט אַ לצנות און אָבגעלאָפען גלאַט: „חאַפּט זיי דער וואַ-טענמאַכער! האָבען צו טהון מיט יודישע שריפטען, טאָמער איז קאָרג יודען אַליין!...” איז אָבער אברהם לייבוש נישט אַזאַ מענש. איהם איז געווען שלעכט: זאָגען? אָדער נישט זאָגען? יאָ זאָגען—וועלען זיי זיך טשעפּען, וואָס שטעהט אין בריעף. נישט זאָגען — וועלען זיי איבער-

טראַכטען מי יודע וואָס: פאַלשע אַסיגנאַציעס, קאָנטראַבאַנדע, גנבה'שע פערד ... צו וואָס טויג עס איהם? און ס'איז געבליבען ביי איהם: דוקא יאָ זאָגען, און דוקא דעם אמת, דעם גאַנצען אמת. „אַי אמת, אמת! נישטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אמת, מיט אמת קאָן מען דורכגעהן די גאַנצע וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט, מיט אמת איז געגעבען געוואָרען די תורה צו משה רבינו אויפ'ן באַרג סיני". איך בעט אייך זעהר, וואָס האָט אַ שטייגער אַזאַ יונגערמאַן ווי אברהם לייב ראַבינאָוויטש מורא צו האָבען אויסזאָגען דעם גאַנצען אמת, ווער זיי זענען, און וואָס זיי זענען, און צוליעב וואָס זיי זענען אַהערצו-צו געקומען? ס'איז דען אין אַ פושקעלע די געשיכטע מיט זייער הערשלען, וואָס מע האָט איהם אויפגעהאַפּט פאַר עפּיס אַ בלבול, וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, און אַריינגעזעצט אין חד-גדיא אַריין, און מע האַלט איהם, אַ גאָט די נשמה שולדיגען, מיט אַלע גנבים, גזלנים און חוליגאַנעס, אַ בחור'ל אַ ניונקעלע, אַ זיידען קינד, וואָס האָט מורא פאַר אַ הונט אימת-מות, וואָס האָט אויף זיין לעבען נאָך קיין פליעג אויף דער וואַנט נישט זאַטשעפּעט, וואָס וועט אייך נישט שלאָפען אין איין שטוב מיט אַ בר-מינן—איהר זאָלט איהם אָבגילטען!

אָט אַזוי טאַקי מיט דעם לשון האָט ער זיי אויסגע'לומר'ט; אברהם לייבוש האָט זיי אַנידערגעלעגט נישקשה פון אַ מענה-לשון; ער האָט בעוויזען וואָס ער קען. וואָס מיינט איהר דאָס—אומזיסט האָט ער אויסגעלערנט גאַנץ קירפּיטשניקאָוו מיט גאַלאַכאָוען אויף אויסוויינינג און דורכגעלייענט פּושקינען מיט טורגעניעווען מיט גאַנץ טאָלסטאָי פון טאָ-וועל ביז טאָוועל?

עס איז שווער צו זאָגען אַקוראַט—צי ווייל ער האָט זיי געוואָלט אויפקלערען דעם שכל פונ'ם בריעף, וואָס מע האָט ביי איהם אויסגע-טרייסעלט, צי ער האָט גלאַט געוואָלט אַרויסבעווייזען פּערבייגעהענדיג, אַז ער איז בעקענט אויך מיט טאָלסטאָי, נאָר אברהם לייבוש האָט זיך אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט צום לעצט אויסגעשאָסען מיט אַזאַ מין טענה:

— וואָס זאָלען מיר טהון? זאָלען מיר וואַרטען אויף כבוד, ביז עמיצער וועט זיך אויף אונז דערבאַרעמען און זאָגען פאַר אונז אַ גוט וואָרט? געבענשט זענען די הענד, וואָס העלפען זיך אַליין. אַ סך האָ-בען אונז געהאָלפען אייערע גדולים? אַ סך האָט עפּיס אייער גרויסער לעוו טאָלסטאָי זיך אָנגענומען אונזער קריוודע? האָט ער חאָטש איין מאָל געפּרובט אַרויסטרעטען מיט אַ גוט וואָרט פאַר יודען?...

— גוט. אַלסדינג גוט. ביזט געדעכט ווי גאָט אַליין. וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ בריעף אָט דאָס אָ? פון וועמען און צו וועמען?

אברהם לייבוש ווישט זיך דעם שווייס פונ׳ם פּנים.

— אָט דער בריעף פון וועמען איז? פון אונזער רב צו אייער רב, דאָס הייסט דער רב פון אונזער שטאָדט שרייבט צום רב פון אייער שטאָדט.

— אַהאַ. וועגען וואָס-זשע צום ביישפּיעל שרייבט עס אייער רב צו אונזער רב?

— וואָס ער שרייבט? ער שרייבט שוין דוקא גישקשה׳דיג. ס׳איז שוין דאָ וואָס צו לייענען. אָט וועל איך אייך איבערזעצען דעם בריעף אויב איהר ווילט.

און אברהם לייב ראַבינאָוויטש פוילט זיך נישט און זעצט זיי איבער דעם רב׳ס בריעף. ניט וואָרט אין וואָרט, שייך צו זאָגען! דאָס איז נישט מעגליך, ווארום ווי קאָן מען איבערזעצען אַזאַ שענע מליצה-שפּראַך אויף רוסיש? נאָר דעם תוכן, דעם עיקר פונ׳ם בריעף, קאָן ער זיי זאָגען. וואָס האָט ער מורא? ניט קיין פּאָליטיק, ניט קיין סודות,— און ער לאָזט אויס מיט די דאָזיגע ווערטער:

„ס׳איז אַנ׳אָפּענער איין-און-דרייסיג, ביי אונז אין תלמוד שטעהט געשריבען, אַז איבער אַ פּלעקעל פון אַ וואָגען איז חרוב געוואָרען אַזאַ גרויסע שטאָדט ווי ביתר. איבער אַ בלבול, וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, האָט מען פערשמירט אַ גאַנץ פאָלק, געמאַכט מיט דער בלאָטע גלייך, דערמיט וואָס מע האָט געגומען אַ מענשען, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג און מע וואַרפט אַרויף אויף איהם אַזאַ בלבול, אַזאַ ווילדען פערברעכען, וואָס איז גאָר אַ בזיון צו דערמאָהנען אַצינד, אינ׳ם אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, אַצינד אין דער רעכטער עפּאָכע פון פּראָגרעס און ציוויליזאַציע, אַצינד ווען מע שמועסט שוין גאָר ועגען שלום אויף דער גאַנצער וועלט, ווי דער נביא זאָגט: „און זיי וועלען צעשטויסען זייערע שווערדען אויף גראָבאייזענס און זייערע שפּיזען אויף שניידמעסערס“...

ווער ווייס וואוהין אברהם לייבושעס צונג וואָלט איהם פערטראָגען, ווען מע האָקט איהם ניט איבער אין מיטען און מע בעט איהם מיט אַ לצנות׳דיג שמייכעלע, ער זאָל זיך מטריח זיין דערוייל אין חדר אַריין און פון דאָרט וועט מען איהם שוין עקספּעדירען אינאיינעם מיט׳ן

פאָטער אַהין, וואו זיי זענען געבוירען, „אַזש אין סאַמע שקלאַוו"...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פונדעסטוועגען איז אברהם-לייבוש קיין ברעקעל נישט אַראָבגעפאַלען ביי זיך. ער איז געווען גאַנץ צופריעדען, וואָס ער האָט זיך חאָטש אַ ביסעל אויסגערעדט און געזאָגט דאָס, וואָס יעדער יוד דענקט, דאָס, וואָס אויפ'ן האַרצען טוט זיך. עס איז איהם אַפילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען איבערצוטראַכטען, וואָס פאַר אַ קאַשע אייגענטליך ער האָט דאָ פערקאָכט און וואָס פאַר אַ חתונה עס האָט זיך אָנגעהויבען ערשט נאָכדעם, אַז מע האָט איבערגעזעצט דעם רב'ס מליצה-בריעף ווי עס געהער צו זיין אויף ריין רוסיש פון אָנהויב ביז'ן סוף, וואָרט אין וואָרט, און געקומען צו די ווערטער: „קלאַפּט אין די טהירען פון די גרויסע און מעכטיגע! בעפרייט די געפאַנגענע און צו די געבונדענע זאָגט: געהט אַרויס..." דאַרף מען נאָך האָבען פּרושים? עס איז, דאַכט זיך, גאַנץ גענוג קלאָר וועגען וועלכע געפאַנגענע און וועגען וואָס פאַר געבונדענע דאָ רעדט זיך...

* * *

נאָר אַחוץ וואָס דער בערעדעווודיגער אַברהם-לייבוש האָט אַריינגעצויגען זיך און זיין פאָטער אין אַ מאוס'ען עסק פון וועלען בעפרייען דעם געפאַנגענעם, האָט ער נאָך אַריינגעשלעפּט נעבאַך דעם מחבר פונ'ם שענעם מליצה-בריעף, דעם רב פון זייער שטעדטעל, אין אַנ'אומגליק, ווארום ס'איז אָנגעקומען אַ בעפעהל מע זאָל דעם דאָזיגען יודען אויך אַנעהם טהון צום צימבעל, ער זאָל אָבגעבען דין חשבון, ווען מען מיינט ער עס „די גרויסע און די מעכטיגע", וואָס ער הייסט „קלאַפּען אין זייערע טהירען"?... און וואָס האָט ער געוואָלט זאָגען מיט די ווערטער: „ישראל איז ניט קיין אלמן אין רייכע מענשען מיט גוטע הערצער"...? אויב דאָס איז אַנ'אָנצוהערעניש אויף אַנ'אָרגאַניזאַציע אַזעלכע, טאָ וואו געפינען זיך איהרע וואָרצלען? ווער גיט די נויטיגע סומעס געלד? און ווי אַזוי הייסען די מענשען, וואָס שטעהען אין דער שפּיץ?... און נאָך זאַכען האָט מען אויסגעפרעגט ביי יענעם רב, וואָס שרייבט אַזאַ שען לשון קודש וואָס איז שווער צו גלויבען, אַז אַ רב פון אַ קליין שטעדטעל זאָל אַזוי קאָנען שרייבען...

פערשטעהט זיך, אַז תחלת האָט דער קליינשטעדטעלדיגער רב,

וואָס איז געווען איבערגעשראָקען כמעט אויף טויט, נישט געקאָנט אפילו אַ וואָרט אַרויסרעדען. ער איז אַ בריה מעהר נישט אויף פּאַפּיר, אַ מזיק אויף שרייבען שענע בריוולעך, אָבער נישט אויף רעדען, און נאָך אויף גויעש דערצו. נאָר שפּעטער אַ ביסעל, אַז ער איז געקומען צו זיך, איז ער געגאַנגען אויפ׳ן אייגענעם דרך וואָס אַברהם-לייבוש — מיט׳ן אמת. „ניטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אמת. מיט אמת קאָן מען אויסגעהן די גאַנצע וועלט אין דער לענג און אין דער בריים. מיט אמת איז געגעבען געוואָרען די תורה הקדושה צו משה רבינו אויפ׳ן באַרג סיני״.

און חאָטש דער רב איז ניט אַזאַ בעל דברן ווי אַברהם-לייבוש (ער האָט קירפּיטשניקאָווען מיט גאַלאַהאָווען קיינמאָל ניט געשטודירט און לעוו טאָלסטאָיס ביכער ניט געלייענט), האָט ער אָבער אין זיך אַנ-דערע מעלות—אַ חלקת הלשון מיט אַ תמימות׳דיג פּנים מיט אַזעלכע נאַ-איווע אויגען, וואָס ס׳איז שווער מע זאָל דעם מענשען חושד זיין, אַז ס׳איז ביי איהם אחת בפה ואחת בלב. ווי פּאַר גאָט אַליין האָט ער אויפגעדעקט דאָס גאַנצע האַרץ און געזאָגט דעם גאַנצען אמת: „היות ווי אונז האָט געטראָפען אַזאַנ׳אומגליק, אַ בלבול פון עלילת דם, וואָס דיהרט אָן דעם כלל ישראל; און היות ווי אָט דער משה ראַבינאָוויטש איז אַ יוד אַ שטילער, אַנ׳ערליכער, וואָס האָט ניט קיין שונאים אין שטאָדט, און קינדער האָט ער ערליכע, וואָס זאָטשעפּען קיין פליעג אויף דער וואַנט; און היות ווי אין דער גרויסער שטאָדט, וואו זיין זוהן זיצט אין תפיסה, געפינען זיך גרויסע לייט, גבירים אדירים, וואָס זענען חשוב ביי נאַטשאַלסטווע; און היות ווי אין יענער שטאָדט איז פאַראַהאַן זאָגט מען אַ רב אַ צאַצקע, אַ גרויסער קאָפּ-מענש, וואָס האָט אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט; און היות ווי די גאַנצע וועלט ווייס, אַז דער בלבול פון עלילת דם איז אָבגעלייקענט געוואָרען וויפיעל מאָל, הן פון מלכים ושרים והן פון די פּויפּסטען אין רוים; און היות ווי...״

—סטאָפּ מאַשין! זייט זשע מוחל, הערר ראַבינער, ס׳איז ביי אייך אַ מעשה אָהן אַנ׳עק. אפשר וואָלט ׳געווען אַ סברה, אַז ביז די זאַך וועט דאַרטען אויסגעפּאַרשט ווערען אַקוראַט און ביז די ראַבינאָווי-טשעס וועלען קומען אַהער מיט׳ן עטאַפּ, און מע וועט אייך אַוועק-שטעלען אַלע דריי פּנים אל פּנים אויף אַנ׳„אָטשנע סטאַווקע״, זאָלט איהר דערווייל זיך מטריח זיין אַ ביסעל אָבזיצען אונטער די אייזערנע גראַטעס?... — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מע קאָן זיך גרינג פאָרשטעלען, וואָס אינ'ם קליינעם שטעדטעל האָט זיך אָבגעטהון, אַז אויפ'ן אָרט פון די „אָטקריטקעס מיט די דע-פעשען", וואָס מע האָט דאָ אַרויסגעקוקט צו בעקומען פון דער גרוי-סער שטאָדט, האָט זיך געלאָזט הערען אַ „סלוח", אַז די ראַבינאָווי-טשעס געהען מיט'ן עטאַפּ און, אַלץ פערבייסעכץ, האָט מען אויפגע-האַפּט זייער רב און אַיינגעזעצט אין תפיסה—מע ווייסט ניט פאַר וואָס...

## דאָס צוויאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

## די געמאַכטע מכשפה.

אויב דער געמעלשטער פּאָפּאָוו איז געווען אַ פאַנטאַסט און אַ בעל-דמיון און האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט חלומות וועגען אַ בת-מלכּה פוג׳ם לאַנד פון „אופיר”, האָט דאָס ביי איהם געדויערט פון אסתר־תענית ביז פורים. ווי אַ קינד פון זיין פאָלק, וואָס איז געפּרובט געוואָרען מיט אַלערליי נסיונות, האָט ער זיך גיך אויסגענילכטערט, גיך אַ געהם געגעבען זיך צום שכל, וויבאַלד נאָר ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהען די לינקע זייט פון דער מטבע, וויבאַלד נאָר ער האָט פערשטאַנען, וואָס אַ ווערט ער האָט, ווען ער וואַרפט אַראָב פון זיך דעם מוגדיר פון אַ גרישאַ פּאָפּאָוו און בלייבט אין די קליידער פון אַ הערש ראַבינאָוויטש.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס געווען מיט׳ן אמת׳ן גרישאַ פּאָפּאָוו, וואָס האָט זיך נור פערשטעלט פאַר אַ ראַבינאָוויטש. „אַ געמאַכטע מכשפה איז ערגער ווי אַ געבוירענע”—און דאָס איז אמת. דער דאָזיגער חברה-מאַן, אויסערדעם, וואָס ער איז גלאַט געווען נייגיריג צו זעהען, מיט וואָס וועט זיך עס ענדיגען אָט דאָס אַלעס; אויסערדעם, וואָס ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, פער׳עקשנ׳ט ווי אַנ׳אמת׳ער גוי, אַז קוים האָט ער געגעבען דאָס וואָרט, איז בערפאַלען, מוז מען אויסהאַלטען יודישקייט ביז׳ן סוף פונ׳ם טערמין, האָט ער זיך נאָך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין אַ געדאַנק, אַ פאַטאַלגע געדאַנק, אַז דער שפּאַס, וואָס ער און זיין יודישער חבר האָבען אַפיר גענומען, איז נישט קיין פּראָסטער צופאַל. דאָס איז אַ בעשערטע זאַך, אַז ער, דער קריסט פּאָפּאָוו, זאָל זיין אַ מאַרטירער, אַ מין אָפּקומעניש פאַר׳ן יודישען

פאָלק — דערפאַר אַפּנים, וואָס דאָס יודישע פאָלק איז דאָס כּפּרה-היהנדעל פאַר דער גאַנצער וועלט... „ווער ווייס — האָט ער זיך גע-טראַכט — ווער ווייס, אפשר איז ער דער שליח, אפשר איז איהם אָנ-געצייכענט געוואָרען, אַז דורכדעם, וואָס מע בעשולדיגט איהם, אַ קריסט, אין אַזאַ פערברעכען, וועט די וועלט סוף-כּל-סוף עפענען די אויגען און דערזעהען דעם גאַנצען אונזין פון דעם און מאַכען אַ סוף איינמאָל פאַר אַלע מאָל מיט דעם דאָזיגען היסטאָרישען קאָשמאַר, וואָס מע רופט דאָס אָן „ריטואַל-מאָרד”...

אויפ׳ן פּנים איז נישט געווען צו בעמערקען, אַז דער מענש זאָל זיין אַ מאַרטירער, אָדער ער זאָל טראָגען עפּיס צרות, אָדער יסורים. פריש און געזונד האָט ער אויסגעזעהען; געהאַט דעם רעכטען אַפּעטיט צום עסען; גאַנץ גוט געשלאָפען. נישמעהר די פאַטלע געדיכטע האָהר, וואָס ער טראָגט, האָט זיך אַ ביסעל צעוואַקסען, געוואָרען נאָך געדיכ-טער, און אַ בערדעל האָט ער זיך פערלאָזט, — און דאָס פּאַסט זיך איהם זעהר שען צו זיין ווייס לויטער פּנים, וועלכעס האָט זיך נאָר אַ ביסעל אויסגעבלייכט פון נישט זיין לאַנג אויף דער לופט און אויף דער זון, און ער האָט בעקומען דורכדעם נאָך מעהר אַ יודיש אויס-זעהען.

עס איז געווען נור צו בעוואונדערען, ווי רוהיג און געדולדיג ער טראָגט איבער אַלסדינג און מיט וואָס פאַר אַ גדלות ער האַלט זיך ביים אויספאָרשען איהם און מיט וואָס פאַר אַנ׳עקשנות ער האַלט זיך ביי זיינס: איינמאָל געזאָגט דאָס וואָרט ביין, האָט נישט געהאָל-פען שוין קיין שום איבערערעגען און קיין שום ווילען חאַפּען איהם. עס איז געווען אַזוי מעגליך ביי איהם אַרויסצוציהען אַנ׳איבעריג וואָרט, ווי אַ שטייגער ביי דער וואַנט. קיין זאַך האָט איהם ניט אָפּגעשראָ-קען. ער האָט פעסט געגלויבט, אַז דער, וואָס זוכט דעם אמת, וועט דעם אמת געפינען. ער איז געווען זיכער, אויסערדעם, אַז זיינע פריינד, די שפּיראָס, שלאָפען מסתּמא אויך נישט אין דעם, מסתּמא העלפען זיי אויך זוכען דעם אמת...

דערמאָהנט ער זיך אָן די שפּיראָס — טהוט איהם נאָר אַ ביסעל אַ שטאָך אין האַרצען: „וואָס איז מיט בעטי׳ן? וואו איז זי? דענקט זי וועגען איהם?”... און אויך אָן דער היים דערמאָהנט ער זיך, אָן זיין אמת׳ער היים: „וואָס טהוט דער פאָטער זיינער? וואָס טראַכט ער זיך אַ שטייגער, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג קיין בריעף נישט פון

איהם? און זיין שוועסטער וויערא?... נאָר מסתּמא האָט שוין זיין חבר הערשקאָ אַלסדינג בעוואָרענט אויפ'ן בעסטען אַרט: אַ יודיש קעפּעלע, משאָרט וואָזמי, ער וועט שוין עפּיס צוטראַכטען!..."

ער האָט גאָרנישט חושד געווען אַפילו, אַז די וואָלקענס, וואָס הענגען איבער זיין קאָפּ, ווערען פון טאָג צו טאָג געדיכטער און זיין לאַגע ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער. וואָרום אַחוץ די אַלע וויכטיגע סימנים, וואָס זענען געווען, ווי מיר ווייסען שוין, אַלע קעגען איהם, האָבען זיך צוגעטשעפּעט נאָך דריי סימנים, וואָס האָבען זעהר ערנסט געזאָגט עדות קעגען איהם.

די דריי עדות זענען געווען: ערשטענס — דאָס, וואָס ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און גע'טענה'ט איינס, אַז ער פערשטעהט קיין וואָרט יודיש, אין דער צייט, ווען זיינע בריוועלעך, וואָס מע האָט פערנומען ביי זיין פאָטער אין דערהיים און בעוויזען עקספּערטען, זאָגען פּונקט דעם היפּך, אַז דער בעשולדיגטער נישט נור ער פערשטעהט גוט און שרייבט יודיש, ער בעזיצט אויך די אַלטע העברעאישע שפּראַך, וואָס מע דאַרף גאָר נישט בעסער.

דאָס איז איין מאָל אַוועק. צווייטענס, דער בריעף, וועלכען מע האָט איצט אויסגעטרייסעלט ביי זיין עלטערען ברודער, וואָס איין רב שרייבט צום אַנדערען, איז דען נישט קיין בעוויז, אַז דאָ איז בעגאַנגען געוואָרען אַנ'אַלגעמיינער אַ קהל'שער פערברעכען, וואָס נישט ער איינער איז שולדיג אין איהם? וואָרום אַז נישט, וואָס יאָגען זיך אַזוי די יודען איהם צו בעפרייען? קאַרג יודישע פערברעכער זיצען אין די טורמעס, פאַר וואָס נעהמען זיך די יודען נישט אָן זייער קריוודע?... איז צוויי. אַ דריטער עדות איז געווען אַ לעבעדיגער נפש, דער דוואָרניק פונ'ם הויז, וואו דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש האָט געוואוינט.

דער דאָזיגער נפש, אַז מע האָט איהם גענומען אויסטרעגען, וואָס ווייס ער וואָס צו זאָגען וועגען דעם קוואַרטיראַנט, וואָס האָט געוואוינט ביים יוד שפּירא, האָט ער בעוויזען, אַז ער האָט אייגענטליך גאָרנישט וואָס אויסצוזעצען קעגען איהם. אַ שטילער מענש און אַנ'אַקוראַטנער, אַ ביסעל געהאַט אין זיך תּנועות פון אַ „באַרשטוק", ליעב געהאַט זיך שאַפען, נאָר תּמיד גוט בעצאָהלט, פאַר יעדען גאַנג בעזונדער, און צו נאָווי-גאָד האָט ער געגעבען מעהר פון אַלע, אַזוי אַז ער קאָן צו איהם גאָרנישט האָבען. דאָס איינציגע, וואָס איהם, דעם דוואָר-

ניק, איז געווען קשה און עס האָט איהם טאַקי גאַנץ גוט פערדראָסען, איז געווען אָט וואָס: צו אָט דעם קוואַרטיראַנט פלעגט אָפטמאָל אַריינ-קומען עפּיס זעהר אַ פערדעכטיגער פּאַרשוין, אַ זשוואַווע יודעל („יורקי יעווריטשיק") מיט שוואַרצע געקרייזעלטע האָהר און מיט שוואַרצע גזלנ'ישע אויגען. דאָס דאָזיגע יודעל, ווי דער דוואָרניק האָט בעמערקט, פלעגט זיך ווי אַריינ'גנבה'נען צו שפּיראָ'ס קוואַרטיראַנט צווי-שען טאָג און נאַכט, אָפּזיצען מיט איהם, ווי ער האָט בעמערקט, נאָכ'ן לייכטען זיך, וואָס דאָרט האָט זיך געלייכט, שעה'ן לאַנג, און אָמאָל בגנבה אונטערנעכטיגען אויך... פערשטעהט זיך, אַז דערויף האָט ער, דער דוואָרניק, פּראָטעסטירט, גע'טענה'ט, אַז ער קאָן נישט דערלאָזען אַזאַ זאַך, וואָס קעגען זאַקאָן, אַז אויף איהם, אַלס דוואָרניק, איז חל צו פערשרייבען די דאָקומענטען פון יעדען אייגציגען, וואָס קומט אַריין צו איהם אין הויף, וואָרום ווער בעדאַרף געבען דין וחשבון פאַר דער פּאָליציע פון אַלע זיינע איינוואוינער און פון יעדען שוואַרץ יאָהר, אַז נישט דער דוואָרניק? פון דעמאָלט אָן איז דער פערדעכטיגער פּאַרשוין מיט די שוואַרצע גזלנ'ישע אויגען פערשוואונדען געוואָרען און מעהר האָט ער איהם נישט געזעהען, ביז צום היינטיגען טאָג.

אויפ'ן אויספרעגען ביים בעשולדיגטען, ווער איז דאָס געווען אָט אַ יענער פערדעכטיגער פּאַרשוין מיט די שוואַרצע גזלנ'ישע אויגען, וואָס פלעגט צו איהם קומען בגנבה, און וואָס האָט ער געהאַט צו טהון גאַנצע נעכט ביי איהם? — האָט ראַבינאָוויטש תחלת געפּרובט לייקע-נען, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגען, אַז צו איהם זענען קיינ-מאָל קיין פערדעכטיגע פּאַרשוינען מיט גזלנ'ישע אויגען נישט געגאַנ-גען און אַז ער האָט איבערהויפּט מיט גנבים און גזלנים קיינמאָל נישט געהאַט קיין שום עסקים... נאָר שפּעטער, אַז מע האָט געהאַט אַ חאַפּ געגעבען שפּיראָ'ן אויפ'ן „דאָפּראָס" און דוד שפּיראָ האָט, ווי זיין שטייגער איז, אויסגעבויטעט דעם גאַנצען אמת („אַז מע עסט נישט קיין קנאָבעל, שמעקט נישט פון מויל"), אַז דאָס איז געווען דעם קוואַרטיראַנט'ס אַ חבר, אַ שלים-מזל, ער געדענקט נישט זיין נאָמען, ער ווייס נאָר, אַז ער איז אַ מסוכנ'ער ציוניסט און אַ גרויסער דלות,— דעמאָלט האָט שוין ראַבינאָוויטש געמוזט זיך מודה זיין, אַז אמת, ער האָט געהאַט אַזאַ חבר, מיט'ן נאָמען טומאַרקין, וואָס איז טאַקי אַ פער-ברענטער אָנהענגער פון ציוניזם,— וועלכעס איז, דאַכט זיך, ווייט פון אַ פערברעכען? — נאָר וואו דער דאָזיגער טומאַרקין איז אַהינגעקומען —

דאָס ווייס ער נישט (אַז טומאַרקין איז געווען איינער פון די דריי-צעהן, וואָס מע האָט זיי נישט צוגענומען אין אוניווערזיטעט — דאָס האָט ראַבינאָוויטש נישט געוואָלט אויסזאָגען : צו וואָס אַריינשלעפען זיי-טיגע מענשען ?).

ראַבינאָוויטש האָט זיך אויך מודה געווען, אַז ער האָט מיט דעם טומאַרקינ׳ען געפיהרט לאַנגע וכּוּחים און דיסקוסיעס איבער נאַציאָנאַ-ליזם, ציוניזם און נאָך אַזעלכע זאַכען, און אַז פון איהם האָט ער, ראַ-בינאָוויטש, טאַקי אַ סך געגאַשט אויך און אַליין אויך געוואָרען אַ שטיק ציוניסט... און ווייל דער טומאַרקין האָט נישט געהאַט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, און צאָהלען דער פּאָליציע האָט ער נישט גע-קאָנט, האָט ער דעריבער אַריינגענומען טומאַרקינ׳ען אָפּטמאָל צו זיך אויף נאַכטלעגער, נאָר מצד רחמנות... און דאָס, וואָס דער דוואָרניק זאָגט, אַז דער טומאַרקין פלעגט זיך „אַריינ׳גנבה׳נען” און אַז דער דוואָרניק פלעגט „פּראָטעסטירען” — דאָס איז שוין אַ ריינער ליגען. טומאַרקין פלעגט געהן גלייך און דער דוואָרניק פלעגט בעקומען פון איהם, פון ראַבינאָוויטש׳עס הענד, פאַר יעדע נאַכט אַ מגה יפה...

אַז אונטערשמירען דעם דוואָרניק פלעגט נישט ער, נאָר דער בעל-הבית, שפּיראָ, — דאָס האָט ראַבינאָוויטש ווידער נישט געוואָלט זאָגען — צו וואָס ? עס איז דען נישט אַלץ איינס ? אודאי האָט דער דוואָרניק אויף דער „אָטשנע סטאַווקע” מיט׳ן פערברעכער געלייקענט שטיין און ביין און געשוואוירען זיך מיט כל השבועות, ער זאָל אַזוי ריין זיין פאַר גאָט, ווי ער איז ריין פון האַבאַר, אַניט זאָל ער איינ-נעהמען אַ מיתה-משונה דאָ אויפ׳ן אָרט. דער דוואָרניק האָט, פער-שטעהט זיך, פאַר אַזאַ זאַך נישט געקראָגען קיין גלעט איבער׳ן בע-קעל. ער האָט זיין פסק בעקומען — ער האָט פערלוירען זיין דוואָר-ניק-שטעלע אויף אייביג, — דערפאַר איז ער אָבער געבליבען אַ לעבע-דיגער עדות קעגען דעם בעשולדיגטען, וואָס האָט אַליין נישט גע-וואוסט, אַז ער טרינקט זיך וואָס ווייטער אַלץ טיעפער און טיעפער...

אַצונד איז שוין גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס טאָמער האָט מען דעם פערברעכער געהאַלטען ביז אַהער שטרענג אָבגעוויטערט פון דער דרויסענדיגער וועלט, האָט מען איצטער, נאָך די אַלע מעשיות און איבערהויפּט נאָך דער מעשה מיט׳ן רב׳ס בריעף, וואָס האָט בעווי-זען, ווי 2 מאָל 2, אַז מע וויל דאָס פויגעלע אַרויסלאָזען פונ׳ם שטיי-געלע, גענומען אויפ׳ן פערברעכער נאָך מעהר השגחה געבען, אַזוי אַז

טאָמער האָט נאָך עמיצער געקאָנט האָבען אַ שטיקעל האָפנונג אַמאָל, ווען עס איז צו דערשלאָגען זיך צו איהם, איז דאָס פון איצט אָן געוואָרען גאָר אַנ׳אונמעגליכע זאַך, נישט פאַר קיין פאַל אין דער יועלט! אויך דער רעזשים איז געוואָרען אַ סך מעהר שטרענג ווי פריהער. מע האָט איהם נאָך מעהר פערקירצט די סיי-ווי-סיי קורצע מינוטען, וואָס ער האָט געהאַט פריי צו שפאַצירען געהן, ביז׳ן לעצטען מינימום — און דאָס אַלסדינג איז איהם אָבער גאָרנישט אָנגעגאַנגען. אַ געמאַכטע מכשפה... ער האָט זיך דאָס וואָרט געגעבען פעסט איבערטראָגען פאַר׳ן אמת וואָס עס זאָל נישט זיין!... און ער וואָלט זיכער אויסגעשטאַנען דעם דאָזיגען נסיון אויך, און ער וואָלט זיכער נישט פערלוירען אויף קיין מינוט זיין מוט, און וואָלט זיכער אויסגעהאַלטען דעם כאַראַקטער ביז׳ן סוף, ווען עס זאָל זיך נישט געווען טרעפען אַ מעשה, וואָס האָט איהם שיער-שיער נישט אַרויסגעגעבען מיט הענד און פיס און געבראַכט דערצו, אַז מע זאָל איהם האַלטען נישט נור פאַר׳ן אמת׳ען פערברעכער, נאָר פאַר אַ פערברעכער אַ חיס-ריאַק, וואָס וועגדט-אָן אַלע וועגען מיט אַלע מיטלען און מיט אַלע דריידלעך און וועט זיך נישט אָפּשטעלען פאַר קיין זאַך, בכדי אַרויס-צוגליטשען זיך פון די הענד פון דער גערעכטיגקייט.

## דאָס דרייאונדרייסיגסטע קאַפּיטעל.

## דער גרויסער נסיון.

דאָס איז געווען איין מאָל אין אַ שענעם טאָג, ווען מע פיהרט אַרויס די אַרעסטאַנטען אויפ׳ן שפּאַציר איבער׳ן הויף, האָט ראַבינאָוויטש בעמערקט איינעם אַנ׳אַרעסטאַנט אַ יודען, אין אַ גרויען חאַלאַט, שוין אַנ׳אָפּגע׳משפּט׳ען. דער יוד, האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, קוקט אויף איהם עפּיס מאָדנע און ווינקט צו איהם; עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער וויל איהם עפּיס זאָגען, נאָר ער האָט מורא, אַפּנים, פאַר׳ן סאָלדאַט. איין מאָל און צוויי מאָל. צום דריטען מאָל האָט זיך דער יוד, דער אַרעסטאַנט, נישט געקאָנט איינהאַלטען און אַ זאָג געגעבען איהם פון דערווייטען אויף אַ געמישט יודיש לשון, וואָס וואַרפט זיך דורך אין דעם אַ סך רוסישע ווערטער:

—איהר זענט דאָס אָט דער ראַבינאָוויטש, וואָס מע אָבווינאַיעט אין ריטואַלנע אובייסטווע? אויב אַזוי קאָן איך אייך אָפּגעבען אַ גערוס פון דער מאַמזעל שאַפּיראָ. איידער מע האָט מיך אָפּגעסודיעט און געבראַכט אין אָסטראָג, זענען מיר געווען אינאיינעם אין דער יעווריי־סקע באָלניצע...

דאָס יודעל האָט געוואָלט זאָגען עפּיס נאָך, האָט איהם דער סאָלדאַט מיט׳ן קעפּעל פון דער ביקס געגעבען אַ קאַפּוליער אָנצוהערע־ניש און אָפּגעפיהרט איהם אין זיין רוה אַריין.

פון דעם אַלעם האָט ראַבינאָוויטש־פּאָפּאָוו פערשטאַנען נאָר די עטליכע רוסישע ווערטער: „אָבווינאַיעט"... „ריטואַלנאַיע אוביסטוואָ"... „מאַמזעל שאַפּיראָ"... „אָסטראָג"... „יעווריסקאַיאַ באָלניצאַ" — און דאָס

אין יענעם גאַנץ געגנג פֿאַר איהם, ער זאָל נאָכדעם דריי נעכט דורכ-אַנאַנד נישט קאָנען צומאַכען מיט קיין אויג.

עס איז געווען קלאָר פֿאַר איהם, ווי דער טאָג, אַז די מאַמזעל שפּיראָ „אָבווינאַיעט" מען אין „ריטואַלנע אובייסטוואָ" און אַז מען האָט זי איינגעזעצט אין אָסטראָג און פון דאָרטען אין דער „יעווריייסקאַ באָלניצאַ"—וואָס דאַרף מען נאָך? און פון וואָס פֿאַר אַ מאַמזעל שפּירא קען איהם אָט דער יוד דערצעהלען, אַז נישט פון דוד שפּיראָ'ס טאָכ-טער? איז דערפון געדרונגען, הייסט עס, אַז אויסער דעם, וואָס מען בעשולדיגט בעטי'ן, גלייך ווי איהם, אינ'ם זעלבען ריטואַל מ רד און חוץ דעם, וואָס מע האָט זי איינגעזעצט אין טורמע, איז זי גאָר אָהן אַ שום ספק פון צרות קראַנק געוואָרען און געפינט זיך אַצונד אין שפּיטאָל...

איצט איז איהם שוין פּערענטפּערט, וואָס קיינער פון די שפּי-ראָס בעוויזען זיך ניט צו איהם די גאַנצע צייט פון זינט ער זיצט. צו יעדען אַרעסטאַנט קומט עמיצער איין מאָל אין וואָך, חאָטש אויף עטליכע מינוט, נאָר צו איהם ניט. מיט וואָס איז ער ערגער פון אַנ-דערע?... ניט אַנדערש, אַז זי איז רעכט קראַנק... און ווער ווייס — אפשר נאָך ערגער פון קראַנק?....

ער שפּרינגט אַראָפּ פון דער „קאַיקע", שפּאַנט אַרום מיט גרויסע טריט אין די ד' אַמות פון זיין שטייגעל און טויזענדער-טויזענדער גע-דאַנקען, איינער פינסטערער און טרויעריגער פונ'ם אַנדערען, קומען איהם אויפ'ן זינען און ער פּיהלט, אַז דער קאָפּ ווערט איהם צעשפּאָל-טען אויף שטיקער, און עס פּערווילט זיך איהם פּלוצים צעוואַרפען דעם גאַנצען בנין, צעוואַרפען, מאַכען אַ סוף צו אַלסדינג.

וואָרום ווי באַלד, אַז ס'איז נישטאָ די, צוליעב וועלכער ער איז אַזוי פיעל אויסגעשטאַנען און צו-ליעב וועלכער ער טראָגט איבער אַלסדינג אַזוי גרינג און צוליעב וועלכער ער איז גרייט געווען מפקיר זיין זיין קאַריערע מיט זיין אַלסדינג, הייגט צו וואָס נוצט איהם דאָס גאַנצע שפּיעל?.... צי דען איז ער טאַקי באמת מחויב צו זיין אַ קרבן פֿאַר'ן אמת, וואָס ליעגט פֿאַר די אויגען, נאָר מע וויל איהם ניט זעהען?... לאָז דאָס געהן אין דער ערד אַריין אַלסדינג— ניט שפּעטער ווי מאָרגען אין דערפריה שיקט ער זאָגען, אַז ער האָט צו אויפדעקען אַ גאַנץ נייע זאַך, וואָס דאַרף בעלייכ-

טען און מאַכען אַנ׳איבערקעהרעניש אינ׳ם גאַנצען עסק...

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער נאַטירליך חרטה, זידעלט אויס גאַנץ גוט זיך אַליין אויף אַלע זייטען: „אַ מענש זאָל ניט זיין קיין „טרוס", און אַז אַ וואָרט דאַרף מען האַלטען".— און קומט בייּנאַכט, ווען עס לאָזען זיך אַראָפּ די שאָטענס און אַ בית-עולם-שטילקייט הערשט אין דער טורמע און עס לאָזט זיך הערען זעלטען אַ ליאַזג פון אייזערנע קייטען, אָדער אַ קלאַפּען פון הילצערנע פּאָדעשוועס אויף שטיינער, אָדער אַ שפּיי אויף יענער זייט פענסטער פונ׳ם סאָלדאַט, וואָס געהט, ווי אַנ׳אומרוהה הין און צוריק אויף דער וואַכט, דעמאָלט נידערען אַראָפּ און זאַמלען זיך צונויף ביי איהם צוקאָפּענס ווידער אַמאָל יענע טויזענדער מחשבות און געדאַנקען, וואָס לאָזען איהם ניט שלאָפען...

ער קאַטשעט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אָדער ער ליעגט מיט האַלב-צוגעמאַכטע אויגען און זעהט זיך אַלס קריסט, אַלס גליקליכער גרישאַ פּאָפּאָוו, ביי זיך אין זיין היים, אין דעם רייכען הויז פון זיין אַריסטאָקראַטישען פאָטער, וואו אַלעס איז אַזוי בעקוועם און פרעכטיג, ברייט און פריי, ליכטיג און וואַרעם און גוט און אַנגענעהם...

און ער שטעלט זיך פאָר, וואָס וואָלט זיין, ווען ער איז ער?... וואו וואָלט ער איצט אָנגעשפּאַרט? ער וואָלט שוין איצטער געהאַלטען ביים אַריבערגעהן אויפ׳ן צווייטען קורס. ער וואָלט איצט געהאַלטען ביים פאָהרען אַהיים אויף די זומערדיגע וואַקאַציעס, גלייך צום פאָטער אין דער אימעניע „בלאַגאָסוועטלאָוואָ", וואו זיי פערברענגען געוועהנליך אַלע זומער.

בלאַגאָסוועטלאָוואָ — דאָס איז דאָס שענסטע און דאָס בעסטע ווינקעלע אויף צו פערברענגען דעם זומער. דער פאָטער איוואַן איוואַנאָוויטש, די שוועסטער וויעראַ און ער אַליין האָבען ליעב בלאַגאָסוועטלאָוואָ מעהר פון אַלע זייערע אימעניעס אין ט—ר גובערניע. אַהין פאָהרען זיך צונויף אַלע פּאָפּאָווס, די גאַנצע משפּחה, גרישאַ׳ס אַלע פעטערס און אַלע מוהמעס מיט זייערע קינדער, אַז עס קומט זומער, און נישט נור די משפּחה אַליין, אויך פרעמדע פאָהרען זיך צונויף, פּאָמעשטשיקעס פון אַרום און אַרום, און עס הויבט זיך אָן אַ לעבען אויף דער וועלט — וואַרעמעסען, פּיקניקען, שיסערייען, פישערייען, יאַגענישען, לויפענישען און אַרויספאָהרענישען אָהן אַ שיעור.

דאָס איז פאַר די עלטערע. און פאַר זיי, פאַר יונגוואַרג, איז אודאי אַ לעבען, ווי אין גן-עדן: דריי חדשים פריי. באָדען זיך דריי מאָל אַ טאָג מיט די חברים אין דער סאַזשעלקע, איבערשווימען זי אין דער לענג און אין דער ברייט — דאָס איז עפּיס ווערט? און שיפען זיך מיט די געשוועסטער-קינדער, די קווינקעס, וואָס זענען אייגענטליך נאָך גאָר יונגע מיידלעך, נאָר זיי שפּיעלען די ראָל פון דערוואַקסענע „מאַמזעלען“ — דאָס איז, דאַכט זיך, אויך נישט פון די קליינע זאַכען? דאָרטען איז דער מקום, וואו עס ווערען פון די יונג-לעך בחורים און פון די מיידלעך — „באַרישניעס“, וואו עס ווערען גע-בוירען די ערשטע געפיהלען פון דער „הייליגער ליעבע“, וואו עס שפּיעלען זיך אָפּ די ערשטע, כלומר׳שט ערנסטע ראָמאַנען, וואָס הויבען זיך אָן מיט אומשולדיגע קינדערשע קאַפּריזען און לאָזען זיך אויס מיט גאָר נישט... און, אַך! ווי וואָלט ער וועלען איצט אָט דאָרטען זיין! אַ גרויסער, אַ שווערער נסיון!...

ער שפּרינגט אַראָפּ פון זיין האַרטער „קאָיקע“ און מיט ברייטע טריט שפּאַנט ער אַרום איבער די פּיער איילען פון זיין ענגען שטיי-געל עטליכע מאָל הין און צוריק און ער לעגט זיך אַוועק צוריק אויף זיין האַרטער „קאָיקע“ און מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען טראָגט ער זיך אַריבער אַהין, אין זיין ליעבער געטרייער היים, וואו ער איז נאָך גאָר אַ יונגעל אַ גימנאַזיסט... עס וואַרטען אויף איהם און קוקט שוין אַזוי לאַנג אַרויס זיין ליעבע גוטע שוועסטער וויערא...

עס איז איהם אַהן אַ שעור אַנגענעהם דוקא איצט צו טראַכ-טען פון זיין שוועסטער וויעראַ, און ווי אַזוי ער און זי,ביידע נאָך גאָר יונגע קינדער, שפּיעלען נאָך ווי קינדער, אָדער זעצען זיך אויף ביידע אויף אַנ׳ענגעלשען קעב און ער אַליין קוטשירט, אָדער זיי פאָהרען רייטענדיג אויף ברענענדיגע פערד, שפּרינגען פייל אויסען בויגען פון איין פעלד אויפ׳ן אַנדערען, פון איין „לאַן“ אויפ׳ן אַנ-דערען.

אומעטום איז גרין, אומעדום איז גלאַט און גלאַנצענדיג ליכטיג. אָהן אַ ברעג ציהען זיך די פעלדער מיט די לאַנ׳ען ווייט. ווי די כוואַליעס פונ׳ם ים וויעגען זיך די זאַנגען פונ׳ם ברויט, וואָס איז נאָך ניט רעכט צייטיג. ווי די מזרח-מענשען בעת זיי דיענען גאָט שאָקלען זיך די בוימער אין די וועלדער. ווי אַ קאַפּעליע פון פערשיעדענע כלי-זמרים זינגען פויגעל, קנאַקען שטאָרכען, שמיצערען היישעריקען, זשו-

מען פליגען, און אַ טייכעל דאָרטען ערגיץ באַרג אַראָפּ קאַטשעט זיך און שלענגעלט זיך, און מורמעלט שטילערהייד, און ערשט העט ווייט ביי דער מיהל צעלאָזט זיך עס מיט אַ ירגזון און פאַלט מיט אַנ׳אימפּעט פון אויבען אַראָפּ, קאָכט און פלעסקעט און זידט און פינעט: „לאָזט מיך! לאָזט מיך! לאָזט מיך!“—מאָלט זיך אויס רעדט דאָס וואַסער, לויפט און שלעפּט מיט מיט זיך אַלעס, וואָס עס בעגעגענט זיך דעם אויפ׳ן וועג.—סטאָפּ! דאָ בלייבט מען שטעהן.

ביידע קריכען זיי אַראָפּ פון די פערד, און דעם מיהלנער׳ס ווייב, אַ קורצע גויקע מיט אַ הויכען שלייער, קומט זיי אַקעגען, בויגט זיך ביז דער ערד און בעגעגענט זיי מיט אַ קריגעל מילך קאַלט ווי אייז.

פון וואַנען ווייס די מיהלנערין, אַז זיי געהען אויס אַ טרונק? קיין גלאָז פערמאָגט זי ניט, די מיהלנערין, און קיין אַנדער כּלי איז זי ניט געפאַלען אַרויסצוטראָגען, מוז מען טרינקען גלייך פונ׳ם קריגעל.

— טרינק, וויעראַ, פריהער, דו ביזט עלטער.

— ניין, גרישאַ, טרינק דו פריהער, דו ביזט בילכער.

— ניין, וויעראַ, דו.

— ניין, גרישאַ, דו—און אַך, וואָס מע לאַכט זיך אָן!—

אַ גרויסער, אַ שווערער נסיון!...

ער עפענט אויף די האַלב-צוגעמאַכטע אויגען און דערמאָהנט זיך, וואו ער איז.

שפּרינגט ער אַראָפּ פון דער האַרטער קאָיקע, שפּאַנט אַרום ווידער אַמאָל מיט ברייטע טריט איבער די פיער איילען פון זיין איינגען שטייגעל — וואו איז ער? וואָס טהוט ער דאָ? ווי אַזוי האָט ער עס גאָר דערלאָזט אַזעלכס? פאַרוואָס אַזאַ גרויסער נסיון? פאַר ועמענס זינד קומט ער אָפּ אויף דער וועלט?... אַנ׳עק מוז דאָס נעהמען! אַ סוף מוז מען מאַכען!...

נאָר ווי אַזוי? ניט שוין-זשע וועט ער איצט, נאָך אַזוי פיעל צייט געליטען, נעהמען פּלוצים און אַליין אַראָפּרייסען פון זיך די מאַסקע: „זעהט—איך בין—ניט איך...“ נו, און דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געגעבען? ניט שוין-זשע וועט ער, פּאָפּאָוו, דער ערשטער ברעכען זיין וואָרט? ניט שוין-זשע וועט ער, דער קריסט פּאָפּאָוו, ניט קאָנען אויסשטעהן דעם נסיון, וואָס עס שטעהט אויס אַ ליאַדע שוואַך דערשלאָגען יודעל שוין אַזוי לאַנג, שוין הונדערטער און הונדערטער

פון יאָהרען?... „שעמען מעגסטו זיך, גרישאַ, שעמען אין דיין ווייטען האַלז אַריין!...“

ער חאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ. ער האַלט זיך ביי די שלייפען. ער פיהלט, אַז נאָך איין נאַכט אַזעלכע—און מען וועט איהם דאַרפען איבערפיהרען פון דאַנען אין אַנ׳אַנדער אָרט.

אין אַ משוגעים-הויז...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אונטער אַ שטרענגען קאָנאָוואָי, מיט בלויזע שווערדען, האָט מען דעם בעשולדיגטען הערש מאָושאָוויטש ראַבינאָוויטש געפיהרט צום הויז פון גערעכטיגקייט צו אַ נייער אויספאָרשונג.

ער האָט זיך געמעלדעט, אַז ער האָט איבערצוגעבען דער גערעכטיגקייט אַ גאַנץ נייע זאַך, אַ זאַך, וואָס געהער זיך שטאַרק אָן צום עסק...

## דאָס פיעראונניינציגסטע קאפיטעל.

## „אַ יודישער אַנעקדאָט“.

דאָס געהן איבער די גאַסען אויף דער פרישער לופט, די העל-שיינענדיגע שטראַהלען פון דער וואַרעמער זומערדיגער זון און די גע-שטאַלטען פון לעבעדיגע מענשען האָבען אַ ביסעל אויסגעניכטערט אונ-זער העלד און ער האָט שוין אָנגעהויבען ווי חרטה צו האָבען אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט פעסט בעשלאָסען אויסצוזאָגען דעם גאַנ-צען אמת, ווער ער איז...

נאָר פון דער אַנדערער זייט, אָט טאַקי די פרישע לופט, און טאַקי די שיינענדיגע שטראַהלען פון דער וואַרעמער זומערדיגער זון, און טאַקי די געשטאַלטען פון לעבעדיגע מענשען האָבען געטריבען דעם אַרעסטאַנט, אַז ער זאָל וואָס גיכער אויפדעקען זיין אמת פנים און בעקומען די פרייהייט, נאָך וועלכער ער האָט זיך מיט אַמאָל אַזוי שטאַרק פערבענקט.

מיט'ן פולען מויל האָט ער אַריינגעאָטעמט אין זיך די פרישע מחיה'דיגע לופט, וואָס האָט זיך שטראָמענווייז צעטראָגען פון די גע-זונטע לונגען איבער אַלע זיינע יונגע געזונטע איברים, און ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז ער לעבט און אַז לעבען איז אייגענט-ליך זעהר אַ גוטע זאַך, אַ חיות, אַ פרייד—גלייך ווי דאָס וואָלט גע-ווען פאַר איהם אַ נייעס, גלייך ווי ער האָט דאָס נאָך קיין מאָל נישט געפיהלט. „ניט שוין-זשע וועט ער אין אַ שעה אַרום, אָדער אפשר ווינציגער נאָך, זיין אַ פרייער מענש ווי אָט די אַלע פרייע מענ-שען, וואָס ער זעהט פאַר זיך אַצונד? ניט שוין-זשע וועט ער נאָך היינטיגען טאָג קאָנען געהן וואוהין ער וויל, אָדער זיך אויפזעצען און

פאהרען וואוהין ער וויל, און טהוען אלסדינג, וואס ער וויל?״

צום אלעם ערשטען וועט ער נאטירליך חאפען א איזוואשטשיק און הייסען זיך פיהרען גלייך אהין אויף יענער גאס, זיך אפשטע־לען ביי יענעם הויז, אנקלינגען אין יענעם גלעקעל... ער וועט נאך ניט ארויף אויף די טרעפ און דאס ערשטע וועט ער א פרעג טהון: „וואס איז מיט בערטא דאווידאוונא?״ נאר ווער ווייס, וועמען ער וועט דארט בעגעגענען דעם ערשטען און וואס פאר א נייס ער וועט געוואויר ווערען?... ער דערפיהלט א קעלט נעהמט איהם דורך דאס לייב און עס ווערט איהם פערשטערט אויף א ווייל די פריהריגע שמחה, וואס ער לעבט און וואס לעבען אין א חיות און א פרייד...

קיינמאל איז דער בעשולדיגטער נישט געגאנגען מיט אזא פע־סטען גאנג און קיינמאל האט ער נישט געהאלטען אזוי הויך דעם קאפ, מיט אזוי פיעל שטאלץ, ווי איצטיגס מאל. ער איז געוועזן זיכער, אז דאס איז זיין לעצטער אריינטריט אהער, זיין לעצטער וויזיט, וואס ער מאכט דער גערעכטיגקייט.

מיט א גרינגען פערגוויגען זיך איז ער אריין אינ׳םברייטען ליכ־טיגען קאבינעט, וואו איטליכס ברעקעל איז איהם אזוי בעקאנט און אזוי מאנאטאן אונפערענדערט, אז עס האט זיך איהם אזש צוגעגעסען. אויך די אויספארשער זענען געווען די אייגענע, וואס אלע מאל, נאר זייערע פנימ׳ער האבען היינט אויסגעזעהען, דאכט זיך, איהם מעהר יום־טוב׳דיג ווי אלע מאל. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען אקוראט ווי זיי האבען זיך צוגעגרייט איצטיגס מאל צו הערען טאקי עפיס א סך נייס און א סך וויכטיגעס. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז זיי האבען זיך איצטיגס מאל גאר אנדערש אנגעטהון, אויסגעפוצט, אלץ צוליעב איהם... נאר זיי האבען דוקא זיך נישט געאיילט און דוקא נישט ארויסבעוויזען זייער נייגעהעריגקייט און דוקא ווי ווייט מעגליך קאלט און גלייכגילטיג האט מען זיך מיט איהם בעגאנגען. דער עלטע־רער האט צו איהם א זאג געגעבען ווי פארבייגעהענדיג:

—אלזא, וואס וועט איהר אונז דערצעהלען עפיס נייס?.

און מע האט זיך א נעהם גענעבען צו די פאפירען, עפיס בלע־טערען און איבערשעפטשען זיך איינס מיט דאס אנדערע כלומרש׳ט פון גאר זייטיגע זאכען. ער האט אבער גוט געזעהען, ווי אנגעשטאלט און ווי גייציג די לייט זענען צו הערען פון איהם, וואס וועט ער זיי דא זאגען. און ער שטעלט זיך שוין פאר זייערע פנימ׳ער, בעת זיי וועלען

דערהערען פון איהם זיינע היינטיגע נייס... נאָר פון וואָגען און ווי
אַזוי הויבט מען אָן? זאָל ער גלייך, גאָר אהן אַ שום הקדמות, צו-
טרעטען צו דער זאַך און זאָגען: „זייט וויסען, מיינע געעהרטע הער-
רען, אַז פאַר אייך שטעהט ניט, ווי איהר מיינט, דער יוד הערש
מאָוושאָוויטש ראַבינאָוויטש, נאָר אַ קריסט גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו!״
ס'איז מעגליך, אַז אַנ'איינדרוק קאָן עס אַפילו מאַכען זעהר אַ שטאַר-
קען, עס ווערט אָבער ניט זיין דער עפעקט וואָס מע דאַרף. ניין, ער
ווערט זיי ניט אויסבויטען אויף אַמאָל אַלסדינג, ער ווערט זיי אַיינגע-
בען אַלע האַלבע שעה אַ קאַווע-לעפעלע; ביסלעכווייז ווערט ער זיי אויפ-
דעקען דאָס פּרוכת, וואָס דעקט איהם איבער, און זיי וועלען עס אַ בי-
סעל דערזעהען אין וואָס פאַר אַ טעות זיי האָבען געלעבט!... אַי די
קשיא, פאַר וואָס ער האָט עס ניט געטהון ביז אַהער? ער האָט נישט
געוואָלט—וואָס קומט איהם דערפאַר?... אויפ'ן ערגסטען פאַל—האָט ער
זיך געטראַכט—וואָס קאָן דאָ זיין? נו, ווערט מען איהם בעשטראָפען דער-
פאַר וואָס ער איז געזעסען אויף אַ פרעמדען נאָמען מיט פרעמדע דאָ-
קומענטען—דאָס איז דאָך שוין ניט מי יודע וואָס פאַר אַ פערברעכען,
און דערצו איז ער דאָך עפּיס, טשאָרט וואָזמי, ניט קיין אַבי ווער.
ער איז דאָך דערוויל איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו'ס אַ זוהן... לאָז ער
נאָר פּרובען געבען איין שרייב אַריין צום פאָטער, איין דעפּעש—און
אַ סוף צו אַלע צרות!...

אַזוי טראַכטענדיג בעקומט ער וואָס ווייטער אַלץ מעהר קוראַזש
און האַלט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר פריי, נאָך פרייער ווי אַלע
מאָל, און ער הויבט אָן צו רעדען מיט זיינע אויספאָרשער נישט גלייך,
נאָר מיט משלים, עפּיס ווי ער וואָלט געווען ניט קיין בעשולדיגטער,
ניט קיין אַרעסטאַנט, נאָר זייערער אַ נאָהנטער מענש...

— נייס ווילט איהר פון מיר הערען?—אַזוי האָט דער בעשולדיג-
טער אָנגעהויבען גאַנץ ברייטליך מיט אַ רוהיג שמייכעל אויף די ליפּען—
דאָס, וואָס איהר ווערט אָ באַלד הערען פון מיר, ווערט געוויס זיין פאַר
אייך אַ נייס, אַ איבערראַשענדע נייס! נאָר איידער איך טרעט צו צו
דעם, וועל איך מיר ערלויבען ביי אייך אַ פרעג צו טהון אָט-וואָס
(ער טרעט אָפּ אַ ביסעל צוריק, פערלעגט די הענד אַהינטער און נעהמט
צו אַזאַ פּאָזע גלייך ווי ער וואָלט וועלען אָט באַלד אַרויסוואַרפען
עפּיס אַ מין קונץ, זיך שטעלען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, אָדער זיך לאָזען
געהן אויף די הענד): וואָס וואָלט געווען צום ביישפּיעל, ווען איהר
ווערט געוואויר אָט דאָ אָ, אַז... אַז איך בין ניט איך?...

אַ געוויסען עפעקט האָבען שוין די דאָזיגע ווערטער געהאַט. פערוואונדערטע אויגען זענען אָנגעשטעלט געוואָרען אויף איהם און גע-נומען בעטראַכטען דעם יונגען מענשעל, גלייך ווי מע וואָלט טאַקי וועלען זיך איבערצייגען, אויב ער איז ער?...

— וואָס ווילט איהר אייגענטליך דערמיט זאָגען? — האָט איהם איינער אַ פרעג געגעבען, און דער בעשולדיגטער האָט גענומען רעדען נאָך מיט מעהר קוראַזש און נאָך מיט מעהר שטאָלץ:

— איך וויל דערמיט זאָגען אַט-וואָס: צום ביישפיעל, וואָס וואָלט געווען, ווען איהר זאָלט אַ שטייגער געוואויר ווערען, דאָס הייסט, ווען איך זאָל עס אייך איבערצייגען, אַז איהר האָט ניט צו טהון מיט אַ יודען, וועלכען איהר בעשולדיגט אין דעם, אַז ער האָט גענומען אַנ-טייל אין הרג'ענען אַ קריסטליך יונגעל צוליעב דעם יודישען ריטואַל-מנהג אויף פסח, וועלכעס איז אַליין פאַר זיך אַ אונזין, און אַז איך דער אמת'ען האָט איהר פאַר זיך גאָר אַ קריסט, וואָס קומט-אַרויס פון... דוואָריאַנעס?...

אויסגעשאָסען די דאָזיגע ווערטער אין איין אָטעם מיט איין קול, וואָס האָט זיך איהם אַליין אויסגעוויזען, אַז ס'איז אַ פרעמד קול, האָט דער בעשולדיגטער אָבגעאָטעמט און אָבגעוואַרט אַ ביסעל. ער האָט געוואָלט זעהען, וואָס פאַר אַנ'איינדרוק זיין ערקלערונג האָט דאָ גע-מאַכט... עס איז אָבער שווער צו זאָגען, וואָס פאַר אַנ'איינדרוק עס האָט געמאַכט. יעדענפאַלס ניט דאָס, וואָס ער האָט געמיינט, וואָרום נאָך אַ קורצער פויזע, נאָכדעם ווי מע האָט זיך איבערגעקוקט צווי-שען זיך, האָט מען איהם ערקלערט, אַז וואָס עס וואָלט געווען אין אַזאַ פאַל איז שווער צו זאָגען, און אַז ס'איז איבערהויפט ניט אינטערעסאַנט וועגען אַזעלכע זייטיגע זאַכען דאָ צו פילאָזאָפירען. נישט דערויף האָט מען איהם אַהער געבראַכט און נישט צוליעב דעם זענען זיי דאָ... אַ סך בעסער וואָלט געווען, ווען ער זאָל צוטרעטען גלייך צו דער זאַך, אָהן קונצען, אָהן חכמות און אָהן דריידלעך, און זאָ-גען דאָס, וואָס ער האָט צו זאָגען.

דער בעשולדיגטער האָט זיך אַ ביסעל ווי פערשעמט. „זיי האָבען אפשר רעכט—האָט ער זיך אַ טראַכט געגעבען—צו וואָס הקדמות? בע-סער גלייך צו דער זאַך"... אין אַ מינוט פליהט איהם דורך אַנ'אַנדער מחשבה: „אפשר זיך אָפּהאַלטען?... איצט איז נאָך דאָ צייט צו בע-טראַכטען זיך... איצט קאָנסטו נאָך חאַפּען צוריק, גרישאַ!... ניט שען

פאַר זיך אַליין. אַזוי פיעל געליטען, אַזוי פיעל אויסגעשטאַנען און שוין כמעט גאָר ביים סוף גישט אויסגעהאַלטען און אונטערגעגעבען זיך?!...״ נאָר ווי אויף צו להכעיס שיינט אריין די זון פון דרויסען מיט איהרע גין-גאָלדענע שטראַהלען, וואָס דראַפּען זיך שטיפעריש אויף די ווענט אַרויף און אויף דער סטעלי און פון דאָרטען צוריק אַראָב און שפּיע-לען זיך מיט די ערנסטע יום-טוב׳דיגע פנים׳ער פון די אויסגעפּוצטע לייט און פון צייט צו צייט רייסט זיך אַריין דורך די האַלב אויפגע-מאַכטע פענסטער דער גאַנצער אינדרויסענדיגער טומעל מיט׳ן הו-האַ, און עס דערהערט זיך אַ ווייטער קלאַפּען פון אייזערנע רעדער איבער די שטיינערנע גאַסען פון דער גרויסער לעבעדיגער שטאָדט, און אַלעס שרייט אַז עס לעבט, און אַלעס רופט, רופט צום לעבען אַהין, אין דרויסען אַרויס, אַהין—אַהין, אויף דער ליעבער גוטער פרייהייט—ניין, ער קאָן שוין מעהר ניט געוועלטיגען איבער זיך! ער טרעט צו אַ פּאָר שריט נעהנטער צום טיש, פערלעגט ביידע הענד אין די קעשענעס און רופט זיך אָן שטיל, נאָר מיט אַ זיכערען טאָן, מיט אַ טאָן פון אַנ׳אמת׳ן תקיף:

— איהר צווינגט מיך, איך זאָל אייך זאָגען גלייך, אָהן אַ שום הקדמות, נו פאָלג איך אייך און זאָג אייך גלייך, אַז איהר לעבט אין טעות: איהר מיינט אויף מיר, אַז איך בין אַ יוד און אַז איך הייס ראַבינאָוויטש, צום סוף מוז איך אייך עפענען די אויגען און זאָגען דעם גאַנצען אמת, אַז איהר זעהט פאַר זיך אַ קריסט און אַ דוואָריאַנין, אַ דוואָריאַנין שבדוואָריאַנין, וואָס זיין פאָטער איז אַ געוועזענער גובערנ-סקי פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואַ און אַז ער האָט איין פעטער אַ זעמ-סקי נאַטשאַלניק און דעם אַנדערען פעטער אַ גובערנאַטאָר...

— און אַליין זענט איהר דער פּרינץ פון פּאָרטוגאַליען?... רייסט איהם איבער דער עלטערער פון די אויסהערער, און די איבעריגע שי-סען אויס אַ געלעכטער.

אויף אַזאַ פינאַל האָט ער זיך גאָרנישט גערילט. אַלסדינג האָט ער געקאָנט וואַרטען, נאָר ניט אַזאַ סוף, אַז מע זאָל איהם גאָר אויס-לאַכען! האַלט מען איהם הייסט דאָס אַפּנים פאַר אַ ליגען אָדער וואָס?...

דאָס איז געוועזען פאַר איהם אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין ווערטער, און ער האָט גענומען קוקען אויף זיינע אויסהע-רער מיט פערוואונדערטע אויגען, גלייך ווי ער וואָלט וועלען פרעגען ביי זיי: „צי איך בין משוגע, צי איהר מאַכט מיך משוגע?״... יענע

האָבען גיך אויפגעהערט צו לאַכען. אַפּנים, זיי האָבען דערזעהען ווי דער בעשולדיגטער האָט זיך איבערגעביטען אין פּנים.

— מיר האָבען אַייך פערשטאַנען, ראַבינאָוויטש — זאָגט צו איהם איינער און וואַרפט אויף איהם אַ טיעפזיניגען בליק — מיר האָבען אַייך זעהר גוט פערשטאַנען, וואָס איהר מיינט דערמיט... נאָר מיר דאַרפען אַייך זאָגען אויף צופריהער, אַז דאָס וועט נישט געהן... איהר האָט אויסגעקליבען אַ שלעכט מיטעל, צוגעטראַכט נישט קיין גוטען אַנעקדאָט...

—ס'איז אַ י ו ד י ש ע ר אַנעקדאָט—גיט צו אַ צווייטער און ציהט אויס אונבעטאָנט דאָס וואָרט אַ „יודישער".

—ניט גוט—מוסר'ט איהם אַ דריטער און דוקא מיט אַ פריינדליכען טאָן—נישט גוט און נישט קלוג... מיר האָבען אַייך, ראַבינאָוויטש, געהאַלטען פאַר אַ סך קליגער...

ראַבינאָוויטש האָט זיי אויסגעהערט יעדען בעזונדער, געשטאַנען איבערראַשט, פערטומעלט און ווי אויסגעפּאַטשט. ער טראַכט זיך אַיין אין דעם, וואָס מע האָט איהם דאָ געזאָגט; ער טראַכט זיך אַיין אין די ווערטער: „אַ י ו ד י ש ע ר אַ נ ע ק ד אָ ט"... „וואָס איז זיי געפעלען, אַז ס'איז אַן'אַנעקדאָט און נאָך אַ יודישער דערצו?"... און עס חאַפּט איהם אָן אַ חשק צו לאַכען, נאָר ער האַלט זיך אַיין און פרופט זיך נאָכאַמאָל איבער'חזר'ען דאָס אייגענע, אַז דאָס איז נישט קיין „אַנעקדאָט", חאָטש עס קאָן זיין עס זעהט אויס ווי אַן'אַנעקדאָט?... וואָס וועט אָבער זיין, אַז ער וועט זיי איבערצייגען, אַז ס'איז אמת דאָס, וואָס ער זאָגט? וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיי געבען אַ מעגליכקייט זיי אַליין זאָלען זיך איבערצייגען דורך אַ דעפּעש, מעהר ניט אַז איין דעפּעש צו זיין פאָטער, וועלכער איז—ער פערזיכערט זיי נאָכאַמאָל—אַ קריסט און אַ סטאָלבאָוואָי דוואָריאַנין מיט אַ נאָמען, אַ געוועזענער גובערנסקי פרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואַ, ביי וועלכען איין ברודער איז אַ...—איז אַ גובערנאַטאָר, דער אַנדערער אַ מיניסטער? גענוג, דאָס האָבען מיר שוין געהערט—רייסט מען איהם איבער און מע קלינגט אָן און מע גיט אַרויס אַ בעפעהל, מע זאָל דעם בעשולדיגטען אויף אַ ווייַלע אָפּפיהרען אין אַ זייטיג חדר'ל אַריין, ביז מע וועט זיך דאָ מישב זיין, וועט מען איהם אַריינרופען נאָכאַמאָל.

## דאָס פינפאונציינציגסטע קאַפּיטעל.

## די עקספּערטיזע.

שפּעטער, אַז מע האָט דעם בעשולדיגטען ווידער אַריינגעפיהרט אין דעם אייגענעם קאַבּינעט וואָס פריהער, האָט ער שוין דאָרט נישט געטראָפען קיינעם פון די פריהעריגע פּאַרשוינען. דאָרט איז געזעסען אָנגעלעהנט אויפ'ן עלענבויגען ביים פענסטער און געקוקט אין דרויסען אַרויס מיט פערזאָרגטע אויגען גאָר אַ נייער פּאַרשוין, וואָס ער זעהט איהם דעם ערשטען מאָל.

דאָס איז געווען אַ פּאַרשוין אַ בעיאָהרטער און אַ בכבוד'ער, אָנגעטהון ציוויל, בעלי-בתיש, אָהן אַ שום פּרעטענזיעס, און אַליין האָט ער אויך אויסגעזעהען פּראָסט, אָהן פּרעטענזיעס. דאָס אייגציגע, וואָס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען, איז דער אונגעהויער הויכער ברייטער שטערען און דער מעלאַנכאָלישער קוק פון זיינע גרויסע פערזאָרגטע אויגען.

ווי באַלד נאָר מען האָט אַריינגעפיהרט דעם בעשולדיגטען, אַזוי האָט דער דאָזיגער בעיאָהרטער בכבוד'ער פּאַרשוין זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, געגאַנגען איהם אַקעגען און אויסגעשטרעקט איהם אַ גרויסע וואַרעמע האַנד; דעם שומר האָט ער אַ וואונק געגעבען, ער זאָל אַוועק, און דעם יונגען אַרעסטאַנט האָט ער געבעטען זיצען און אַליין אויך זיך אַוועקגעזעצט אַקעגען איהם און מיט אַ גרינגען זיפץ און מיט אַ וויינענדיג קויל, גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלען בעקלאָגען, אַז עס טהוט איהם עפּיס וועה, האָט ער פּאַוואָלינקע זיך אָנגערופען צו איהם:

—אייער נאָמען איז ראַבּינאָוויטש? עס קומט וואַהרשיינליך פון

דעם וואָרט „ראַבין“ און עס זאָגט עדות, אַז אייערע עלטערן שטאַמען אָפּ פון רבנים... אַ גאַנצע גענעראַציע פון רבנים, געלעהרטע...

דאָס אַלץ ווערט אַרויסגערעדט פערעלדיג זיס און שטיל און לאַנגזאַם און רוהיג, און גלייך ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין. רעדענדיג, לאָזט ער פונ'ם יונגענמאַן קיין אויג נישט אַראָפּ, אַריינ־דרינגענדיג מיט'ן קוק צו איהם טיעף אין האַרצען, אין דער נשמה אַריין.

„ווער איז דער פּאַרשוין?—טראַכט זיך ראַבינאָוויטש און קוקט זיך איין אין איהם און הערט זיך צו ווי ער רעדט אַזוי פערעלדיג זיס און שטיל, אַריבערגעהענדיג פון איין ענין אויפ'ן אַנדערען אָהן אַ שום שווערינקייט, אַזוי, אַז וואָס ווייטער-ווייטער ווערט דער געשפּרעך אַלץ מעהר און מעהר אינטערעסאַנט.

ווי אַ מענש, וואָס גערהט איבער'ן אייז, ווען דער טייך האַלט ביי עפענען זיך, טאַפּט אָן יעדען שריט, איידער ער שטעלט נאָך אַוועק דעם פוס, אַזוי האָט דער דאָזיגער פּאַרשוין גוט געטאַפּט, וואָס קאָן דעם יונגען מענשען מעהר פון אַלעס פּעראינטערעסירען. ער האָט דעריבער בעריהרט אין זיין געשפּרעך מיט איהם אַלערליי זאַכען און פראַגען ביז ער איז אַריבער מיט איהם אויף אַזאַ פונקט, וואָס האָט מעהר פון אַלעס אָנגעריהרט דעם בעשולדיגטען.

דאָס איז געווען אַלץ יענע פערשאָלטענע „ריטואַל-פראַגע“, וואָס אַלע מאָל, ווען דער אונשולדיגער בעשולדיגטער האָט זיך אומגעקעהרט צו איהר, האָט אין איהם געקאָכט אַ פייער. עס האָט איהם פערדראָ-סען, למאַי מענשען גלויבען נאָך, אַז ס'איז דאָ ביי יודען אַזאַ זאַך, און צו גלייכער צייט האָט איהם פערדראָסען, וואָס ער אַליין איז גע-ווען נישט ווייט פון צו גלויבען אין דעם... „אָט דער מענש איז אָפּנים געשיקט געוואָרען ביי מיר אויסצושמעקען וועגען דער דאָזיגער שרעקליכער מיאוס'ער לעגענדע“—אַזוי האָט ער זיך אַ טראַכט געגע-בען און געגעבען זיך דאָס וואָרט מיט איהם דעריבער קיין וואָרט צו רעדען. עס איז איהם שוין פשוט נמאס ומאוס געוואָרען. „ווידער אַמאָל ריטואַל און אָבער אַמאָל ריטואַל!...“ יענער אָבער האָט געשמועסט וועגען דעם אַזוי ערנסט און אַזוי איבערצייגט, אַז ער האָט נישט געקאָנט שוין מעהר בעהערשען זיך און האָט אויסגעשאָסען אַ ביסעל ווי אַן-עזות-פּנים, אַז ער פערשטעהט נישט, ווי אַזוי קאָן אַן ערנסטער מענש און אַן אינטעליגענטער מענש רעדען פון אַזאַ זאַך אין אַן ערנסטען טאָן!

— איך פערשטעה נישט — האָט ער אויסגעלאָזט מיט פייער — ווי שעמט מען זיך נישט אַרויסצושלעפּען פון די אַלטע אַרכיוון אַ בע-שולדיגונג, וואָס ליעגען שוין אויף איהר אָנגעוואַקסען שטויב גאַנצע בערג פון הונדערטער יאָהרען, און מאַכען פון דעם איצט אַ גאַנצע טראַגעדיע?

ראַבינאָוויטש-פּאָפּאָוו האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ גוט גע-לעגענהייט אַ ביסעל דורכלופטערען די שפּראַך, און ער האָט זיך עס אַ ביסעל צעלאָזט!

דער בעיאָהרטער פּאַרשוין מיט'ן הויכען שטערען האָט איהם גאַנץ גוט אויסגעהערט און קונציג אָפּגעשוויגען, געקוקט איהם טיעף-טיעף אין די אויגען אַריין, כלומר'שט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און נאָר פון צייט צו צייט אַריינגעשטעלט אַ וואָרט. און אַז ראַבינאָוויטש האָט אויפגעהערט צו פייערן, האָט ער זיך אָנגערופען, — און גערעדט האָט ער אַזוי שען, אַזוי בנעימות'דיג, און נישט געהאַפּט, און שטיל פערעלדיג און וויינענדיג זיס:

— איהר זענט פּאָלשטענדיג גערעכט, יונגערמאַן, פּאָלשטענדיג... עס איז באמת אַ נאַרישקייט און באמת מע דאַרף דערצו זיין אַנ'-אמת'ער פּראָסטאַן, אַ גרויסער עם-הארץ, אַז מע זאָל בעשולדיגען אַ גאַנ-צע אומה, אַ גאַנץ פּאָלק מיט אַנ'אַלטער קולטור אין אַזאַ ווילדען, באַר-באַרישען מנהג, וואָס איז געבליבען ביי אייך אַ זכר פון פאַרצייטען... נאָר פון דער אַנדערער זייט, אָפּלייקענען גאָר אינגאַנצען און זאָגען, אַז עס איז נישטאָ ביי אייך אין ערגעץ אַזאַ סעקטע, ווערלכע...

די ווערטער „ביי אייך" צווינגען דעם בעשולדיגטען, ער זאָל אַראָפּלאָזען די אויגען און ער ענטפערט אָפּ דעם דאָזיגען בכבוד'יגען פּאַרשוין, שוין אַ ביסעל איינגעהאַלטענער, שוין נישט מיט אַזאַ פייער ווי פריהער, אַז ווען עס זאָל זיין ביי יודען אַזאַ סעקטע, ווי וואָלטען זיך נישט פערוואַלגערט קיין סמנים ערגעץ אין זייער רייכער ליטעראַ-טור?

דער בעיאָהרטער פּאַרשוין הערט אויס דעם יונגען מענשען, וואָס רעדט, דאַכט זיך, אַזוי לאָגיש און אַזוי שען, בעווייזט נישט אַרויס קיין שום סמנים פון צו זיין נישט באַרמאַל... מעהר נישט איין זאַך איז אַ ביסעל אַ וואונדער: פאַר וואָס רעדט ער וועגען יודען אַלץ מיט לשון „זיי"? פאַר וואָס זאָגט ער נישט אונזער ליטעראַטור, פאַר וואָס עפּיס זייער ליטעראַטור?... ער לאָזט עס איבער אויף אַ זייט

און רופט זיך אָן צום יונגען מאַן, אַז וואָס אָנבעלאַנגט צו דער לי-טעראַטור פון סעקטעס און סעקטאַנטען, איז דאָס נישט אַזאַ גרינגע זאַך, ווי מע מיינט, נישט יעדערער קאָן זיך בעריהמען, אַז ער איז אין איהר קלאָר... ער אַליין, צום ביישפיעל, פערנעהמט זיך מיט שטו-דירען די דאָזיגע ליטעראַטור שוין פון היבשע עטליכע יאָהר און דאָך איז ער ווייט פון צו בעריהמען זיך, אַז ער האָט זי אויסגעשעפּט ביז'ן דעק... און נישט נאָר די ליטעראַטור אַליין שטודירט ער, נאָר איבער די סעקטאַנטען גופא מאַכט ער פערשיעדענע עקספּערימענטען; ער האָט שוין אויסגעשריבען איבער דעם נישט איין ריז פּאַפּיר, גאַנצע ביכער אָפּגעדרוקט...

„ווער איז אָט דער נפש?—טראַכט זיך ווידער ראַבינאָוויטש—אַ גאַנץ איינגענעהמער אַלטיטשקער כ'לעבען און זעהט אויס אַ געבילדע-טער מאַן צו זיין, אַ געלעהרטער... ער האָט שוין וועגען דעם גאַנצע ביכער אָפּגעדרוקט... עס וואָלט כדאי געווען צו לייענען די דאָזיגע בי-כער, הערען זיין מיינונג וועגען דער דאָזיגער אומגליקליכער פראַגע... און אגב וואָלט ער אין איין וועגס געוואויר געוואָרען, ווער איז דער דאָזיגער פּאַרשוין?... זעהט אויס אַ פּראָפעסאָר צו זיין... און אפשר אַ דאָקטאָר פון פסיכיאַטריע?"...

דער געדאַנק, אַז דאָס איז אַ פּראָפעסאָר, אַ פּסיכיאַטאָר, האָט זיך אַריינגעכאַפּט, בעזעצט ביי איהם אין קאָפּ גאַנץ פעסט און נישט גע-וואָלט אָפּטרעטען שוין אויף קיין מינוט: „נישט שוין-זשע אַ פּראָפעסאָר? נישט שוין-זשע אַ דאָקטאָר? וואָס-זשע טהוט ער דאָ? וואָס בעדייט דער דאָזיגער שמועס?... האַלט מען איהם נישט, אַ שטייגער, אַז ער איז גע-ריהרט?..."

און ער הויבט אָן צו דערמאָהנען זיך טריט ביי טריט אָן דעם, וואָס ער האָט היינטיגען טאָג איבערגעטהון, פון גאַנץ פריה אָן ביז אַצינד—דאַכט זיך, אַלסדינג ווי אַ קלאָרער מענש?... און ער וואַרפט דורך ביי זיך אין זכרון אַלע ווערטער, וואָס ער האָט דאָ היינט גע-רעדט—דאַכט זיך, קיין קרומע זאַך, אויסערדעם, וואָס ער האָט זיי אָנ-געהויבען אויפצודעקען דעם אמת ווער ער איז און וואָס ער איז?...

און ער הויבט אָן צו קוקען שוין נישט מיט נייגיריגקייט, נאָר מיט שרעק אויף דעם דאָזיגען פּאַרשוין: אַ פּראָפעסאָר... אַ דאָקטאָר... אַ פּסי-כיאַטאָר..! הייסט דאָך עס, אַפּנים, אַז מע האַלט איהם פאַר אַ קראַנ-

קען? פאַר אַ גייסטיג-קראַנקען?... פון װען אָן? נישט שוין-זשע האָט דאָס אָנגעאַרבייט זיין נייער פּלאַן? נישט שוין-זשע האָט מען זיין װע-לען מודה זיין זיך װער ער איז אױסגעטייטשט פאַר אַנ׳איינבילדונג און איהם האָט מען אָנגענומען פאַר אַ מאַניאַק?... קומט דאָך אױס, אַז אומזיסט איז געװען זיין מיה. אומזיסט געװאָלט אַראָפּרייסען פון זיך די מאַסקע פאַר דער צייט...

— האָט קיין פּאַראיבעל נישט, װאָס איך װעל אייך פרעגען — װענדט ער זיך צום אַלטען, װאָס שטעלט אַװעק אױף איהם די פער-זאָרגטע אױגען:

— פרעגט.

— איהר זענט אַ דאָקטאָר?

— אַ דאָקטאָר.

— פון פּסיכיאַטריע?

— פון פּסיכיאַטריע.

— געפינט איהר נישט, אַז איך בין... נישט בײַ אַלע געדאַנ-קען?

— בשום אופן נישט...

„ער װיל מיר נישט אױסזאָגען דעם אמת" — טראַכט ער זיך און קוקט דעם דאָקטאָר אין די אױגען אַריין און דער דאָקטאָר קוקט איהם אין די אױגען אַריין. ער װיל איהם נאָך עפּיס פרעגען, נאָר יע-נער שטעהט אױף, ציהט איהם אױס נאָכאַמאָל זיין גרױסע װאַרעמע האַנד:

— מיר װעלען זיך נאָך זעהען, קאָן זיין...

די זון האָט שוין געהאַלטען בײַם געזעגנען זיך מיט׳ן זומערדיגען טאָג, בעגיסענדיג מיט פייערען די גאָלדענע שפּיצען פון די קלױסטערס, בעת מע האָט מיט׳ן זעלבען קאָנװאָי און מיט דיזעלבע בלױזע שװערדען געפיהרט דעם פערברעכער צוריק אין זיין רוה אַריין. מע האָט נישט גע-זעהען אין זיין פּנים, אַז ער זאָל זיין שטאַרק אַראָפּגעפאַלען בײַ זיך. דעם קאָפּ האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטען גלייך אַרױף. געגאַנגען איז ער נאָך אַלץ מיט פעסטע טריט. מעהר נישט, װאָס פונ׳ם אַ ביסעל מעהר גע-קנייטשטען שטערען האָט מען געקאָנט זעהען, אַז ער איז פערטיעפט אין געדאַנקען. פון װאָס טראַכט ער אַצינד? פונ׳ם אמת, װאָס מוז סוף-כּל-סוף אַרױפשװימען װי בױמעל אױפ׳ן װאַסער? פונ׳ם ביטערען כּוס, װאָס

איהם איז באשערט אויסצוטרינקען ביז'ן דעק? פון דער מפּלה, וואס ער האט היינט געהאט? טהוט עס איהם באנג, וואס עס איז איהם נישט געראטען צו בעפרייען זיך פון געפענגניש? אדער פערקעהרט, עס טהוט איהם הנאה, וואס עס האט זיך אזוי געמאכט, אז ער זאל מוזען אויס-האלטען יודישקייט ביז'ן סוף?...

* *

*

צום היבשען פאק פאפירען, וואס האט זיך אנגעזאמעלט פאר דער גאנצער צייט וועגען דעם גע'הרג'עטען וואלאדי שטשיגרינסקי, איז צוגעקומען נאך א ביסעל פאפירען, אנ'עקספערטיזע פון א בעריהמטען פראפעסאר און א פסיכיאטאר. אין דער דאזיגער עקספערטיזע, אויף וועלכער דער פראפעסאר דער פסיכיאטאר האט זיך נישט געפוילט, צו-ליעב די אינטערעסען פון וויסענשאפט און גערעכטיגקייט, אפצוזיצען א נאכט און אנשרייבען כמעט א גאנצען טראקטאט, איז ארויסגעזאגט געווארען זעהר א טיעפער און נייער געדאנק איבער דער פסיכאלאגיע פון אלערליי סעקטאנטען:„אין דער צייט, ווען ביי אלע אנדע-רע, צום ביישפּיעל, קריסטליכע סעקטאנטען, קאן מען בעמערקען סמנים פון משוגעת, זענען די פאנאטישע יו-דישע סעקטאנטען, וואס בענוצען קריסטליך בלוט, צום מיינסטען נארמאל ענטוויקעלטע מענשען מיט א געזונ-טען פערשטאנד און מיט א שטארקען ווילען"... נאכדעם, ווי דער פראפעסאר דער פסיכיאטאר ברענגט א גאנצע רייהע פון צי-טאטען פון די גרעסטע געלעהרטע ווי לאמבראזא, קראפט-עבינג, וואוגד, שארקא און אנדערע, פיהרט ער אונטער א סך-הכל צו זיין עקספער-טיזע און זאגט ארויס די אונטערשטע שורה, אז נאך זיין לאנגען און פּינקטליכען גענויען ... מיט'ן בעשולדיגטען און נאך אלע סמנים פון זיין עכט-יודישער פיזיאנאמיע, פונ'ם שארבען פון זיין סעמיטישען קאפ און פון זיין ארט רעאגירען און רעדען, איז ער געקומען צו דער טיעפסטער איבערצייגונג, אז דער פערברעכער איז געזונט און שטארק גייסטיג אזוי ווי פיזיש, און אז זיין פרובען וועלען איינ-ריידען, אז ער איז נישט קיין יוד, נאר א קריסט און א דוואריאנין און קומט ארויס פון גרויסע לייט, בעדארף בעטראכט ווערען בשום

אופן נישט ווי אַ ק ר ע נ ק, וואָס ווערט אָנגערופען „מאַניאַ גראַנדיאָזאַ”, נאָר ווי אַ גאַנץ איינפאַכע „סימולאַציע” פון אַ פערברעכער, וואָס וויל מע זאָל מיינען, אַז ער איז געריהרט...

„מיט אַזעלכע פערברעכער — לאָזט אויס דער פּראָפעסאָר דער פּסיכיאַטאָר זיין שטרענגע עקספּערטיזע — בעדאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג...”

## דאָס זעקסאונניינציגסטע קאַפּיטעל.

### בעטי פאָהרט אויף אַ דאַטשע.

אַז די סכּנה איז אַריבער און בעטי האָט אָנגעהויבען קומען צו זיך, ווערען פון טאָג צו טאָג אַלץ בעסער און בעסער, איז געבליבען בהסכּם פון די דאָקטוירים, אַז מע בעדאַרף די קראַנקע אויסשרייבען פון שפּיטאָל און אַריבערפיהרען נישט אַהיים, וואו יעדע זאַך קאָן זי אויפרעגען און נאָכאַמאָל קראַנק מאַכען, נאָר בעזעצען זי אַ ביסעל ווייטער פון דערהיים, אויף דער פרישער לופט, אין אַ דאָרף, אין אַ וואַלד, מיט איינעם וואָרט — זי בעדאַרף האָבען א דאַטשע.

דערהערט דאָס וואָרט אַ „דאַטשע״, האָט זיך שרה שפּיראָ פער-טראַכט: ס'איז זיי גרינג צו זאָגען אַ דאַטשע. ערשטענס, ווער איז דאָס אימשטאַנד? און צווייטענס, לאָמיר שוין זאָגען, אַז מיט געלד וואָלט מען זיך שוין ווי עס איז אַנ'עצה געגעבען — ס'איז נאָך נישט געבוירען יענער יוד אויף דער וועלט, וואָס זאָל ניט קריגען קיין געלד אויף צו קוירען זיך — איז אָבער דאָ אַנ'אַנדער צרה. פּראַוואָזשיטעלסטוואָ! ניט אַ יעדער יוד קאָן קרענקען אויסער דער טשערטאַ; מע דאַרף האָ-בען דערצו זכות אבות. ביי זיי הייסט עס אַ פּריווילעגיע: אָדער אַ געענדיגטער דאַרף מען זיין אָדער אַ פּערווע גילדיע. אָט אַ שטייגער איהר שוואָגער שלמה פּאַמיליאַנט — ער מעג, וואָרום ער האָט געלד. וויל ער אָבער ניט קרענקען. קרענקען בעדאַרף דער, וואָס האָט ניט. דע-רויף איז דאָ אַ גאָט, וואָס ער פיהרט זיין וועלט מיט חסד. ער ווייס מסתּמא וואָס ער טהוט. ווער'ט איהם געהן זאָגען דעות? ...

די דאָזיגע געדאַנקען האָט שרה געהאַלטען ניט נור בײ זיך אין האַרצען; זי האָט זײ ארויסגעזאָגט גאַנץ אָפען כײ פאַר'ן דאָקטאָר,—אַ היימישער מענש, מיט איהם מעג מען רעדען וואָס מען וויל— סײ פאַר איהר מאַן—מיט איהם מעג מען דאָך אודאי רעדען... רעדען? פאַרוואָס ניט זאָגען מיט'ן האַרבען וואָרט, ער זאָל טאַקי זעהען זיך דורכגעהן צו דער רייכער שוועסטער און מיט איהר אַ שמועס געבען אַזוי און אַזוי, מע דאַרף ראַטעווען אַ קינד, דערהאַלטען בײם לעבען. וואָס איז? זי איז קליין? וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז זיין שוועסטער'ס טעכטער בעדאַרפען זיך באָדען אין פוטער און אין האָניג, און אַז איהר טאָכטער איז אַזוי קראַנק און דאָקטוירים זאָגען, אַז זי בעדאַרף האָבען „וואָזדוך", ווי מע בעדאַרף לעבען...

—וואָס-זשע ווילסטו?— זאָל איך ווערען אַ בעטלער בײ מיין שוועסטער?—צעבייזערט זיך אויף איהר דוד, נאָר עס העלפט איהם ניט קיין בייזער. שרה שרעקט זיך ניט איבער. ווי באַלד עס געהט אינ'ם לעבען און אינ'ם געזונד פון איהר בעטי'ן מעג שוין איהר מאַן בייזערען זיך וויפיעל ער וויל; ער וועט זיך איבערבייזערען און זי וועט איהם דערמאָהנען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. אַזוי לאַנג ביז ער וועט אַ שפײ טהון און אַוועקגעהן צו דער שוועסטער און פועל'ן בײ איהר, אַז זי אַליין זאָל קומען צו געהן און בעטען זיך, אויסשלאָגען אַ קניע ערד, אַז בעטי זאָל אַריבערפאָהרען צו איהר אויף דער דאַטשע.

און כך הוה. איין מאָל בײטאָג—בעטי איז געלעגען אויף איהר בעטעל אין שפיטאָל און געדרימעלט, די מוטער איז געזעסען בײ דער זייט מיט אַנ'אַרבייט אין דער האַנד, האָט זיך געעפענט די טהיר און עס האָט זיך בעוויזען טויבע פאַמיליאַנט'ס פאַרוק מיט די ברילליאַנטענע אויריגגלעך. האָט זיך שרה שפירא אויפגעחאַפט מיט אַ ווינק צו דער שוועגערין, אַז די טאָכטער שלאָפט און איז אַרויס צו איהר אין קאָרידאָר און דאָרט האָט זיך פערבונדען צווישעןביידע שוועגערינס אַזאַ מין שמועס:

— ווייסט איהר, שרה'ל קרוין, וואָס איך בין געקומען צו פאָהרען צו אייך אין שפיטאָל אַריין?

שרה מאַכט אַ תמ'עוואַטע פנים: „פון וואַנען זאָל זי וויסען?— וואָס איז זי אַ נביא'טע?..."

—איך בין געקומען צו אייך אין שפיטאָל אַריין אָט צוליעב וואָס: דוד האָט מיר איבערגעגעבען, אַז די דאָקטוירים זאָגען למען השם,

אַז אַייער טאָכטער בעדאַרף האָבען אַ דאַטשע, האָב איך אַ שמועס געגעבען מיט מיין שלמה׳ן, זאָגט מיין שלמה, וואָס איז דאָ שייך צו רעדען? אם ירצה השם, אַז אַייער בעטי וועט זיך נאָר שטעלען אויף די פיס און דער אויבערשטער וועט העלפען זי וועט זיך אויסשרייבען פון שפּיטאָל, אַזוי שיקט ער בלי נדר מיטוואָך דעם פאַעטאָן און מע נעהמט זי אַריבער צו אונז אויף דער דאַטשע.

שרה׳ס האַרץ וואַקסט ווי אויף הויוען, נאָר זי מאַכט זיך נאָך אַלץ תמ׳עוואַטע.

—וואָס רעדט איהר, טויבעניו? בעטי זאָל געזונד זיין בעדאַרף האָבען אַ בעזונדער חדר... מע בעדאַרף אויף איהר געבען אַכטונג... כ׳לעבען, ס׳איז אַ טרחה מיט אַ קלאָפּאָט...

— איהר רעדט עפּיס אַזעלכע ווערטער, שרה׳ניו, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רעד! נאַ דיר גאָר טרחה! נאַט איך גאָ־ קלאָ־ פּאָט! קיין שום טרחה מיט קיין שום קלאָפּאָט. אַפילו ניט אויף אָט אַזוי פיעל!... און וואָס איהר זאָגט אַ חדר אַ בעזונדערען, איז מיר אַ חדוש אויף אייך, איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז ביי מיר איז דאָ קיין עין־הרע חדרים גענוג. פון דעם זאָלט איהר גאָר קיין דאגה נישט האָבען, הלואי דער אויבערשטער זאָל וועלען זי זאָל נאָר קאָנען שוין צריבערפאָהרען אין אַ גוטער שעה, און אַפילו היינטיגען טאָג.

שרה ברעקעלט זיך נאָך:

— איהר האָט פערגעסען, טויבעניו נשמה׳ניו, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ צרה—פּראַוואַזשיטעלסטוואָ.

—זעהט איהר, דאָס איז שוין, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, גאָר אַ נאַרישקייט פון אייך. איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיין שלמה זאָגט, ווייס ער וואָס ער זאָגט, און אַז ער הייסט זי זאָל קומען, האָט ער שוין מסתמא וועגען דעם אויך געטראַכט... מיין שלמה איז דאָך עפּיס נישט קיין יונגעלע, גאָט מיין גאָט!...

שרה איז אַזוי גערירהרט, אַז זי הויבט אָן צו רעדען מיט דער שוועגערין מעהר אָפענע דבורים:

—איהר זענט אפשר זעהר גערעכט, טויבעניו האַרצעניו, נאָר פאַר אייך מעג מען רעדען טאַקי ווי פאַר אַב׳אייגענע שוועסטער. ס׳זאָל זיין, הערט איהר, נור אין מיר אַליין געוועגדט, וואָלט שוין נישט געווען קיין שום מניעה. עס איז דאָך ביי מיר, איהר פערשטעהט אַליין, אַזאַ

טובה, וואָס אייביג און אייביג וועל איך עס אייך ניט פערגעסען... איהר קענט דאָך אָבער מיין בעטי'ן, זי זאָל מיר נור זיין מיט יאָהרען—וואָס זאָל מען לייקענען, פינסטער איז מיר—אַ קאַפּריזנע, אוי אַ קאַפּריזנע מיידעל! זי קאָן פּלוצים זיך איינשפּאַרען, ניין און ניין—געהט טהוט איהר עפּיס! ובפרט נאָך איצט...

דער רייכער שוועגערין פערדריסט עס שוין אַ ביסעל: „מע וויל טהון אַנ'אָרעמער קרובה אַ טובה, פערעבענדיוועט זי נאָך"... זי מאַכט אַ פרום פּנים:

— אַי, שרה'ל קרוין, גאָט ברוך הוא זאָל מיך ניט שטראָפען, איך וויל חלילה אייך ניט זאָלצען אויף די וואונדען, איהר האָט גע-באַך אַ שווער הארץ, וואָס איז צו רעדען? נאָר איך מוז אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, טאַקי ווי פאַר אַנ'אייגענער שוועסטער—דער אויבער-שטער איז אל בוחן לבבות, ער האָט ליעב דעם אמת—איהר פיהרט נישט גוט דאָס רעדעל כ'לעבען, איהר פיהרט נישט גוט. אָט, דאַכט מיר, בין איך אויך אַ מאַמע ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר, איך האָב אויך קינדער זאָלען געזונד זיין און טהו אַלסדינג זיי זאָלען געהן אויפ'ן דרך הישר...

—וואָס גלייכט איהר, טויבעניו? — ביי מיר איז איין אויג אין קאָפּ און ביי אייך איז קיין עין הרע—לאָזען זיי אייך זיין געזונד און שטאַרק...

די פרומע שוועגערין לאָזט זי אָבער ניט ענדיגען. זי וויל בע-סער אַליין רעדען, ס'איז ביי איהר נאָכ'ן עסען, אויפגעלעגט אויפ'ן האַרצען:

—ע! שרה'ל קרוין, איהר זאָלט עס זאָגען? איהר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, ווי שטעהט דאָרטען אין די הייליגע ספרים, קינדער און מעשים טובים איז אַ מתנה פון גאָט; וואָס מעהר איז בעסער; און צווי-שען צעהן פינגער' אַז ס'טהוט וועה חלילה איין פינגער, טהוט ער וועה גלויבט מיר גלייך ווי מע זאָל פערמאָגען מעהר ניט אַז איין פינגער...

און לאַנג נאָך שמועסען זיך אויס אָט אַזוי צווישען זיך ביידע מאַמעס שטילערהייד אויף יענער זייט טהיר פון בעטי'ס חדר'ל, און אַז שרה קומט אַריין טהוט זי בעטי אַ האַפּ, זי זאָל איהר זאָגען וועגען וואָס האָט זי זיך עס אַזוי לאַנג געשעפּטשעט מיט דער מוהמע טויבע?... שרה פּרובט זיך אויסדרעהען, זאָגען אַ ליגען, נאָר עס העלפט ניט, זי

מוז איהר אויסזאָגען דעם אמת, מיט אַ שטיקעל הקדמה פריהער, אַז ווי באַלד גאָט פיהרט אַזוי, אַז זי האָט אַזאַ רייכע מוהמע מיט אַזאַ גוטען פעטער, וואָס זיצען דעם גאַנצען זומער אויף אַ דאַטשע און פון פראַוואָזשיטעלסטווא איז דאָרט גאָר קיין רעדע נישט, וואָרום דער פעטער שלמה איז מיט דער דאָרטיגער פאָליציע אויסגעבונדען...

און אַזוי ווייטער. שרה מיינט, אַז זי איז שוין באַלד פאַרטיג, לאָזט זיך אויס, אַז בעטי וויל ניט הערען אַפילו פון קיין רייכע מוהמעס און פון קיין גוטע פעטערס און פון קיין דאַטשעס און פון פאָליציע מיט פראַוואָזשיטעלסטוועס...

— שאַ, איז ניין, נו לאָז זיין ניין—זאָגט שרה און ווישט אָפּ די ליפּען—דו מיינסט וואָס? איך האָב איהר אַליין אויך געזאָגט, דער מוהמע דיינער, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען, אַז ס׳וועט ניט געהן... קינדעניו, מע וועט דיך דען חלילה נויטען, צי וואָס? שאַ! פערגעסען! ווי דו זעהסט מיך אַ לעבעדיגע—פערגעסען!

ס׳איז אָבער ניט אמת. ווי קאָן זי, אַ מאַמע, פערגעסען אַזאַ זאַך, וואָס דאָקטוירים זאָגען, אַז איהר טאָכטער בעדאַרף עס האָבען ווי אין לעבען אריין? „וואָזדוך" — זאָגען זיי — פרייע לופט בעדאַרף זי האָבען, אין אַ סאָסנאָווע וואַלד בעדאַרף זי זיך געפינען. נו, זאָל זי שווייגען? און חאָטש דאָס האַרץ איז איהר פערביטערט, וואָס איהר טאָכטער האָט זיך פערקאַפּריזעט און וויל ניט הערען פון קיין דאַטשע, דאָך האָט זי זיך דיפּלאָמאַטיש אַ נעהם געגעבען צום דאָקטאָר, צו זייער היימישען דאָקטאָר, גענומען איינ׳טענה׳ען, איהם געגעבען צו פערשטעהן, ווי ווייט נויטיג פאַר איהר קינד איז „וואָזדוך".

—וואָזדוך — האָט איהם שרה געגעבען צו פערשטעהן מעהר מיט הענד— וואָזדוך דאָס איז אַ זאַך, וואָס מע בעדאַרף האָבען דורכצולופטערען אינווייניג די געדערים, ווי מע לופטערט דורך אָט אַ שטייגער חדרים דורך אַ קוואַטירעל פון אַ פענסטער, אָדער ווי למשל כדומה...

— רבונו של עולם! — חאַפּט זיך אָן דער דאָקטאָר ביים נאַקעטען קאָפּ—וואָס איז דאָס פאַר אַ מין יודענע? מיר ווילט איהר דערצעהלען וואָס „וואָזדוך" איז און וואָס אייער טאָכטער בעדאַרף האָבען? מיר דאַכט, אַז דאָס האָב איך אייך געזאָגט שוין טויזענד מאָל, אַז אייער טאָכטער בעדאַרף אַ דאַטשע, ווי מע בעדאַרף לעבען...

— מיר האָט איהר געזאָגט? וואָס קומט אַרויס, וואָס איהר האָט דאָס געזאָגט מ י ר? ביי מיר האָט איהר שוין לאַנג גע׳פּועל׳ט. איהר

זעהט פועל'ט עס ביי איהר, ביי מיין טאָכטער, דעמאָלט וועט איהר אייך מעגען בעריהמען...

דער דאָקטאָר ענטפערט דערויף גאָרנישט. ער צענעהמט נור מיט די הענד און סוף כל סוף מוז ער איהר געבען דאָס וואָרט, אַז ער וועט טהון וואָס ער קאָן, ער וועט רעדען מיט דער טאָכטער, ער וועט איהר געבען צו פערשטעהן, ער וועט איהר איינרעדען, ער וועט איהר...

— וואָס נאָך ווילט איהר פון מיר?

— איך פון אייך?— זאָגט שרה—וואָס זאָל איך פון אייך וועלען? איהר האָט געשלאָסען מיט מיר אַ קאָנטראַקט, צי וואָס? האָסטו געזעהען אַ לשון פון אַ מענטשען: „וואָס איך וויל פון איהם”?... נאַ דיר נאָך טאָמער איז קאַרג!

דער דאָקטאָר קוקט אויף איהר מיט איין אויג. אָט די יודענע ערלויבט זיך שוין צופיעל. ביי אַן אַנדער צייט וואָלט זי געקאָנט חאַפּען פון איהם אַ רעכטען פסק. זי וואָלט זיך פון איהם נישט געגאַרט. נאָר איצט—איצט איז ער אויף גרויסע צרות. ער ווייס נאָך אַליין ניט אַקוראַט וואָס מיט איהם טהוט זיך, נאָר עס דאַכט זיך איהם, אַז ער קלויבט זיך ווערען אויס אַלטער בחור. שוין צייט חתונה האָבען. און דוקא מיט אָט דער יודענעס טאָכטער...אַנ'אומגליק—זינט דאָס מיידעל איז קראַנק געוואָרען און ער קורירט זי, פיהלט ער פון טאָג צו טאָג, אַז דאָס איז זיין באַשערטע... וויפיעל קראַנקע ער האָט שוין איבערגעהאַט אויף זיין לעבען, האָט זיך איהם נאָך אַזאַ זאַך נישט געטראָפען, אַז ער זאָל פיהלען, דאָס וואָס ער האָט געפיהלט אַצינד. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, בעת בעטי שפּיראָ איז געווען געפעהרליך, אַז טאָמער טהוט אָט דאָס מיידעל אַ שטאַרב אַוועק, איז ווייס ער אַליין ניט וואָס מיט איהם וועט זיין... און צוריק—קוים האָט איהר אָנגעהויבען געהן בעסער, האָט ער געזעהען, ווי עפּיס קומט איהם צו, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען נישט קיין פּאַציענטין, נאָר אַנ'אייגענע, אַ שוועסטער, אַ סך מעהר פון אַ שוועסטער... ניין, נישט אומזיסט האָבען זיינע קאָלעגען געמאַכט פון איהם חוזק, איהם גערופען הינטער די אויגען „חתן” און שרה שפּיראָ — „שוויגער”...

האָט דאָס אויך שרה שפּיראָ אַרויסגעזעהען? איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז יאָ. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די מוטער ווייס, אַז ער איז פערברענט אין איהר טאָכטער און דערפאַר אַפּנים איז זי מיט איהם אַזאַ שמעלקע און בעגעהט זיך מיט איהם, ווי מיט אַ נאָהענטען,

שוין אַ צו נאָהענטען... און ער איז אויף זיך מקבל באהבה אלסדינג, אַבי זיין פּאַציענטין זאָל שוין ווערען אינגאַנצען געזונד און ער זאָל שוין קאָנען רעדען... מיט וועמען? ער האָט מורא צו טראַכטען. נאָר איהם דאַכט זיך, אַז קודם כל וועט מען דאַרפען רעדען מיט איהר, מיט אָט דער יודענע... און עס וואַרפט איהם אין אַ פּיבער פון אַזאַ געדאַנק. און ער גיט איהר די האַנד, אַז ער וועט רעדען מיט איהר טאָכטער וועגען אַ דאַטשע, ער וועט רעדען גאָר אָהן אַ שום תירוץ, נאָר ניט היינט. היינט איז שוין שפּעט. מאָרגען!...

— מאָרגען איז מאָרגען—ענטפערט איהם שרה—איך זאָג דען אַז היינט, צי עמיצער זעצט אייך דען האַלז און אַקען? דער טייך ברענט נישט און דער זומער איז נאָך גרויס.

עס געהט אַוועק אַ מאָרגען מיט נאָך אַ מאָרגען. דער דאָקטאָר קומט אַלע טאָג, צוויי מאָל אַ טאָג, זיצט אָפּ אַ שעה און צוויי שעה— און ער זאָל רעדען מיט בעטי'ן וועגען דער דאַטשע הערט מען עפּיס ניט. דערמאָהנט איהם שרה, שוין פאַר זיין אַוועקגאַנג, נאָר איידעל, מיט אַן'אָנצוהערעניש: „דאַכט זיך, אַז ער האָט איהר עפּיס געהאַט צוגע-זאָגט?..." בלייבט דער דאָקטאָר שטעהן און רייבט זיך די ליסינע: „וואָס האָט ער דען צוגעזאָגט?"... זאָגט איהם שרה: „טהוט זיך אַ פּאַטש אין שטערען, טאָמער וועט איהר אייך דערמאָהנען". פערהאַפּט זיך דער דאָק-טאָר און שווערט, אַז ער האָט פערגעסען. ער האָט גאָר פערגעסען, ווי ס'איז היינט פרייטאָג אויף דער גאַנצער וועלט! ענטפערט איהם שרה, אַז דער, וואָס האָט אַ טבע פערגעסען פון מיטוואָך ביז פרייטאָג, בעדאַרף מאַכען אַ קניפּעל אין דער פאַטשיילע...

נאָר שרה'ס מיה מיט אַלע איהרע דיפּלאָמאַטישע אָפּשניצלעך זע-נען געווען אַרויסגעוואָרפען. בעטי האָט אויסגעהערט דעם דאָקטאָר'ס רעד וועגען אַ דאַטשע, וועגען פרישע לופט און וועגען אַ סאָסנאָווע וואַלד, ליעגענדיג אויף איהר בעטעל און קוקענדיג מיט פערגלעזערטע אויגען ארויף אויף דער סטעלי, גלייך ווי דאָרטען וואָלט געווען אָנגעצייכענט, וואָס זי בעדאַרף איהם דערויף ענטפערען... צו וואָס? צו וואָס דאַ-טשעס? צו וואָס פרישע לופט, סאָסנאָווע וואַלד? צו וואָס לעבען אויף דער וועלט, ווי באַלד אַז ס'איז ניטאָ ער?... י ע נ ע ר?...

שרה זעהט נאָך דער טאָכטער'ס אויגען, אַז די גאַנצע אַרבייט איז אַרויסגעוואָרפען. פערפאַלען—בעטי וועט צו דער מוהמע טויבע אויף דער דאַטשע נ י ט פאָהרען, און זי ווינקט צום דאָקטאָר ער זאָל האַל-

טען מויל, מעהר דערפון ניט רעדען...

נאָר אַז ס'איז באַשערט קומט עס אַליין פון זיך, מע ווייס גאָר-ניט ווי אַרום. איין מאָל אין אַ שענעם פריהמאָרגען האָט זיך בעטי אויפגעכאַפּט און געגעבען צו וויסען דער מוטער, אַז זי פאָהרט צו דער מוהמע טויבע אויף דער דאַטשע.

דאָס איז געווען אין גיכען נאָך דעם, וואָס זי איז געוואויר גע-וואָרען, טאַקי דורך דער מוטער, פון דער גוטער בשורה, אַז ראַבינאָ-וויטש לעבט און אַז ער זיצט...

## דאָס זיבעצנאונזיינציגסטע קאַפּיטעל.

## אַ רעשטעל צו די צרות.

דאָס ערשטע, וואָס בעטי האָט געטהון ווי באַלד נור זי איז גע-וואויר געוואָרען, אַז ראַבינאָוויטש זיצט — זי האָט זיך אַ וואָרף געגע-בען צו די גאַזעטען, זיך אַ נעהם געגעבען לייענען צייטונגען, נייע און אַלטע, פאַר דער גאַנצער צייט. אין איין האַלבען טאָג האָט זי דורכ-געלייענט די גאַנצע ליטעראַטור, דאָס הייסט, אַלעס, וואָס איז געווען ביז דעמאָלט געדרוקט וועגען דעם געפונענעם וואַלאַדקי, און ביי איהר אין קאָפּ איז גיך פאַרטיג געוואָרען אַ פּלאַן, ווי אַזוי זי זאָל העלפען אויפדעקען די אמת׳ע פערברעכער און בעפרייען איהר אויסדערוועהל-טען פון געפענגעניש. דאָס איז געוואָרען איצט איהר איינציגער וואונש, דער צוועק און דער גאַנצער זין פון איהר לעבען. דער פּלאַן האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַזוי פּראָסט און אַזוי גרינג דורכצופיהרען. זי האָט זיך דערמאָהנט אָן יענער מורא׳דיגער נאַכט, וואָס זי האָט פער-בראַכט אין צווייען מיט יענער אומגליקליכער פערלוירענער, פון וועל-כער עס האָט געשמעקט העליאָטראָפּ מיט יאָדאָפאָרם, און וועלכע האָט איהר אָנגעדערצעהלט אַזוי פיעל שרעקליכע מעשיות. זי האָט זיך דער-מאָהנט, וואָס יענע האָט איהר דערצעהלט אויף איהר געליעבטען — זי האָט שוין פערגעסען דעם נאָמען זיינעם. נאָר יעדענפאַלס, ווי יענע האָט איהר דעמאָלט אָנגעהויבען צו דערצעהלען, בעדאַרף אָט דער דאָ-זיגער נפש זיין איינער פון די, וואָס האָבען גע׳פטר׳ט קיריליכעס זוהנ-דעל... דאָס איז אַזוי זיכער, ווי ס׳איז זיכער, אַז זי לעבט אויף דער וועלט. איין חסרון נאָר — זי האָט פערגעסען און זי קאָן זיך ניט דער-מאָהנען, בשום אופן ואופן, ניט דעם נאָמען פון יענער פערלוירענער,

ניט דעם נאָמען פון איהר געליעבטען. עס איז איהר דעמאָלט, אין יע-
נער נאַכט, נישט געקומען אויף די געדאַנקען, אַז עס קאָן איהר אַמאָל
צונוץ קומען אָט דאָס, וואָס אַ גאַסען-מיידעל וועט איהר דערצעהלען...
אַ סך זאַכען, וואָס יענע האָט איהר דעמאָלט דערצעהלט, זענען איהר
אין איין אויער אַריין, פונ'ם אַנדערען אַרויס... איינס נאָר געדענקט
זיך איהר גוט — דאָס איז דער נאָמען פונ'ם דאָרף, פון וואַנען עס
שטאַמט יענע פערלוירענע מיט איהר געליעבטען, און דאָס דאָרף —
דאָס איז אַקוראַט דער אָרט, וואו איהר פעטער פאַמיליאַנט וואוינט
איצט אויף דער דאַטשע. אַ געוועהנליכער צופאַל, נאָר עס קאָן זיך
אַלסדינג מאַכען אויף דער וועלט. ווער ווייס?... אָט דאָס איז געווען
דער שׂכל, וואָס בעטי האָט מיט אַמאָל זיך אויפגעחאַפּט און איינגע-
וויליגט אַריבערצופאָהרען צו דער מוהמע טויבע אויף דער דאַטשע, פון
וועלכען די מוטער איז געוועזן אויפ'ן זיבעטען הימעל: אַ קלייניגקייט
אַזאַ „וואָזדוך" און אַזאַ „ראָסקאָש" וועט איהר טאָכטער האָבען, און
צווישען אייגענע און אָהן אַ קאָפּיקע געלד!...

מאָ'ט איך, שרה שפּירא האָט זיך גענוג אָנגעוויינט, אַז זי האָט
זיך בעדאַרפט צעשיידען מיט איהר קינד, וואָרום אַכטצעהן מאָל צווי-
שען אייגענע, פאָרט נישט אין דערהיים, פאָרט נישט אונטער דער מאַ-
מעס אויג, נאָכדעם, ווי זי האָט קוים אויסגעבעטען ביי גאָט... טאַטעניו,
הארציגער פאָטער! קליין איז אַזאַ נגיד, ווי איהר שוואָגער, אָט דער
שלמה פאַמיליאַנט, זיי אַלעמען אַרויסנעהמען אין דאָרף? זיי אַלעמען
דינגען אַ דאַטשע? וואָס איז אַזוי? איהר דוד דאַרף ניט האָבען קיין
וואָזדוך? און סיאָמקען וואָלט נישט אָנגעשטאַנען בעסער צו שפּיעלען זיך
אויפ'ן פרייען פעלד, אָדער אין גרינעם וואַלד, איידער בראָטען זיך
אויף דער זון און אָנעסען זיך מיט שטויב אויף דער יודישער גאַס...

— אוי, רבונו של עולם, רבונו של עולם! — לאָזט אויס שרה,
ווי דער שטייגער איז פון די ווייבער, וואָס טענה'ן זיך אויס מיט גאָט,
ווי מיט אַ גאַנץ נאָהענטען קנעפּעל — איך זאָג דיר ניט חלילה קיין
דעות, וועמען דו זאָלסט געבען און וועמען ניט, און אַז דו גיסט איי-
נעם אַ ביסעל און דעם אַנדערען אַ פולע שיסעל, אָדער איינעם „אָר,
דעם אַנדערען ניט אַ האָר — איז מסתמא ווייסטו דאָך, וואָס דו טהוסט,
דערויף ביזט דו דאָך עפּיס אַ בורא עולם, ווי זאָגט מיין שוועגערין
טויבע און דו פיהרסט זיך דיין וועלטעל, ווי דו פערשטעהסט. נאָר
איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס איך וואָלט מעהר געטהון פאַר אָרע-

מע קרובים, ווי מיין שוועגערין די נגידית, וואָס פערשליסט דאָס ברויט אין שאַפּע און קנייפּט די דיענסטען, אַבי זי טהוט דיר אָן אַ מענטעלע — זי דאַווענט דיר אַלע טאָג פון אַ גראָבען קרבן מנחה — זאָלסט מיך נאָר ניט שטראָפען פאַר די רעד, ליעבער גאָט, וואָרום אַזוי ווי זי הערט ניט, אַזוי וועט איהר ניט שאַדטען...

* *
*

דער טאָכטער האָט שרה אָנגעזאָגט אַמאָל צוואַנציג, ווי אַזוי זי זאָל זיך פיהרען ביי דער רייכער מוהמע אויף דער דאַטשע, דער עיקר, זי זאָל זיך היטען, נישט טהון קיין זאַך, נאָר עסען און טרינקען און זיין אויפ'ן „וואָזדוך", וואָס מעהר „וואָזדוך"!...

— וואָזדעך! וואָזדעך! — קרימט איהר איבער דער קליינער סיאָמקע, וואָס חאַפּט פון איהר אַ פּאַטש, ער זאָל ניט זיין קיין עזות-פּנים, חאָטש ער איז אַ בן-יחיד. נאָר סיאָמקע בעהאַלט דעם פּאַטש אין קעשענע, וואָרום אָט באַלד זעצט ער זיך אויף מיט דער שוועסטער אינ'ם דאָקטאָר'ס פאַעטאָן, וועלכער פיהרט זי אָפּ אויף דער דאַטשע.

געזאָלט האָט בעטי פאָהרען מיט'ן פעטער שלמה'ס פאַעטאָן, וואָס האָט געזאָלט קומען נאָך איהר. נאָר אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז זי דאַרף זיין געהיט מיט'ן פאָהרען און האָט אַליין אָנגעשלאָגען זיך, אַז ער וועט מיט איהר מיטפאָהרען, און אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט אַנ'אייגענעם עקיפּאַזש, איז געבליבען, אַז מען זאָל פאָהרען אין דרייען, דאָס הייסט, בעטי, דער דאָקטאָר און סיאָמקע — אַ שומר. אַזוי טאַקי האָט איהם די מאַמע געזאָגט: „פאָהר אויך, סיאָמקע, מיט'ן דאָקטאָר, וועסטו זיין אַ שומר..." סיאָמקע איז אוּדאַי געווען צופריעדען פון אַזאַ בשורה, חאָטש זיין קעפּיל האָט בשום אופן נישט געקאָנט משיג זיין, צו וואָס בעדאַרף מען נאָך אַ „שומר", אַז די שוועסטער פאָהרט מיט אַ דאָקטאָר? און וואָס איז עפּיס די שוועסטער מיט אַמאָל רויט געוואָרען? און אויך דער דאָקטאָר, ווי ער האָט בעמערקט, האָט עפּיס אַראָפּגעלאָזט די אויגען ביי די דאָזיגע ווערטער, וואָס די מאַמע האָט געזאָגט... אויך אין וועג פאָהרענדיג האָט סיאָמקע בעמערקט און נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס שווייגען זיי עפּיס ביידע, אי דער דאָקטאָר שווייגט, אי די שוועסטער...

אַז דער דאָקטאָר איז געקומען צוריק פון דער דאַטשע, האָט ער

געבראַכט צופיהרען סיאָמקען (דעם „שומר”) אַהיים און אָפּגעגעבען דער מאַדאַם שפּיראָ אַ גערוס פון איהר טאָכטער, דערצעהלט, וואָס פאַר אַ שענע דאַטשע, וואָס פאַר אַ פּרעכטיגער וואַלד און וואָס פאַר אַ געזונטע לופט דאָרט איז. הייגט די מענשען!

— וואָס פאַר אַנ'אויפנאַהם מען האָט אונז געגעבען, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מאַדאַם שפּירא!...

— אַ מכה זיי אַ גרויסע — שטעלט אַריין די מאַדאַם שפּיראָ — עס קומט זיי אַ דאַנק, זיי קאָנען געבען נישט? זיי זענען קליין?

— זאָגט דאָס נישט, מאַדאַם שפּיראָ — פּרובט זיך דער דאָקטאָר זי בערוהיגען — היינטיגע יאָהרען...

— וואָס דערצעהלט איהר מיר, היינטיגע יאָהרען? היינטיגע יאָהרען זאָל אַנ'אייגענע שוועסטער לאָזען אַ ברודער, און נאָך אַזאַ ברודער ווי מיין דוד, אַז ער זאָל דינען ביי פרעמדע, אין דער צייט ווען איהר מאַן איז אָנגעשטופּט מיט געשעפטען ווי אַ זאַק מיט מעהל. קראַנק איז אַזאַ יוד ווי שלמה פּאַמיליאַנט, אַ יוד אַנ'אדיר, וואָס מיר ביידע, איך מיט אייך, מעגען זיך ווינשען פּערמאָגען אונזער אייגענס נאָר דאָס, וואָס איהם קאָסט אָפּ אַ יאָהר...

דער דאָקטאָר כאַפּט זיך אויף אַנ'אָפּגעבריהטער:

— האַ — פּאַזוואָלטי, מאַדאַם, וואָס האָט איהר מיך אַריינצוגעהמען אין שותפות? פון וואַנען ווייסט איהר מיין פערמעגען? איך בין אפשר נישט אַזוי רייך ווי אייער שלמה פּאַמיליאַנט, נאָר איך האָב מיך נישט צו בעקלאָגען...

— לאָז אייך גאָט העלפען דריי מאָל אַזוי פיעל! — שלאָגט איהם איבער שרה שפּיראָ — ווער עס פערגינט אייך נישט, דער מעג אַליין נישט האָבען...

— מע רעדט נישט פון דעם — זאָגט דער דאָקטאָר, וואָס וויל דעם שמועס צובויגען אין דער געהעריגער זייט אַריין — מע רעדט גאָר פון עפּיס אַנדערש... ער קנייטשט דאָס היטעל אין די הענד, ער רייבט די ליסינע, ער ווייסט נישט פון וואַנען ער זאָל אָנהויבען... רוקט ער זיך צו צו דער מאַדאַם שפּירא אַ ביסעל נעהענטער און מאַכט צו איהר אַזוי:

— המ... פערשטעהט איהר מיך, מאַדאַם, איך האָב גאָר געוואָלט עפּיס אַנדערש זאָגען אייך... די מעשה דערפון איז אַזוי: איך קען אייער טאָכטער נאָך, אַז זי איז געווען אָט אַזעלכע (ער ווייזט מיט דער

האַנד נידריג ביי דער ערד) און האָב געקוקט אויף איהר תמיד ווי אויף אַ קינד, אַ מיידעל... איצט, אָט דאָ, אַז זי איז קראַנק געוואָרען...

— נישט היינט געדאַכט — פערריכט איהם שרה.

— נישט היינט געדאַכט, אַז זי איז קראַנק געוואָרען, בין איך, נישט היינט געדאַכט, געפּאָהרען אַלע טאָג, צוויי מאָל אַ טאָג, דריי מאָל אַ טאָג... נישט היינט געדאַכט...

— אַ מאָדנער מענטש איהר. זענט! — שלאָגט איהם שרה איבער — האָב איך דאָך אייך געבעטען וויפיעל מאָל, איהר זאָלט פערשרייבען די וויזיטען, האָט איהר זיך נאָך אויפגעבלאָזען, געוועזן אין כעס סכנות, למאי איך זאָג...

„אַנ׳אומגליק, נישט קיין יודענע!” — טראַכט זיך דער דאָקטאָר, ווישט אויס מיט אַ רויטער פאַטשיילע די גלאַנצענדיגע ליסינע, חאַפּט זיך אויף און זעצט זיך אָבער באַלד אַוועק צוריק.

— ניין! נישט דאָס, מאַדאַם! איהר האָט מיך נישט פערשטאַנען, מיין איך, איהר האָט מיך שלעכט פערשטאַנען; איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט מיט אייך און רעד נישט און וועל נישט רעדען פון וויזיטען...

— יאָ, נו, איך וויים דאָך, איהר נעהמט וויפיעל מע גיט אייך... איך האָב שוין איבערגערעדט מיט מיין מאַן, אַז...

— פּאַ-פּאַזוואָלטי, מאַדאַם שפּירא! — נעהמט דער דאָקטאָר מיט אַ טאָן העכער — לאָזט מיך אויסרעדען. איך רעד נישט דערפון, איך וויל ביי אייך קיין געלד נישט נעהמען, האָב איך אייך געזאָגט, דאַכט זיך, וויפיעל מאָל! — פאַר כעס טהוט דער דאָקטאָר אויס די ברילען און שרה מאַכט צו איהם רוהיג:

— ווי באַלד אַז נישט קיין געלד, היינט וואָס דרעהט איהר אַ מח?

דאָס טהוט שוין דעם דאָקטאָר אַ טראָג-אויף פּונ׳ם בענקעל. ער טהוט אָן אויף דער גיך די ברילען מיט׳ן תיטעל און ער רופט זיך אָן צו איהר מיט אַ ביטער געלעכטער און מיט אַ קוויטש, און אין קול הערען זיך טרעהרען:

— אַ מאָדנע יודענע איהר זענט! הערט איהר? איהר זענט אַ מאָדנע יודענע. אַ מענש קומט צו אייך וועגען אַנ׳ערנסטער זאַך, וועגען אַ זאַך, וואָס איז איהם אפשר נוגע אין לעבען, רעדט איהר מיט

איהם מאָדנע דבורים, גלייך ווי מע רעדט עפּיס מיט... מיט... מיט אַ דיענסט, אָדער מיט אַ בעל-עגלה, אָדער איך ווייס אַליין נישט מיט וועמען...

אויסער זיך און רויט פאַר כעס טהוט דער דאָקטאָר אַ קלאַפּ מיט דער טהיר און געהט אַוועק אַ ברוגז'ער. שרה בלייבט זיצען, קוקט אין פענסטער און זעהט, ווי ער האָט זיך איינגעבויגען אין דרייען און אָנגערוקט דאָס היטעל, שפּרינגט אַריין אין זיין אויפגעבאַרעט פאַע-טאָנדעל און טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד צום קוטשער ער זאָל פאָה-רען, וויל אַפילו נישט אַרומקוקען זיך.

— אַ משוגע'נער דאָקטאָר! אַ גוטער מענש, נאָר אַ משוגע'נער—אַזוי טראַכט זיך שרה און פערשטעהט נישט, וואָס איז ער משוגע געוואָרען און וואָס האָט ער געוואָלט זאָגען אַזעלכס, וואָס איז איהם בנפשו!... זי איז גרייט אויסצובייטלען אַלע איהרע בייזע וויסטע חלומות צו זיין קאָפּ, דערמאָהנט זי זיך אָבער, וואָס האָט זי צו איהם? גענוג ער האָט געשטעלט איהר טאַכטער אויף די פיס (פריהער גאָט, דערנאָך ער), גענוג ער וויל ביי איהר קיין געלד נישט נעהמען און איז נאָך אַזאַ איידעלמאַן און איז זיך מטריח מיט זיין עלטער און פיהרט אַליין אָפּ אויף זיין פוהר איהר בעטי'ן צום פעטער אויף דער דאַטשע און ברענגט פון איהר אַ גערוס, נעהמט זי איהם אויף אַזוי קאַלט און איז איהם אַפילו נישט מכבד מיט אַ גלעזעל טיי. נאָר ווער איז שולדיג, אַז דער קאָפּ איז איהר אַזוי דערשלאָגען, מ'שטיינס געזאָגט, אַז זי האָט איהם אַפילו נישט אויסגעהערט רעדט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען צו דערצעה-לען... עפּיס האָט ער דאָך געוואָלט איהר זאָגען דער שלים-מזל, אפשר נאָך אַ נויטיגע זאַך?...

— אַ רעשטעל צו די צרות! — בערוהיגט זיך שרה און הערט אויף צו טראַכטען פונ'ם דאָקטאָר. איהרע געדאַנקען טראָגען זיך אַוועק ער-גיץ אַנדערש.

זי האָט נאָך גענוג צו טראַכטען...

## דאָס אַכטאונגיינציגסטע קאַפּיטעל.

## אָפּגעקיהלט.

די ערשטע צייט, ווי עס פיהרט זיך ביי דאָס רוב ריילע קרובים, איז בעטי געווען ביי די פּאַמיליאַנט'ס זעהר אַנ'אָנגעלעגטער גאַסט. מע האָט כמעט נישט געוואוסט וואו זי אַוועקצוזעצען. אַלע, פון'ם קלענסטען ביז'ן גרעסטען, האָבען אַרומגעטאַנצט אַרום איהר. די מוהמע טויבע האָט זי געפּילנעוועט וואָס מע דאַרף גאָרנישט בעסער. זי האָט אַלץ גע'טענה'ט, אַז בעטי עסט גאָרנישט. אויך מיר אַנ'עסען! זי פערשטעהט גאָרנישט, פון וואָס זי לעבט? און איהרע טעכטער די „באַרישניס", — די האָבען זיך גאָר מחיה געווען מיט זייער קוזינקע. אַ פריישער מענש, וואָס מע קאָן האָטש אַ וואָרט אויסרעדען, אַ שמועס געבען וועגען ליטעראַטור, פיהרען אַ דיסקוסיע וועגען אַרציבאַשעוו'ס לעצטען ראָמאַן... און אַפילו דער פעטער אַליין, רב שלמה פּאַמיליאַנט, וואָס איז, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, שוין גאָר אַ יוד אַ חסיד מיט אַ ברייטען טלית-קטן, וואָס די ציצית קוקען ביי איהם אַרויס פון אונטער דער ברייטער סאַמעטענער זשילעט אינאיינעם מיט דער מאַסיווער גאָלדענער קייט פון'ם זייגער — אַפילו אָט דער יוד האָט אַרויסבעוויזען צו בעטי'ן אַ בעזונדער פריינדליכקייט און צוגעלאָזענקייט גאָר עד אין לשער. אַ חוץ וואָס ער האָט איהר אַזאַ טובה געטהון, זי צוגעשריבען אויף דער דאַטשע צו זיך פאַר אַ טאָכטער, אונטערגעשמירט פּאָליציע און פערזיכערט זי אַז דאָ קאָן זי זיין רוהיג נאָך מעהר ווי אין דערהיים, — דערויף איז ער דאָך פּאַמיליאַנט, אַ יוד אַ תקיף ביי זיך און אַ חשוב ביי נאַטשאַלסטווע, — האָט ער זיך נאָך אַליין מטריח געווען בכבודו ובעצמו איהר אָנגעוויזען איהר מקום מנוחה, וואו זי וועט

זיך געפינען, דערזעהען מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען זיך וואַלגערען אַ טיכעל אויף דער ערד, האָט ער אויפגעהויבען אַ סקאַנדאַל מיט סכנות, צענויפגערופען די דיענסטען און זיי געגעבען אַ וויסטען סוף. דערנאָך האָט ער זי אַריינגעפיהרט אין גאָרטען, בעוויזען איהר ווי מע געהט אין וואַלד און וואו מען קאָן צובינדען אַ וויעג-בעטעל (אַ האַמאַק) און זיך ליעגען רוהיג אין שאָטען, דערווייל האָט ער דערזעהען אין גאָרטען אויף אַ טישעל אַ ליידיגע גלאָז (אַ נידעריגע ראיה און דערזעהט אַלס-דינג!), האָט ער ווידער אויפגעהויבען אַ סקאַנדאַל, בעוויזען וואָס פאַר אַ בעל-הבית ער איז, טאַקי אַ גאַסטפריינדליכער, אַ גרויסער מכניס אורח, נאָר אַ שטרענגער בעל-הבית.

וואָס ווייטער ווייטער, האָט די גאַסטפריינדליכקייט ביי די פאַמי-ליאַנטס, ווי ביי דאָס רוב רייכע קרובים, אָנגעהויבען ביסלעכווייז אונ-טערצוגעהן און אויסלעשען, קיהלער צו ווערען, אַזוי ווי למשל די זון אום סוף זומער.

פריהער פון אַלע האָט אויף איהר געוואָרפען אַנ'אום-חן די מוהמע טויבע. די פרומע מוהמע האָט נישט געקאָנט סובל זיין ראשית חכמה, וואָס איהר פלימעניצע בענשט ניט קיין ליכט ערב שבת. וואָס „געהער זיך אָן איינס מיט'ן אַנדערען?—האָט די פרומע מוהמע גע'טענה'ט—מע קאָן זיך זיין טאַקי אַ געבילדעטע „באַרישני" אין זיעבען פאָלעס, און פונדעסטוועגען וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייטען איז צו לייטען. אָט זענען איהרע טעכטער, דאַכט זיך, אויך געבילדעטע „באַ-רישניס", כ'לעבען, לייענען אויך רוסישע ביכלעך, און קאָנען נאָך אַפילו רעדען פראַנצויזיש אויך, און טאַנצען אויך און שפּיעלען אויך און אַלסדינג, פונדעסטוועגען אַז עס קומט שבת, וואָס איז שייך? דערויף איז מען דאָך עפּיס יודישע טעכטער"...

צו איהר אַליין, צו בעטי'ן הייסט עס, האָט זי גאָרנישט ניט. מע האָט זי אַזוי אויפגעצויגען, וואָס איז זי שולדיג? האָבען האָט זי צו איהר מאַמע: „ווי לערנט דאָס אַזוי אַ מאַמע, דוד שפּירא'ס אַ ווייב, איהר קינד, אַז זי זאָל ניט וויסען דאָס נויטיגסטע, וואָס אַ יודישע טאָכ-טער דאַרף צו וויסען?"...

— ניט אומזיסט קומט ניט משיח און יודען ליידען גלות... לאָזט אויס די מוהמע טויבע מיט אַ פרום פנים און מיט שטאַרק פערשנירע-ווענטע ליפּען.

פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע אַלע טענות האָט די פרומע טויבע

פאַמיליאַנט אויסגעלעדיגט נור פאַר איהרע קינדער און פאַר איהרע דיענסטען. פאַר בעטי'ן אַליין האָט זי מורא געהאַט אָפען אַרויסצוטרע-טען. און ניט אַזוי פאַר בעטי'ן האָט זי מורא געהאַט, ווי פאַר'ן מאַן. שלמה פאַמיליאַנט האָט געהאַלטען שטאָל און אייזען מיט זיין פלימע-ניטשקע—און דאָס האָט, נעבאַך דער פרומער טויבע גענוג געקרענקט. זי האָט נישט געקאָנט ליידען, למאַי ער נעהמט זיך אָן איהר קריוודע, מישט זיך אַריין ביים טיש מע זאָל איהר געבען עסען—ביים טיש איז זי, טויבע, דאַכט זיך, די בעל-הבית'טע און וויס אַליין ווען וואָס מע דאַרף געבען. וואָס האָט אַ מאַנסביל צו מישען זיך אין אַזעלכע זאַכען, און נאָך אַ חסיד דערצו? ביזט אַ חסיד, בעדאַרפסטו אַכטונג געבען אויף דיינע חסידים, זינגען מיט זיי זמירות שבת צו שלש סעודות, אָדער האַפּען אַ טענצעל מיט זיי צו דער מלוה מלכה, אָבער ניט אַריינקוקען אין טעלער אַריין צו דער פלימעניטשקע און אין זי-נען האָבען, צי זי האָט היינט געטרונקען מילך, צי ניט?״...

דאַכט זיך אַ נאַרישקייט, טויבע וויסט אַליין, אַז ס'איז אַ נאַ-רישקייט, נאָר ווי דאָס רוב וויבער, וואָס זענען חושד זייערע מאַנען, אַז זיי קוקען ניט אַהין, וואו מע דאַרף, האָט זי נעבאַך געליטען חבוט הקבר און ניט געשלאָפען קיין נעכט. אַ סברד אָבער, אַז איהר מאַן, רב שלמה פאַמיליאַנט אַליין, האָט ניט ווינציגער פון איהר געליטען חבוט הקבר און איז אויך שלעכט געשלאָפען.

און אָט איבער וואָס:

בעטי האָט פון תמיד אָן נושא חן געווען אין די אויגען פון איהר פעטער שלמה פאַמיליאַנט. בתיה, האָט זי ביי איהם געהייסען מיט'ן יודישען נאָמען. און ניט בתיה, נאָר בתיה'קע, פערצוויגען. קינד-ווייז פלעגט ער זי קנייפּען אין די בעקלעך, נישט קושען, נאָר קניי-פּען, גוט קנייפּען, סימנים זאָלען בלייבען, נאָר פאַר יעדען קניפּ שענ-קען אַ מטבע, זי זאָל ניט וויינען. שפּעטער, אַז זי איז שוין אונטער-געוואַכסען, געוואָרען אַ היבש מיידעל, האָט ער נאָך אַלץ ליעב גע-האַט איהר געבען אַ קניפּ אין בעקעל, און סאַמע דאָרט, וואו דאָס חן-גריבעלע בעוויזט זיך, אַז זי לאַכט (דאַכט זיך אַזאַ נידעריגע ראיה און זעהט אַלסדינג)! נאָר פון זייט זי איז שוין גאָר אין גאַנצען אויס-געוואַקסען, לאָזט זי זיך שוין ניט קנייפּען. אַנ'עזות-פּנים'ניצע געוואָ-רען—סכנות! און אַ ביסעל האָט זיך אַריינגעמישט די מוהמע טויבע, אָנגענומען זיך די קריוודע פון דער פלעמעניצע: „וואָס פאַר אַ השגה

קנייפּען? מאַכען ברוין און בלוי? אַ צער בעלי-חיים — זי קאָן עס נישט צוזעהען!״...

פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט קנייפּען די פלימעניצע, נאָר אַז ער האָט זי דערזעהן, האָט ער אַלע מאָל גענומען איינקוקען זיך אין איהר מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען (אַ מענש האָט אַ ני-דעריגע ראיה)! און אָבזיפצען. „המ... קיין עין-הרע ניט! — האָט ער זיך געטראַכט—געוועזן אָט ערשט ניט לאַנג דאַכט זיך אַ גאָרנישט, אַ ווייס איך וואָס, אַ קינד, און מיט אַמאָל — אַ נקבה!״... און ווער שמועסט איצט, נאָך איהר שלאַפקייט, האָט ער זיך גאָרנישט געקאָנט זאַט אָנקוקען אין איהר, ווי זי האָט זיך עס געגעבען מיט אַמאָל אַ הויב אויף, געוואָרען נאָך מענעשער און שענער און בליהענדיגער און צייטיגער—אַ נקבה ממש און נאָך אַ יפת תואר דערצו—מסוכן נפש!...

„אָך—אָך—אָך—אָך!״—זיפצט ער אָב זעהר שווער און קאַטשעט זיך אין בעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, קאָן קיין אויג נישט צו מאַכען: הרהורים און הרהורים — א ריינער עונש! און נישט נאָר ליגענדיג אין בעט, נאָר אַפילו אין דערפריה, אַקוראַט ביים רעכטען דאַוונען, קאָן ער זיך אויך גיט בעפרייען פון די דאָ-זיגע מחשבות. אָט האָט ער אָנגעטהון זיך זיין טלית ותפילין, דאַכט זיך גאָר פיין און שען, טראָגט עס איהם אָן אויפ׳ן זינען פלוצים די פלימעניצע, די יפת תואר, און עס הויבען זיך אָן ווידער אַמאָל הרהורים און הרהורים... שטעלט ער זיך אַוועק מיט׳ן פנים צו דער וואַנד, מאַכט צו מיט דער האַנד די אויגען, צעשאָקעלט זיך ווי אַנ׳אומרוהה אַהין און צוריק, און דאַוועגט אַזוי געשמאַק, אַז די ווענד קלונגען! איזהו גבור הכובש את יצרו—אַ מענש, אַז ער וויל נאָר, קאָן ער בייקומען דעם יצר-הרע...

הייגט די חלומות! וואָס טהוט מען מיט בייזע חלומות, ווען אַ מענש שלאָפט און איז געגליכען צו אַ מת און קאָן בשום אופן אויף זיך נישט געוועלטיגען? זינט די פלימעניצע, די יפת תואר, איז ביי איהם אין שטוב, פלאָנטען זיך איהם כמעט אַלע נאַכט אַזעלכע חלומות, וואָס ער פערשטעהט גאָרניט, פון וואַנען? אַ שטיקעל גליק, וואָס רב שלמה פאַמיליאַנט איז ניט קיין עם הארץ און ווייס סונ׳ם פסוק: וחלומות שוא ידברין—חלומות זענען בלאָטע. שטעלט איין פאָר וואָס אַ יודען חלומ׳ט זיך:

עס חלומט זיך איהם, אַז ער איז ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר קיין

יודען געדאַכט געבליבען אַנ'אַלמן... געשטאָרבען זיין טויבע, זאָל האָ-בען אַ ליכטיגען גן-עדן... זיצט ער נעבאַך שבעה און וויינט, גיסט מיט טרעהרען, לערענט איוב... דערנאָך געהט אַוועק שלשים... ער געהט אַרום אָהן אַ קאָפּ, ער האָט גאָרניט אין זינען אין דער לינקער פאה אַפילו חתונה האָבען דאָס אַנדערע מאָל... זענען דאָך פאַרהאַן שדכנים אויף דער וועלט, שלאָגען זיי אָפּ די טירען און דרעהען אַ מח:

איהר מוזט, זאָגען זיי חתונה האָבען, איהר טאָרט ניט, זאָגען זיי, זיצען וואָס איז שייך, אַזאַ יוד, ווי איהר אייגער אַליין... אָט פרעגט אַפילו, זאָגען זיי, דעם רבין, וועט ער אייך אויך זאָגען, אַז איהר דאַרפט וואָס גיכער שטעלען חופה, וקדושין טאַקי מיט אייער פלימע-ניטשקע... ערשטענס ווייל זי איז אַ בתולה, והשנית, ווייל זי אַנ'איי-גענע און אַנ'אָרעמע,—איז דאָס נאָך אַ מצוה אויך, מתקן זיין אַ נפש, „וכל המקיים נפש אחת", זאָגט די גמרא..

—גאָט איז מיט דיר, שלמה, וואָס קרעכצסטו אַזוי?—וועקט איהם טויבע קוים אויף פונ'ם שלאָף, און חאָטש ס'איז נאָך ווייט צו טאָג, שלאָפען זי שוין נישט, ניט ער, ניט זי. בעקלאָגט זיך פאַר איהם טויבע אויף דער פלימעניצע, אַז זי פיהרט זיך ניט גוט אויף און זי האָט חרטה, וואָס זי האָט זי אַהער גענומען.

—דהיינו כדומה למשל?—פרעגט שלמה, קוקט אויף איהר דורך זיינע קורצזיכטיגע אויגען און דערמאָנט זיך אינ'ם שרעקליכען חלום, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזעהען...

—דהיינו כדומה למשל—ענטפערט איהם טויבע, וואָס זעהט אויס אין איהר ווייסען נאַכטשלייער, ווי אַנ'אַלטע באַרמהערציגע שוועסטער, וואָס איז שוין דריי נעכט ניט געשלאָפען—ס'איז ניט שען, אַז אַ מיי-דעל אין אונזער גראַד זאָל זיך אַזוי פיהרען, זיין קוצעניו-מוצעניו מיט פרעמדע מאַנסבילען, שפּאַצירען מיט זיי אין וואַלד, סוד'ען זיך און שושקען זיך, און נאָך אַזעלכע זאַכען. ביי איהר מאַמען אין דערהיים קען זי זיך פיהרען לענדער, אָבער ניט דאָ; מיר אַליין האָבען אויך דערוואַקסענע טעכטער: וואָס פאַר אַ מוסר, מ'שטייגט געזאָגט, קענען זיי זיך אַראָפּנעמען פון אַזעלכע פיהרעכטסען און פון אַזעלכע דרכים, גאָט ברוך הוא זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רעד?...

פון די „פרעמדע מאַנסבילען", וואָס די פרומע טויבע האָט גע-געבען אָנצוהערעגיש, איז געווען, ערשטענס, דער דאָקטאָר, וואָס קומט צו פאָהרען אַהין איין מאָל אין וואָך טאַקי צוליעב בעטי'ן, כלומר'שט

געוואוירע ווערען, וואָס ד׳ מאַכט. נאָר וואָס דען? „ממה נפשך—ביזט אַ דאָקטאָר, נעהם הער זי אויס, פערשרייב אַ רעצעפּט און פאָהר געזונד. וואָס איז פאַר אַ אַנידערזעצען זיך און באַלאַקען דריי זייגער שעה, דער גוטער יאָהר ווייסט פון וואָס, נעכטיגע טעג, פאַראַיאָהריגער שניי, אויט׳ן הימעל אַ יאַריד?...

נאָר מילא גאָרנישט, איז ער חאָטש אַ דאָקטאָר, ווי זאָגט מען דאָס, אַ רופא חולים, און אַ היימישער מענטש, ברענגט צו פיהרען אַלע זונטאָג אַ געריס פון דערהיים. וואָס האָט דאָ אָבער צו טהון אָט דער בחור דער שלים מזל, וואָס פאַר אַ מחותן איז איהר דוד׳ס טאָכטער מיט עפּעס אַ האַלבען סטודענט, וואָס פערמאָגט ניט אַפילו קיין גאַנצע פּאָר שטיוועל? וואָס פאַר סודות איז דאָ ביי איהר, וואָס מע בעדאַרף אַזש געהן אין וואַלד אַריין מיט אַ פרעמדען בחור זיך סוד׳ען און שושקען זיך?...

שוין באַלד אַ וואָך, אַז טויבע הערט ניט אויף צו עסען און צו טאָטשען מיט איהרע פרומע רעד דעם מאַן איהרען פאַר אָט דעם אָרים בחור, דעם האַלבען סטודענט, וואָס איז געקומען צו בעטי׳ן מיט אַ וויזיט און אַוועקגערופען זי אין וואַלד אויף אַ סוד. און נישט נאָר טויבע אַליין האַלט איהם אין מויל—טויבעס טעכטער די „באַרישנעס" לאָזען איהם פון מויל נישט אַרויס, זענען אָנגעשטויסען אייף איהם אש להבה און אויך אויף זייער קוזינקע, אויף בעטי׳ן, בלאָזען זיי זיך, שעפּטשען זיך איבער צווישען זיך און רעדען עפּעס זעהר געשמאַהעדיג מיט דער מוטער און מיט די עלטערע שוועסטער, און אַז בעטי קומט אָן, ווערט מען אַלע אַטנשוויגען און מען קוקט זיך איבער מיט מאָדנע אויגען און נאָך מיט אַ הוסטעל דערצו אַזוי, אַז בעטי וואָלט בעדאַרפט זיין אַ בהמה, זי זאָל ניט פערשטעהן, אַז דאָס מיינט מען זי...

ווער איז דאָס געווען אָט דער אָרעם בחור, דער האַלבער סטודענט, וואָס האָט אַזוי אויפגעקאָכט די פאַמיליאַנטען אויף דער דאַטשע און אַרויסגערופען ביי זיי אַזאַ אָפּקיהלונג צו דער אָרעמער קרובה, צובעטי׳ן?

דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער, נאָר דער פינסקער בחור, ראַבינאָוויטש׳עס אַנ׳אַלטער בעקאַנטער און אַ חבר זיינער פון די דרייצעהן מעדאַליסטען, וואָס האָבען נישט זוכה געווען אַריינצוטרעטען אין „טעמפּעל פון וויסענשאַפט", ווי דער פינסקער בחור האָט זיך אויסגעדריקט, און דעריבער אָפּגעריכט גלות גלייך מיט אַלע יודען און געפיהלט דעם טעם פון פראַוואָזשיטעלסטוואָ"...

## דאָס נייגאונניינציגסטע קאַפּיטעל.

### בעני הורוויטש פון פינסק.

עס איז געווען אַ הייסער, מורא׳דיג הייסער זומער-טאָג, איינער פון די טעג ווען אַלעס דרימעלט איין אונטער׳ן אָנגעגליהטען הימעל; ווען עס בענקט זיך נאָך אַ קיהל ווינטעלע, נאָך אַ טייכעל, נאָך אַ שטיקעל אייז; ווען איטליכס בעשעפעניש, אפילו אַ קאַץ, זוכט אַ שאָטען אויף צו בעהאַלטען זיך פון דער אומדערבאַרעמיגער זון, וואָס בראָט און באַקט און בריט און טריפט-טריפט מיט פייער.

שלעפעריג שטיל און ווי פערטראַכט איז געשטאַנען דער שענער גרויסער אַלטער בכבוד׳יגער וואַלד מיט זיינע הויכע סאָסנעס, וואָס שטעהען אויסגעצויגען און געדיכט איינע נעבען דער אַנדערער בעשאָטען מיט גרינע שמעקעדיגע נאָדלען. דאָס איז דער איינציגער אָרט, וואו מע האָט געקאָנט אַריבערטראָגען די מסוכנ;ע היץ פון דעמדאָזיגער אומגעלומפערט הייסער זומער-טאָג. דאָרט, צווישען די בוימער, איבערגעבונדען מיט שטריקלעך, זענען געהאָנגען דריי געפלאָכטענע וויעג-בעטלעך (היימאַקען), אויף וועלכע עס זענען געלעגען איינגעקנוילט אין פערשיעדענע פאָזעס דריי שענע מיידלעך: צוויי פון זיי זענען געווען טויבע פאַמיליאַנטס טעכטער, יודישע באַרישנעס מיט רוסישע ביכלעך, און די דריטע—זייער קוזינקע בעטי שפּיראָ.

אַלע דריי האָבען געפּאַסט מיט דער נשמה, מחמת דער היץ איז ביי די „באַרישנעס" אויסגעגאַנגען העד און עס האָט זיך נישט געגלוסט צו דיסקוטירען מיט בעטי׳ן וועגען ליטעראַטור, וועלכס וואָלט זיי דאַכט זיך קיין מאָל נישט נמאס געוואָרען. בעטי איז געווען צופריעדען, וואָס מע האָט זי געלאָזט צורוה און זי האָט זיך אַריבערגעטראָגען מיט

איהרע געדאַנקען אין איהר אייגען וועלטעל אַריין, וואו זי האָט די לעצטע צייט ליעב געהאַט צו בלייבען אַליין. פּלוצים איז מען איהר געקומען, זאָגען אַז אַ יונגער מענש אין אַ ווייסען פּירזשאַק פרעגט זיך נאָך אויף איהר, ער וויל זי זעהן.

—אַ יונגער מענש אין אַ ווייסען פּידזשאַק, ווער זאָל עס זיין?—פרעגט בעטי, אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו איהרע קוזינקעס און זעצט זיך אויף.

—למאי זאָלסטו וועלען טרעפען? אַ יונגער מענש פרעגט זיך נאָך, נעהם איהם אויף. הייס לאָז ער צוגעהן אַהער—האָבען אַ זאָג געגעבען איהרע ביידע קוזינקעס די „באַרישנעס" און האָבען זיך אויף אויפגעזעצט און גענומען זיך צורעכט מאַכען די האָר.

בעטי האָט זיי געפאָלגט. און ווי נאָר דער יונגער מענש איז צוגעקומען מיט זיין ברייטען שמייכעל אויף זיין אָפען בעשפּרייַנקעלט פּנים, אַזוי האָט בעטי גלייך דערקענט אין איהם יענעם יונגען מאַן, ראַבינאָוויטש'עס חבר, מיט וועלכען ראַבינאָוויטש האָט זי בעקאַנט געמאַכט דעמאָלט אין דרויסען, אין דער נאַכט פון דער בהלה—און איהר פּנים איז בעגאָסען געוואָרען מיט פאַרב. זי האָט זיך דערפרעהט גלייך ווי זי וואָלט דערזעהען ראַבינאָוויטש'ען אַליין, אָדער וויניגסטענס זיינעם אַנ'אייגענעם ברודער.

בעטי האָט זיך דערמאָהנט, אַז איהר מוטער האָט איהר שוין לאַנג דערצעהלט, אַז ער איז געוועזן ביי איהר אַ פּאָר מאָל אין שפּיטאָל זיך נאָכפרעגען אויף איהר געזונד, זי האָט עס אָבער געהאַט פערגעסען—אין איין אויער אַריין, פונ'ם אַנדערן אַרויס, וואָרום איהרע געדאַנקען זענען די גאַנצע צייט ביז אַהער געווען פערנומען נור מיט איינעם, און יענער „איינער" האָט אַרויסגעשטויסען פון איהר זכרון אַלע אַנדערע... זי פיהלט זיך דעריבער שולדיג קעגען איהם און וויל איהם אויפנעהמען. „צו וואָס? ער האָט פיינט צערעמאָניעס, פּוסטעקראַטישע געגנג, אויפנעהמענישען, אַ פּראָסטער חי וקים, ער קען בעשטעהן זיך אַוועקזעצען מיט איהר אָט דאָ אויף נאַקעט ערד אונטער גאָטס הימעל".

און נישט לאַנג געטראַכט, טהוט ער אַ וואָרף דאָס היטעל אויף דער ערד און אַליין בעזעצט ער זיך אונטער אַ בוים נעבען בעטי'ן, נעמט ביידע קניהען אין די הענד אַריין און רופט זיך אָהן צו איהר, ווי צו אַ גאַנץ נאָהנטער בעקאַנטע, אויף זיין ליטווישען דיאַלעקט:

—זאָגט-זשע מיר, טייערינקע, וואָס מאַכטש איהר און וואָס הערט

מען עפּעס וועגען אייער בעשערטען, מיין האַלב גויעשקען חבר, וואָס פערמאָגט אויף זיין גאַנצער יודישקייט מעהר ניט, אַז דעם נאָמען ראַבינאָוויטש ?

בעטי ווערט נאָך רויטער, ווי זי איז געווען און וויל צערייבען דעם שמועס... זינט זי איז דאָ אויף דער דאַטשע, האָט זי נאָך מיט איהרע קוזינקעס קיין איינציג וואָרט נישט גערעדט וועגען ראַבינאָוויטש׳ען; אַפילו זיין נאָמען נישט דערמאָהנט; פון אַלע און פון אַלעמען רעדט זי מיט זיי, נאָר נישט פון איהם. זיי האָבען גערעכענט, ייז ס׳איז דערפאַר, וואָס דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט הונדערט מאָל, מע זאָל מיט איהר רעדען וועגען אַלסדינג, נאָר נישט פון דעם, וואָס קאָן זי ערגערן. און זיי האָבען זי געשאָנעוועט. בעטי האָט נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל טהון, ווי אַזוי צערייבט מען דעם שמועס? האָט זי זיך אָנגעחאַפּט אָן דעם, וואָס זי האָט שיער פערגעסען פאָרצושטעלען פאַר דעם גאַסט איהרע קוזינקעס, און זי רופט זיי אָן ביי די נעמען און וויל אָנרופען אויך דעם גאַסט ביים נאָמען, ווי עס פיהרט זיך, האָט זי אָבער פערגעסען ווי מע רופט איהם.

איז דער גאַסט איהר געקומען צו הילף:

—הורוויטש, בעני הורוויטש—האָט ער זיך אַליין פאָרגעשטעלט אָהן אַ שטעה אויף פון דער ערד און אַפילו אָהן אַ פערנויגען זיך, וועלכס איז די באַרישנעס זעהר נישט געפעלען און זיי זענען געווען קענטליך שטאַרק נישט צופריעדען. דער גאַסט איז אָבער, ווייזט אויס, יאָ געווען צופריעדען און אויפגעלעגט, ווי אַלע מאָל, ער האָט בעמערקט, ווי די מיידלעך קוקען זיך איבער צווישען זיך און זענען עפּיס זעהר נישט פריינדליך געשטימט, האָט ער זיך אָנגערופען צו זיי ווייטער:

—ווי איך זעה אַרויס, זאָגט אייך מיין נאָמען גאָרנישט ניט. מוז איך אייך אָנרופען אויך די שטאָדט פון וואַנען איך שטאַם. פּינסק הייסט די שטאָדט—האָט איהר געהאָרכט אַ מאָל פּינסק? נו בין איך פון די, פּינסקער הורוויטשעס. פון די אמת׳ע פון די פּינסקער הורוויטש׳עס...

דערביי האָט ער געחאַפּט אַ קוק אויף בעטי׳ן און אַרויסגעזעהען נאָך איהר פּנים, אַז זי האָט פערשטאַנען, אַז דאָס מאַכט ער נאָך איהר פעטער שפּיראָ: פון די אמת׳ע, פון די סלאָוויטער שפּיראָ׳ס... אוןביידע האָבען זיי זיך צעלאַכט.

אַ מאָדנע גוטען איינדרוק האָט געמאַכט אויף בעטי'ן אָט דער הורוויטש פון פינסק. אַ פריילכער בחור. אַ בערעדעווידיגער, זאָגט ווערטלעך און לאַכט אַליין, נאָר אַזוי הילכיג, אַז איהר נעמט זיך אָן פון איהם און איהר מוזט אויך לאַכען.

עס איז גיך פערבונדען געוואָרען צווישען יונגוואַרג אַ שמועס, אין וועלכען עס האָבען גענומען אָנטייל די „באַרישניס" פאַמיליאַנט, וואָס האָבען מוחל געווען דעם גאַסט זיין נישט עלעגאַנטען פאָרשטעלען זיך, און זענען געוואָרען אַ ביסעל מעהר איינגעלעגט און גענומען פערקערעווען דעם געשפרעך אויף דער נייער ליטעראַטור, אַרציבאַשעוו וכדומה. האָט זיי אָבער דער הורוויטש, וואָס פון פינסק, זעהר מאוס אָפגעהאַקט גאָך אין מיטען דרינגען:

—זאָגט נור, מיינע ליעבע מיידלעך, וואָס איך וועל ביי אייך פרעגען: וואָס איז למשל דער שכל, וואָס איהר רעדט צו מיר אויף גויעש? דאַכט זיך מיין נאָמען בעני הורוויטש זאָגט נישט, אַז איך זאָל זיין, חלילה אַ כריסט. און אויף מיין פנים איז דאַכט זיך אויך נאָך צו דערקענען דעם צלם אלקים? און איהר אַליין זענט, שיינט מיר אויך, איך בעט איבער אייער כבוד, יודישע קינדער, צי ניין? אויב נישט נאָכ'ן פנים אַליין, איז נאָך אייער רוסיש לשון גרינג צו פערשטעהן, אַז איהר שטאַמט פון יודען. הייבט וואָס איז מיט אייך דער מעהר, וואָס איהר ענטפערט מיר גישט אויף יודיש?

די באַרישנעס פאמיליאַנט זענען, נעבאַך, געבליעבען גאָר געקאָכט. דאָס ערשטע מאָל טרעפט זיך זיי צו בעגעגענען זיך מיט אַזאַ שלאַק. דאַכט זיך אַ יונגער מענש קאָן זיך פערגינען אַזוי צו רעדען... און זיי הויבען אָן צו פערענטפערן זיך: יודיש איז דען אויך אַ שפראַך? „זשאַרגאָן" האָט דען אַ גראַמאַטיק? איז וואָפערוויך. און וואָווטאָריך...

נאָר בעני הורוויטש פון פינסק לאָזט זיי נישט אויספיהרען דעם „וואָווטאָריך" און רופט זיך אָן צו זיי מיט זיין הילכיגען געלעכטער:

—יודיש איז קיין שפראַך? „זשאַרגאָן", זאָגט איהר, האָט ניט קיין גראַמאַטיק? אַ קלאָג צו אייך! ערשטענס, איז יודיש, הערט זיך איין, אַזאַ שפראַך, ווי אַלע אַנדערע, אַ שאָר נאָר, וואָס איך האָב קיין צייט ניט מיט אייך זיך אַריינלאָזען אַ ביסעל טיעפער און אייך בעווייזען, אַז איהר לעבט אין טעות. און, צווייטענס, הערט זיך איין, דאָס, וואָס איהר רעדט ניט אויף יודיש, איז ניט דערפאַר, וואָס ס'איז ניטאָ נאָך קיין גראַמאַטיק—איהר קענט זיך, ווי איך זעה, בעגעהן אָהן אַ

גראַמאַטיק אויך — איהר רעדט ניט קיין יודיש דערפאַר, וואָס איהר זייט שקלאַפען, וואָס איהר זייט צוגעבונדען צו דער מאָדע און טהוט דאָס, וואָס אַלע טהוען. איהר מיינט, הערט זיך איין, אַז איהר וועט רעדען אויף גויעש, וועט מען ניט וויסען, ווער איהר זייט, האַ-האַ-האַ!... מיר האָבען פאַראיבעל אויף דער וועלט, פאַרוואָס מע האַלט אונז אַזוי נידעריג און מע מאַכט אונז אומעטום צו שאַנד און צו שפּאָט. ווי קאָנען מיר, הערט זיך איין, פערלאַנגען פון פרעמדע מע זאָל אויף אונז לעגען כּבוד, אַז מיר אַליין, חאַ-חאַ, טרעטען זיך מיט די פיס, שפּייען זיך אַליין אין פּנים אַריין?...

די „באַרישנעס" זענען געוועזען אויסער זיך און האָבען זיך אַזש פערצוויקט.

—אַ שענער אינטעליגענט! —האָבען זיי זיך געטראַכט—אויך מיר אַ קאַוואַליער! געהט אָפּגעריסען-אָפּגעשליסען און רעדט ווי אַ סעדי-כע, ווי אַנ'אמת'ע יענטע-מירעל, אָדער ווי נחמה די יודינע, וואָס טראָגט צו אונז עופות, גענז און קאַטשקעס... ס'איז גאָר אַ שאַנדע מיט אַזאַ מאַנספערשוין צו זיין בעקענט, כ'לעבען, אַ שאַנדע, "פוי!...

דאָס אַלסדינג וואָלט נאָך אָבער געוועזען צו דערליידען, ווען אָט דער בעני הורוויטש, וואָס פון פינסק, זאָל זיך ניט אויסקערעווען צו בעטי'ן, גלייך ווי זיי וואָלטען דאָ גאָרניט געווען, און אַ זאָג טהון צו איהר אויף זיין ליטעראַרישער שפּראַך:

—ווייסט איהר, טייערינקע, אַז איך בין דאָס געקומען צו אייך טאַקי אַליין? איך בעדאַרף מיט אייך רעדען, הערט זיך איין, אַ וויכ-טיגען ענין, זעהר אַ וויכטיגען, אָבער אונטער פיער אויגען...

ביידע באַרישנעס פאַמיליאַנט זענען אַראָפּגעשפּרונגען, ווי אָפּגע-גאָסען מיט זודיג וואַסער, פון די היימאַקען און האָבען געוואָלט אַוועק ברוגז אָפּילו נישט געזעגענטערהייד און איבערלאָזען דאָ די קוזינקע אַליין מיט איהר שענעם קאַוואַליער, וואָס ווייסט ניט ווי אַזוי צו האַל-טען זיך אין אַ געזעלשאַפט פון אינטעליגענטע באַרישנעס, —האָט זיי בעטי מקדים-געוועזען: זי האָט זיך אויפגעהויבען פריהער, געבעטען ביי זיי, זיי זאָלען קיין פאַראיבעל ניט האָבען, זי וועט זיך אַביסעל דורכ-געהן מיט איהר גאַסט אָט דאָ, פאָרענט אין וואַלד, און וועט באַלד קומען צוריק...

דאָס איז פאַר די באַרישנעס געוועזען גאָר אַ טויט-קלאַפּ, און עס האָט זיך אין זיי אָנגעצונדען אַ פייער אויף זייער קוזינקע, וואָס האָט

שוין צו-שטאַרק פעררייסען די נאָז... און זיי זענען אַוועק צו דער מאַמע זיך נאָכפרעגען, אפשר ווייסט זי, ווער איז אָט דער אָפּגעריסע-נער שלים-מזל, וואָס רופט זיך מיט'ן נאָמען בעני הורוויטש און בע-ריהמט זיך, אַז ער איז פון פינסק, פון די אמת'ע פינסקער הור-וויטשעס ?...

און בעטי מיט איהר גאַסט האָבען זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ שמאָלען וועג צווישען צוויי רייהען סאָסנאָווע בוימער, וואָס האָבען פּאַר גרויסער היץ געטריפט מיט זשיוועצע און מיט סמאָלע און צע-טראָגען אויף אַלע זייטען אַ געשמאַקען מחיה'דיגען ריח פון פרישען טערפּענטין. און ווי נור דאָס פּאָרעל האָט זיך אַ ביסעל דערווייטערט טיעף אין וואַלד, מע זאָל זיי ניט קאָנען הערען, אַזוי איז בעני הור-וויטש, וואָס פון פינסק, גלייך צוגעטראָטען צו דער זאַך און האָט מיט זיין הילכיג קול און פרעהליכען טאָן דערצעהלט בעטי'ן אַ געשיכטע, וואָס האָט זי שיער אויפגעטראָגען אין דער לופטען. עס האָט אויסגע-זעהען ביי איהר ווי אַ חלום, אָדער אַ מעשה פון טויזענד און איין נאַכט און דערמאָנט די נסים ונפלאות, וואָס אין די וואונדערליכע געשיכטעס פון „שערלאָק חאָלמס" און „נאַט פּינקערטאָן".

## דאָס הונדערטסטע קאַפּיטעל.

## שערלאָק האָלמס אָדער נאַט-פּינקערטאָן.

—איך אַליין, הערט זיך איין, בּין אַ יוד אַ צו-להכעיס'ניק—אַזוי האָט בּעני הורוויטש פון פּינסק אָנגעהויבּען אויף יודיש מיט זיין טיעף-ליטווישען דיאַלעקט זיין ערצעהלונג צו בּעטי'ן, שפּאַציערענדיג מיט איהר אין וואַלד און מאַכענדיג מיט זיינע גרויסע פיס אַזעלכע בּרייטע שפּאַן, אַז ער האָט זיך געמוזט אַלע מינוט אָפּשטעלען, וואָרום זי האָט נישט געקאָנט איהם נאָכיאָגען—אויף צו-להכעיס זיץ איך דאָ, אין דער דאָזיגער שטאָדט, וואו אַ יוד מוז זיך בּעוואָרענען קודם-כל מיט אַ „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ"... זיי ווילען, הערט זיך איין, איך זאָל זיצען אין פּינסק, און איך, אָט ווייל זיי ווילען, וויל איך דוקא דאָ — און רופט מיך קנאַק-ניסעל! און אַגב מוז איך טאַקי זיצען דאָ, ווייל דאָ האָב איך אַלע בּיכער, וואָס איך דאַרף האָבּען צו לערנען, און אַז זיי וועלען מיר זאָגען אַכטצעהן מאָל „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", וועט זיך זיי עפּעס העלפען? איך מוז מיינס דערגרייכען, עס מעגען אַפּילו פאַלען שטיינער פון הימעל! און איך פיהל, אַז—שפּעטער אָדער פריהער—איך וועל אויספיהרען גאָר אָהן אַ שום תירוץ. איך האָב בּיי זיך אין קאָפּ, הערט זיך איין, אַ מאַסע אידעען און ענטדעקונגען אַזעלכע, וואָס ווען מע לאָזט מיך צו צום „טעמפּעל פון וויסענשאַפט" און מע גיט מיר אין די הענד אַריין אַלץ, וואָס איך דאַרף: אַ לאַבּאָראַטאָריום און כלים מיט'ן גאַנצען קלאַפּער-געצייג—קעהר איך אייך איבּער די גאַנצע וועלט! עס קאָן זיין, איהר'ט לאַכען פון מיר, איהר'ט מיינען, איך בּין אַ שטיק פאַנטאַזיאָר אָדער טאַקי אַ גאַנצער משוגע'נער, נאָר מיר דאַכט, אַז איך בּין שוין אויפ'ן וועג מיט אַ זאַך, וואָס מענשען וועלען

פערשפּאָרען זיך רייסען, ווי די הינט איבער אַ שטיקעל ברויט. דאָס איז אַ נייער כעמישער עסענשטאָף, וואָס ניט נור עס וועט קאָסטען ביליגער פון ברויט מיט פלייש מיט גרינס מיט נאָך אַזעלכע זאַכען, און ניט נור עס וועטביישטעהן קעגען די אַלע אויסגערעכענטע זאַכען, דאָס וועט זיין אַזאַ מין פּרעפּאַראַט, הערט זיך איין, וואָס איטליכער מענש וועט דאָס קאָנען אַליין מיט זיינע אייגענע הענד אַרויסבעקומען. ווילסט פרעסען?—אַוועקגעזעצט זיך, אַרויסגענומען פון קעשעני אַ מאַשינקעלע, אַ קוועטש אַהער, אַ דרעה אַהין—פאַרטיג וואַרמעס!

דעם „קוועטש אַהער" און דעם „דרעה אַהין" האָט ער איהר בעוויזען מיט די הענד און אַזוי ערנסט, גלייך ווי דאָס „מאַשינקעלע" איז שוין ביי איהם אָט דאָ אין די הענד.

—ווי אַזוי איך בין דערויף געפאַלען און וואָס פאַר צרות איך בין אויסגעשטאַנען ביז כ'האָב געקראָגען די סאַמע נויטיגסטע מיטלען מיט פינף פינגער דורכצוזעצען די ערשטע פּראָבען און כעמישע עקספּערימענטען, און וואָס פאַר עקספּערימענטען מע בעדאַרף נאָך דורכמאַכען, מע זאָל קומען צום רעכטען שמיציק—איז לאַנג צו רעדען, און איך האָב מורא, אויב איהר וועט מיך גאָר פערשטעהן... איך זאָג ניט, אז ס'איז שוין ביי מיר אין האַנד—אַזוי וויט משוגע בין איך נאָך ניט—איך זאָג נאָר, אַז איך בין שוין, דאַכט זיך, אויף אַ דרך. גענוג זענען געוועזען ביז מיר, וואָס האָבען געבראָכען דעם קאָפּ אויף אַזעלכע וועלט-פּראָבלעמען, און טאָמער איז באַשערט מיר אויך ברעכען דעם קאָפּ—ווייס איך ניט. אפשר יאָ און אפשר ניט. נאָר אויב עס וועט מיר געראָטען, אַזוי ווי איך מיין, קאָנט איהר פערשטעהן, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט ביי מיר זייער פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, אַ קלאָג צו זיי! בערעכענט נאָר אדרבה, אויב איהר קאָנט אייך פאָרשטעלען אין דער פאַנטאַזיע, וואָס פאַר אַן'איבערקעהרעניש אַזאַ ערפינדונג וואָלט געמאַכט אין די מוחות פון די מענשען, און וואָס פאַר אַ פנים עס בעקומט די וועלט, הערט זיך איין, אַז אַלע זענען זאַט, אַז ס'איז ניטאָ שוין מעהר קיין הונגעריגע, קיין אומצופריעדענע, קיין קלאַסענקאַמף, קיין עקאָנאָמישע טעאָריעס, קיין לומפּענפּראָלעטאַריאַט—אַ סוף צו אַלע צרות!...

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט, איז ער געווען אין דער בעסטער לוין, און די אויגען בעת מעשה האָבען איהם אַזוי גע-

לויכטען פון נצחון און דאָס בעשפריינקעלטע פנים אַזוי געשיינט פון גליק, אַז בעטי האָט זיך ניט ווילענדיג פערקוקט אויפ'ן דאָזיגען מאָדנעם יונגענמאַן, וואָס האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און אויסגעווישט מיט דער פאָלע פון געל-ווייסען שטאַרק-צעקנייטשטען פידזשאַק דעם שוויים פון זיין גרויסען ברייטען שטערן, און בעטי האָט נישט געקאָנט ניט חאַפּען אַ קוק אויפ'ן דאָזיגען גליקליכען ערפינדער פון נייעם עסענשטאָף, וואָס געהט גליקליך מאַכע די וועלט און טראָגט דערווייל אַזאַ קלאָגעדיגען פידזשאַק, וואָס בעט זיך שוין לאַנג, מע זאָל איהם אויסוואַשען און אויספּרעסען און ערטערווייז טאַקי פערריכטען אויך.

—אַלזאָ, בין איך אַ יוד, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אַוצו-להכעיס'ניק, און זיץ אין דער שטאָדט, וואו מע טאָר ניט אָהן אַ שום פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, און טהו מיר מיינס—איך לערען... נאָר אַזוי ווי, הערט זיך איין, אַ מאָגען וויל ניט הערען פון קיין שום טעאָריעס, פון צולהכעיס'ן און פון פּראַוואָזשיטעלסטוועס איז ביז דער נייער עסענשטאָף וועט אַמאָל זיין—מוז מען איהם פערשטאָפּען דער שוואַרץ-יאָהר ווייס מיט וואָס, ער זאָל לאָזען צורוה. וואָס-זשע טהוט אַזאַ יוד, ווי בעני הורוויטש פון פינסק? גיט ער שטונדען, הערט זיך איין, און דווקא ביי גויים, און דווקא ביי אַזעלכע גויים, וואָס שטעהען גאַנץ נאָהענט צו דער פּאָליציע, ווי זאָגט מען דאָס: „אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ען לעפעל"... אַי די קשיא: ווי קום איך צו פּאָליציע? וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט פּאָליציע? נפלאות הבורא! אָט טאַקי דורך דעם, וואָס איך האָב ניט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ און מוז אָנקומען צו פּאָליציע, בין איך געהאָלפען געוואָרען גאָר על צד היותר טוב! דהיינו? איך האָב מיך מיישב געווען און זאָג צו זיך אַליין: „ביזט דאָך סיי ווי מיט'ן קאָפּ אין דער ערד, בעני, וואָס האָסטו איינצושטעלען? פּרוב זיך, אפשר וועסטו פועל'ען ביי זיי מיט גוטען, צו וואָס זאָלסטו זיך פערקריגען מיט א וועלט?..." און איך נעם און רוף מיך אָן צו איינעם פון זיי אויג אויף אויג: „הער זיך איין, גוי, זאָג איך, וואָס איך וועל דיר זאָגען. די מעשה דערפון, זאָג איך, איז אַזוי: קיין געלד, זאָג איך, דיר צו געבען, האָב איך ניט, און דו, זאָג איך, ביזט אַ מענש, זאָג איך, וואָס בעמען דאַרפסטו, על-כן, זאָג איך, קאָן איך דיר, זאָג איך, צאָהלען מיט שוה-כסף, דהיינו, ווי אַזוי? אויב, זאָג איך, דו האָסט קינדער און ווילסט דאָך מן-הסתם, זאָג איך, אַז דיינע קינדער,

זאָג איך, זאָלען עפּיס קענען, בין איך אָנגעברייט, זאָג איך, מיט זיי צו לערנען יעדען טאָג אַ שעה, און איך בין דיר ערב, זאָג איך, אַז ווען אפילו זיי זאָלען זיין קלעצער, זאָג איך, וועלען זיי ביי מיר, זאָג איך, אויך ווערען לומדים, מופלגים בתורה!..." אָט אַזוי טאַקי מיט דעם לשון, און וואָס זאָל איך אייך דאָ לאַנג ברייען? דער גוי קוקט מיך אָן. די משמעות, כ'בין איהם געפעלען. דערנאָך מאַכט ער צו מיר: „קום אַריין צו מיר, זאָגט ער, אַהיים אין אַזאַ און אַזאַ שעה, וועלען מיר, זאָגט ער, שמועסען..." איהר הערט ווערטער? אוודאי האָב איך מיך נישט געפוילט און געקומען צו דער שעה און האָב אָנגעטראָפען ביי איהם, הערט זיך איין, קינדערלעך—איינס אין איינס—טאַקי קלעצער! נאָר אז ס'איז בעשערט אַ מענשען, איז עס אַוועק מיט הצלחה, אַזוי, אַז דער איינער האָט איבערגעגעבען נאָך איינעם, שוין פאַר געלד, ניט גלאַט אַזוי זיך, און יענער איינער נאָך איינעם און נאָך איינעם—ביז איך האָב אָנגעטראָפען צו איינעם אַ גוי'עץ, געווען אַ קנעפעל, היינט האָט מען איהם געגעבען דעם וועג—אַנ'אָפּגעשלאָגענע הושענא, הייסט עס.—איבער וואָס האָט מען איהם געגעבען דעם וועג? איבער אַ אינטריגע: מע האָט אויף איהם אַזוי לאַנג געגראָבען און געגראָבען, ביז מע האָט איהם בעגראָבען. מילא, בעגראָבען—ברוך דיין אמת. איז אָבער ניט דאָס נאָך דער עיקר המעשה—דאָס איז מעהר ניט, אַז אַ מאמר המוסגר. דער עיקר איז, וואָס איך האָב ביי דעם גוי, ביי דער אָפּגעשלאָגענער הושענא, הייסט עס, נושא-חן געווען, הערט זיך איין, אַזוי ווייט, אַז ער האָט מיר פערטרויט אַ זאַך, וואָס האָט אַ נאָהענטע שייכות צו אייך...

בעטי האָט זיך אַ וואָרף געגעבען און געוואָרען, ווי איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַביסעל ווי בלאַס.

—צו מיר?...

בעני הורוויטש פון פינסק האָט זי אָבער באַלד בערוהיגט:

—אַז ניט צו אייך דירעקט, איז אונדירעקט, דורך אייער... נו... דורך אייער פריינד, וועלען מיר זאָגען, און דורך מיין האַלב-גוי'עשקען חבר, וואָס קומט איצט אָפּ פאַר כל-ישראל...

בעטי האָט אָפּגעאָטעמט און בעני הורוויטש פון פינסק האָט גענומען צו דערצעהלען ווייטער:

—בקצור המעשה, אָט דער קנעפעל, אָדער די אָפּגעשלאָגענע הושענע, וואָס האָט געוואָלט וואַקסען און ווערען מיט

דער צייט גאָר אַ גרויס קנעפּעל, ווי באַלד מע האָט איהם בעגראָ-בען און געגעבען דעם וועג, האָט ער זיך מיישב געווען, הערט זיך איין, ווי שטעהט ביי אונז: „עין תחת עין". ער תאָט זיך געשוואָרען מיט כל השבועות: נקמה! דאָס הייסט, ער האָט זיך דאָס וואָרט גע-געבען, אַז ער מוז זיינע בעגרעבער בעגראָבען צוריק, מיט וואָס? וועט איהר הערען אַ שענס,—אַ גאַנצע געשיכטע: אָט דער קנעפּעל, וואָס איך זאָג אייך, איז געווען פון די, וואָס זייער עובדא איז, צו זוכען גנבות און גנבים, זייער גאַנצער קאָפּ איז אַריינגעטהון, הייסט עס, נור אין די זאַכען, וואָס געהערען זיך אָן מיט'ן פּסוק „לא תגנוב"... און אַזוי ווי ער איז געווען אין די ענינים אַ גרויסער מאדים, האָט מען איהם אָנגעטרויט, הערט זיך איין, אַ גאַנצען פּאַק גנבות פון אַ באַנדע בעריהמטע גנבים און שווינדלער, און ער האָט זיך אונטער-גענומען אַלע גנבות אויפזוכען און די חברה-לייט איינציגווייז אויס-לאָווען און אַריינזעצען אין חד-גדיא אַריין. און די הצלחה האָט איהם געשפּיעלט, עס איז איהם אָפּגעראָטען, ווארום ער האָט ניט געזשאַלע-וועט קיין טרחה. ער איז אויסגעווען, הערט זיך איין, אין אַלע שענ-קלעך, גנבים-גריבער און מייזענלעכער, געוואָרען אויסגעבונדען מיט אַלע גנבים, גזלנים אין חוליגאַנעס, אויסגעלערענט זיך זייער לשון, איינאיינעם געטרונקען בראַנפען און אינאיינעם מיט זיי אַוועקגעלאָזען זיך גנב'ענען, ברעכען שלעסער, און נאָכדעם זיך געלאָזט איינזעצען מיט זיי כלומר'שט אין גוטען מקום, בכדי ער זאָל קאָנען ביי זיי וואָס מעהר אַרויסבעקומען סודות פון אַנדערע גנבות און גזלות, און ווען עס וואָלט איהם אָפּגעגאָלטען ביז'ן סוף, וואָלט ער מסתמא בעקומען נאָך אַ גרעסער קנעפּעל און וואָלט געגאַנגען העכער און העכער און וואָלט געוואָרען מיט דער צייט בעריהמט, אַ מין שערלאָק האָלמס, להבדיל, אָדער אַ נאַט פּינקערטאָן... נאָר וואָס דען? ס'איז באַשערט געווען, הערט זיך איין, אַנ'אומגליק, עס האָט זיך מיט אַמאָל איבער-געריסען און סאַמע אין מיטען! ער האָט שוין געהאַלטען, זאָגט ער, ביי ליקווידירען דעם גאַנצען עסק, האָט איהם דער רוח געטראָגען, זאָגט ער, ער זאָל זיך אָנשלאָגען אויף אַ נייעם עסק און בעגעגענען זיך מיט איינעם אַ חברה-מאַן, נאָך גאָר אַ יונגער שייגעץ, נאָר אַ גע-ניטער גנב, וואָס האָט זיך איהם אַליין אונטער אַ גלעזעל משקה מודה געווען אין אַ גאַנץ בינטעל פון גנבות, גזלות און רציחות און בתוכם איז שוין אויך געווען די רציחה פונ'ם קליינעם שייגעצל וואָלאָדקע,

וואָס אינ'ם זכות פון אונז, יודען, איז איהם באַשערט געווען צו ווערען אַזאַ מפורסם אויף דער וועלט!... און ביז דעמאָלט, דאַרפט איהר וויסען, איז אונזער גוי, וואָס איך דערצעהל אייך, געווען זיכער, ווי אַ סך אַנדערע גויים, אַז וואָלאָדקעס טויט—דאָס איז אונזער יודישע אַרבייט לכבוד פסח, וואָרום ער איז איבערצייגט, הערט זיך איין, נאָך עד היום, אַז אַ גאַנץ יאָהר עסען מיר עופות גלייך מיט אַלע מענשען, נאָר אַז עס קומט פסח, זענען מיר זיך נוהג צו שלינגען קליינע שקצים'לעך און דווקא קריסטליכע... גוט. אַרויפגעשלאָגען זיך אויף אַ נייעם עסק, איז זיך מיישב מיין שערלאָק חאָלמס, אָדער נאַט פינקערטאָן און טהוט אַ שפּיי אויף אַלע גנבות און גזלות און גיט זיך אַ נעם מיט זיין גאַנצער ענערגיע צום דאָזיגען נייעם עסק, לאָזט שוין ניט אָפּ קיין אויג פון דעם בחור, וואָס האָט איהם דערצעהלט די מעשה, ווערט מיט איהם אַ נאָהענטער מחותן, טאַקי גאָר איינגאַנצען חבר-לאַפּ, און הויבט-אָן אויסצוטאַפּען ביי איהם ביסלעכווייז און קאַפּלעכווייז, אַלע טאָג אַ לעפּעלע, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער ווערט געוואוירע די גאַנצע חתונה מיט אַלע מחותנ'ם מיט די כלי-זמרים מיט די סאַרווערס און סאַרווערקעס—הערט זיך איין. אַ גאַנצע באַנדע און—שערשעיי לאַ פאַם—אַ נקבה איז דאָ אויך אין מיטען. ניט איין נקבה, נאָר צוויי נקבות, דריי נקבות, וואָרום דער וואָלאָדקע האָט זיך געהאַט בעריהמט פאַר זיין מאַמע, אַז איינער עפּיס אַנ'אומבעקאַנטער פאַרשוין מיט אַ קנעפּעל גיט איהם צוקערקעס און נאַרט ביי איהם ווערטער—און דער איינער איז געווען, הערט זיך איין, ניט קיין אַנדערער, נאָר טאַקי דער אייגענער שערלאָק חאָלמס, אָדער נאַט פינקערטאָן—קומט אויס, הייסט עס, אַז ער אַליין טאַקי, איין אָפּגעשלאָגענע הושענא, איז גאָר געווען אַ שטיקעל גורם, מע זאָל הרג'נען דעם וואָלאָדקען!... האָט דאָס איהם נאָך מעהר געטריבען, ער זאָל וואָס גיכער אויפדעקען די גאַנצע קנופיה—און ער וואָלט דאָס געוויס דורכגעפיהרט, זאָגט ער, אויפ'ן גלענדצענדסטען אַרט, ווען עס זאָל ניט קומען אויף איהם פלוצים אַ מפלה און מע זאָל איהם ניט געווען אַראָפּזעצען—ער ווייסט ניט, זאָגט ער, פאַר וואָס—סאַמע אין מיטען דער אַרבייט!... ער איז שוין געווען, זאָגט ער, גאָר ביים גאַנג. אָט-אָט נאָך אַ ביסעל און דער גאַנצער עסק וואָלט, זאָגט ער, געווען ווי אויף אַ טעלער. עס האָבען איהם געפעהלט, זאָגט ער, נאָר צוויי זאַכען: ערשטענס, האָט דער גוי'עשער קאָפּ פון אונזער שערלאָק חאָלמס נישט

געקאָנט פערשטעהן, פון וואַנען האָבען זיך גענומען די נייען און פער־ציג וואונדען אויפ׳ן לייב פונ׳ם גע׳הרג׳טען שייגעצעל? דער מספר 49, זאָגט ער, געפעלט איהם ניט. מע זאָגט, זאָגט ער, אַז ביי יודען איז דאָס אַ קאַבאַליסטישער מספר, לויט קבלה, זאָגט ער, מוזען יודען צאַפּען בלוט דורך 49 וואונדען... צעלאַך איך זיך, הערט זיך איין, און זאָג צו איהם: „הער זיך איין, זאָג איך, קבלה, זאָג איך, גוי, לאָז צורוה. דו ביזט, זאָג איך, פון קבלה, זאָג איך, אַזוי ווייט, ווי איך פון צאַפּען בלוט דורך 49 וואונדען. נאָר איין זאַך, זאָג איך, וואונ־דערט מיר אויף דיר, דו ביזט, זאָג איך, אַ גוי מיט ענערגיע און מיט פערשטאַנד, כמעט, זאָג איך, אַ שערלאָק האָלמס, להבדיל, אָדער ווײניג־סטענס אַ נאַט פינקערטאָן, און זעהסט אַרויס, זאָג איך, גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַ קרבן נישט פון יודען, נאָר פון אייערע אייגענע גנבים און חוליגאַנעס, וואָס האָבען דעם וואָלאָדקי׳ן צורעכט געמאַכט צוליעב זייערע אייגענע אינטערעסען און חשבונות און בכדי מע זאָל ניט חושד זיין זיי, זאָג איך, אַרויפגעלעגט די באַד אויף יודען, הייגט ווי פאַלט דיר ניט איין אין קאָפּ, זאָג איך, שטאָט קבלה בעסער אַ טראַכט צו געבען, זאָג איך, טאָמער האָבען דאָס טאַקי חברה מיט אַ כיון אַריינ־געהאַקט דעם קליינעם 49 שטאָך שוין לאחר המעשה, זאָג איך, בכדי, זאָג איך, צו פערבלענדען די אויגען דיר, זאָג איך, און נאָך אַזעלכע פינקערטאָנען ווי דו, וואָס זענען אַזוי קלאָר אין אונזער קבלה, זאָג איך, ווי איך בין קלאָר אין דעם, וואָס אויפ׳ן שטערען מאַרס טהוט זיך״... פערטראַכט ער זיך אַביסעל, מיין שערלאָק האָלמס, און מאַכט צו מיר אַזוי: „דאָס איז אַלסדינג, זאָגט ער, מעגליך, ווי דו זאָגסט, זאָגט ער, חאָטש דו וועסט מיך ניט איינרעדען, זאָגט ער, אַז איהר קענט זיך בעגעהן פסח אָהן אונזער בלוט״... אַ קלאָג צו דיין קאָפּ!— טראַכט איך מיר... „נאָר וואָס דען—זאָגט ער צו מיר ווייטער—איך וועל דיר, זאָגט ער, זאָגען דעם גאַנצען אמת: מיך קוועטשט, זאָגט ער, אַנ׳אַנדער זאַך: איך האָב מורא געהאַט, זאָגט ער, שטעלען אויף די רעד פון דעם דאָזיגען יונגען חברה־מאַן. דאָס, וואָס אַ גנב בע־ריהמט זיך אונטער אַ גלעזעל בראָנפען, איז נאָך פון די קליינע זאַכען. אויפצודעקען אַזאַ טייערען ביסען בעדאַרף מען, זאָגט ער, האָבען עפּיס אַ רעכטען סימן, אַ פעסטען בעווייז אין דער האַנד. דאָס, וואָס יוריס־טען רופען אָן מיט׳ן נאָמען „קאָרפוס דעליקטי״... און בכדי צו בעקו־מען אַזאַ מין בעווייז, איז זיך מישב מיין שערלאָק האָלמס אָדער פינ־

קערטאָן און פאלט אויף אַנ׳אויבער-סברה, טאָקי ווי אַנ׳אמת׳ער פינקער-טאָן און רופט זיך אָן צום חברה-מאַן, צום גנב, אַז ער גלויבט איהם ניט, אַז ס׳איז שקר וכזב, לויטער בעריהמעריי און ווייטער גאָרניט. שווערט זיך מסתמא יענער, חאַפּט די ערד. גלויבט ער ווייטער ניט. ער האָט איהם, הערט זיך איין, אַזוי ווייט פערטריבען אין דער אַמ-ביציע אריין, אַז דער יונגער הברה-מאַן איז גרייט געווען פערקאַטשען די אַרבעל און ברעכען אונזער פינקערטאָנען אַ ביין, אַז דער רוח זאָל איהם נעהמען: אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, הערט זיך איין, ביז יענער האָט איהם צוגעזאָגט געבען אַ בעוויז, אַ זאַך, וואָס קעגען דעם וועט שוין ניט זיין גאָרניט וואָס צו זאָגען. „אַנו, וואו איז דיין בעוויז?“ ער קאָן ניט, זאָגט ער, באַלד אויפ׳ן אָרט. ער וועט דאָס, זאָגט ער, מאָרגען-איבערמאָרגען ברענגען צו טראָגען. עס געפינט זיך, זאָגט ער, ניט ביי איהם אין די הענד, נאָר ביי זיין געוועזענער כלה, ביי אַ שיקסע, מיט וועלכער ער איז איצט „צעקריעגט...“ „ווי הייסט זי, די שיקסע?“—אַלסדינג יאָ, זאָגט ער, נאָר דאָס אַ מכה!... „וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ זאַך, קענסט דאָך זאָגען?“—דאָס איז, זאָגט ער, אַ רענצעל מיט ביכער און טעטראַדען, וואָס דער קליינער וואָלאָדקע האָט געהאַט מיט זיך געקראָגען אין יענעם פריהמאָרגען, איידער מע האָט איהם צורעכט געמאַכט... און בתוך כך איז אָנגעקומען אויף מיין שער-לאָק האָלמס די מפלה, און דערווייל איז דער יונגער גנב נעלם גע-וואָרען און דער „קאָרפּוס דעליקטי“, וואָלאָדקעס רענצעל מיט די ביכ-לעך און טעטראַדקעס, געפינען זיך ערגיץ ביי אַ שיקסע, וואָס ער ווייס נאָך עד היום ניט איהר נאָמען, נאָר ער זוכט זי און האָפט, ער איז זיכער, אַז ער וועט זי געפינען פון אונטער די ערד—סיידען זאָגט ער, ער וועט פריהער איינגעהמען אַ מיתה-משונה. און איך גלויב איהם. ווייסט איהר פאַרוואָס? ווייל ער טהוט דאָס נישט אַזוי מאהבת מרדכי, ווי משנאת המן, און ס׳איז נישטאָ נאָך, הערט זיך איין, אַזאַ זיכערער מיטעל, ווי שנאה און אַזאַ געפעהרליכע כלי-זיין ווי קנאה... נאָר ווי זאָגט מען דאָס ביי אונז: „זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי אַ רפואה“.

## דאָס הונדערט ערשטע קאַפּיטעל.

### בעטי נעהמט זיך צו דער אַרבייט.

שוין גאָר פונ׳ם אָנהויב איז אָט דער בעני הורוויטש, וואָס פון פינסק, געפעלען געוואָרען בעטי׳ן מיט זיין רעדען. עס איז געווען כל עצמותיו תאמרנה—אַלע אברים האָבען אין איהם גערעדט; די אויגען האָבען געפינקעלט, דאָס פנים האָט געברענט, דעם קאָפּ געהאַלטען אַראָפּ און מיטביידע הענד געמאַכט אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ יודינע בשעת ליכט-בענשען, און געלאַכט האָט ער ביי יעדער געלעגענהייט הויך און הילכיג, אַזוי, אַז זיין געלעכטער האָט זיך אָפּגעגעבען אין וואַלד,—און ס׳איז גאָר קיין חדוש נישט דעריבער, וואָס בעטי האָט איהם אַזוי אויסגעהערט מיט קאָפּ, נישט געוואָלט איבעררייסען איהם מיט קיין איין-און-איינציג וואָרט, ובפרט אַז זיין ערצעהלונג האָט וואָס ווייטער געהאַט פאַר איהר אַלץ מעהר אינטערעס, און אינאיינעם מיט׳ן אינטערעס איז געוואַקסען אויך איהר צוטרויען און איהר סימפּאַטיע צום דאָזיגען יונגען מאַן. זי דערמאָנט זיך אָן זייער ערשט בעגעגעניש מיט איהם אין יענער נאַכט פון דער גרויסער „בהלה״, ווען זיי זענען געלאָפען מיט אַלע יודען, וואוהין די אויגען טראָגען, און זי דערמאָנט זיך אָן יענעם געשפּרעך, וואָס ער האָט דעמאָלט געפיהרט מיט ראַבינאָוויטש׳ן,—געדענקט זיך איהר, אַז נאָך דעמאָלט האָט ער איהר אויסגעזעהען זעהר סימפּאַטיש צו זיין, זי דערמאָנט זיך אָן דעם פערגלייך, וואָס זי האָט דעמאָלט געמאַכט צווישען זיי ביידע, פון וועלכען עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען דעמאָלט, אַז אָט דער יונגער מאַן, וואָס רופט זיך „בעני הורוויטש פון פינסק״, איז העכער אפשר מיט אַ גאַנצען קאָפּ פון ראַבינאָוויטש׳ן — און עס האָט

זי רעכט פּערדאָסען, געדענקט זיך איהר, למאַי ער איז העכער... נישט בעסער—ניין, זי זאָגט דאָס נישט—נאָר העכער, מעהר ענטוויקעלט און מעהר אויפריכטיג און מעהר וואָרעמער יוד ווי יענער...

„גאָט אַליין האָט איהם אַהער געשיקט—טראַכט זיך בעטי, הערט זיך איין אין זיין ערצעהלונג, האָט מורא אַ וואָרט דורכצולאָזען. אַלעס-דינג, איטליכעס ברעקעל האָט פאַר איהר אַ ווערט, און קיינער קאָן עס אַזוי נישט אָפּשאַצען, ווי זי, וואָרום קיינער ווייס נישט דאָס, וואָס זי ווייס... זי, און נישט קיין אַנדערע, האָט דאָך געהאַט די זכיה אָפּצוזיצען אַ נאַכט אין געפענגניש איינאיינעם מיט יענער, וואָס דער „שערלאָק האָלמס" זוכט אַצונד און קאָן זי נישט געפינען... דאָס איז דאָך יענע פערלווירענע, וואָס האָט געשמעקט מיט העליאָטראָפּ, מיט יאַדאָפאָרם און פון וועלכער בעטי האָט זיך אָנגעהערט דעמאָלט אַזוי פיעל מורא'דיגע מעשיות... ביי איהר, ביי אָט דער פערלוירענער, געפינט זיך, הייסט עס, דער גאַנצער שליסעל פונ'ם דאָזיגען פּלאָנטער, דער צענטר פון אַלע בעווייזען, דער „קאָרפּוס דעליקטי" פונ'ם פּראָ-צעס,—דאָס רענצעל מיט ביכער און טעטראַדען פונ'ם גע'הרג'עטען וואָלאָדקע—אָט דאָס ווען מען בעקומט אַרויס און מע פּאַקט די חברה גנבים— איז דאָך אַ סוף, אויס בלבול, אויס ריטואַל, אַלסדינג אויס— און ראַבינאָוויטש געהט אַרויס פריי!—ניין, בעטי קאָן זיך שוין מעהר נישט בעהערשען. זי שטרעקט אויסביידע הענד צום סימפּאַטישען הורוויטש, וואָס פון פינסק, שענקט איהם אַ קוק פון איהרע שענע אוי-גען, וועלכע ראַבינאָוויטש פלעג נישט קאָנען איבערטראָגען גלייכגילטיג, און רופט זיך אָן צו איהם:

—אייער געשיכטע, וואָס איהר האָט מיר דאָ דערצעהלט, חאָטש איהר רופט זי אָן מיט אַזעלכע נעמען, ווי „שערלאָק האָלמס" און „נאַט פינקערטאָן", האָט אַן'אונגעהייערן אינטערעס פאַר מיר... פאַר אונז אַלע! איהר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, וואָס עס קאָן דער-פון אַרויס, און איך האָב נישט קיין ווערטער גענוג אויף אַרויסצוזאָגען אייך ווי ווייט איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר אייער... פאַר אייער וויזיט.

—דאַנקבאַר פאַר מיין וויזיט?—בעני הורוויטש בעטראַכט זי מיט אַן'איראָניש-פריינדליכען קוק פון אויבען אַראָפּ, ווי אַ פאָטער קוקט אויף אַ קינד, אָדער וועניגסטענס, ווי אַן'עלטערער ברודער אויף זיין קליין נאַאיוו נאַריש שוועסטערל, און ער צעגיסט זיך מיט זיין הוי-כען פרישען געזונדטען הילכיגען געלעכטער, וואָס ווערט צוטראָגען ווייט

איבערען וואַלד—חאַ-חאַ-חאַ! איך גיב אייך אַוועק, הערט זיך איין, אַ האַלבען דאַנק צוריק, וואָרום אויב מיין חבר איז אפשר אייך נעהענטער ווי מיר, איז ער דאָך קודם-כל אַ יוד און זיצט אונטער זיבען שלעסער. נאָר נישט ער אַליין זיצט. עס זיצען מיט איהם, הערט זיך איין, אונזערע אַלע מיליאָנען יודען, אָט וויפיעל מיר זענען דאָ פאַרהאַן אינ'ם דאָזיגען לאַנד, און מיר אַלע ווערען גלייך מיט איהם בעשולדיגט אין א זאַך, וואָס ס'אַ חרפה גאָר צו פערעגטפערן זיך... הייגט וואָס רעדט איהר מיט מיר פון דאַנקבאַרקייט און נאָך אַזעלכע סקאַרבאָווע ווערטער, וואָס ווערען אָנגערופען ביי אונז מלצה, חאַ-חאַ-חאַ?

—איהר האָט מיך נישט רעכט פערשטאַנען—וויל זיך בעטי פער-ענטפערן—פאַר מיר האָט אייער ערצעהלונג אַ בעזונדערן אינטערעס. אָט די כלה פון דעם יונגען גנב, וואָס מע זוכט און מע קאָן זי נישט געפינען, האָב איך אַ מיטעל...

נאָר דאָ פערהאַפט זיך בעטי און וויל נישט רעדען ווייטער, ביי איהר אין קאָפּ וועבען זיך פערשיעדענע פלענער וועגען דעם, ווי אַזוי מע בעדאַרף זיך נעהמען צו דער אַרבייט: קודם-כל בעדאַרף מען דער-געהן דעם נאָמען פון יענער פערלוירענער—דאָס איז נישט שוועהר: אַזוי ווי זי און יענע פערלוירענע זענען געווען אַרעסטירט ביידע אין איין צייט—אין יענער שרעקליכער נאַכט—בעדאַרף זיין פערשריבען יענערס נאָמען אין בוך גלייך מיט איהר, בעטי'ס, נאָמען. בעדאַרף מען אַרויסנעמען אַ נאָטיץ, הייסט עס, פון די ביכער-און דאָס קאָן טהון נאָר דאָס „קנעפעל", אָדער די „אָפּגעשלאָגענע הושענא", ווי ער רופט איהם אָן... ווי אַזוי אָבער גיט מען דאָס איבער דעם דאָזיגען הור-וויטש'ן, אַז עס שטעהט איהר גאָר נישט אָן מיט איהם צו רעדען פון דעם, אַז זי איז אַמאָל געזעסען?... איהר גדלות'דיגע, גאוה'דיגע נאַטור דערלאָזט איהר נישט, טאָמער וועט ער זיך נעהמען ביי איהר אויס-פרעגען וועגען דעם, וואָס זי אַליין וויל פון דעם פערגעסען... פער-שוויגען אָבער קאָן זי אויך נישט. שוין צייט, צייט זיך נעהמען צו דער אַרבייט!.. איצט איז געקומען איהר צייט, וואָס זי דאַרף און וואָס זי קען טהון... עס ווערט ביי איהר אין קאָפּ אין איין מינוט פאַרטיג אַ פּלאַן, אַ טייערער פּלאַן! און פון דעם פּלאַן קאָן זי נישט רעדען מיט קיינעם... זי רופט זיך אָן צו איהם, געהט צו צו איהם, אַביסעל נעהענטער און בעשענקט איהם נאָך אַמאָל מיט אַ קוק פון איהרע שענע אויגען, וואָס ראַבינאָוויטש פלעג נישט קאָנען אַריבער-

טראָגען גלייכגילטיג און פאַר וועלכען יענער וואָלט איצט אין דער מינוט געוויס אַוועקגעגעבען די העלפט פון זיין לעבען, אויב נישט דאָס גאַנצע לעבען:

—הערט נאָר אויס, וואָס איך וועל אייך זאָגען: איך האָב צו איין אַ בקשה...

בעני הורוויטש שטעקט אַריין ביידע הענד אין די קעשענעס פון זיין געל-ווייסען פידזשאַק און נעהמט זי דורך מיט זיין איראָניש-פריינד-ליכען קוק פון אויבען אַראָפּ און מאַכט צו איהר פרעהליך און אויך עטליכע לשונות מיט אַמאָל:

—אַ בקשה? דהיינו, אַ שטייגער, כדומה, למשל, נאַפּשיקלאַד, פּאַר, עקזאַמפּל, צום ביישפּיעל, נאַפּרימיער?

בעטי טריט אָפּ אַביסעל. זי טראַכט זיך: „וואָס איז דאָס פאַר אַ מענש? אָט ערשט גערעדט מיט אַזאַ פייער פון אַזעלכע הויכע ענינים, געניאַלע ערפינדונגען, אידעען און נאָך אַזעלכע זאַכען—פערשטעלט ער זיך גאָר פאַר אַ לץ, וואַרפט אַרויס שטיקלעך פון אַ פּאַיאַץ, און נאָך אין אַזאַ צייט, ווען מען רעדט וועגען אַזאַ ערנסטער זאַך, וואָס ער אַליין זאָגט, אַז עס הענגט אָפּ אָן דעם דער כבוד פון אונז אַלע. און זי שעמט זיך נישט און זאָגט איהם אַרויס גאַנץ אָפענטליך און גענוג שאַרף, אַז זי האָט פיינט קאַלאַמבורען, און אַז זי האָט ליעב לצנות נור דעמאָלט, ווען עס פּאַסט זיך, און אַז זי פערשטעהט גלאַט נישט, ווי אַזוי קאָן מען לאַכען און זיין אַזוי פרעהליך אין דער צייט, ווען אַ חבר זיצט, ווי ער אַליין זאָגט, אונטער זיבען שלעסער...

—איהר פערשטעהט נישט, ווי קאָן מען זיין פריילין? אייך אַז מע זעהט, הערט זיך איין, ווערט נישט ווילענדיג גוט אויפ'ן האַרצען... נאָר שאַ! שלום!—מאַכט ער צו איהר, דערזעהענדיג, אַז זי ווערט נאָך ערגער בייז, און ער ציהט איהר אויס זיין גרויסע האַנד, אַנ'אויס-געשמירטע פון פּאַפּ, פון פאַרב אָדער פון כעמישע פּרעפּאַראַטען—שאַ! איך בעט אייך, זעהט, לאָמיר זיין שלום! מיר טאָרען זיך נישט קריעגען, מיר דאַרפען זיין חבר... נו? מוחל?... איצט זאָגט אין וואָס בעשטעהט אייער בקשה, בין איך אייך מבטיח, אַז עד חצי המלכות...

בעטי זעהט אַרויס, אַז ס'איז אוממעגליך צו זיין אויף דעם מענ-שען לאַנג ברוגז. פון זיין ערשטען וואָרט „שלום" איז איהר שוין אָפּ-געגאַנגען דאָס האַרץ און זי זאָגט צו איהם אַ ביסעל קאַפּריזנעדיג, ווי איהר שטייגער איז, און מיט אַ האַלבען שמייכעל:

—מאָלט אייך, ס׳איז אייער גליק, איך וואָלט אייך אייגענטליך בעדאַרפט אָפּבאָדען אַזוי, אַז איהר זאָלט געדענקען, נאָר ווייל איהר האָט מיר היינט געבראַכט אַזאַ בשורה, שענק איך אייך היינטינס מאָל און בין אייך מוחל. און מיין בקשה, וואָס איך האָב צו אייך, איז אַזעלכע: איך וויל, איהר זאָלט מיך בעקענען מיט אָט דעם... אָט דעם...

בעני הורוויטש קומט איהר צו הילף:

—מיט מיין שערלאַק חאָלמס? צו וואָס?

ער קוקט אויף איהר מיט זיין שפּאָטיש-פריינדליכען בליק און וואַרט.

זאָל זי איהם געהן זאָגען „צו וואָס״!״ זאָל זי איהם געהן דער-צעהלען אַ גאַנצע מעשה, אַז זי איז אַמאָל געזעסען אַ נאַכט איינגע-שפּאַרט מיט אַ גאַסען-מיידעל — ניין, דאָס נישט! בשום אופן ואופן נישט! און זי וויל זיך אויסדרעהען:

—גלאַט אַזוי... איך מיין, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט, איך זאָל מיך מיט איהם אַ ביסעל דורכשמועסען...

—צו וואָס?

הויבט שוין בעטי אָן צו ווערען רעכט בייז: „אָט אַ ליטוואַק!״ און זי האַקט איהם אָפּ, ווי זי קען, און קרימט איהם איבער ווי ער אויף ליטוויש:

—צו וואָס? וואָס איז אייער עסק? צו וואָס! אַז איך זאָג, אַז איך בעדאַרף מיך מיט איהם זעהן, ווייס איך שוין מסתמא צוליעב וואָס! צו איך בעדאַרף אייך אָפּגעבען דין וחשבון?

בעני הורוויטש איז אָבער אויך נישט פון די איבערגעשראָקענע יונגלעך. שטעלט ער זיך אַוועק און קוקט איהר גלייך אין די אויגען:

—דין וחשבון, זאָגט איהר? אויף וואָס בעדאַרף איך אייער דין וחשבון? איך קאָן מיך, הערט זיך איין, בעגעהן אָהן אייער דין וחשבון, מעגט איהר מיר גלויבען בנאמנות. איהר ווילט נישט זאָגען, דאַרף מען נישט. איך זאָג אייך צו, אַז איך קאָן אייך טהון אַלסדינג. וואָס איהר וועט הייסען! צו וואָס נוצט מיר אייער דין וחשבון?

בעטי פיהלט זיך, אַז זי האָט איהם צו גראָב אָנגעטראָטען. דער מענש איז פריינדליך, רעדט אַזוי ווייך און אַזוי וואַרעם, אַז עס פיהלט זיך מיט איהם גוט, גאָר נישט ווילענדיג גוט... זי וויל איהם מיט עפּיס פערגלעטען און זאָגט צו איהם, ווייך; בייסט אָפּ עטליכע מאַ-רעלען פון אַ בוים, גרינע שמעקעדיגע מאַרעלען.

—איהר מעגט מיר אויך גלויבען בנאמנות, אַז ס'איז נישט אויס כוסטע נייגעריגקייט... אַז ס'איז דאָ מסתמא אַנ'אינטערעס דערביי... און חאָטש איך בין נישט קיין שערלאָק חאָלמס און קיין נאַט פינ-קערטאָן, פון דעסטוועגען האָב איך די מעגליכקייט מיטצוהעלפען אייער בעקאַנטען מיט איהם אינאיינעם אויפצוזוכען יענע... מיט איינעם וואָרט, איך קאָן נוצליך זיין... אַלזאָ בעט איך אייך, איהר זאָלט מיך בעקענען מיט אָט אַ-יענעם, ווי אַזוי רופט איהר איהם? די „אָפגעשלאָ-גענע הושענא"...

די גאַנצע צייט, וואָס בעטי האָט גערעדט, האָט הורוויטש פון פינסק געהאַלטען ביידע הענד אין די קעשענעס פון זיין געל-וויסען פידזשאַק, געקוקט אויף איהר, געשפּיגעלט זיך און געטראַכט זיך: „אַ בראַנד אַ מיידעל! זי וועט פערשטעקען פריי אַזעלכע ווי ראַבינאָוויטש אין גאַרטעל! ער איז, כ'לעבען, גאָר קיין נאַר ניט, אָט דער ראַבּי-נאָוויטש.

—וואָס קוקט איהר מיך אָן?—טהוט איהם בעטי פלוצים אַ חאַפּ און וואַרפט אַוועק די גרינע מאַרעלען.

—וואָס איך קוק? איך טראַכט, הערט זיך איין, ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? ווי מאַכט מען דאָס, טייערינקע, ס'זאָל אויס-קומען, ווי זאָגט מען דאָס, אַגיל'דיג ואשמח'דיג—קיילעכדיג און שפּי-צעדיג? למשל, איהר זאָלט זיך מטריח זיין צו איהם? (מיט אַ נגון פון דער גמרא)—צופיעל כבוד פאַר אַזאַ גוי... ער זאָל קומען צו אייך?—פאַסט ניט פאַר אייערע רייכע און פרומע קרובים, ווי איך פער-שטעה... בלייבט די קשיא: פאַרט ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַ-סער?

—נו יאָ, ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? — חזר'ט איבער בעטי זיינע ווערטער און פיהלט זיך שולדיג קעגען דעם דאָזיגען יונ-גען מענשען, וואָס איז באמת אַזאַ וויילינקער... זי וואָלט וועלען איהם מיט נאָך עפּיס פערגלעטען, האָט ער אָבער שוין לאַנג פערגעסען און ער רופט זיך אָן צו איהר פריינדליך, לעבעדיג און הילכיג, ווי זיין שטייגער איז, און גיט זיך אַ פאַטש אין שטערען:

—שאַט, ווייסט איהר וואָס? זונטאָג איז אַ טאָג, הערט זיך איין, וואָס די גאַנצע שטאָדט פאָהרט אַרויס אויף די דאַטשעס אָפּצוקיהלען זיך, חאַפּען לופט. איך וועל זאָגען מיין גוי: „הערט זיך איין, גוי, פאַרהאַן אַ מענש-איך וועל איהם ניט זאָגען ווער, נאָר סתם אַ מענש—

וואָס וויל זיך מיט דיר זעהען און האָט דיר איבערצוגעבען בסוד-סודות אַ וויכטיגע זאַך וועגען דעם געוויסען עסק״... בין איך זיכער, הערט זיך איין, אַז דער גוי וועט לויפען, וואָרום ער איז אַזוי אַריינגעטהאָן אין דעם דאָזיגען ענין, אַז ממש דער שוואַרצער יאָהר חאַפּט איהם אַוועק... און קומען וועל איך מיט איהם אויף דעם דאָזיגען אָרט... ניין איך וועל קומען מיט איהם מיט׳ן האַלב-צווייערדיגען אויפ׳ן וואָקזאַל, וואו איהר וועט אונז אָפּוואַרטען, און פון דאָרט וועלען מיר זיך דורכגעהן אַלע דריי אָדער אויף יענער זייט וואָקזאַל אין פעלד, אָדער אויף דער זייט וואָקזאַל אין וואַלד, און איהר וועט זיך קאָנען מיט איהם רעדען אייערע סודות, וואָס איהר האָט—איך וועל אייך, הערט זיך איין, ניט שטערען... געפעלט אייך מיין פּלאַן?

אַ חדוש, אויב איהר געפעלט דער פּלאַן! בעטי איז אויפ׳ן זיבע-טען הימעל: זי וועט זיך נעהמען צו דער רעכטער אַרבייט. זי וועט העלפען אויפזוכען דעם הויפּט-שליסעל. זי וועט העלפען אויפבינדען דעם פּלאָנטער. זי וועט העלפען אַרויסלאָזען אָט דעם אומשולדיגען פריינד. און ווען האָט זי צו דאַנקען? אָט דעם בעני הורוויטש, וואָס פון פינסק. „אַ מאָדנער מענש, נאָר אַ טייערע נשמה, אַ גאָלדענע זעל״... אַזוי טראַכט זיך בעטי און זי געזעגענט זיך אָב מיט איהם וואַרעם, דריקט איהם נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זיין גרויסע האַרטע קאָ-רענע פערפּאַפּטע האַנד און מע צוגעהט זיך: ער צום וואָקזאַל אין שטאָדט אַריין, און זי צו איהרע רייכע קרובים אויף דער דאַטשע—אַ צופריעדענע און אַ גליקליכע, וואָס עס איז געקומען די צייט, ווען זי קאָן זיך נעהמען צו דער אַרבייט און פערענדיגען דאָס, וואָס אַנדע-רע, ווילד-פרעמדע האָבען אָנגעהויבען צו טהון—דאָס איז מעהר, ווי-פיעל זי אַליין האָט גאָר געוואָלט!... און די גאַנצע וועלט בעקומט מיט אַמאָל גאָר אַנ׳אַנדער פּנים אין איהרע אויגען. וואו איז געוועזען ביז אַהער אָט דער שענער, אויסגעפוצטער וואַלד? פאַרוואָס האָט זי ביז אַהער נישט געהערט אָט דעם זעלטענעם אַראָמאַט, וואָס ער פּילט אָן די לופט פונ׳ם דאָזיגען ערדישען גן-עדן? וואו זענען געוועזען אָט די גאַנצע מחנות פויגלען און פויגעלעך, פליגלען און פליגעלעך? פאַר-וואָס האָט זי ביז אַהער נישט געהערט זייער זינגען און פייפען, פּיש-טשען און שמיצערען און זשומען און הודיען? און דער הימעל—איז ער דען ניט געוועזען ביז אַהער אַזוי בלוי און אַזוי טיעף אָהן אַנ׳עק, ווי

ער איז אַצינד? ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, אַז דאָס לעבען איז אַ טרויעריגער נאַרישער שפּאַס?...

* *

*

אַז בעטי איז געקומען אַהיים אויף דער דאַטשע אַ פּערפּלאָמטע פון דער היץ און אַ גליקליכע פון דעם גערעטענעם טאָג, וואָס איז געווען צו זעהן נאָכ'ן גלאַנץ פון איהרע שענע אויגען און נאָך דער פּאַרב פון איהרע בעקלעך, האָט זי די מוהמע טויבע בעגעגענט מיט אַ קאַלטען בליק און מיט שטאַרק פערשנורעוועטע ליפּען, נאָכמעהר פערשנורעוועט ווי אַלעמאָל:

—וואו בּיזטו עס געווען אַזוי לאַנג?... מען האָט דיך שוין אויס-געזוכט, וואו די וועלט האָט אַנ'עק, דעם גאַנצען וואַלד, אין דער לענג און אין דער ברייט... דער פעטער האָט זיך שוין איבערגעשראָקען און האָט געוואָלט הייסען שפּאַנען דעם פּאַעטאָן, מע זאָל דיך פאָהרען זו-כען אין שטאָדט... אַ קשיא אויף היינטיגע מיידלעך, אַז זיי בעגעגענען זיך פלוצים אין וואַלד מיט אַזעלכע בחורים, וואָס גאָט ברוך הוא זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רייד, איך וויל אויף קיינעם, חלילה, קיין שלעכטס נישט ריידען!...

אין דער גאַנצער צייט, וואָס די פרומע מוהמע האָט איהר גע-לייענט דידאַזיגע נאָטאַציע מיט'ן נוסח פון טייטש-חומש, זענען געזע-סען אויף איהרע טעכטער, די אינטעליגענטע באַרישניעס, וואָס האָבען זיך כלומר'שט אַזוי שטאַרק פערטיפט אין די ביכלעך, אַז זיי האָבען גאָרניט געהערט זייער מוטער'ס מענה-לשון. נאָר ס'איז געווען צו זעהן נאָך זייערע נעזער, אַז זיי בלאָזען זיך אויף זייער קוזינקע. אַלע האָ-בען זיך אויף איהר יענעם טאָג געבלאָזען, אַלע. נאָר וואָס הערט זיי בעטי, אַז נישט שפּעטער ווי היינטיגען זונטאָג וועט זי זיך זעהען מיט אַ מענשען, וועלכער האָט ביי זיך אין די הענד דעם גאַנצען פּלאַנטער פון דעם ענין, וואָס אָן איהם הענגט אָב נישט נאָר איהר גליק, נאָר דער כבוד פון איהר פאָלק, פון אַ גאַנץ פאָלק?...

## דאָס הונדערט צווייטע קאַפּיטעל.

## דורך דער קאַץ שלח-מנות.

דער וויזיט פון קוואַרטיראַנט'ס קרובים, די ראַבּינאָוויטש'עס האָט געמאַכט ביי די שפּיראַס, ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, אַ גאַנצע איבּערקעהרעניש. דוד שפּיראָ האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג, נאָך גאָר כמעט פון'ם אָנהויב אָן, געהאַט אַנ'אויג אויפ'ן קוואַרטיראַנט, אַז ער איז אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט... אינגאַנצען איז שולדיג „זי"—האָט ער גע'טענה'ט, אָנווייזענדיג אויפ'ן ווייב—ווען נישט „זי", וואָלט אַזאַ שאַרלאַטאַן שוין לאַנג ביי איהם זיך געזעהען מיט דער טיר.

—פון ווען אָן איז ער דאָס געוואָרען ביי דיר אַ שאַרלאַטאַן?—פּרובּט זיך שרה איבּערשפּאַרען דעם מאַן, אָבּער אין האַרצען פיהלט זי, אַז גערעכט איז ער, אזא שטיק גאָלד, ווי ער איז גערעכט!... און אויף וויפיעל זי האָט פריהער געהאַלטען פון'ם קוואַרטיראַנט אַנ'עולם ומלאה, אויף אזוי פיעל האָט ער איצט אָנגעוואָרען ביי איהר דעם חן, דעם גאַנצען חן און געוואָרען איהר פּשוט נמאס, נמאס ומאוס. זי האָט איהם שוין מוחל געווען די מומע די מיליאָנערשטשיצע מיט דער רייכער ירושה. וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז אַ יוד בּעדאַרף האָבּען אַ רייכע מומע און ער זאָל זי ירש'נען? וויפיעל יודען זענען דאָ אויף דער וועלט, וואָס בּעגעהען זיך אָהן רייכע מומעס?... איהר האָט געקרענקט די שוועסטער וויערא. ווי באַלד, אַז ער האָט, ווי זיין פאָטער מיט זיין ברודער זאָגען, קיין שוועסטער, וואָס הייסט וויעראַ, פרעגט זיך: ווער-זשע איז יענע יפה-פיה, וואָס שרייבּט איהם ליעבּע-בּריוועלעך, אַ מכה איהר, און חתמ'עט זיך „וויעראַ פּ."?...

און נאָך אַ זאַך האָט שרה נישט געקאָנט פערשטעהן, האָטש נעהמט איהר אַראָפּ דעם קאָפּ: צו וואָס האָט איהם נאָך געטויגט דער אָנשטעל זיך מאַכען, אַז ער פערשטעהט נישט קיין וואָרט יודיש? וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ הינטישע קאָמעדיע?... און די אַלע איבעריגע מעשיות זייערע, ווי עס ווייזט אויס, זענען אַפּנים לויטער שקרים וכזבים, אויסגעטראַכטע מיט אַ כּיון אויף צו פערדרעהען זיי אַלעמען דעם קאָפּ, מאַכען איהר טאָכטער אומגליקליך און ווער ווייס—אפשר נאָך פאַר אַנ׳אייביגע עגונה אויך?...

און שרה דערמאָנט זיך אָן די מורא׳דיגע מעשיות, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פון די שענע יונגע לייט, די געוויסע פיינע בריה׳ס, וואָס קומען צופאָהרען זיך שדכנ׳ען כּלומר׳שט פון אויס רייסען, פּו-צען זיך אויס און מוידען זיך אויס, מאַכען זיך כּלומר׳שט פערליעבט און פיהרען אַוועק די שענסטע מיידלעך דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואוהין... עס געהט איהר אַזש איבער אַ פראָסט איבער׳ן לייב: גאָט ווייסט, וואָס מיט איהר קינד וואָלט איצט געווען, ווען עס טרעפט זיך נישט אָט דאָס פּעקעל, אָט דער „בלבול וואָלאָדקע"... איצט בלייבט איבער נאָר איינס! עפענען דער טאָכטער די אויגען—לאָז זי האָטש ווייסען, ווער דער פויגעל איז... נאָר ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז די דאָקטוירים האָבען אָנגעזאָגט הונדערט מאָל, אַז מע זאָל זי לאָזען צו-רוה און קיין וואָרט מיט איהר נישט רעדען פון אַזעלכע זאַכען, וואָס קאָנען זי אויפרעגען?

שרה האָט זיך לאַנג געבראָכען דעם קאָפּ, געזוכט אַלערליי מיט-לען, און סוף-כל-סוף געפונען דעם בעסטען וועג און דעם ריכטיגסטען מענשען דערצו. דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער, נאָר דער דאָק-טאָר, דער היימישער דאָקטאָר.

ערשטענס, איז ער אַ דאָקטאָר, און ווער נאָך ווייס אַזוי ווי אַ דאָקטאָר ווייס, ווי מע דאַרף צו רעדען מיט אַ חולה, ס׳זאָל נישט שאַד-טען? און, צווייטענס, איז ער דאָך אַ היימישער מענש, און ער בע-ריהמט זיך, אַז ער איז איהר געטריי—אַדרבה, לאָז ער אַקאָרשט אַרויס-בעווייזען זיין געטריישאַפט. גיין, קיין בעסערער שליח בעדאַרף מען נישט.

און שרה שפּיראָ האָט זיך נישט געפוילט און אַליין מיט איהר כּבוד זיך מטריח געווען צום דאָקטאָר אַהיים.

דערזעהען ביי זיך אַזאַ גאַסט, איז דער דאָקטאָר געוואָרען אַ

ביסעל צעמישט, זיך גענומען קראַצן אין דער ליסינע, וואָס גלאַנצט ביי איהם אין דער-היים אַקוראַט ווי אַן׳אויסגעשייערטער סאַמאָוואַר, געמאַכט בקצור מיט די אָרעמע פּאַציענטען, געגעבען דעם אַ שמיר איבער דער פּלייצע, יענעם גלאַט אַ שטופּ-אַרויס פון דער טיר: „גוט, גוט! אַן׳אַנדערש מאָל וועל איך אייך פערשרייבען אַ רעצעפּט!...״ און ער האָט ברייט אויפגעעפענט די טיר פון קאַבינעט און אריינגע-רופען צו זיך שרה שפּיראָ.

—זיצט, מאַדאַם, וואָס וועט איהר זאָגען גוטס?

ביידע האָבען זיי זיך אַוועקגעזעצט און ביידע האָבען זיך גע-פיהלט נישט פריגעלדיג, עפּעס ווי געצוואונגען, ווי אויף קויהלען... שרה׳ס אויגען האָבען גענומען לויפען אין אַלע זייטען, בעטראַכטען דעם דאָקטאָר׳ס קאַבינעט מיט׳ן באַרג מיסט און שטויב און ביכער מיט פּאַפּירען, מיט אינסטרומענטען, מיט אַ פּאָר קויטיגע מאַנזשעטען אויך אין קאָהן, אַלסדינג אויסגעמישט אינאיינעם און, ווי אַ יודינע אַ בעל-הבת׳טע, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען פון צו בעמערקען, וואָס פאַר אַ „הקדש״ ביי איהם איז, „ערגער ווי אין באָד״.

—הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איהר דאַרפט חתונה האָבען,—האָט זי איהם אַ וואָרף געגעבען גלאַט אַזוי פון יוצא וועגען, אַבי צו פערבינדען אַ שמועס. ער אָבער האָט דאָס אַנדערש אָנגענומען און איז געוואָרען רויט ביז אַריבער די אויערען און אויף דער גלאַנ-צענדיגער ליסינע זענען אַרויסגעטראָטען היבשע טראָפּענס שווייס. ער האָט אויסגעטהון די ברילען און אָנגעטהון באַלד צוריק.

—איהר זענט אַוודאי גערעכט. מאַדאַם, איך קלער טאַקי וועגען דעם שוין לאַנג, דאָס הייסט נישט לאַנג, איך האָב ערשט אָנגעהויבען וועגען דעם צו קלערען...

„אַז אָך און וועה צו דיין ליסינע —טראַכט זיך שרה שפּיראָ —קוים דערמאָנט זיך צו קלערען!... שוין צייט באַלד קינדער צו דער חופּה צו פיהרען, און ער האַלט ערשט ביי קלערען!...״

—איך האָב טאַקי געקליבען זיך וועגען דעם מיט אייך זיך אַן׳עצה האַלטען—זאָגט ווייטער דער דאָקטאָר און פיהלט ווי עס פער-חאַפּט איהם דער אָטעם.

—וואָס איז דאָ שייך אַן׳עצה?—שלאָגט איהם איבער שרה און פערשיט איהם מיט רעד, ווי איהר שטייגער איז, און ברענגט איהם טויזענדער ביישפּיעלען פון בעקאַנטע און אונבעקאַנטע, אַזעלכע, וואָס

האָבען חתונה געהאַט צו-פריה און אַזעלכע, וואָס האָבען חתונה געהאַט צו-שפּעט, און לאָזט אויס אַזוי:

—איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס ס'איז גלייכער פריה, איידער שפּעט, וואָרום זינט די וועלט שטעהט, האָט זיך נאָך דערוויייל נישט געטראָפען אַזאַ פאַל, אַז ווער עס האָט צו-פריה חתונה געהאַט, זאָל חרטה האָבען...

דערויף האָט איהר דער דאָקטאָר געוואָלט אָפּענטפערען, אַז, ערשטענס, מאַדאַם... נאָר מעהר ווי די צוויי ווערטער „ערשטענס, מאַדאַם" האָט איהם די מאַדאַם נישט געלאָזט אַרויסרעדען. זי האָט איהם פּערזיכערט, אַז זי וויים פריהער, וואָס ער וועט איהר ענטפערען, נאָר ס'איז בלאָטע, ס'איז נישטאָ קיין שום תירוצים, גאָט האָט אַזוי בעשאַפען די וועלט —פּערפאַלען. און איז אַריבער גלייך צום ענין, צוליעב וועלכען זי איז צו איהם געקומען.

—אַזוי ווי איהר זענט אַ היימישער מענש און אַ גוטער פריינד און מיין קינד, איך מיין טאַקי מיין בעטי'ן, וואָס איהר אַליין זאָגט, אַז איהר קענט זי, ווען זי איז נאָך געווען אָט אַזעלכע... (שרה בעוויזט מיט דער האַנד ביי דער ערד און דער דאָקטאָר שטעלט אָן אַנ'ערנסט פּנים און פּיהלט, אַז דאָס האַרץ פאַלט איהם שיער נישט אַרויס) על-כּן האָב איך צו אייך אַ בקשה.

און זי גיט איהם איבער גאַנץ באריכות די געשיכטע מיט די געסט, זייער קוואַרטיראַנט'ס פאָטער מיט'ן ברודער, פון וועלכע זי איז געוואוירע געוואָרען אַ סך שענע זאַכען, אַז דער ראַבינאָוויטש איז, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ שקרן, אַ כּוזב, אַ נאַרישער בעריה-מער, נישט קיין מוהמע, נישט קיין מיליאָנען, נישט קיין ירושה, ווייס איך וואָס, ווייס איך ווען, אַקוה איז געפּלויגען איבער'ן דאַך און געלעגט אַנ'איי...

דער דאָקטאָר, וואָס איז קוים איינגעזעסען אויפ'ן בענקעל, אַזוי האָט דאָס איהם געטראָגען אין דער לופטען, האָט זיך געשטאַרקט, ער זאָל נישט אויפשפּרינגען, ער האָט געפּיהלט, ווי דאָס האַרץ וואַקסט איהם ברייטער און ברייטער, און אַ רויזענצוויקעל האָט זיך איהם צעשפּיעלט אויף די באַקען, האָט געפּאַקט די מינוט, וואָס ער קאָן אַריינשטעלען אַ וואָרט; ער האָט זיך אויפגעהאַפּט פון אָרט, אויסגעטהון די ברילען און האָט זיך אָנגערופען צו איהר:

—הערט איהר, מאַדאַם, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך דאַרף

מיר פאַר אייך נישט בעריהמען און וויל נישט רעדען קיין שלעכטס אויף קיינעם, נאָר איך שווער אייך באמונות, אַז איך האָב עס גע-וואוסט פריהער. געוואוסט, ווי איהר זעהט מיך לעבען! אַ סימן האָט איהר: געדענקט איהר דאָס ערשטע מאָל, אַז מע האָט מיך גערופען צו איהם דעמאָלט, נאָך דער ערשטער אָבלאַווע, וואָס האָב איך אייך געזאָגט, מאַדאַם?

דער דאָקטאָר טהוט אָן די ברילען און זעצט זיך אַוועק.

—וואָס האָט איהר געזאָגט?—פרעגט איהם די „מאַדאַם" און קוקט איהם אין די אויגען אַריין, ווי אַ קאָזאַק, בשעת מען כאַפּט איהם אין אַ גנבה.

—איך האָב אייך געזאָגט, איך האָב אייך באַלד געזאָגט גאַנץ אויפריכטיג, אַז ער איז אַ מאָדנער יוד...

—אָט דאָס איז גאָר?—מאַכט שרה און וואַרפט זיך אָפּ אויפ'ן בענקעל—אַ שטומער וואָלט דאָס נישט אַרויסגערעדט אין אַ יאָהר, וואָס איהר האָט דאָ געזאָגט אין איין מינוט.

—ניין. איך האָב געוואוסט,—וויל דער דאָקטאָר איהר געבען צו פערשטעהן, נאָר שרה לאָזט איהם נישט רעדען.

—איהר האָט געוואוסט? מיין מאַן זאָגט אויך, אַז ער האָט גע-וואוסט. איהר זענט אַלע נביאים אויף נאָכדעם.

—פּאַ-פּאַזוואָלטיע, מאַדאַם...

—וואָס מיר פּאַזוואָלטיע!... ווער מיר פּאַזוואָלטיע!... איהר מיינט, ס'איז צווישען זיי, חלילה, עפּעס געווען? גאָרנישט! גאָלע גאָרנישט!...

דער דאָקטאָר איז צופריעדען, וואָס ס'איז צווישען זיי ניט גע-ווען גאָרנישט, און אַ ביסעל ווערט ער ווי דערשראָקען.

—איך וויים, אַז גאָרנישט... וואָס האָט דען געקאָנט זיין צווי-שען זיי?

שרה קוקט איהם אָן:

—אַלע בייזע וויסטע חלומות! וואָס הייסט, וואָס האָט געקאָנט זיין צווישען זיי... אַ וואָרט האָט געקאָנט זיין! וואָס נאָך האָט געקאָנט זיין?

דער דאָקטאָר טהוט אויס די ברילען און טהוט זיי אָן באַלד צוריק: „ווייזט אויס, הייסט עס, אַז עס האָט שוין ביי זיי געהאַלטען גאַנץ ווייט?..." ער זאָגט צו איהר:

—צווישען זיי אַ וואָרט? וואָס רעדט איהר?

—פאַרוואָס נישט? ס׳איז אפשר נישט גלייך?

—גלייך, זאָגט איהר? אַ מאָדנע יודינע איהר זענט! וואָס גלייכט איהר? אייער טאָכטער איז אַ טאַטענ׳ס אַ קינד און יענער איז אַ...אַ... איך ווייס ווער?

—נו יאָ, פערשטעהט זיך, איצט זענט איהר אַלע ווייטערס! אַלע חכמים! אויף נאָכדעם ווערט אַ בלינדער זעהענדיג, אַ טויבער הע- רענדיג און אַ שטומער רעדענדיג...

און לאַנג נאָך דרעהען זיי זיך ביידע אַרום דעם פונקט. זיי פערשטעהען נישט איינס דאָס אַנדערע... שרה שיט איהם אָפּ מיט רעד, לאָזט דערוויל איהם קיין מויל נישט עפענען, ביז זי קומט אַרויף סוף-כל-סוף אויפ׳ן רעכטען ענין: זי וויל, ער זאָל איהר העלפען, פערשטעהט איהר מיך, אַרויסרייסען ביי איהר טאָכטער פונ׳ם האַרצען אָט אָ יענעם... ס׳איז זעהר ביטער אַרויסצורעדען דאָס ריכטיגע וואָרט... מע בעדאַרף זיין אַ מאַמע, מע זאָל זי פערשטעהן... הקיצור, אַזוי ווי ער פאָהרט במילא צו איהר טאָכטער אַלע זונטאָג, זאָל ער מיט איהר דאָרט מאַכען אַ שמועס וועגען קוואַרטיראַנט, אַז אמת ער איז טאַקי אַ שלים-מזל נעבאַך, צווישען שלים-מזל׳ען אַ שלים-מזל און זיצט נעבאַך פאַר פרעמדע זינד, אַ כפרה פאַר כל ישראל, נאָר וואָס דען? ער איז, זאָל זי איהם מוחל זיין, אַ גאָרנישט שבגאָרנישט, אַ ליגנער, אַ שקרן, אַ פוסטע מיהל... און דערביי דערצעהלען די מעשה מיט זיינע קרובים, נאָר פאַוואָלינקע, נישט מיט אַמאָל, און מיט שכל, און געהיט, וואָרום מיט איהר בעטי׳ן בעדאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען, אַז מע וויל עפּעס רעדען אַנ׳ערנסטע זאַך: „ס׳איז, הערט איהר, אַ בעטי פון גאָט! שוין איין מאָל אַ בעטי!" —זאָגט זי צו איהם מיט אַ זיפץ, שוין שטע- הענדיג אויף דער טיר, און איהם לאָזט זי נאָך אַלץ נישט רעדען... זי זאָגט איהם אָן נאָך און נאָך אַמאָל ווי אַזוי ער זאָל מיט איהר רעדען, הזהר והשמר!...

שרה שפּיראָ איז צופריעדען, וואָס איהר איז געראָטען אויסצו- קלויבען אַזאַ גוטען שליח: טאָמער איז ער נישט אַזוי איבערגעשפּיצט, איז ער דערפאַר אַנ׳עהרליכער, נישט גלייך צו אַלע אַנדערע, און זיי- נע ווערטער וועלען ביי איהר בעטי׳ן האָבען אַ ווערט"...

דער גליקליכער מוטער, פערשטעהט זיך, איז אַפילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען, אַז זי שיקט דורך אַ קאַץ שלח-מנות... זי זאָל קוקען אַ ביסעל טיעפער, וואָלט זי געדאַרפט זעהן נאָכ׳ן דאָק-

טאָר׳ס שיינענדיג פּנים און נאָך זיינע אויגען, וואָס לויכטען איצט גאָר מיט אַנ׳אַנדער גלאַנץ און זעהען אויס אַ סך יונגער ווי אַלע מאָל, אַז דער מענש איז באמת מיט אַמאָל ווי יונגער געוואָרען, וואָס מע האָט אָנגעהאַנגען אויף איהם אַזאַ אָנענגעהמע קאָמיסיע... ער האָט זיך שוין צוגעגרייט אַפּילו ווי אַזוי ער וועט רעדען מיט דער מאַמזעל שפּירא, ביסלעכווייז וועט ער איהר אויפעפענען די אויגען אויף דעם חברה-מאַן, דעם אוואַנטוריסט... דערנאָך שוין, אַז ער וועט פאַרטיג ווערען מיט דעם, וועט ער שוין אין איין וועגס אַ רעד געבען וועגען זיך אויך, גאַנץ איידעל, פערשטעהט זיך, און רוהיג און טיעף דיפּלאָמאַטיש... ער, אַז ער וויל זיין רוהיג, קאָן ער... ער וועט איהר זאָגען, פאַרוואָס ער האָט ביז אַהער מיט איהר נישט גערעדט: פּשוט, ער האָט נישט געוואָלט זיך שטעלען אין וועג צווישען איהר און צווישען יענעם, וואָס איז יונגער פון איהם און אפשר מיט מעהר מעלות ווי ער... אַזוי האָט ער געדענקט און, דאַכט זיך, געהאַט רעכט אַזוי צו דענקען... איצט, אַז עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די יונגע לייט דאַרפען זיך לערנען איידעלקייט ביי זייערע עלטערע קאָלעגען... איצט, אַז עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז עס קומט צופאָהרען אַ יונגאַטש, אַנ׳אוואַנטוריסט, אַ שאָלטיק, אַ פייפער, אַנ׳אמת׳ער חלעסטאַקאָוו, גיט זיך אַרויס פאַר אַ רייכען יורש פון אַ מוהמע אַ מיליאָנערשע, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, און מאַכט נאָר אָנשטעלען, אַז ער קאָן נישט קיין צלם פאַר קיין אלף, פערשטעהט נישט כּלומר׳שט אַ יודיש וואָרט, פיהרט אַלעמען ביי דער נאָז, דער שוואַרץ יאָהר ווייס איהם צוליעב וואָס, אַבי פערדרעהען יענעם אַ קאָפּ —איז דאָך אַזעלכער ווערט, מע זאָל איהם, ער ווייס אַליין נישט וואָס! רוהיג, פיין, איידעל, אָהן אַ שום פּניה... ער, אַז ער וויל, קאָן ער... איצט דאַרף מען נאָר אַ ביסעל זיך צוגרייטען, ברענגען זיך אַ ביסעל אין אָרדנונג.

פערזאָדען זיך אַ ביסעל הייס וואַסער אויף דער ספּירט-מאַשינקע, ווי אַלע אַלטע בחורים, האָט ער אויסגעגלעט דאָס גאָל-מעסער אויפ׳ן לאַנגען לעדער-פּאַס, וואָס הענגט ביי איהם איבער דער טיר שוין כּמה וכמה יאָהרען און גלאַנצט אַזוי ווי זיין ליסינע, האָט ער זיך פערשלאָסען אין קאַבינעט, אַרומגעגאָלט זיך און אויף דער גיך איבערגעטהון זיך אין זיינע בעסטע פּאָר, געחאַפּט אַ קוק אויף זיך אין דעם אָנגעשפּאָלטענעם שפּיגעל און געמוזט זיך מודה זיין, אַז טאָמער ווייזט ער אויס נישט אַזוי שטאַרק יונג, דערפאַר אָבער זעהט ער אויס

סאָליד, און אַז עס זענען יעדענפאַלס פאַרהאַן אַ סך עלטערע בחורים פון איהם... און וואָס דער ליסינע אַנבעלאַנגט, איז אויך נישט אַזוי געפעהרליך: עס דרעהען זיך אַרום היינטיגע צייטען יונגע מענשען, בחורים, קאַוואַליערען, סטודענטען מיט קעפּ נאַקעטע, הוילע, איהר זאָלט זאָגען אַ סימן פון האָר, אַבסאָליוט גאָרנישט!... און ער גלעט אויס דאָס ביסעל געוויקס, וואָס איז איהם פערבליבען אַ זכר, אַז דער מענש האָט אַמאָל געהאַט אַ בעוואַקסענעם קאָפּ, און טרייבט ארויס דעם לעצטען פּאַציענט, וואָס האָט זיך מיט גוואַלד אַריינגעריסען און אָנגעזעצט זיך ווי אַ קלעק, דער הערר דאָקטאָר זאָל זיין אַזוי גוט און זאָל איהם עפּעס פערשרייבען.

—פערשרייבען? אָט דאָס וועל איך אייך פערשרייבען! —ווייזט איהם דער דאָקטאָר אויפ'ן שטעקען מיט אַן'עלפענביינערנער גאָלקע, וואָס איז געוועזען אַמאָל ווייס, נאָר מיט דער צייט איז זי געוואָרען געל —איך האָב אייך געזאָגט, דאַכט מיר צוואַנציג טויזענד מאָל, אַז זונטאָג נאָך האַלבען טאָג נעהם איך נישט אויף קיין קראַנקע—עס מעג זיין יהיה מי שיהיה! איין מאָל אין וואָך, חאָטש אַ האַלבען טאָג, מעג איך, דאַכט זיך מיר, אויך זיין אַ מענש ווי אַלע מענשען, צי ניין?

ער הייסט שפּאַנען דאָס פאַעטאָנדעל, דאָס אָפּגעבאָרעטע איינגע-הויקערטע פאַעטאָנדעל, רוקט אָן דאָס היטעל, גלייכט אויס דעם רו קען, ציהט זיך אויס מעשה-חתן און לאָזט זיך אין וועג אַריין לע-בעדיג און פריגעלדיג, ווי אַ מענש, וואָס פאָהרט כמעט אויף אַ פּאַרטי-גען עסק.

## דאָס הונדערט דריטע קאַפּיטעל.

### זי האָט איהם דערקענט!

ווי אַ בוקעט פון פיעלפאַרביגע בלומען, אַזוי האָט אויסגעזעהן פון דערווייטען דער וואָקזאַל אינ'ם זונטאָג'דיגען טאָג, בעת די אויסגעפוצטע דאַמען פון די דאַטשעס זענען אַרויסגעקומען צו בעגעגענען די געסט, וואָס דאַרפען אָנקומען פון דער גרויסער שטאָדט. אַנדערע האָבען אַרויסגעקוקט אויף זייערע אייגענע מאַנען, אויף בעקאַנטע, וואָס דאַרפען געוויס קומען, אַנדערע—טאָמער וועלען קומען געסט, און אַנדערע זענען אַרויסגעקומען—זיי ווילען גלאַט זעהן, ווער איז געקומען צופאָהרען. צוליעב דעם האָט מען זיך אָנגעטהון, אפילו זומערדיג און טאַקי אויפ'ן היימישען אופן, אַ ביסעל דעקאָלטירט, אַ ביסעל גלאַט אַזוי נישט פערשפּילעט, נאָר נישט געזשאַלעוועט נישט קיין זיידענשטאָף, נישט קיין פיעלפאַרביגע סטענגעס, די טייערסטע שפּיצען, ווייסע, רויטע, גריבע, געלע זאָנטיקלעך, אַ לעבעדיגער בוקעט פון לעבעדיגע בלומען.

צוליעב דעמדאָזיגען זונטאָג האָט זיך בעטי שפּיראָ נאָך פון גאַנץ פריה אָן אָנגעטהון פון אויבען ביז אַראָב אין ווייסען; אַ ווייס באַטיסט קלייד מיט ווייסע שפּיצלעך, אַ ווייס היטעלע, ווייסע הענטשקעלעך, אַ ווייס זאָנטיקעל און אפילו שיכלעך אויך ווייסע. דאָס אַלסדיג איז געווען טאַקי נישט פון ערשטען סאָרט, אפשר דאָס סאַמע ביליגסטע, וואָס שרה שפּיראָ האָט פערמאָגט איהר צו קויפען; דערפאַר איז דאָס אָבער געלעגען אויף איהר אַזוי חנ'עוודיג, אויסגעגאָסען, און עס האָט זיך אַזוי געפאַסט צו איהר זעלטען שענער פיגור און צו איהר זעלטען שען פנים, וואָס האָט זיך פערצוויקעלט אונטער דעם רייכען בינט געדיכטע, אויף

דער גיך צונויפגעדרעהטע האָר, און צו איהרע גרויסע קאַרע קלוגע אויגען אונטער די געדיכטע זיידענע ברעמען, אַז אַלעס אויף איהר האָט אין דעם דאָזיגען שענעם ליכטיגען זומערדיגען פריהמאָרגען געפינ-קעלט, געשעמערירט און געזונגען. קוקענדיג אויף איהר, האָבען נישט ווילענדיג זיך איינגעבעטען אַזעלכע פערגלייכענישען, ווי: „מאָרגענ-שטערן", „שולמית", „חבצלת השרון", „שושנת העמקים" און נאָך אַזעל-כע ווערטער פון שיר השירים.

בעטי האָט נישט געזאָגט קיינעם, אַז זי קלויבט זיך ערגיץ געהן און האָט איהר אויפרעגונג פערבאָרגען, קיינער זאָל נישט זעהן. נאָר נאָכ'ן עסען, אַז די פאַמיליאַנטען האָבען זיך צוגעלעגט רוהען, און די „באַרישנעס" האָבען גענומען די ביכלעך און די האַמאַקען און זענען אַוועק, ווי אַלעמאָל, אין וואַלד, האָט בעטי אָבגעוואַרט די שעה און האָט זיך שמילערהייד אַרויסגעגליטשט פון איהר חדר'ל, פריהער אין גאָרטען אַרויס, און פון דאָרט אַוועק מיט דער גאַס אויפ'ן וואָקזאַל. אַהין איז זי געקומען שוין אַקוראַט צום רעכטען טומעל, ווען דער גאַנצער לעבעדיגער בוקעט פון די לעבעדיגע בלומען האָט זיך אַ טראָג געגעבען פון די טרעפ און געלאָזט זיך אַנטקעגען די אָנגעקומענע וואַ-גאָנעס, פון וואַנען עס האָבען זיך אַרויסגעשאָטען איינציגווייז די אָנ-געקומענע פאַסאַזשירען און פאַסאַזשירקעס מיט גרויסע פאַפיר-סקאַרמו-טשען, קוישען, קוישלעך און פידלעס און עס איז אויף אַ ווײַלע גע-וואָרען הו-האַ, אַ האַרמידער און אַ יאַריד.

בעטי האָט פון דערווייטען דערקאָנט נאָכ'ן געל-ווייסען פידזשאַק דעם פינסקער בחור, בעני הורוויטש, וואָס האָט מיט זיין ברייט גע-שפרייגקעלט פנים ברייט געשמייכעלט נאָך פון וואַגאָן אַרויסקריכענדיג. און נאָך אַ פאַרשוין האָט זי בעמערקט נאָך איהם אַרויסגעהן פון וואַ-גאָן, אַ הויכען, אַ ברייט-ביינעדיגען פאַרשוין, אונטער אַזאַ ברייטען ווײַ-סען שטרויענעם קאַפעליוש, אַז ס'איז אונמעגליך געווען צו זעהן, וואָס פאַר אַ פנים ער האָט.

דעם פאַרשוין מיט'ן ברייטען קאַפעליוש האָט בעני הורוויטש אי-בערגעלאָזט אויף אַ ווײַלע אונטען ביי די טרעפ און אַליין האָט ער אויף דער גיך, מיט זיינע גרויסע פיס, אַרויפגעשפאַנט גלייך צו דער מאַמזעל שפּיראָ און מיט זיין פרעהליכען טאָן, ווי אַלעמאָל, מאַכט ער צו איהר:

— מזל-טוב, כ'האָב אייך געבראַכט דעם אַנטיק, וואָס איהר האָט

געוואָלט זעהן, איין געוועזענעם קנעפּעל, די „אָבגעשלאָגענע הושענא״...
ער ווייס נאָך אַלץ נישט, הערט זיך איין, ווער עס האָט איהם גע-
שלייערט, אַ קלאָג צו איהם... אַוואו, רעכענט איהר, איהם אויפנעהמען,
אָדער, פיינער גערעדט: וואו רעכענט איהר איהם געבען אייער
ראַנדעוואו?

די לעבעדיגקייט פון הורוויטשעס בלומען-שפּראַך ווערט איבער-
געגעבען צו בעטי'ן און, לאַכענדיג, ווייזט זי איהם אָן טאַקי אָט דאָ
באַלד, רעכטס, אויף דער אַלעע פון נאָך גאָר יונגע בוימלעך, וואָס
נעהען באַרג אַרויף מיט גרינע בענק ביי די זייטען. די אַלעע ענדיגט
זיך מיט אַ פּאַנטאַן, בעציערט מיט אַ יונג נאַקעט מלאכ'ל, וואָס האַלט
אַ פייפעלע און שפּריצט מיט וואַסער פון אונטען אַרויף. אָט דאָ וועט
מען קאָנען זיצען און רעדען.

— פּיססססס! מע דאַרף גאָרנישט בעסער — גיט הורוויטש זיין הסכמה
און נעהמט צונויף די ליפּען — אַנ'אמת'ער גן-עדן התחתון! דער גרעסטער
פּאָעט, הערט זיך איין, וועט נישט צוטראַכטען קיין מעהר ראָמאַנטי-
שען פּלאַץ פאַר אַ ראַנדעוואו פון אַ יודישער שולמית מיט אַ גוי'עשען
שערלאָק חאָלמס, אָדער נאָט פּינקערטאָן, חאַ-חאַ! איהר, זייט אַזוי גוט,
זעצט זיך אַוועק אויף אַ ווייַלע, און איך וועל געהן, הערט זיך איין,
נאָך מיין גוי.

מיט די ווערטער האָט זיך דער פרעהליכער הורוויטש פון פּינסק
געלאָזט פון די טרעפּ אַראָב צו זיין פּאַרשוין און בעטי האָט זיך
דערווייל אַוועקגעזעצט אויף איינער פון די גרינע בענק, וואָס ביים
פּאַנטאַן מיט'ן שפּריצענדיגען אַמור. זי האָט זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט,
ווי דערווייל איז דער עולם געוואָרען שיטערער און שיטערער, דער
טומעל קלענער און דער לעבעדיגער בוקעט איז זיך צוגאַנגען, ווי
פּריש אויסגעפּאַלענער שניי אויף דער זון. נאָך אַ מינוט, און אויפ'ן
וואָקזאַל איז נישט געבליבען קיין נפש, אויסער די פּאָר טרעגער און
סטרוזשעס, וואָס האָבען צונויפגעקאַטשעט דאָס איבערגעבליבענע ביסעל
באַגאַזש, אַ פּאָר שטוהלען, געפּאַקט אין שטרוי, אַ קינדערש וועגעלע,
אַ וועליסאָפּעד און נאָך אַזעלכע זאַכען. אויסער זיי האָט זיך נאָך אַרומ-
געדרעהט דער נאַטשאַלניק סטאַנציע מיט אַ רויטען היטעל אויף אַ
טשאַכאָטאָטשנעם פּנים, אָנגערוקט ביז סאַמע די אָבגעשטאַנענע אויערן;
ביידע הענד האָט ער געהאַלטען אין די קעשענעס פונ'ם וואַרימען
פּאַלטאָ, חאָטש אין דרויסען איז געווען גענוג וואַרים, און געקוקט האָט

ער אַרויף, געקליבען נחת, אַפּנים, פונ׳ם בלויען לויטערען הימעל און פון דער לויטערער, ליעבער, וואַרעמער זון.

גיך האָט זיך בעוויזען דער פינסקער בחור און באַלד נאָך איהם דער ברייטביינינגער פּאַרשוין מיט׳ן ברייטען ווייסען קאַפּעליוש, פון וועלכען עס האָבען זיך שאַרף אַרויסגעזעהן שוואַרצע אָדער טונקעל-בלויע ברילען מיט גלאַנצענדיגע, קיילעכדיגע אויסגעבייכיגטע גלעזלעך— ברילען, וואָס זענען בעשאַפען געוואָרען לכתחלה צו פערשטעלען, בע-האַלטען די אויגען... די דאָזיגע טונקעלע ברילען זענען נישט אָנגע-נעהם בעטי׳ן פון תמיד אָן, ובפרט נאָך פון יענעם בעגעגעניש אָן מיט יענעם געוויסען פּאַרשזין, וואָס האָט איך געטראָגען אַזעלכע ברי-לען... דערמאָנט זיך אָן יענעם פּאַרשוין, פערליערט בעטי איהר גוטען לוין, וועלכען הורוויטש פון פינסק האָט אויף איהר נאָר-וואָס אָנגע-וואָרפען מיט זיין שטענדיג-פרעהליכען פנים און מיט זיין זעלטען-לע-בעדיגער שפּראַך. און דער פּאַרשוין מיט׳ן ברייטען קאַפּעליוש, נאָך איידער ער איז צוגעגאַנגען נאָהנט און איידער הורוויטש האָט איהם פּאָרגעשטעלט, האָט שוין פון דערווייטען אַראָפּגענומען דעם קאַפּע-ליוש,—און דאָ האָט בעטי בעדאַרפט זיך אָנהאַפּען מיט דער האַנד אָן דער פּאַרענטשע פון דער באַנק, אויף וועלכער זי איז געזעסען, אַז זי זאָל נישט אומפאַלען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

**זי האָט איהם דערקענט!...**

אין אַ רגע כמימרא, אין איין אויגענבליק, האָט זי איבערגעלעבט נאָך אַמאָל אַלעס, וואָס זי האָט איבערגעטראָגען אין יענער נאַכט, וואָס זי וועט נישט פערגעסען ווייל זי וועט לעבען... וואָס טהוט מען? זיך אויפהויבען און אַנטלויפען?.. ניין, דערצו איז נישט געווען שוין נישט קיין צייט, נישט קיין מעגליכקייט, נישט קיין כח אויפצוהויבען זיך און נישט קיין ווערטער אויף אַ וואָרט אַרויסצורעדען. ווי אַזוי איז דאָס געשעהן, וואָס זי האָט זיך נישט פריהער רעכט צעפרעגט, ווער דאָס איז? אַ „קנעפּעל" האָט דאָך איהר הורוויטש געזאָגט, אַ „געוועזען קנעפּעל", איצט אַנ׳אָפּגעשלאָגענע הושענא"—זי האָט אַליין בעדאַרפט טרעפען ווער דאָס איז... עס איז געווען גרינג צו טרעפען... נאָר וואָס העלפט שוין איצטער? פערפאַלען—דאָס איז ער!... ער איז דאָס איהר מיטהעלפער אַצונד און דורך איהם וועט מען דאָס דאַרפען שי-צען, ראַטעווען דעם כבוד פון איהר געליעבטען און די עהרע פון זיי-

אַלעמען, פון איהר גאַנץ פאָלק — דאַרף מען נאָך האָבען אַ מעהר בי-טערע איראָניע?...

נישט ווינציגער איבעררייַשט, אַפּנים, איז געווען אויך ע ר. עס ווייזט אויס, אַז ער האָט זי אויך באַלד דערקענט, וואָרום ווי ער איז געשטאַנען מיט דעם אויפגעהויבענעם קאַפעליוש אין האַנד, אַזוי איז ער געבליבען אַ פערגליווערטער און דאָס פּנים האָט ביי איהם אין איין מינוט זיך איבערגעביטען עטליכע מאָל, בעקומען אַן אַנדער אויסזעהן. בכלל איז די טבע פון דעם דאָזיגען פּאַרשוין צו בייטען זיין פיזיאָ-נאָמיע אַלע מינוט, אַלע רגע, אַז איהר זעהט איהם היינט, זעגט איהר נישט בעוואָרענט, אַז איהר וועט איהם זעהען מאָרגען אַקוראַט דעם אייגענעם, וואָס נעכטען.

איצטיגס מאָל האָט ער זיך אַזוי ווייט פערלאָרען, אַז ער האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ פּנים ער זאָל אָננעהמען. פאָהרענ-דיג אַהער, האָט ער וויפיעל מאָל געבעטען הורוויטש׳ען, ער זאָל איהם זאָגען, ווער איז דער „מענש", וואָס וויל זיך מיט איהם זעהן? בסך-הכל איז ער געפאָהרען אַהער אָהן אַ שום חשק און ווען אָט דער לאָווקי יעווריטשיק (הורוויטש), צו וועלכען ער פיהלט אַ מאָדנע סימ-פּאַטיע און צוטרויען, זאָל איהם נישט נעהמען מיט ווערטער, וואָלט ער אפשר גאָרנישט געפאָהרען אַהער. אָט דער „נאַכאַלני זשידאָטשיק" האָט זיך מיט איהם געררייצט, אַז ער איז אַ „טרוס", אַז ער האָט מורא צו פאָהרען... ע ר איז אַ טרוס? ע ר האָט מורא צו פאָהרען? ע ר, וועלכער האָט זיך אויסגעוואַלגערט מיט אַלע גנבים, הוליגאַנעס און רוצחים, האָט מורא פאַר אַ יודען??.. און ער האָט שוין מעהר נישט געוואָלט זיך נאָכפרעגען און איז געגאַנגען בלינד, אויף אַ געדעקטע קאָרט—און אָט וועמען ער האָט דערזעהן!...

וועמען-וועמען, נאָר אַז ער וועט דאָ בעגעגענען דאָס מיידעל—האָט זיך איהם אַפילו נישט גע׳חלומ׳ט! דאָס מיידעל—דאָס איז דאָך די „וועטוס פון דער יודישער גאַס", נאָך וועלכער ער האָט זיך אומ-זיסט געיאָגט און איבער וועלכער ער האט פערשפּיעלט זיין קאַריערע... ער ווייס עס גאַנץ גוט, חאָטש קיינער האָט דאָס איהם נישט געזאָגט, נאָר ער ווייס... ער ווייס, אַז אַקעגען איהם האָבען זיך אָנגעהויבען פון יענעם טאָג אָן, וואָס נאָך י ע נ ע ר נ אַ כ ט, אַ אינטריגע איבער אַ אינטריגע, אַ גאַנצע מלחמה,—ביז מע האָט איהם געגעבען דעם וועג... ער ווייס, אַז מע האָט איהם געוואָלט גאָר איינגאַנצען בעגראָבען, איז

גישט געווען פאַרוואָס—אַפּנים, ווייל דאָס מיידעל אַליין האָט נישט געוואָלט פערפיהרען קיין עסק.. וויפיעל מאָל האָט ער זי געהאַט אויפ׳ן זינען? וויפיעל מאָל האָט ער געטראַכט וועגען איהר, געוואָלט וויסען, וואו זי איז, וואָס זי מאַכט?... געהערט האָט ער דעמאָלט, אַז זי איז קראַנק, אין באָלניצע ליעגט זי. ער האָט גאָר געהאַט געהערט, אַז זי איז געשטאָרבען... דערנאָך האָט מען דערצעהלט, אַז ס׳אַ ליגען— און אָט איז זי גאָר דאָ!... און זי איז דאָס אָט די, וואָס וויל זיך מיט איהם זעהן, שמועסען וועגען דעם ענין, אויף וועלכען ער איז גרייט איצט מקריב צו זיין דאָס גאַנצע לעבען, בכדי צו נוקם זיין זיך אין זיינע בלוטיגע פיינד!... אַוודאי, ווען עס עפענט זיך דאָ אַ גרוב, וואָלט ער אַריין אַ לעבעדיגער!

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס דער מענש האָט געפיהלט אין די דאָזיגע עטליכע שווערע מינוטען: פערדראָס? חרטה? דאָס, וואָס מענשען רופען אָן „געוויסענסביסען”? האָס אויף זיך אַליין אָדער אויף עמיצען אַנדערש?... אָדער אַלסדינג אינאיינעם?... ווער קאָן דאָס אי-בערהויפּט וויסען, וואָס עס טהוט זיך ביי יענעם אויף דער נשמה, ובפרט נאָך אויפ׳ן דנאָ פון דער נשמה פון אַנ׳„אָפּגעשלאָגענער הושענא”, וואָס האָט אויף זיין געוויסען נישט איין עבירה און אפשר נישט איין פער-ברעכען, און וואָס ווערט צוליעב נקמה און צוליעב אַנדערע אייגענע רעכנונגען פלוצים אַ בעל-תשובה?...

## דאָס הונדערט פיערטע קאַפּיטעל.

### אַ פּאַיאַץ!

נאָר אויב די צוויי, בעטי און די „אָפּגעשלאָגענע הושענע״, זע-
נען איבערראַשט, איז זייער פערמיטלער, בעני הורוויטש פון פינסק,
געווען אַ סך מאָל מעהר איבערראַשט ווי זייביידע. „מילאָ, זי — האָט
ער זיך געטראַכט—איז חאָטש אַ מיידעל, ווי זאָגט מען דאָס, אַנ׳איי-
דעלע מאַטעריע, אַ רוחניות, וואָס מיט איין בלאָז קען מען זי אַוועק-
בלאָזען, און אַ גוטען טאָג. אָבער דער גוי, אַוואו איז אַהינגעקומען זיין
גבורה מיט זיין לשון? וואָס טהוט זיך עס מיט איהם? שטעהט ווי אַ
חתן, אָדער ווי אַ מחותן אויף אַ יאריד—מע בעדאַרף זיי אַ ביסעל צו-
שאָקלען!״... און ער איז שוין גרייט געווען אַרויסצוטרעטען פּאַר אַ
מליץ יושר צווישען זיי, קודם-כל זיי פאָרשטעלען, ווי דער מנהג איז,
און דערנאָך אַרויספיהרען זיי אויפ׳ן גלייכען וועג און פאָהרט געזונד—
האָט דאָס בעטי בעמערקט נאָך זיינע אויגען, און איידער ער האָט
נאָך געעפענט אַ מויל, האָט זי פערחאַפּט דעם וועג. זי האָט זיך אָנ-
גענומען מיט די לעצטע כחות, אויפגעשטאַנען פון איהר אָרט, געמאַכט
צוויי טריט און אָנגערופען זיך צום פאַרשוין ווי ווייט מעגליך פעסט,
חאָטש דאָס קול האָט איהר אַ ביסעל געוויברירט און די בעקלעך האָ-
בען זיך פערצוויקעלט:

—האָט קיין פאַראיבעל, מיר וועלען זיך איינס דאָס אַנדערע
נישט פאָרשטעלען, ווי דער מנהג איז, ביי די נעמען נישט אָנרופען—
ס׳איז נישט וויכטיג. מיר האָבען אַ סך וויכטיגערס וואָס צו טהון... מיר
זעהען זיך מיט אייך דעם ערשטען מאָל (זי שטעלט די טראָפּ אויפ׳ן
וואָרט „ערשטען״) און מסתמא אויך דעם לעצטען מאָל... מיר וועלען

נישט רייבען קיין צייט אומזיסט—מיר האָבען זעהר ווינציג צייט, סך-הכל עטליכע מינוט—איך דאַרף נאָך פאָהרען פון דאַנעט אין אַ צוויי-טען דאָרף אַריין, איך וואוין דאָרט ביי מיינער אַ שוועסטער... (זי וואַרפט אויף בעני הורוויטש'ען אַ קוק) לאָמיר צוטריטען גלייך צו אונ-זער עסק...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און געוויזען אויך איהם אַנ'אָרט אויף צו זיצען, נעבען איהר. דער פאַרשוין האָט פרי-הער אויסגעטהון דעם קאַפּעליוש און געזוכט אַנ'אָרט פונ'ם קאַפּעליוש וועגען און לאַנג נישט געקאָנט געפינען. עס איז געווען צו זעהן, אַז דער מענש איז נאָך איבערראַשט און נאָך נישט געקומען צו זיך. דער-נאָך האָט ער זיך צוגעזעצט נאָך אַלץ אָהן ווערטער. נאר נאָכ'ן קוקען, וואָס ער האָט געקוקט דורך די טונקעל-בלויע ברילען אויפ'ן פינ-סקער בחור, איז געווען צו זעהן, אַז אויף איהם איז ער געווען אין דער מינוט להרוג ולאבד, וואָס ער האָט איהם אונטערגעפיהרט... און גלייך ווי בעטי וואָלט איבערגעחאַפּט אין דער לופט זיינע געדאַנקען, אָדער גלאַט ווילענדיג פערבינדען דעם שמועס וואָס גיכער און טאַקי אין איין וועגס פערענטפערן הורוויטש'ען, רופט זי זיך אָן צום פאַר-שוין מיט אַ שמייכעל, וואָס קאָסט זי אין דער מינוט זעהר טייער:

—אונזער פריינד הורוויטש האָט אייך מיסטיפיצירט. ער האָט אייך געזאָגט, אַז אַ מ ע נ ש וואַרט דאָ אויף אייך, וויל זיך מיט אייך זעהן... צום סוף איז דאָס גאָר אַ... מיידעל. דאָס איז געווען מ יי ן אויפטהו. דאָס האָב א י ך איהם אַזוי געהייסען...

די לעצטע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען מיט אַזאַ גדלות און בעטי האָט אַזוי הויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד אַזוי גרויסאַרטיג, אַז מע האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס רעדט אַ קעניגין מיט איהרען אַנ'אונטערטעניגען, צו וועלכען זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון זיין טובה וועגען...

„דאָס מיידעל, הערט זיך איין, הויבט מיר אָן צו געפעלען... זי איז פון מיינע לייט—טראַכט זיך בעני הורוויטש פון פינסק—זי איז גאַנץ נשקשה'דיג משוגע... צו וואָס טויג איהר האַקען אַזעלכע שקרים.. נאָר מסתמאָ איז דאָס איהר פּאָליטיקע אַזעלכע—מיין באָבעס דאגה!"...

און מחמת מע האָט דאָך איהם נישט געבעטען זיצען, האָט ער דערפון אַרויסגעזעהן, אַז מסתמא וועט מען זיך דאָ בעגעהן אָהן איהם. און

אפשר איז עס פאַר איהם אַ סוד? אָדער אפשר איז ער גאָר געווען פערנומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען? ווי די מעשה איז, ער האָט זיך נישט בעמערקטערהייד אָפּגעווייטערט פון זיי, אָפּגעטרעטען אַ ביסעל אויף אַ זייט, אָנגעלעהנט זיך מיטביידע הענד איבער׳ן פלויט, וואָס איז בעוואַקסען מיט גרינעם און, פערטיעפט זיך אין מחשבות, האָט ער שטילערהייד זיך אונטערגעזונגען אַ פינסקער ליעדעל, צוקלאַפענדיג מיט׳ן פוס צום טאַקט.

קומט אַ גוי אין שענקעלע אַריין,
אין שענקעלע אַריין—
טרינקט ער אויסעט אַ פלעשעלע ווייז,
אַ פלעשעלע וויין.
אוי! שכור איז אַ גוי!
שכור איז ער,
טרינקען מוז ער,
ווייל ער איז אַ גוי...

קומט אַ יוד אין בית-המדרש אַריין,
אין בית-המדרש אַריין—
חאַפּט ער אַ קוק אין אַ ספר׳ל אַריין,
אין אַ ספר׳ל אַריין.
אוי! ניכטער איז אַ יוד!
ניכטער איז ער,
ווייל ער איז אַ יוד...

און בעטי איז געווען אַזוי אַריינגעטהון אין איהר שמועס מיט דעם פאַרשוין, אַז זי האָט כמעט גאָרנישט אַרומגעקוקט זיך אויפ׳ן פינסקער בחור. זי האָט אין קורצע ווערטער און גיך-גיך, אויף איין פוס, געוואָלט איבערגעבען איהם דאָס סאַמע נויטיגסטע. זי האָט געזאָגט:

—איך ווייס אַלעס. אָט דער הורוויטש האָט מיר איבערגעגעבען אַלסדינג, וואָס ער האָט געהערט פון אייך וועגען וואָלאָדי שטשיגרינסקעס טויט... איהר דאַרפט איהם מוחל זיין, וואָס ער האָט מיר אָהן אייער וויסען איבערגעגעבען אַ פרעמדען סוד... דאָס האָט ער דערצעהלט נאָר מיר און ווייטער קיינעם ניט... און ס׳איז גאַנץ גוט, וואָס ער האָט דאָס מיר דערצעהלט... מיך אינטערעסירט דאָס נישט

ווינציגער און אפשר נאָך מעהר ווי אייך... איז איינס. און, צוועיטענס, קאָן איך אייך אין דער זאַך זיין אַזוי פיעל נוצליך, וויפיעל איהר אַליין קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלען. אַז איך וועל אייך זאָגען מיט וואָס איך קאָן אייך נוצליך זיין, וועט איהר פערשטעהן, אַז דער גנב, וואָס האָט זיך בעריהמט, אַז ער האָט בעוויזען, וואָלאָדקי'ס רענצעל מיט די ביכלעך און טעטראַדען... איך האָב שוין פערגעסען זיין נאָ-מען...

—מאַקאַר זשערעבטשיק—האָט זיך דער פאַרשוין מיט די בלויע בריללען אַרויסגעהאַפּט און באַלד ווי חרטה געקריגען, וואָרום ער האָט געוואָלט זאָגען עפּעס אַנדערש, האָט איהם בעטי איבערגעשלאָ-גען. זי האָט זיך דערפרעהט וואָס זי האָט זיך דערמאָנט דאָס, וואָס זי האָט ביז אַהער בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען זיך.

—אָט-אָט, אַזוי טאַקי האָט ער געהייסען... האָט ער אייך דער-צעהלט, אָט דער מאַקאַר זשערעבטשיק, אַז ער האָט אַ געליעבטע, אַ כלה, עפּעס אַ מיידעל, וואָס ביי איהר געפינט זיך אָט דאָס רענצעל? ס'איז אמת... איך קען אייך עדות זאָגען, אַז ס'איז אמת; איך קען זיך מיט דער... מיט דעם מיידעל, און פון איהר אַליין טאַקי האָב איך דאָס געהערט.

דעס ווערט געזאָגט מיט'ן זעלבען גדלות און מיט'ן זעלבען גרויסאַרטיגען מאַך מיט דער האַנד, און דאָ האָט זיך שוין דערפרעהט דער פאַרשוין מיט די בלויע ברילען.

—איהר קענט זיך מיט איהר פערזענליך? זי אַליין האָט עס אייך דערצעהלט?

—זי אַליין... איך האָב נאָר פערגעסען, ווי מע רופט זי... דאָס איז אָבער נישט שווער צו געוואוירע ווערען, און אייך איז דאָס גרינ-גער ווי אַנ'אַנדערן... איהר דאַרפט געדענקען... און אויב איהר גע-דענקט ניט, קאָנט איהר דאָס פון די ביכער אַרויסבעקומען—אַז אין יענער נאַכט... אין דער נאַכט, ווען מיר... ווען איהר...

דאָס האָט זי שוין גערעדט נישט מיט אַזאַ גדלות ווי פריהער... און דער פאַרשוין מיט די טונקעלע ברילען האָט פערשטאַנען פון וואָסער אַ נאַכט דאָס מיידעל רעדט און פאַרוואָס זי פּלאָנטערט זיך, איז איהם געפעלען איצטער פאַר איהר זיך צו ענטשולדיגען, בעטען, זי זאָל פערגעסען, וואָס ס'איז געוועזן...

אין דער דאָזיגער מינוט האט ער בעקומען שוין גאָר אַנ'אַנדער

פנים, אַ פנים פון אַנ׳אמת עהרליכען בעל-תשובה, וואָס מע האָט איהם געחאַפּט מיט אַנ׳עבירה, אָדער פון אַ חדר-יונגעל, וואָס דער לעהרער האָט איהם געגעבען צו וויסען, אַז ער ווייס שוין אַלסדינג... ער האָט גענומען דעם בּרייטען שטרויענעם קאַפּעליוש אין די הענד, נערוועז גע-נומען דרעהען איהם אויף אַלע זייטען און נאָר אָנגעהויבען צו רעדען: „פערגעסט, איך בעט אייך זעהר, פערגעסט, וואָס ס׳איז געווען... איך בין געווען אַ...” האָט זיך בעטי דערשראָקען, מורא געהאַט טאָמער דערמאָנט ער דאָס, וואָס איז געווען, מיט אַ וואָרט אַפּילו און זי טהוט אַ וואָרף אָפּ דעם קאָפּ און מאַכט אַ מאָדנע בּעוועגונג מיט די הענד, גלייך ווי זי וואָלט געוועו פון זיך עפּעס אַוועקגעשטויסען און זאָגט צו איהם שטרענג, מיט׳ן האַרבען וואָרט, אַז ער זאָל ניט דערוועגען זיך אַפּילו אַ וואָרט אַרויסצורעדען פון דעם, וואָ ס׳איז געווען!... (זי קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטען) אויב ער וויל באמת דערגעהן דעם רעכטען שליסעל צו דעם, וואָס ער זוכט, בּעדאַרף ער נישט אַרויסבּעווייזען אפילו קיין סימן, אַז... (זי קוקט זיך אַרום) אַז זיי האָבען ווען ס׳איז אַ מאָל ער-גיץ בּעגעגענט זיך... אַניט הויבּט זי זיך אויף—און ער וועט זי שוין מעהר גיט זעהן, ווי ער האָט זי ניט געזעהען ביז אַהער!

דער טאָן פונ׳ם דאָזיגען מיידעל איז איהם געווען בּעקאַנט נאָך פון פריהער... איצט, דערהערט איהרע רעד, און דערזעהן נאָך איהר פלאַמענדיג פּנים און בּרענענדיגע אויגען, אַז דאָס רעדט דער פעסטער ווילען פון אַ מענשען, וואָס ס׳איז שווער צו בּרעכען און בּייצוקומען, האָט ער אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ, אַ בּיסעל ווי איינגעצויגען אין די אַקסלען אַריין, ווי אַ טשערעפּאַכע, און איז אַנטשוויגען געוואָרען ווי אַ קעצעלע און איינגעהערט זיך, נישט דורכגעלאָזט קיין וואָרט פון דעם, וואָס בּעטי האָט איהם דערצעהלט ווייטער האַפּענדיג גיך-גיך. זי האָט איהם דערצעהלט אַלסדינג, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פון יענער איבּער דעם מאַקאַר זשערעבּטשיק, און פון דער בּייטש, וואָס יענע האָט אויף איהם—דאָס רענצעל מיט בּיכלעך פונ׳ם גע׳הרג׳עטען וואָלאָדקי... איצט בּלייבּט איבּער נאָר אַרויסצובּעקומען דעם נאָמען פון דער דאָזי-גער... און דאָס איז זעהר גרינג—האָט בּעטי אויסגעלאָזט—ווייל אין יענער נאַכט (זי קוקט זיך אַרום) זענען זיי נאָר אין צווייען געווען איינגעשפּאַרט... און וויבּאַלד נאָר מע ווייס איהר נאָמען, איז שוין נישט שווער זי שוין צו געפינען, ובּפרט אויב נאָר זי האָט קיין

טעות נישט, בעדאַרף זי זיך געפינען נישט ווייט פון דאַנען, אויב נישט אין דעם דאָזיגען דאָרף טאַקי.

בעטי האָט געענדיגט, און דער פאַרשוין מיט די טונקעל-בלויע ברילען, וואָס איז געזעסען ווי אויף נאָדלען, נאָר איינגעהאַלטען זיך, געשלונגען איהרע ווערטער, מורא געהאַט זי איבערשלאָגען מיט אַ וואָרט, וויבאַלד נור זי האָט געענדיגט, אַזוי האָט ער זיך געגעבען אַ הויב אויף פונ׳ם אָרט און באַלד צוריק אַוועקגעזעצט זיך און בעקומען שוין גאָר אַנ׳אַנדער פנים, כמעט נישט אויף צו דערקענען. אויף זיינע גראָבע תאוה׳דיגע ליפען האָט זיך אַוועקגעלעגט אַ שמייכעל, דעם קאָפּ האָט ער אויפגעהויבען אַרויף און אַ ביסעל אויף אַ זייט, די הענד האָט ער זיך פערלעגט הינטער די פלייצעס, און שאָקלענדיג מיט איין פוס, האָט ער זיך אָנגערופען צו בעטי׳ן בזו הלשון:

—איז מיר ערלויבט צו זאָגען אַ וואָרט? איהר ווייסט נישט, וואָס איהר האָט דאָ אויפגעטהון מיט דעם, וואָס איהר האָט מיך אַרויסגערופען און האָט מיר אָט דאָ דערצעהל׳ט. איהר האָט מיר געגעבען אַזאַ קאָזיר אין האַנד אַריין (דערביי טהוט ער אַ מאַך מיט דער האַנד און עס טהוט אַ גלאַנץ אויף דער זון דער ברילאַנט פון זיין גאָלדענעם רינג, וועלכען בעטי האָט דערקענט פון יענער נאַכט), אַזאַ קאָזיר, אַז איידער איהר קוקט זיך אַרום, איז שוין דאָס גאַנצע געזינדעל ביי מיר אָט אַ דאָ (ער בעווייזט אויף דער בוזעם-קעשענע). איך האָב שוין גאָרנישט וואָס נאָכצוקוקען אין קיין ביכער אויף יענער יפה-פיה... (ער גלעט זיך מיטביידע הענד איבער די קניהעס) וויבאַלד, אַז דאָס איז די, וואָס איז געווען יענע נאַכט אין אוטשאַסטאָק, איז דאָס נישט קיין אַנדערע, נאָר מאַשאַ, מאַשאַ טשערעפּקאָוואַ... עך, מאַשקאַ, מאַשקאַ!

—האָט ער אַ זאָג געגעבען ווי צו זיך אַליין, אַ טרויסעל געגעבען מיט׳ן קאָפּ, אויפגעשטאַנען פונ׳ם אָרט, זיך אויסגעצויגען ווי גרויס ער איז און אַ נעהם געגעבען זיך צום קאַפּעליוש.

—איצט איז מיר שוין אַלעסדינג פערענטפערט—זאָגט ער ווי צו זיך אַליין—אַלעסדינג אַרום און אַרום... אַ קאָמבינאַציע אויף אַ קאָמבינאַציע... (ער פערבעגט אַ פינגער נאָך אַ פינגער) פריהער נעהם איך מיך צו איהר... דערנאָך צו איהם... און אַז ס׳וועט זיך נישט לאָזען, האָב איך נאָך איינע און נאָך איינע. איינע וועט אַרויפלעגען אויף דער אַנדערער, די אַנדערע אויף דער דריטער—עך, גאָלאָווא! גאָלאָוואַ!

—דערלאַנגט ער זיך אַליין מיט דער האַנד איבער׳ן קאָפּ—וואו איז

געוועזן דיין שכל? ווען איך ווייס פריהער... אז דאס איז די מאשקא!... הערט, וואס איך וועל אייך זאגען—מאכט ער צו בעטי'ן שוין גאר מיט א נייעם פנים, מיט א פנים פון אַן'אמת'ען שערלאָק האלמס אדער פון א גאט פינקערטאן:—פערשרייבט מיינע ווערטער, אז נישט שפעטער ווי אין א וואך ארום, העכסטענס, צוויי וואכען, איז אייער ראבבינאוויטש פריי!...

דעם נאמען ראבינאוויטש האט ער ארויסגערעדט הארט, מיט צוויי ריש"ן און מיט צוויי עין'ס, אזוי, אז ס'איז אויסגעקומען נישט ראבי־נאָוויטש, נאר „ררעבבענאָוועטש", און אך, וואס פאר א זיסקייט, וואס פאר א שענע מוזיק בעטי'ן האט זיך געהערט אין דעם ווארט! עס איז שוין ביי איהר מעהר קיין ספק נישט, אז דער דאזיגער מענש האט ביי זיך אין האנד דאס גאנצע קניפעל, און אז נאר ער איז דער דאזיגער, וואס קאן עס אויפקניפען, און אז ער איז דער דאזיגער, וואס וועט אויפדעקען די אמת'ע פערברעכער, און אז ס'איז באשערט, אז דורך איהם, נישט דורך קיין אנדערן, זאל דער אומשולדיגער געפאנגענער ארויס פריי און די גאנצע וועלט זאל דערזעהען דעם ריינעם לויטערן ליכטיגען אמת. וואס קאן זיין בעסער ליכטיגער און שענער, ווי דער אמת?... פון דעם געדאנק ווערט זי אזוי ענטציקט, אז ס'דוכט זיך איהר אויס, זי זעהט שוין דאס אלסדינג פאר די אויגען,—און די דאזיגע שענע ליכטיגע וועלט ווערט איהר נאך שענער און נאך ליכטי־גער, ווי זי איז, און די זון שיינט שוין גאר אנדערש, און אפילו אט דער פארשוין מיט די טונקעל־בלויע ברילען און מיט די גראבע תאווה'דיגע ליפען זעהט שוין גארנישט אויס ביי איהר אין די אויגען אזוי מורא'דיג, ווי ער האט איהר אויסגעזעהן פריהער, און זי איז כמעט גרייט אפילו מוחל זיין איהם זיין בענעהמונג פון א מאל, פערגעסען, פערגעסען!...

—העררר הורוויטש—רופט זי אויס פרעהליך אויף איהר זילבער־קול—וואו זענט איהר? קומט אהער, וועט איהר עפעס הארכען א שענס.

און הורוויטש פון פינסק איז זיך געשטאנען אנגעלעהנט אויפ'ן בעוואקסענעם פלויט פערטראכט, געזונגען זיך אונטער דער נאז זיין פינסקער ליעדעל מיט דער מעלאדיע, וואס ער אליין האט דערצו גע־שאפען און צוגעקלאפט צום טאקט:

קומט א גוי א שכור'ער אהיים,

אַ שכּור'ער אַהיים—
שלאָגט ער דאָס ווייב און ברעכט איהר אַ ביין,
און ברעכט איהר אַ ביין.
אוי! שכּור איז אַ גוי!
שכּור איז ער,
שלאָגען מוז ער,
ווייל ער איז אַ גוי.

קומט אַ יור אין שוהלעכעל אַריין,
אין שוהלעכעל אַריין,
חאַפּט ער אַ ברכו און אַ קדושה'לע אַריין
און אַ קדושה'לע אַריין.
אוי! ניכטער איז אַ יוד!
ניכטער איז ער,
דאַוונען מוז ער,
ווייל ער איז אַ יוד...

—פאַני הורוויטש—רופט איהם נאָך אַ מאָל בעטי—וואָס טהוט איהר דאָרט? וואָס האָט איהר זיך צוזונגען? קומט אַהער, וועט איהר עפּיס הערען.

—הנני—איך בין אָנגעברייט!—ענטפערט איהר הורוויטש פון פינסק מיט זיין פרעהליכען טאָן, ווי אַלעמאָל, און מיט צוויי דריי ברייטע שפּאַן פון זיינע לאַנגע פיס איז ער דאָ, קוקט אויף בעטי'ן און קוועלט, קלויבט נחת פון איהר גליקליך פרעהליך פּנים.

—איך קאָן אייך אָנזאָגען אַ גוטע בשורה—מאַכט זי צו איהם און די אויגען ביי איהר לאַכען און שטראַהלען און פינקלען אָפּ ווי צוויי גלאַנצענדיגע בריליאַנטען אויף דער זון—איך קאָן אייך אָנזאָגען אַ גוטע בשורה, אַז אין צוויי וואָכען אַרום איז ער פריי!

בעטי האָט געמיינט, אַז אָט דער הורוויטש פון פינסק וועט דער-הערען אַזאַ נייעס, וועט ער גערויס אַרויס פון די כּלים און מסתּמא זיך נעמען נאָכפרעגען, וועלען וויסען ווי אַזוי און וואָס און ווען? ווי איבערראַשט אָבער איז זי געוואָרען, אַז ער האָט נישט אָנגעהויבען אַפילו זיך נאָכפרעגען, ער האָט איהר גאָר אָפּגעגעבען אַ יודישען מזל-טוב און געוואונשען, מע זאָל נאָר הערען תּמיד נאָר גוטס און בשורות

טובות ישועות ונחמות מיט'ן כלל ישראל, און אויסגעלאָזט האָט ער מיט אַ נגון און אויסגעצויגען ווי אַ הון דעם מי שברך אויף אַ ברית בעת ער און דער עולם זענען בגלופין!

—ו—נא—מר אַ—מן:

—אַ פּאַיאַץ?—טראַכט זיך בעטי און בעקוקט איהם בייז פון אוי-בען ביז אַראָפּ,—ער זאָל דאָס אַפילו אַ פינטעל געבען מיט אַנ'אויג! ער טהוט זיך אַ דרעה אויס צום פּאַרשוין מיט די טונקעלע ברילען און רופט זיך אָן צו איהם פרעהליך, ווי זיין שטייגער איז, נאָר האַלב אויף רוסיש, האַלב אויף יודיש:

—איטאַק, הייסט עס, דיעלאָ וושליאַפּע? אָטשען ראַד! נאָר הער זיך איין, גוי, ניע פּאָראָ לי נאַם נאַ ליעוואָ קרוגאָם אי השיבנו נאַ-זאַד?

אַ פּאַיאַץ!—האָט בעטי אָפּגע'פסק'נט ביי זיך, און געהענדיג פון איהר ראַנדעוואו צוריק אַהיים, האָט זי זיך אַזוי צעלאַכט, אַז זי גע-דענקט שוין נישט די צייט, ווען זי זאָל אַזוי נעשמאַק, אַזוי זיס און אַזוי געזונד לאַכען, ווי זי האָט געלאַכט אַצינד,—און דוקא צו זיך אַליין.

## דאָס הונדערט פינפטע קאַפּיטעל.

### חבוט הקבר.

וואָס מעהר דער אמת'ער ראַבינאָוויטש, פאָהרענדיג ראַטעווען זיין חבר, דעם אמת'ן פּאָפּאָוו, האָט זיך דערוויסט פונ'ם רוסישען צענטר און וואָס נעהנטער ער איז געווען צו דער יודישער „טשערטאַ", אַלץ מעהר האָט ער זיך געפיהלט אין דערהיים און אַלץ מעהר האָט ער געפיהלט דעם יודישען טעם מיט'ן יודישען שמאַרץ, מיט'ן יודישען גלות. און וואָס מעהר ער האָט דאָס געפיהלט, האָט דאָס איהם אַלץ מעהר הנאה געטהאָן און ער האָט זיך געפרעהט. ער האָט זיך גע-פרעהט, וואָס ער האָט בעצייטענס אויפגעוואַכט און קאָן פעררירכטען דעם פעהלער וואָס ער איז בעגאַנגען, וואָס ער האָט צוליעב אַ זיסען חלום פון אַ בת-מלכה זיך אינגאַנצען אָבגעריסען פון זיין פאָלק, און להלדטין אויסגעטהון זיך פון זיין יודישקייט. און נאָך מעהר האָט ער זיך געפרעהט, וואָס ער פאָהרט ראַטעווען פון אַנ'אומגליק נישט נור אַ חבר—ער פאָהרט ראַטעווען אַגאַנץ גרויסע גרופּע מענשען פון אַ מיאוס'ען בלבול און נאָך אַ גרעסערע גרופּע מענשען פון בעגעהן, אויב נישט קיין היסטאָרישען פערברעכען, איז אַ היסטאָרישען טעות. און עס איז געווען פאַר איהם קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער בעדאַרף נור קומען צו-פאָהרען און דערצעהלען פאַר וועמען מען בעדאַרף דעם גאַנצען אמת, אַז דער אמת'ער הערש ראַבינאָוויטש—דאָס איז ער, און אַז יענער איז גאָר אַ פּאָפּאָוו, זיינער אַ קריסטליכער חבר, מיט וועלכען זיי האָבען זיך נור אויף אַ טשיקאַוועסט, אין אַ שפּאַס, געביטען מיט די יוצרות—וואָס דאַרף מען נאָך? — און אָט אַזוי ווערט אויפגעדעקט די גאַנצע התונה און עס עפענען זיך אויף די טירען און דער חבר גרישאַ געהט

אַרויס פריי—און אַ סוף צו עלילת-דם, און אַ סוף צו דער וואַקכאַ-נאַליע, וואָס די צייטונגען האָבען אויפגעהויבען, און אַ סוף צום בלו-טיגען שפּאַס!...

מיט אַ פרעהליך קלאַפּענדיג האַרץ האָט אונזער פּאַפּאָו-ראַבינאָ-וויטש זיך אויפגעזעצט פאָהרען, נאָר נישט לאַנג האָט געדויערט זיין פרעהליכקייט, און זיין גוטע שטימונג איז גיך אָבגעסמ׳ט געוואָרען. קודם-כל פון דעם פּאַק מיט געדרוקטע סחורה, וואָס ער האָט זיך בע-וואָרענט אין וועג אַריין, אַלערליי רעכטע און לינקע, שוואַרצע און געלע צייטונגען—„צדה לדרך", ווי ער האָט דאָס אָנגערופען. ווי נאָר ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן און פערנומען אַן אָרט נעבען פענסטער, אַזוי האָט ער זיך צולעגט מיט דער דאָזיגער סחורה און גע-נומען זוכען, ראשית-חכמה, וואָס שרייבט מען עפּיס נייעס וועגען דעם ריטואַלען פערברעכען און וועגען דעם פערברעכער, דעם דאַנטיסט, הערשקאָ ראַבינאָוויטש? נאָר ער האָט נישט בעדאַרפט לאַנג זוכען. אַלע בלעטער כמעט גאָר אָהן אויסנאַהם, זענען געווען פול מיט׳ן דאָזיגען רעטעניש. און דער מעהרסטער טייל צייטונגען האָבען, אויסער נאַקעטע ידיעות, צוגעגעבען אויך גאַנץ פיינע גיפטיגע אַרטיקלען וועגען דעם בעריהמ-טען פאָלק ישראל, וואָס וויל איינעהמען די וועלט מיט בלוט-זויגעריי און געפאָדערט ליכט און גערעכטיגקייט פונ׳ם משפט, וואָרום „טאָמער וועט מען זיך פערלאָזען אויפ׳ן צאָרן פונ׳ם פאָלק,—אַזוי האָבען זיי געסטראַשעט — וועט זיין אַסך ערגער, דאָס פאָלק קאָן פאָדערן בלוט פאַר בלוט..."

פונדעסטוועגען האָבען די דאָזיגע שרייבעכצען און די בלוטיגע העצעס פון דעם געוויסען מין פּאַטריאָטישע בלעטער, וואָס האָבען זיך גענומען צובלאָזען דעם עסק פונ׳ם געפאַנגענעם דאַנטיסט ראַבינאָוויטש מאַכען פון איהם אַ גאַנצען צימעס, אַ מין דרייפוס-פּראָצעס, איהם נאָך נישט אַזוי שטאַרק געאַרט. שוין פונ׳ם טאָן אַליין איז געווען צו זעהן, אַז דאָס שרייבען פערקויפטע נשמות, וואָס האַנדלען מיט זאָלאָגישען פּאַטריאָטיזם, קריכען פון דער הויט און ווילען אַריבערשטייגען איינס דאָס אַנדערע אין רשעות, טפּשות, עם-הארצות און חוצפה. אָס די פיי-נע בריה׳ס, האָט ער געוואוסט, האָבען זיך זייער פּלאַץ אין דער וועלט און מע ווייס זייער ווערט. אַקעגען די שרייערס, האָט ער זיך גע-

טרייסט, איז דאָ נאָך אַ היבשער טייל פון דער בעסערער געזעל-שאַפט, וואָס דענקט גאַנץ אַנדערש און וואָס איז גרייט פון צייט צו צייט אויפהויבען אַ קול, זאָגען אַנ׳ערנסט אמת׳דיג וואָרט און אַרויס-טרעטען מיט אַ פייער קעגען די שעדליכע העצעס און בעווייזען, אַז זיי זענען מעהר בזיון פאַר די בעשולדיגער, איידער פאַר די בעשול-דיגטע. והראיה, אָט צווישען דעם סם-המות, וואָס איז צושפרייט דאָ און דאָרטען, האָט ער בעגעגענט געדרוקטע פּראָטעסטען געגען דעם נייעם בלבול, בעדעקט מיט צעהנדליגער און הונדערטער חתימות פון בעריהמטע מענשען, פון געלעהרטע, פון שריפטשטעלער, פון פּראָפעסאָ-רען, פון יוריסטען, גלחים און אַז. וו. און אַז. וו.—און זיין יודיש הארץ האָט זיך געקוויקט, געפונען כאָטש אַ שטיקעל בעפרידיגונג.

אַ סך מעהר האָט איהם געאַרט און אַ סך מעהר האָבען איהם וועה געטהאָן די ׳רייד, די זאָגעכצען, די שמועסען און די מימרות וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט, פריהער זיצענדיג אין וואַגאָן דריטע קלאַס מיט׳ן פּראָסטען עולם, און דערנאָך אין וואַגאָן צווייטע קלאַס, שוין צווישען אַזוי-גערופענע אינטעליגענטען.

דער פּראָסטער עולם, וואָס אין דריטער קלאַס, איז בעשטאַנען פון בעלי-מלאכות און אַרבייטער און גלאַט וואוילע יונגען, פּאַנקעס וואָס געהען די העמדלעך אַריבער די הויזען, טראָגען קיילעכיגע אונ-טערגעשאָרענע היטשקעלעך, לאַנגע זילבערנע האַלזקייטלעך און שווערע קופּערנע סיגנעטען אויף די גראָבע שוואַרצנאָגעלדיגע פינגער. די דאָזיגע לייט, וואָס זענען מיט דער „פּאָליטיקע" און בכלל מיט דער גרויסער דרויסענדיגער וועלט, אַפּנים, קנאַפּע מחותנים, זענען אויף יעדער מעהר אָדער וועניגער היבשער סטאַנציע איינציגוויז אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן, וועד האַפּען אַ גלאָז ביער און ווער אַ קעלישקעל בראָנפען, און עמיצער זאָל עס אפילו אין זינען האָבען קויפען אַ גאַזעט. „אָט גליק-ליכע מענשען!"—האָט זיך געטראַכט פּאַמאָו-ראַבינאָוויטש און האָט זיי באמת מקנא-געווען, וואָס זיי ווייסען נישט פון קיין בלבולים און הע-צעס און וואָס נויטיגען זיך נישט אין קיין פערענטפערן זיך און דאַר-פען נישט, אַז פרעמדע זאָלען זיך אָננעהמען זייער קריוודע, האָגלען מיט פּראָטעסטען, אונטערשריפטען און נאָך אַזעלכע זאַכען... נאָר פון וואַגען האָט זיך גענומען פלוצים אַ נייער פּאַרשוין, אַ האַלבער אינטע-ליגענט מיט אַ געשטופּעלטען פנים און מיט אַנ׳אויסגערונען אויג. דער פּאַרשוין האָט זיך אַוועקגעזעצט דוקא נישט ביים פענסטער, נאָר אין

מיטען וואַגאָן אין אַ האַלב-פינסטערניש, האָט זיך איינגעבויגען אין דרייען און גענומען לייענען פון עפּיס אַ בלעטעל בקול רם און דער עולם האָט געהערט.

וואָס דאָרט איז געלייענט געוואָרען—ווייס מען נישט. נאָר אַז דער פּאַרשוין מיט'ן אַרויסגערונען אויג האָט געענדיגט, איז אויסגעבראָכען ביים עולם אַ שמועס, פון וועלכען דער סטודענט פּאָפּאָוו האָט געחאַפּט אַ צוויי-דריי ווערטער, וואָס האָבען איהם געזאָגט, אַז דאָ שמועסט מען וועגען דער זאַך, וואָס ער פּאָהרט צוליעב דעם אין דער „טשערטאַ"‚—און ער האָט גענומען זיך איינהערען מיט קאָפּ. דער שמועס האָט זיך געקויקעלט און געקייטעלט, אַריבער פון איין ביישפּיעל אויפ'ן אַנדערן, און אַלעמאָל האָט זיך געלאָזט הערען דאָס ליעבע וואָרט „זשיד", „זשידי", „זשידאָוו"—אויף אַלע פּאַסאָנען און מאַניערען.

אַזוי ווילד און אומגעלומפּערט-לעכערליך איז געווען דער שמועס, אַז ער האָט זיך געוואָלט צורוקען אַביסעל נעהנטער און האָרכען. פּאַוואָלינקע, ביסלעכווייז, פריהער אויף איין בענקעל, דערנאָך אויפ'ן צווייטען, רוקט זיך צו דער אונבעקאַנטער סטודענט צום עולם, אַלעמאָל נעהנטער, און קוים האָט ער זיך שוין צוגערוקט גאַנץ נאָהנט, האָט ער שוין נישט געקאָנט נישט אַריינמישען זיך, פריהער מיט אַ וואָרט, דערנאָך מיט נאָך אַ וואָרט, ביז ער האָט, נישט ווילענדיג—אַריינגעלאָזט זיך אין אַ געשפּרעך, פּערשטעהט זיך, נישט מיט'ן גאַנצען עולם, נאָר מיט'ן האַלבען אינטעליגענט, וואָס מיט'ן אויסגערונענעם אויג. צום סוף האָט ער איהם צוגעקוועטשט צו דער וואַנד, ער זאָל איהם זאָגען, פון וואַנען קאָן ער עס אַזוי יודען? „אָ! ער קאָן זיי זעהר גוט!"... ניין, דער סטודענט וויל וויסען נאָר איין זאַך: צי האָט ער געזעהען ווען אַ יודען? לאָזט זיך אויס מן הסתם, אַז ער אַליין, אָט דער האַלבער אינטעליגענט, האָט קיין יודען נישט געזעהן קיינמאָל, ווייל אין זיין דאָרף זענען קיין יודען נישטאָ. „געווען איינער, האָט מען איהם אַרויסגעיאָגט שוין לאַנג, ער איז נאָך דעמאָלט אפשר אויף דער וועלט נישט געווען. נאָר אַזוי ווי ער לייענט גאַזעטען—צו זיי אין וואָלאָסט געהען אַלע גאַזעטען און ער איז דער וואָלאָסטנאָי שרייבער—האָט ער זיך אָנגעלייענט אַזויפיעל וועגען די דאָזיגע יודען, אַז ער קאָן זיי שוין אויסוועניג..."

אָט דאָ האָט זיך דער סטודענט צולאָזט גאָר אויף אַנ'אַנדער

אויפן און האָט אױעקגעגעבען דעם װאָלאָסטנאָי שרייבער אַ גאַב! נאָר ווי איבערראַשט איז ער געוואָרען, אַז איינער פונ׳ם עולם, וואָס איז געזעסען אַקעגען איהם, דעם קאָפּ אויףביידע הענד, אָנגעשפּאַרט אויף די קניהעס, געקוקט איהם, דאַכט זיך, גלייך אין מויל אַריין און געשלונגען די ווערטער, האָט זיך פּלוצים אָנגערופען צום אָראַטאָר, נאָר אין גוטען מוט, נאַאיוו און ערנסט, אין אַ ריינער טיעף-רוסישער אויסשפּראַך, און דווקא אויף „דו״:

—זאָג נור, ליעבער מענש, צי ביזטו נישט אָקאָרשט אַליין אַ זשיד?

דאָס האָט געהאַט דעם זיבעטען חן. דער גאַנצער עולם, ווי איין מענש, האָט אויסגעדונערט אַ געלעכטער, דער סטודענט, פּאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש, איז געוואָרען רעכט רויטליך, פערשלאָגען מיט רעד און אויף דער ערשטער סטאַנציע, נעבאַך, געמוזט צוזאָהלען אין דער קאַסע און אַריבערפּעקלען זיך, מחילה, אין אַ וואַגאָן צווייטע קלאַס.

נאָר אַז ס׳איז באַשערט אַ מענשען, געהט עס איהם נאָך פון הינטען פוסטריט. אויף זיין גליק בעדאַרף ער טרעפען אין וואַגאָן צווייטער קלאַס אַ געזעלשאַפט פון דווקא שוין גאַנצע אינטעליגענטען, וואָס האָבען געהאַלטען אַקוראַט אין אַ הייסער דיסקוסיע וועגען דעם הילכיגען ריטואַל-פּראָצעס, וואָס בעדאַרף באַלד זיין, אין וועלכען עס ווערט בעשולדיגט דער יודישער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש. און אַזוי ווי דאָס איז שוין געווען נעהנטער צו דער „טשערטאַ״, זענען צווישען די אינטעליגענטע פּאַסאַזשירען געווען נישט ווינציג אינטעליגענטע יודען, יודען נאָך אפשר מעהר ווי קריסטען. גערעדט האָבען אַלע, און ביידע „צדדים״ האָבען זיך אַזוי געהיצט, אַזוי געשאָטען מיט פייער און אַזוי געגאָסען מיט סם-המות איינס אויף דאָס אַנדערע, אַז מע האָט געקאָנט מורא האָבען, אַז דאָ וועט זיך זיכער ענדיגען מיט אַ געשלעג.

מעהר פון אַלע האָט זיך געהיצט אַ יודישער יונגערמאַן מיט געלע וואָנסען און מיט אַ בריליאַנטענער נאָדעל אין אַ גרויסאַרטיגען גרינעם שניפּס. ער איז געווען מורא׳דיג אויפגערעגט און די ליפּען, וואָס האָבען נישט אין זיך אַזוי אויף קיין טראָפּען בלוט, זענען איהם נאָך געוואָרען טויט-בלאַס און די הענד האָבען געציטערט.

—ווייסט איהר וואָס?—האָט דער אויפגערעגטער יונגערמאַן מיט דער בריליאַנטענער נאָדעל זיך אָנגערופען צום „צד שכנגדו״ און האָט

אויפשפרינגענדיג אַ האַפּ געגעבען צו דער זייט-קעשענע—אַט נעהם איך אַרויס טויזענד רובל מזומן און לעג איין ביי אַט דעם פּאַטערעל (ער האָט אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער אויף אַ בעיאָהרטען גלח מיט זעהר אַ לייטיש פנים) און איהר לעגט איין אַקעגען אַ הונדערטער, נאָר איין הונדערטער אויף וואָס פאַר אַ צוועק איהר ווילט, אויף דער באַל-ניצע, אויפ׳ן קראַסני קרעסט,—ס׳איז ביי אייך די ברירה,—אַז דער משפט וועט דעם דאַנטיסט ראַבינאָוויטש געפינען פאַר אומשולדיג, האַ? אַיאַ, איהר שווייגט? איאַ?

דער אויפגערעגטער עולם פון ביידע צדדים, אויסער דעם בע-יאָהרטען גלח, וואָס האָט זיך געהאַלטען רוהיגער פון אַלעמען, איז פונ׳ם דאָזיגען פאָרשלאַג געוואָרען נאָך מעהר אויפגערעגט און די אַטמאָספערע איז געוואָרען מורא׳דיג געדיכט.

—מסתמא רעכענט איהר—ענטפערט איהם איינער פונ׳ם צד שכנגדו, דווקא מיט אַ גוטמוטיג געלעכטערעל אויף די זאַפטיגע ליפען, בעוויי-זענדיג זיינע ווייסע געזונדטע ציינער—מסתמא האָט איהר שאַנסען אויף אונטערצוקויפען די געשוואָרענע, אַזוי ווי יענע פון אייערע, וואָס האָבען געוואָלט אונטערשמירען די פּראָפעסאָרען, מען זאָל אַנערקע-נען דעם פערברעכער פאַר געריהרט? אָדער אַזוי ווי דער פאָטער פונ׳ם דאַנטיסט האָט אַנימעלטען געוואָלט אונטערקויפען די טורמע-לייט, מע זאָל העלפען אַנטלויפען דעם אַרעסטאַנט...

דער יונגערמאַן מיט די געלע וואָנסען איז אויפגעשפרונגען, און מיט פערלעגטע הענד אַהינטער און מיט איבערגעקעהרטע אויגען אַרויף זיך אַ לאָז געגעבען צום צד שכנגדו: „איהר ווייסט, וואָס סע קומט פאַר אַזעלכע ווערטער? איהר ווייסט?!...”

אַ גליק, וואָס די יודישע „אָפּאָזיציע” האָט זיך אַריינגעמישט און האָט דעם יונגענמאַן צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, אַניט וואָלט אַרויס אַ מיאוס׳ער סקאַנדאַל, אין וועלכען דעם נרעסטען חלק וואָלט געכאַפּט מסתמא ניט קיין אַנדערער, נאָר טאַקי דער יונגערמאַן מיט די געלע וואָנסען און מיט דער ברילי-אַנטענער נאָדעל אינ׳ם גרויסאַר-טיגען גריינעם שניפּס—ער זאָל זיך נישט וואַרפען מיט קיין הונדער-טער...

„פון וואַנען נעהמט זיך אַזויפיעל גיפט שנאה פון אַ מענשען צו אַ מענשען? ווען די דאָזיגע אַלע אַט דאָ, וואָס זענען גרייט, דאַכט זיך, דורס זיין, איינשלינגען איינס דאָס אַנדערע לעבעדיגערהייד, ווען זיי

זאָלען נור ווערען רוהיג, אָהן אַ שום פּאַרטיגע מיינונג און אָהן אַ שום ווערען בעוויזען, אַז איך בין גערעכט, נור אויסהערען איינער דעם אַנדערען און געוואוירע ווערען דעם אמת׳ן אמת, וואָלטען דאָך די דאָזיגע מענשען שטאָט דעם, מע זאָל זיך רייסען ביי די בעזער, גע־חאַפּט ביי די זייטען און וואָלטען אַזוי געלאַכט, אַז זייער געלעכטער וואָלט דערגרייכט פון עק צו עק איבער דער גאַנצער וועלט!...״

אָט אַזוי האָט זיך געטראַכט דער אמת׳ער ראַבינאָוויטש, וואָס איז דערוויילן, בדרך אגב, געוואוירע געוואָרען ניים, מאָדנע זאַכען, וואָס זענען געווען פאַר איהם עפּיס נישט אַזאַ גוטע בשורה... דאָס, וואָס מע רופט מיט׳ן נאָמען „הבוט הקבר״, איז געווען, קאָן מען זאָגען, גאָרניט קעגען דעם, וואָס דער אמת׳ער ראַבינאָוויטש האָט איבערגע־טראָגען און וואָס איהם איז נאָך פאַרגעשטאַנען איבערצוטראָגען אין דער דאָזיגער שוערער מיסיע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען—צו אַרויסשלעפּען זיין חבר פון אַ זומפּ און זיין פאָלק פון אַ נייעם בלבול...

## דאָס הונדערט זעקסטע קאַפּיטעל.

## אַ מומר להכעיס.

געקומען צופאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט פון דער „טשער-טאַ", האָט זיך אונזער פּאָפּאָוו ראַבינאָוויטש גענומען אַרומקוקען אויפ'ן טומעלדיגען וואָקזאַל, ווי יעדער פּאַסאַזשיר, וואָס קומט צום ערשטען מאָל אין אַ נייער גרויסער שטאָדט. דאָס ערשטע, אויף וואָס זיין אויג האָט זיך אָבגעשטעלט, איז געווען דער קיאָסק מיט גאַזעטען און ביכ-לעך. איז ער צוגעגאַנגען צום קיאָסק און געהייסען זיך געבען אַלע דריי פרישע צייטונגען, וואָס געהען אַרויס אין דער דאָזיגער שטאָדט, און—גלייך ווי דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט—ער האָט באַלד געפו-נען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט און נאָך אַ סך מעהר. שוין אויף דער ערשטער זייט, אונטער אַ שרייעדיג קעפּעל: „נייע איבעראַשענדע ענ-דעקונגען אין שטשיגרינסקיס טויט", האָט ער דערזעהען אַ גרויסען אַרטיקעל פול מיט גאַל און מיט גיפט קעגען די, וואָס ווילען פערענטפערן דעם געפאַנגענעם פערברעכער און מוטשען זיך און ווילען בעווייזען מיט אַלער-ליי יודישע מיטלען און תלמוד'ישע דריידעלעך, אַז דער דאַנטיסט ראַ-בינאָוויטש איז גאָט די נשמה שולדיג, נעבעך, אַ קרבן פאַר פרעמדע זינד. „עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו הערען, לאָזט אויס דער מחבר פונ'ם לייטאַרטיקעל, וואָס ווילען זיי עפּיס איצטער זאָגען, אָט די אייגענע און געקויפטע יודענפריינד, נאָך דעם, ווי זייערער אַנ'אייגע-נער געוועזענער יוד טרעט אַרויס אַזוי אָפען מיט אַ ריינעם געוויסען, ווי פאַר גאָט, און זאָגט, אַז ער ווייס עס פאַר געוויס און אַז ער קאָן בעווייזען ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז דאָס, וואָס פאַנאַטישע יו-דען בענוצען קריסטליך בלוט אויף פסח, איז ניט קיין אויסגעטראַכטע

בבא מעשה, ניט קיין פּאַרצייטיגע לעגענדע, נאָר אַ פֿאַקט, וואָס אַלע יודען ווייסען, נאָר קיינער האָט נישט דעם מוט זיך מודה צו זיין..."

די צווייטע צייטונג, ווייזט אויס אַ ליבעראַלע, האָט אויך געשענקט אַ לייטאַרטיקעל שוין גאָר אונטער אַנ'אַנדער קעפּעל: אַ פּסיכאָפּאַט, אָדער אַ מומר להכעיס?" אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל ווערט גערעדט, אויך ניט מיט ווינציג גאַל וועגען עפּיס אַ געשמד'טען סטודענט אַ פּעררעטער, וואָס האָט זיך ניט בענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט צוליעב אייגענע אינטערעסען אויסגעביטען זיין גלויבען, איז ער נאָך אַרויס איצט מיט אַ בריעף, וואָס בעווייזט, אַז דאָס איז אָדער אַ פּסיכאָפּאַט אָדער אַ מומר להכעיס...

דער פּאַסאַזשיר האָט זיך אַזוי שטאַרק פּעראינטערעסירט מיט'ן דאָזיגען נייס, אַז ער האָט גאָר פֿערגעסען צוליעב וואָס ער איז אַהער געקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין בופֿעט ערשטע קלאַס און גענומען זוכען ווייטער אין די צייטונגען, וואָס רעדט זיך דאָרטען וועגען דעם דאָזיגען איבעראַשענדען נייס און איז געוואָרען נאָך מעהר איבעראַשט, איידער מע קאָן זיך פֿאָרשטעלען. ער האָט געפונען אין אַלע דריי צייטונגען, אַ בריעף אין דער רעדאַקציע, אומעטום געשריבען אין איין נוסח. מיר גיבען איהם איבער וואָרט אין וואָרט:

„ געעהרטער הער רעדאַקטאָר!

„ערלויבט מיר דורך אייער געעהרטער צייטונג צו פּערעפּענטליכען „די מיטטיילונג, וואָס איך האָב היינט איינגעגעבען צום פּראָקוראָר „פון היגען אָקרוזשנע-סוד. זייענדיג אַ געטרייער זוהן צום פֿאָלק, צו „וועלכען איך האָב די עהרע איצט צו געהערען און אַנ'איבערגעגעבענער קנעכט צו דעם טייערן פֿאָטערלאַנד, וועלכעס איך האָב „ליעב, און וועלענדיג ברענגען נוצען דעם אמת, וואָס ווערט אַזוי „געזוכט אין דעם טויט פון'ם אומגליקליכען קינד וואָלאָדי שטשיגרינסקי, בעט איך, מע זאָל מיך אַרויסרופען אַלס עדות צום דאָזיגען „משפט, וועלכען איך האָף צו בעלייכטען מיט מיינע אמת'ע אויסזאָגעכצען און מיט מיין מודה זיין זיך, ווי פֿאַר גאָט. אַליין געבוירען פון יודען און געוועזען העכער צוואַנציג יאָהר אַ יוד, ווייס איך „אַלע זייערע סודות און פערבאָרגענע מנהגים און קאָן מיט זיכערהייט זאָגען און שווערען ביי גאָט, אַז דער אַלטער ווילדער מנהג „פון בענוצען קריסטליך בלוט צו די פּסח'דיגע מצות האַלט זיך נאָך

„עד היום ביי דער מעהרהייט פון די פרומע יודען פאַנאַטיקער אין דער
„גאַנצער וועלט. איך וויים ווי ווייט איך ריזיקיר דערמיט, וואָס איך
„טרעט אַרויס מיט'ן אמת קעגען אַזאַ פאָלק, וואָס קאָן זיך נוקם זיין
„מיט זיינע שונאים און שטעלט זיך נישט אָב פאַר קיין זאַך אינ'ם
„וועג פון זיין נקמה. נאָר מיין געטריישאַפט צום ריינעם נאַקעטען
„אמת און מיין איבערגעבענהייט צום לאַנד, וואָס בעדאַרף זיין טייע-
„רער ביי אונז פון אונזער לעבען, צווינגט מיך צו מוסר נפש[1]) זיין
„זיך און זאָגען אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט דאָס, וואָס איך האָב
„געהערט וויפיעל מאָל פון מיין פערשטאָרבענעם פאָטער — ער איז
„געוועזן אַ שמש אין שוהל—און פון מיין רבי'ן, וואָס ליעגט שוין אויך
„לאַנג אין דער ערד, אַז פערגיסען בלוט אָדער חאָטש זעהן בלוט
„איז איינע פון די זאַכען, וואָס גאָט האָט ליעב. ווער עס איז אין
„דעם נסופק, בעט מען, ער זאָל זיך מטריח זיין צו אַ יודען—אויב מע
„וועט איהם אַריינלאָזען,—ווען ער איז מל זיין קינד אויפ'ן זיבעטען
„טאָג פון זיין געבוירען ווערען און לאָז ער נאָר גוט צוקוקען זיך,
„וואָס מע טהוט און וואָס מע זאָגט און ווי מע פרייהט זיך, אַז מע
„דערזעהט דאָס בלוט, וואָס ווערט פערגאָסען און דערנאָך אויסגעזוי-
„גען דורך די עלטסטע און פאָרנעמסטע געסט—און אַז לאָז אַ יוד
„פרובען נישט מל זיין זיין קינד צום זיבעטען טאָג פון זיין גע-
„בוירען, וועט מען איהם פערשטיינערן, אָדער אויפ'ן בעסטען פאַל,
„נעהמען אין חרם אַריין אויף זיין גאַנצען לעבען. קיין יודישע טאָכ-
„טער וועט פאַר אַזעלכען נישט חתונה האָבען און אין קיין יודישע
„געזעלשאַפט וועט מען אַזעלכען נישט אַריינלאָזען. איך האָף, אַז
„איך וועל אַרויסגערופען ווערען צום משפט, וועל איך האָבען אַ סך-
„אַ סך צו דערצעהלען פון די פרומע פאַנאַטיקער, אָדער פון דער
„אַזוי-גערופענער סעקטע חאַסידים, ווי פון דער נייער, נישט ווינ-
„ציגער שעדליכער סעקטע „צויניסטען". איך בעט אַלע רוסישע ציי-
„טונגען איבערדרוקען מיין דאָזיגען בריעף.
„סטודענט לאַפּידוס."

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„סטודענט לאַפּידוס? סטייטש, דאָס איז דאָך דער חברה-מאַן, וואָס
„זיין עלטערער ברודער אַברהם לייב שרייבט צו איהם, אַז זיין מאַמע

די אַלמנה און זייער שוואָגער וועלוועל דעם שלים-מזלס מאַמע געהערען זיך אָן גליעדגעשוועסטערקינדער—דעם ווייס פערדס בייטש שוואַרץ שטעקעלע״... פאַר גרויסע צרות האָט זיך ראַבינאָוויטש אַזש צולאַכט: „אויפן זיבעטען טאָג איז מען שוין גאָר מל ביי אונז קינדער, חאַ-חאַ! און אָט דאָס טרעט אַרויס מיט אַזעלכע כלי-זין עדות זאָגען קעגען אַגאַנץ פאָלק? און ס׳איז דאָ מענשען, וואָס גלויבען אין דעם, אָדער מאַכען זיך, אַז זיי גלויבען?... ניין! פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונזער פאָלק אַזאַ מין פרי?—אָט וואָס ס׳איז טרויעריג!... און ער קאָן זיך נישט מוחל זיין בשום אופן, וואָס ער איז געלעגען די גאַנצע צייט צווישען פרעמדע אַזוי רוהיג, אַזוי בעקוועם, גאָרנישט צו וויסען פונ׳ם גיהנם, וואָס קאָכט אינ׳ם יודישען לעבען! פון בת-מלכה׳ס האָט ער געטרוימט! דאָס לאַנד „אופיר״ האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט! „אַ חרפה! אַ בושה! אַ בזיון!...

אויסער זיך פון אויפרעגונג, נעהמט ער צונויף דאָס פעקעל צייטונגען, דינגט אַ איזוואָזשטשיק און הייסט זיך פיהרען אין שטאָדט אַריין.

## דאָס הונדערט זיבעטע קאַפּיטעל.

## צווישען אייגענע.

שוין ביי די ערשטע טריט, וואָס ער האָט געמאַכט אינ׳ם ערשטען טאָג פון זיין קומען אין שטאָדט אַריין, האָט אונזער צווייטער העלד אַרויסגעזעהן, אַז ער האָט געלעבט אין טעות, מיינענדיג, אַז אָט קומט ער צופאָהרען, אַזוי ראַטעוועט ער אַרויס זיין חבר פון דער קלעם. מילא, פון זעהן זיך מיט זיין חבר אין טורמע איז אָבגערעדט. דאָס האָט ער באַלד געזעהען, אַז ס׳איז פונקט אַזוי מעגליך, ווי ס׳איז מעגליך אַראָבברענגען איהם צו זיך אין האָטעל, וואו ער האָט זיך אָבגעשטעלט. אדרבה, ביי די טשינאָווניקעס, צו וועלכע ער האָט זיך געהאַט געווענדט וועגען דעם, האָט ער אַרויסגערופען אַ מאָדנעם חשד און מע האָט אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ מין אַוואַנטיוריסט, וואָס וויל מאַכען עפּיס אַ קונץ, מסתמא אונטערגעקויפט פון יודען... אַ גליק, וואָס זיינע דאָקומענטען זענען געווען אין דער בעסטער אָרדענונג, וואָרום סך הכל האָט איהם דאָס פּנים גע׳מסר׳ט, אַז ער איז אַליין אויך אַ יוד...

אָנגעלאָפען זיך אומזיסט דעם גאַנצען פריהמאָרגען איבער די קאַנצעליאַריעס, איז ער, אַנ׳אויסגעמידטער און אַ הונגעריגער, אַריין אינ׳ם ערשטען גרויסען קאַפע, זיך געהייסען געבען אָנבייסען און קוים געפונען אַנ׳אָרט ביי אַ טישעל,—אַזוי געפּאַקט איז דאָרטען געווען, פול און פיעל מיט אַחינו בני ישראל—און ער האָט זיך גענומען אַרומקוקען, וואו ער איז אין דער וועלט, און ער האָט דערזעהען, אַז ער געפינט זיך צווישען אייגענע.

דאָס איז געווען דאָס בעקאַנטע בערזען-קאַפע. וואָס איז שוין ביי

אונז איבען בעשריבען. דער עולם איז געווען עפּיס זעהר שטאַרק אויפגעטראָגען, גערעדט מיט היץ, געלאָפּען פון איין טישעל צום אַנ-דערן און מאָדנע געקאָכט זיך. און דער אורח האָט זיך גענומען צו-הערען פון וואָס מע רעדט. דערהערט דעם נאָמעם לאַפּידוס, איז איהם געוואָרען פערענטפערט, וואָס דער עולם קאָכט זיך אַזוי...

אַ לאַנגע צייט נישט געווען צווישען יודען און כּמעט נישט גע-הערט קיין יודיש וואָרט, איז איהם געווען איינגענעהמען, וואָס ער גע-פינט זיך צווישען אייגענע. עס איז איהם געווען איינגענעהמען דער דאָזיגער יודישער טומעל מיט׳ן הו-האַ. און איינגענעהמען איז איהם געווען אויך דאָס ערגערן, וואָס זיי האָבען זיך געערגערט ניט וויג-ציגער פון איהם. און אגב האָט ער טאַקי געוואָלט הערען, וואָס זאָגט עפּיס דער עולם? עס האָט אויפגעוואַכט אין איהם דער יודישער אינ-סטינקט, די אַלטע יודישע געוועהנהייט — זיין צווישען אייגענע, זיין אינאיינעם מיט אַלע יודען, איבערגעבען איינס דאָס אַנדערע אַלסדינג, וואָס מע ווייסט און וואָס מע דענקט און וואָס מע מיינט און וואָס מע טראַכט.

ער האָט בעמערקט, אַז מעהר פון אַלעמען האָט זיך געקאָכט אַ נידעריג יודעל מיט קורצינקע פּיסלעך, וואָס איז געקראָכען פון דער הויט, איינגעלעגט די וועלט, שטאַרק געוואָלט דער עולם זאָל איהם הערען, האָט ער זיך געהויבען אויף די שפּיץ פינגער, אונטערגעשפּרונ-גען אַלע מאָל.

— לאַפּידוס? לאָזט מיך, וועל איך אייך דערצעהלען, ווער דער לאַפּידוס איז!

דאָס יודעל, וואָס האָט זיך אַזוי געריסען צו דערצעהלען וועגען לאַפּידוס׳ען, איז געווען קאַץ, אָדער קעצעלע, אונזער אַלטער בעקאַנ-טער אָרעמער מעקלער, וואָס די גאַנצע וועלט ווייס ער און אַלעמען קען ער.

— פון וואַנען קענט איהר לאַפּידוס׳ען? — האָט זיך איינער דער-באַרמט אויף קעצעלען.

— אַלץ הייסט געקענט, חי-חי? — זאָגט קעצעלע און ווישט זיך מיט דער פּאָלע דעם שוויים — קענען צו קענען איז נישט גלייך! איך האָב נאָך געקענט דעם טאַטען זיינעם, און זיין טאַטענס טאַטען האָב איך געקענט, געווען אַנ׳ערליכער יוד זיין טאַטע, און נישט אַזוי נאָך זיין טאַטע, ווי זיין טאַטענס טאַטע...

—זיין טאַטענס טאַטע לאָזט צורוה, קעצעלע! איהר דערצעהלט אונז בעסער פון איהם אַליין, אויב איהר ווייסט עפּיס.

—אויב איך ווייס עפּיס, חי-חי?—זאָגט קעצעלע, צופריעדען, וואָס איהם איז סוף-כל-סוף געראָטען, ער רעדט און אַלע האָרכען איהם—ס'איז אַ רעכטער ימח-שמוניק, אָט דער לאַפּידוס! ער האָט זיך געהאַט געשדכנ'ט צו מיינעם אַ בעקאַנטענס אַ מיידעל, טאָקי צו דוד שפּיראָס טאָכטער, אָט די, וואָס איז געהאַט געוועזן אַ כלה פאַר אָט דעם אומגליקליכען דאַנטיסט ראַבינאָוויטש, בעת ער איז נאָך געוועזן, זייער קוואַרטיראַנט, הייסט עס...

—עס הויבט זיך גאָרנישט אָן! קעצעלע וועט אייך דערצעהלען מעשיות!—שלאָגט איהם איבער איינער אַ מעקלער, אַ געלער מיט ווייסע צייהן און מיט גאָלדענע ברילען—צו שפּיראָס טאָכטער האָט ער זיך נישט ג'עשדכנ'ט, קיין מאָל אַפילו נישט אין זינען געהאַט, וואָרום ביי דוד שפּיראָ איז נישטאָ קיין געלד, נאָר אַ שען מיידעל—און ער האָט געזוכט נאָר געלד. איהר פרעגט מיך, וועל איך אייך זאָגען, איך ווייס בעסער, שדכנ'ען האָט ער זיך געשדכנ'ט צו מיין שותּפ'ס טאָכטער, בערעלע גרינבורגס. ביי בערעלע גרינבורג איז דאָביידע זאַכען—אי אַ שען מיידעל אי אַ סך נדן, האָט מען איהם געגעבען דעם וועג, לאָזט ער אויס דעם כעס צו אַלע יודען. איהר פערשטעהט?

—עס קען זיין—פּרובט זיך, נעבען, קעצעלע אַרויפשלאָגען זיך צוריק אויף דער פריהעריגער פּאָזיציע—עס קען זעהר זיין, אַז ער האָט זיך געשדכנ'ט צו בערעלע גרינבורגס טאָכטער אויך. נאָר פון דוד שפּיראָ, וואָס איך דערצעהל אייך, ווייס איך פאַר געוויס. וואָרום איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין דאָרט געוועזן אַנ'איינגעהער פון תמיד אָן, נאָך אין דער צייט, ווען דער שלימזל'דיגער ראַבינאָוויטש איז ביי זיי געווען קוואַרטיר...

—מיט ראַבינאָוויטש'ען האָט איהר אויך געזאָגט, אַז איהר זענט געוועזן ווי אַנדערע צוויי, צום סוף איז אַ נעכטיגער טאָג.

און אָט אַזוי ווערט קעצעלע לחלוטין אַרויסגעשלאָגען פון דער פּאָזיציע און קיינער וויל איהם שוין נישט הערען מעהר. זיין אָרט פערנעהמט יענער געלער מעקלער מיט די ווייסע צייהן און מיט די גאָלדענע ברילען. פּאַפּאָוו, אָדער ראַבינאָוויטש, וואָס זיצט ביי זיין טישעל, בעקומט רחמנות אויף קעצעלען, און אגב ווילט זיך איהם מיט איהם בעקענען נאָהנט נאָכדעם ווי ער האָט דערהערט פון איהם, אַז ער

קאָן דעם דאַנטיסט ראַבינאָוויטש... ער רופט איהם צו מיט'ן פינגער צו זיך, איז איהם מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס, בעט איהם זיצען און פרעגט איהם, צי וועט ער טרינקען אַ גלאָז טיי? קעצעלע נעהמט דעם פּאַפּיראָס און זאָגט זיך נישט אָב פון אַ גלאָז טיי... אַדרבה, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען. ער איז צופריעדען וואָס האָט זיך געפונען חאָטש איינער אַנ'-איידעלמאַן.

—פון וואַנען איז אַ יונגערמאַן? נישט קיין היגער?- פרעגט איהם קעצעלע און זעצט זיך צו צו איהם גאַנץ נאָהנט און קוקט איהם אַריין טיעף אין די אויגען אַריין.—איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איהר זענט מיר קענטליך. וואו האָבען מיר זיך געזעהן?

—ניין, איהר קענט מיך נישט, איך בין גאָר אַ ליטוואַק פון דער לימא בין איך—ענטפערט איהם דער אמת'ער ראַבינאָוויטש צופריעדען מיט זיך אַליין, וואָס ער געדענקט נאָך אַזוי גוט יודיש רעדען—איהר זאָגט מיר בעסער אָט וואָס איך וועל אייך פרעגען. איהר האָט געזאָגט נאָר וואָס, אַז איהר האָט זיך געקענט מיט'ן דאַנטיסט ראַבינאָוויטש און מיט'ן מיידעל, צו וועלכען ער האָט זיך גע'שדכנ'ט. קענט איהר מיר נישט דערצעהלען אַלסדינג, וואָס איהר ווייסט וועגען דעם?

—אַלסדינג, וואָס איך ווייס? חי-חי. זאָגט קעצעלע מיט אַ געלעכטערל און רוקט זיך צו צום טיי, וואָס מע האָט איהם דערלאַנגט—אוי, ליבער פריינד, איך זאָל וועלען דערצעהלען אַלסדינג, וואָס איך ווייס, וועט אונז זיין ווינציג דער טאָג מיט דער נאַכט מיט נאָך אַ טאָג און מיט נאָך אַ נאַכט, חי-חי. נאָר אַז איהר ווילט, איך זאָל אייך דערצעהלען, וועל איך אייך דערצעהלען. ווי זאָגט איהר: אַז אייך איז ליעב, איז מיר ניחא. אַלזאָ, פון וועמען ווילט איהר זאָל איך אייך דערצעה-לען—פונ'ם דאַנטיסט גופא? צי פון זיין כלה? צי פון זיין טאַטען מיט'ן ברודער?

—איהר קענט זיך מיט זיין טאַטען און מיט זיין ברודער אויך?—פרעגט איהם ראַבינאָוויטש פערוואונדערט.

—הלוואי וואָלט איך זיי נישט געקענט—מאַכט קעצעלע און נעהמט זיך צום טיי—צוליעב די דאָזיגע צוויי שלים-מזל'ען, וואָס זענען גע-קומען אַהער אָהן פּעסער און אָהן געלד און אָהן לייב און לעבען, האָב איך אויך געליטען דעם זכות פון „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ." נאָר דאָס אַליין וואָלט נאָך געווען גאָרנישט, ווי זאָגט איהר: דערויף זענען מיר דאָך עפּיס יודען, מיר זאָלען אָבקומען אויף דער וועלט צוליב „פּראָוועס".

איך פרעג אַנ׳אַנדער זאַך פרעג איך: וועלכער רוח האָט זיי געטראָפען, זיי זאָלען קומען אַהער צו אונזערע „גדולים” מיט אַ בריעף פון זייער רב, וואָס שרייבט צו אונזערע גבירים, אַז זיי זאָלען זאַמלען געלד אויף פּדיון שבויים און זיך סטאַרעווען, מע זאָל למען השם בעפרייען דעם אומשולדיגען קרבן פון עלילת דם...

מע קאָן זיך פאָרשטעלען ווי אונזער ראַבּינאָוויטש האָט זיך געפיהלט, אַז ער האָט אָבּגענומען אַזאַ לעבּעדיגען גרוס פון די זייניגע. ער האָט זיך אָבּער איינגעהאַלטען און ווי ווייט מעגליך רוהיג איבּערגעפרעגט:

—נו, וואָס זשע איז דערפון געוואָרען?

—וואָס זאָל זיין? גאָרנישט.—זאָגט קעצעלע און זופּט דעם טיי מיט פערגעניגען—מע האָט דעם דאָזיגען בריעף צוגעלעגט צו דער דיעלע, און די ראַבּינאָוויטשעס האָט מען געבּעטען, זיי זאָלען מוחל זיין זיך דורכשפּאַצירען פּאָ עטאַפּאו קיין אַלדע שוואַרצע יאָהר ערגעץ קיין מאָהילעוו, קיין שקלאָוו, ווייסט דער רוח פון וואַנען זיי זענען דאָרט, און ס׳איז אַ סברה, אַז זיי האָבּען אַלע אויף זיך אַ גוט פּעקעל, דאָס הייסט מע האָט זיי אַלע דריי אַריינגעהאַקט אין חד גדיא אַריין, טאַקי די ראַבּינאָוויטשעס מיט׳ן רב דעם חכם. איצט, אַז מיר וועלען זוכה זיין ביי גאָט, וועלען מיר שוין האָבּען צוויי פּעקלעך, אַ „דיעלע” אָדער, ווי זאָגט איהר, אויף אַ מכּה אַ בּלאָטער... נאָר שאַ! זעהט גאָר, וואָס פאַר אַ בהלה פּלוצים אין מיטען דרינען? און וואָס טהוט דאָ פּאָליציע?... אין מיטען העלען טאָג שוין גאָר אויך אַנ׳אָבּלאַווע?... אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! איך וועל שוין ווידער דאַרפען געהן קיין וואַסילקאָוו מיט׳ן עטאַפּ, ערשט יענער וואָך געקומען, ווי זאָגט איהר, נישט אויסגערוהט אפילו די פיס, קומען זאָל אויף זיי פּרעה׳ס שלעק מיט איוב׳ס צרות אמן יהא שמיה רבה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין איין מינוט איז דאָס בּערזען-קאַפּע געוואָרען בּעלעגערט מיט פּאָליציע. אַלע טירען און פענסטער זענען געוואָרען צוגעמאַכט און מע האָט זיך גענומען מאַכען אַ רעוויזיע: די, וואָס האָבּען געהאַט צו בעווייזען אַ בּעזונדער צעטעל פונ׳ם פּאָליציימייסטער, אַז זיי מעגען וואוינען, האָט מען פערשריבּען און איינציגווייז אַרויסגעלאָזען דורך דער טיר און די, וואָס האָבּען קיין בּעזונדער צעטעל נישט גע

האַט צו בעווייזען, האָט מען אָבגעפיהרט מיט גרויס דרך ארץ אין אוטשאַסטאָק אַריין—דאָרט וועט מען שוין זעהען.

צווישען די אָבגעפיהרטע אין אוטשאַסטאָק זענען געווען אויך קע־צעלע מיט זיין אומבעקאַנטען פריינד, וואָס האָט זיך מיט איהם אַזוי פיין אונטערגעהאַלטען, מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס און מיט טיי און בכלל בעגאַנגען זיך מיט איהם, ווי קיינער האָט זיך נאָך דאָ מיט איהם נישט בעגאַנגען.

## דאָס הונדערט אַכטע קאַפּיטעל.

## אַנ׳אומגעריכטער פּינאַל.

אין דער דאָזיגער שטאָדט, וואו מע איז געוואוינט געוואָרען צו „אָבלאַוועס״ און צו „רעוויזיעס״ נאָך פון ששת ימי בראשית, איז די אויבען-בעשריבענע אָבלאַווע אין מיטען העלען טאָג אויך געווען אַ חדוש פון די חדושים און האָט אַרויסגערופען אין שטאָדט אַלערליי רעד, מעשיות און פזמונות. אין אמת׳ען אָבער איז דאָס געווען אַ פּשוט׳ע זאַך, וואָס פּשוטער דערפון קאָן שוין גאָרניט זיין. אויף דעם דאָזיגען בערזען-קאַפּע, וואָס איז שטענדיג פול מיט בערזעלייט, מיט ידען, הייסט עס, האָט די פּאָליציע שוין לאַנג געהאַט אַנ׳אויג, געוואוסט אָדער געפיהלט, אַז מע קאָן דאָרטען פּאַקען אַ היבש ביסעל טרפה-פּסול׳דיגע סחורה. נאָר אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען, אפנים צוליב דעם קאָך מיט׳ן משומד לאַפּידוסעס בריוועל, איז דאָרט געווען שוין צו אַ גרויסער יאַריד און דאָס האָט געגעבען דער פּאָליציע אַ סך מעהר רויבשטאָף, ווי זי האָט גערעכענט: צווישען די געפאַנגענע איז געווען, ווי מיר האָבען איבען געזעהען, אויך אונזער צווייטער העלד, דער אמת׳ער ראַבינאָוויטש, אויף וועלכען די פּאָליציע האָט זיך בשעת בהלה גאָרנישט אַרומגעקוקט, אַז לויט זיינע דאָקומענטען איז ער אַ כשר׳ער קריסט בן קריסט מיט׳ן נאָמען גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, און מע האָט איהם פערשפּאַרט אונטען, אין אַ גוט אָרט, אינאיינעם מיט׳ן מעקלער קעצעלע און מיט נאָך אַזעלכע ווי קעצעלע, און געלאָזט זיצען זיי אַ גאַנצען טאָג, ביז מע וועט אַמאָל איבערקוקען זייערע דאָקומענטען. דאָרט האָט ער געהאַט אַ געלעגענהייט צו געוואוירע ווערען פון קעצעלען נאָך אַ סך פּרטים וועגען דעם דאַנטיסט ראַבינאָוויטש און וועגען זיין פּאָטער

מיט'ן ברודער און וועגען זיין געוועזענע כלה, וואס מע האט זי גע-
האט איינגעזעצט און מאוס בעהאנדעלט, אזוי אז זי איז, נעבאך, קראנק
געווארען און איצט איז זי אויף א דאטשע ביי א רייכען פעטער, וואס
זוכט איהר א חתן מיט ליכט, גיט איהר כף אלפים נדן און וויל זי
חתונה מאכען וואס פריהער, בכדי צו פערשמירען דעם בזיון... קעצעלעס
פאנטאזיע האט זיך צעלאזט און ער האט דערצעהלט אהן א שיעור
פיקאנטנע און מורא'דיגע מעשיות, ביז מע האט איהם איבערגעשלאגען
אין מיטען—מע רופט די געפאנגענע ארויף צום פריסטאוו.

דער פריסטאוו, וואס איז געוועזען יענעם טאג עפיס נישט אויפגע-
לעגט, איבערקוקענדיג די פאפירען פון דער געהאפטער סחורה און
ד'ערזעהען צווישען זיי א דאקומענט אויפ'ן נאמען פון א דווארינאנין פא-
פאוו, איז ער געווארען שטארק אויפגעבראכט און האט זיך צעשריגען
אויף א קול:

—ווער איז דא פאפאוו? ווי קומט ער אהער?

—דאס בין איך פאפאוו!—האט זיך ארויסגעשטעלט דער אמת'ער
ראבינאוויטש און צוגעגאנגען גאנץ נאהענט און א זאג געגעבען צו
איהם שטילערהייד, אז ער האט איהם איבערצוגעבען זעהר א וויכטי-
גע זאך, נאר בתנאי אונטער פיער אויגען. האט דאס אפילו דעם פרי-
סטאוו פערדראסען: וואס פאר סודות? פונדעסטוועגען האט ער ארויס-
געגעבען א בעפעהל, ס'זאל אבגערייניגט ווערען דער חדר, און ס'איז
אין איין כהרף עין נישט געבליבען קיינער, נאר זיי אין צווייען אויג
אויף אויג. דער פריסטאוו האט נאך אמאל בעטראכט דעם דאזיגען
נפש. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען—עפיס א מאדנער פנים ביי
איהם, מאדנע אויגען... אין פנים איז אבער ניט געווען גארנישט וואס
ארויסצוזעהען, אויסער דעם וואס ער איז געווען גרייט עפיס אויסצו-
זאגען: ראבינאוויטש האט זיך ענטשלאסען אויפצודעקען דעם גאנצען
אמת און מיט איין ווארט מאכען א סוף צו דער גאנצער טראגיקאמע-
דיע, וואס ווערט פון טאג צו טאג אלץ מעהר פערפלאנטערט און
שלעפט ארויס אלע מאל נייע פארשוינען און הויבט שוין אן גאר בע-
קומען א פנים פון אנ'אויסערגעוועהנליכען, אונגלויבליכען ראמאן... ער
האט נאר נישט געוואוסט פאר וועמען און ווי אזוי און אין וואסער א
פארם ער זאל מאכען זיין איבערראשענדע ענטדעקונג. נאר איצט, אז
ס'האט זיך אזוי געמאכט, אז ער איז על פי טעות געפאנגען געווארען
גלייך מיט אלע יודען און געבראכט געווארען אין פאליציע, האט ער

ביי זיך גע׳פּועל׳ט מיט איין קלאַפּ אַראָבצורייסען די מאַסקע פון דער גאַנצער חתונה, און ער האָט אויסגעשאָסען פאַר׳ן טשינאָווניק:

—איהר זאָלט וויסען זיין, אַז פאַר אייך שטעהט ניט קיין קריסט און ניט קיין דוואָריאַנין גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, נאָר אַ יוד און אַ מעשטשאַנין הערש מאָושאָוויטש ראַבינאָוויטש. דער זעלבער ראַבינאָוויטש, וואָס זיצט ביי אייך אין טורמע און ווערט בעשולדיגט אין דעם, אַז ער האָט געקוילעט דאָס קריסטליכע קינד וואָלאָדיע שטשיגרינסקי צוליעב דער יודישער מצה אויף פּסח...

אָבגעזאָגט די גאַנצע מגילה אין איין אָטעם, האָט ער דערפיהלט אַז ס׳איז איהם אַראָב אַ שטיין פון׳ם האַרצען און זיין פאַנטאַזיע האָט איהם שוין פאָרגעשטעלט אַ בילד, אַ גאַנצע רייהע פון בילדער, ווי אַזוי מע וועט באַלד בעפרייען דעם אמת׳ן פּאָפּאָוו׳ן, און נאָך איהם אויך זיין פאָטער מיט׳ן ברודער מיט׳ן רב פון זייער שטעדטעל. און דעם רעש מיט׳ן טומעל, וואָס וועט ווערען דאָ אין שטאָדט און אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט, און די אַרטיקלען, וואָס די גאַזעטען וועלען שרייבען וועגען דער דאָזיגער זעלטענער עפּאָפּעיע, וועגען דער טראַגיקאָמעדיע, וואָס מע וועט דאַרפען אָנרופען מיט׳ן נאָמען „ד ע ר ב ל ו ט י ג ע ר ש פּ אַ ס...” דאָס סאַמע שלעכטסטע אויפ׳ן ערגסטען פאַל, וואָס דערפון קאָן זיין, איז נאָר דאָס, וואָס, ערשטענס, וועט מען איהם, ראַבינאָוויטש׳ן, באַלד אַרעסטירען דערפאַר, ווייל ער האָט דאָ ניט קיין פּראַוואָזשיטעלסטווא. און, צווייטענס, וועלען זיי ביידע, סיי דער אמת׳ער ראַבינאָוויטש, סיי דער אמת׳ער פּאָפּאָוו, האָבען אויף זיך אַ משפּט, וואָס זיי האָבען זיך געביטען מיט די יוצרות און געזעסען באַלד אַ יאָהר אויף פרעמדע נעמען. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט קאָן עס האָבען קעגען די אומגליקען, וואָס דער דאָזיגער שפּאַס האָט שוין אָנגעמאַכט און קאָן נאָך אָנמאַכען? איין זאַך, וואָס איהם האָט נאָך ביזאַהער אַ ביסעל אָבגעהאַלטען, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט אויסהאַלטען קיין יודישקייט און האָט דער ערשטער געבראָכען די שבועה, אַז פאַר׳ן יאָהר זאָל מען דעם סוד נישט אַנטפּלעקען. דאָס איז שוין אָבער גאָר אַ נאַרישקייט. אַ וועטע, וואָס שלעפּט מיט זיך אַזוי פיעל אומגליקען און איז גורם אַזוי פיעל אומזיסטע צרות און ערגערנישען, איז קיין וועטע ניט. מיט פייער טאָר מען זיך ניט שפּיעלען...

ווי איבערראַשט אָבער איז ער געוואָרען, אַז ער האָט דערזעהען, אַז זיין מודה זיין זיך האָט נישט געמאַכט קיין שום רושם. אדרבה,

דער עפעקט איז געווען גאָר קאַפּויר. דער פּריסטאַוו האָט איהם נאָר בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, און האָט איהם גאָרניט געזאָגט. ער האָט געזעהן, אַז ער האָט צו טהון מיט אַ פּסיכאָפּאַט, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַזאַ מין משוגעת. פאַרהאַן אַלערליי משוגעים אויף דער וועלט.

געזעהען, אַז דער פּריסטאַוו ריהרט זיך ניט, האָט ראַבינאָוויטש גערעכענט, אַז יענער איז שטאַרק איבערראַשט מיט זיין ענטדעקונג, האָט ער אַביסעל צוגעוואַרט און דערנאָך אַ זאָג געגעבען:

—נו? פאַרוואָס אַרעסטירט איהר מיך ניט? אָדער איהר ווילט מאַכען אַ „אָטשנע סטאַווקע” צווישען מיר מיט יענעם ראַבינאָוויטש'ן, וואָס זיצט אין טורמע?

דאָס האָט שוין דעם פּריסטאַוו פערדראָסען.

—קיין שום אָטשנע סטאַווקע! געהט אייך געזונטערהייד און הערט אויף צו פּלעטשען אייערע נאַרישקייטען! וואָרום טאָמער חזר'ט איהר איבער נאָך אַמאָל דאָס אייגענע, וועט מען אייך אַרעסטירען, ניט ווי אַ פערברעכער שוין, נאָר ווי אַ געריהרטען פונ'ם זינען און אָבשיקען אין אַ משוגעים-הויז...

ראַבינאָוויטש האָט אויפגעעפענט דאָס מויל, געוואָלט ערשט אָנהויבען רעדען, איהם קלאָר מאַכען די גאַנצע געשיכטע פון אָנהויב ביז'ן סוף, איז דער פּריסטאַוו געוואָרען מלא כעס וחמה.

—געהט אייך, זאָגט מען אייך! קאַרג טויטשעט מען זיך א טאָג מיט די יודען, בעדאַרף מען נאָך האָבען אויף זיך פּסיכאָפּאַטען מיט מאַניאַקען! געהט אייך, געהט פון דאַנען!

מיט די ווערטער האָט דער פּריסטאַוו איהם א שמיץ געגעבען אין פּנים זיינע דאָקומענטען און אַ קלונג געגעבען צו די נאַדזיראַטעלעס, מע זאָל אַריינפיהרען דעם איבעריגען עולם—און ראַבינאָוויטש האָט, נעבאַך, געמוזט מיט בזיון צענויפנעהמען זיין ביסעל פּאַפּירען און אָבטראָגען זיך פון דאַנען געזונדערהייד.

אויף אַזאַ מין פינאַל האָט זיך אונזער ראַבינאָוויטש בשום אופן ניט געריכט. אַלע זיינע פּלאַנען זענען צושלאָגען געוואָרען, און זיין פּאָהרען אַהער איז געווען, קומט אויס, אַרויסגעוואָרפען. וואָס טהוט מען ווייטער? געהן העכער? איינגעבען א מעלדונג דעם פּראָקוראָר? נאָר ווי באַלד, אַז מע גלויבט איהם ניט און מע האַלט איהם פאַר אַ פּסיכאָפּאַט, פאַר אַ מאַניאַק און פאַר אַ משוגענעם, קאָן מען דאָך איהם

טאַקי, צווישען יאָ און ניין, אָבשיקען, ווי דער פּריסטאַוו זאָגט, אין אַ משוגעים-הויז—דעמאָלט איז פערפאַלען די קוה מיט'ן שטריקעל: ניין! מע דאַרף זוכען אַנדערע וועגען, דערצו וואָלט געקאָנט העלפען נאָר איינער—דעם חבר גרישעס פאָטער, איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו. ווי אַזוי ברענגט מען איהם אַראָב אַהער? דורך אַ דעפּעש? דורך אַ בריעף? נישט קיין פּלאַן. מע בעדאַרף זיך בעסער אַליין דורכפאָהרען צו איהם אַהיים, און וואָס גיכער, און דאָרט איהם עפענען די אויגען, קלאָר מאַכען איהם די גאַנצע געשיכטע מיט'ן דאָזיגען שפּאַס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אַזוי פרעהליך, אַזוי קאָמיש, און האַלט ביי אויסלאָזען זיך מיט אַ נאַרישער, מאוסער טראַגעדיע, אַ נאַרישער, אַ בלוטיגער שפּאַס. ער זאָל זיך קאָנען צערייסען!...

* *

*

נאָך יענעם טאָג, פאַרנאַכטליך, האָט דער שנעלצוג געטראָגען אונזער צווייטען העלד, דעם אמת'ען ראַבינאָוויטש. פון דער גרויסער שטאָדט וואָס אין דער „טשערטאַ", אין דער רוסישער שטאָדט ט... דאָרטען, וואו עס געפינט זיך זיין חבר גרישעס פאָטער,—דער געוועזענער גובערנסקי פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטווא, — איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו.

## דאָס הונדערט ניינטע קאַפּיטעל.

### על דאַטְפְתָּ...

בעני הורוויטש פון פּינסק איז געוואָרען אַזאַ אָפטער גאַסט ביי די פּאַמיליאַנטען אויף דער דאַטשע, אַז די דיענסטען האָבען נור דער-זעהען פון דערווייטען די געל-ווייסע נאַקידקע מיט די ברייטע ארבעל זענען זיי שוין גלייך געגאַנגען צו דער באַרישניע שפּיראַ אָנזאָגען, אז איהר „פּאניטש" איז געקומען, און שטילערהייד אין קיך זיך געשטיקט פאר געלעכטער. די דיענסטען האָבען געלאַכט און די מאַדאַם, טויבע פּאַמיליאַנט, האָט געקאָכט שטילערהייד ווי אַ קעסעל, געוועזן מורא'דיג אָנגעשטאָלט אויף דער פּלימעניצע, אַן אָרעם מיידעל און האלט זיך ווי אַ פּרינצעסין, קיין ברעקעל דרך ארץ פאַר דער רייכער מוהמע, קיין שום אַראָבפּאַל פאַר געלד, פאַר גרויסע פּערעל, גאָלד, זילבער, ברי-ליאַנטען, שלעפּט זיך אַרום מיט אַן'אָבגעריסענעם בחור אין וואַלד מיט אַזאַ גדלות, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן מי יודע וועד! און נאָך מעהר גרויס איז געוועזן איהר צאָרן, וואס איהר מאַן, אַט דער חסיד רב שלמה פּאַמיליאַנט, שטאָט דעם ער זאָל האַלטען מיט איהר, מיט טויבען, איז ער, אַפּנים איהר אויף צופּוקעניש, שטאָל און אייזען פאַר דער פּלימעניצע. וואָס זי זאָל ניט טהון, איז גוט, און אַפילו אָט דער אָרעם בחור איז איהם גאָר געפעלען. ער האָט מיט איהם אַ פּאָר מאָל אַ ריעד געגעבען און איז פון איהם גאָר ענטציקט. ער איז פול, זאָגט ער, אומעטום. ניטאָ, זאָגט ער, איין יודישער ספר פון אונזערע הייליגע ספרים, וואָס אָט דער פּינסקער בחור זאָל נישט זיין קלאָר. ער איז, זאָגט ער, אַ מופלג בתורה, אַ גאון, ער וואָלט געקאָנט זיין, זאָגט ער, אַ רב בכל תפוצות ישראל. חאַ-חאַ! אַ שענער רב, אָהן אַ

היטעל און מיט אַ געשאָבענער מאָרדע! פערשטעהט זיך, אַז דאָס זאָגט איהר שלמה אויף צו להכעיס, ווייל ער ווייס, אַז זי האַלט ניט פון דער פלימעניצע און אַז זי האָט פיינט אָט דעם בחור דעם עזות-פּנים. וואָס אַלע מאָל, ווער ער קומט, גיעט ער איהר אָב דעם גוט מאָרגען. נאָר עפּעס ווי ער מאַכט חוזק. ער זאָגט איהר: „גוט מאָרגען, מוהמע-ניו". וואָס פאַר אַ מומע איז זי איהם? אַלע רופען זי „מאַדאַם" און דער דאָזיגער האָט אַ השגה נאָר מוהמע, און ניט מוהמע, נאָר מוה-מעניו! — אַנ'עזות-פּנים פון אַ ליטוואַק! נו, אַ וועלט. נו, יאָהרען! דער אויבערשטער זאָל בעהיטען און בעשירעמען זיין ליעב פאָלק ישראל דאָ און אומעטום, היינט און אַלע מאָל—אמן.

איהרע טעכטער, די באַרישניעס, זענען אויך געווען ניט ווינציג אויפגעטראָגען אויף זייער קוזינקע דערפאַר, וואָס זי האַלט זיך מיט אָט דעם הורוויטש'ן, ווי אַ חבר מיט אַ חבר, און אַלע מאָל, ווען ער קומט, לאָזט זי איהם ניט, ער זאָל מיט זיי זיך בעקענען אַ ביסעל נעהענטער, זעצט זיך אוועק מיט איהם אין גאָרטען, אָדער שפּאַצירט מיט איהם אין וואלד—סודות!

אפילו די מוטער אליין, שרה שפּירה, געוואוירע געוואָרען פון איהר שוועגערין, אַז איהר בעטי פיהרט זיך ניט גוט—זי זאָגט נישט אויף איהר, חלילה, קיין שלעכטס—זי זאָגט נור, אַז זי פיהרט זיך ניט גוט, איז זי געקומען צופאָהרען צוגאַסט אויף אַ פּאָר שעה, כלומר'שט נור א קוק טהון, צי בענקט זי ניט אהיים, און טאקי אין איין וועגס געבען א רעד, פערשטעהט זיך מן הצד, וועגען דעם דאָזיגען נייעם שלים-מזל, וואָס האָט זיך, פערנאַדעט. בעטי אַליין דאַרף פערשטעהן, אַז איהר, דער מאַמע, הייסט עס, אַרט עס ניט כלל וכלל וואָס זי קען זיך מיט אַזעלכע בחורים ווי אָט דער שלים-מזל פון פינסק, חאָטש דער שוואָגער זיינער, דער איינבינדער, איז עפּיס ניט אַזאַ שיינדעלע פאַר די סלאַוויטער שפּירא'ס... נאָר וואָס דען? זי רעדט נישט פון קיין שום זאַך. זי שמועסט נור אַקעגען דעריינען, וואָס פאַר לייטען מוז מען קאָנען יוצא זיין, און אַז מע איז ביי אַ רייכען פע-טער צו גאַסט, דאַרף מען וויסען, אַז...

עד כאן. וויטער געהט ניט שרה, וואָרום די טאָכטער האָט איהר אָב די פליגעל, אַז זי פערלירט שוין דעם גאַנצען חשק אַריינ-צומישען זיך אין איהרע עסקים און וויל שוין גאָרניט מאַכען קיין רעד אפילו פון דעם קוואַרטיראַנט, צוליעב וועלכען זי איז אייגענטליך אַהער

געקומען איבעררעדען מיט דער טאָכטער. אוי, אָט דער קוואַרטיראַנט— דאָט איז עפּיס נור אַ גאָטס שטראָף און געגנוג! אַ חוץ וואָס דאָס איז אַ פּעקעל פאַר כל ישראל איז דאָס איהר אייגען פּעקעל. דעם גרעסטען חלק צרות האָט זי, שרה שפּירא. בעסער וואָלט זי זיך אויסגעבראָכען אַ האַנד אָדער אַ פוס יענעם פריהמאָרגען, וואָס זי האָט איהם פערדונגען דעם חדר!... אַ פּנים זי ווייסט דען אַפילו וואו זי איז אין דער וועלט? מע קאָן דאָך משוגע ווערען פון די רעד, וואָס מע הערט זיך אָן. אָט קומען צוויי יודען, זאָגען, אַז זייער נאָמען איז ראַבּינאָוויטש און מעלדען זיך פאַר אַ פאָטער מיט אַ ברודער פון'ם קוואַרטיראַנט און מאַכען איהם פאַר אַ ליגנער, אַ שקרן, אַ כזבן. נאָכדעם לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז גאָר אינגאַנצען אַ נעכטיגער טאָג, ס'איז נאָר צוויי פּראָסטע זשוליקעס, וואָס זענען געקומען אַהער מעהר ניט אַז אויסנאַרען געלד, האָבען זיי זיך אַ נאָמען געגעבען ראַבּינאָוויטש און געבראַכט צו פיהרען כלומר'שט בריעף פון רבנים מיט כתבים מיט קוויטלעך און נאָך אַזעלכע זאַכען... פון וואַנען ווייס זי דאָס? פון קאַצ'ען. זיי האָבען ביי דעם קאַצ'ען געגעכטיגט, האָט דער קאַץ געזעהן ביי זיי די דאָזיגע בריעף, מיט די כתבים, מיט די קוויטלעך, זיי האָבען זיך, זאָגט ער, בעריהמט פאַר איהם און עפּיס זעהר שטאַרק, זאָגט ער, נאָכגעפרעגט זיך אויף די היגע נגידים, גבירים און מיליאָנערען. אַזוי דער צעהלט קאַץ און שווערט, אַז מע מעג גלויבען אַ משומד — וואָס־זשע? אַ יוד וועט דען אויסטראַכטען?... קומט דאָס אויס, הייסט דאָס, אַז די ליגנערס זענען זיי גאָר! זי האָט אָבער באַלד געזאָגט, אַז די יודען געפעלען איהר ניט. און דערהויפּט יענער, דער יונגערער, וואָס שניצט די נאָז מיט איין פינגער... ווי באַלד אַזוי, הייגט צו וואָס האָט איהר געטויגט דער טאַרעראַם—שיקען דעם דאָקטאָר פאַר אַ שילאַטען שנאָר? אַ רעשטעל צו די צרות! מאָלט אייך, ס'איז אַ גליק, וואָס דער דאָקטאָר איז בטבע אַ יוד אַ לעמעשקע, חאָטש אַזוי אַפילו איז ער אַ גאַנץ גוט מעבּשעל, און האָט אָבגעלעגט דאָס רעדען מיט איהר בעטי'ן אויף שפּעטער. איצט בעדאַרף זי איהם אויף אַ כפרה. זי וועט שוין אַליין רעדען... נאָר געה רעד, אַז יענע וויל ניט הערען! און דערצו איז נאָך בעטי געוואָרען אין די לעצטע צייט עפּיס גאָר שונאי ציון ריין משוגע. ס'איז דער מאַמען אַ וועהטאָג אין האַרצען און אַ חרפּה, אַ בושה פאַר לייטען! טויבע קלאָגט זיך ניט אויף איהר, חלילה, אַז בעטי איז אַ שלעכט קינד—חס ושלום! זי זאָגט נור, אַז זי עסט ניט און טרינקט

ניט, פערטהון שטענדיג אין עסקים...

—אָט, אַ שטייגער, כּדומה, למשל, נעהמט אָט דעם בחור, וואָס פון פּינסק, — גאָט ברוך הוא זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד — ער קומט אַהער כּמעט אַלע טאָג, אַלע טאָג, און ווי נור ער קומט—אַזוי פליהט מען אַוועק אין וואַלד און מע סוד׳עט זיך: שו-שו-שו, שו-שו-שוו... אָט איז מען איצט אויך אין וואַלד שוין העכער אַ שעה—פרעגט זיי וואָס? צו וואָס בעדאַרף מען עס האַלטען בסוד, אַז ס׳איז שוין לאַנג אויס סוד? אַלע ווייסען שוין ברוך השם, אַז דאָס רעדט מען אַלץ וועגען איהם, וועגען אָט דעם ראַבּינאָוויטש׳ען. מהכתיתי, פדיון שבויים איז אַודאי אַ גרויסע מצוה. נאָר מפקיר זיין זיך אָט אזוי צוליעב יענעם—שטעהט ניט געשריבען אין ערגיץ אין די הייליגע ספרים, סיידען אַז יענער איז חלילה מסוכן קראַנק, ווערט דאָס אָנגערופען ביי אונז פקוח נפש... און ווייטער מיר זאָלען שמועסען פון לשון חתן-כלה, איז, ערשטענס, איז דאָס נאָך אַ גרויסער ספק אויב ס׳איז אַ שדוך, האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך שמועס אַזוי אָפען—אַלע שפּירא׳ס זענען אַזוי, מיר האָבען פיינט חניפה—און, צווייטענס, וועל איך אייך זאָגען, מיין טייערע, די גאַנצע וועלט מעג טאַקי וויסען, אַז אייער ראַבּינאָוויטש איז, נעבאַך, גאָט די נשמה שולדיג אַ כפרה פאַר כל ישראל, פונדעסטוועגען איז דאָך עס פאָרט, גאָט ברוך הוא זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד, מיט אַ פלעק, אַ מענש איז, מע זאָל בעהיט און בעוואָרענט ווערען—מע טאָר ניט זינדיגען—אָבגעזעסען אַזאַ צייט אין תפיסה, זאָגט אייך שרה׳ל קרוין, וואָס איהר ווילט, איהר מעגט אַפילו זיין ברוגז אויך—ס׳איז נישט פאַר מיין דודין קיין גלייכען... נעהמט אַ קאַפעל איינגעמאַכטס, איך בעט אייך.

—אַ דאַנק, טויבעניו, איך האָב שוין גענומען — ענטפערט איהר שרה, וואָס זיצט קוים איין, רייסט זיך אַ קוק טהון, צי איהר טאָכטער איז שוין צוריקגעקומען פון וואַלד מיט דעם פּינסקער שלים-מזל, צי נאָך ניט—ווער רעדט דען איצט, טויבעניו, ליובעניו, פון אַזעלכע זאַכען? ווער האָט עס אַפילו אין זינען? דאָ געהט ניט אין דעם, דאָ געהט איצט אין עפּיס אַנדערש, און איהר זאָגט גאָר דאָס...

אין דעם קומט אָן בעטי אַ צעקאָכטע און אַ צעווערטע און דער לאַנגער שמועס צווישען די ווייבער ווערט איבערגעהאַקט אין מיטען.

שרה פרעגט שוין גאָר אַפילו ניט ביי דער טאָכטער קיין וואָרט: זי קען זי שוין גוט. אין אַזעלכע מינוטען, ווייסט זי, איז גלייכער,

אַז מע טשעפּעט זי ניט...

—וועסט אפשר נעהמען אַ קאָפּעל איינגעמאַכטס?—פרעגט זי די מוהמע טויבע מיט זעהר אַ פריינדליך שמייכעלע אויף די פערשנורעוועטע ליפּען. נאָר בעטי בעדאַנקט זי אָהן ווערטער, נאָר מיט אַזאַ קוק, אַז דאָס אַנדערע מאָל לעגט זי איהר שוין נישט פאָר קיין איינגעמאַכטס. און צו דער מוטער זאָגט בעטי:

—גוט, מאַמע, וואָס דו ביזט געקומען, מיר פאָהרען אַהיים.

עס האָבען נישט געהאָלפען נישט קיין פראַגען, צוליעב וואָס זי פאָהרט אַהיים, נישט קיין בעטען זי בלייבען חאָטש נאָך אַ פּאָר וואָכען. די מוהמע טויבע האָט כלומר׳שט איינגעלעגט די וועלט, געזאָגט, אַז דער פעטער וועט קומען פון שטאָדט און וועט געוואויר ווערען, וועט זיך טהון חשך, חשך של מצרים, און וועט זיין גערעכט!... און אין האַרצען איז טויבע געווען אַזוי צופריעדען, אַז עס האָט זיך געגלוסט טאַנצען. זי האָט נור מורא געהאַט, טאָמער, חלילה, קומט אָן דער מאַן און מאַכט אַ גוואַלד, למאי די פּלימעניצע פאָהרט אַוועק—„אַ קשיא אויף דעם יודען!...”

—טהוט זשע מיר חאָטש צוליעב—האָט זיך טויבע געבעטען ביי דער שוועגערין, מיט אַזאַ נוסח, גלייך ווי אין דעם הענגט אָב איהר גאַנץ לעבען—טהוט זשע מיר די טובה און נעהמט מיט חאָטש אַ האַלבען סלאָי איינגעמאַכטס!

און נישט לאַנג געטראַכט און גאָרנישט געוואָלט אויסהערען קיין שום טענות, האָט זי גענומען איבערלעדיגען דעם איינגעמאַכטס פון איין סלאָי אינ׳ם אַנדערען, אַזוי, אַז ס׳איז אויסגעקומען צוויי האַלבע, איינע אַ גרעסערע, די אַנדערע אַ קלענערע (דאָס האָט טויבע געכאַפּט מיט׳ן אויג). די גרעסערע העלפט האָט זי אין דער גיך אריינגעהאַקט אין דער שאַפע, און דעם סלאָי מיט דער קלענערער העלפט האָט זי כמעט מיט גוואַלד אַריינגעשטופּט דער שוועגערין אין די הענד אַריין. שרה האָט גאָרניט געוואוסט, וואָס מיט איהר טהוט זיך, וואָס פאַר אַ באָמבע אַ סלאָי האָט מען איהר אָנגעהאַנגען. צו וואָס דאַרף זי דעם דאָזיגען אומגליק?... ערשט שפּעטער, אַז זיי זענען ביידע מיט דער טאָכטער געזעסען אין וואַגאָן און געפאָהרען אַהיים, האָט שרה שפּירא נאָך אַמאָל גוט בעטראַכט דעם סלאָי מיט׳ן איינגעמאַכטס פון אַלע זייטען און האָט איהם דערלאַנגט אַ וואָרף אַרויס דורכ׳ן אָפענעם פענסטער מיט אַזאַ אימפּעט, גלייך דאָס וואָלט געווען עפּיס אַ זאַך,

וואָס נור פון דעם נעהמען זיך אַלע איהרע אומגליקען מיט אַלע איהרע דאגות און יסורים און אַנשיקענישען...

* * *

שטעהענדיג ביים פענסטער אין ווינקעל מיט פערלעגטע הענד אַהינטער, גלייך ווי אַ סטאַטוע, האָט בעטי בעטראַכט, די פערביילויפענדע בוימער פון וואַלד, און נאָכדעם די גרינע פעלדער, מיט די קליינע שטיבעלעך, מיט די טעלעגראַפען-סלופּעס, וואָס זענען פערשוואונדען מיט אַזאַ גיכקייט, ווי איהרע געדאַנקען. איינס נאָכ׳ן אַנדערע, איינס נאָכ׳ן אַנדערע, און זי האָט דאָ, פאָהרענדיג, איבערגעלעבט אין זכרון נאָכאַמאָל אַלע געשעהענישען פון זינט זי איז געקומען אַהער אויף דער דאַטשע ביז היינטיגען טאָג. פריהער איהר נאָהענטע בעקאַנטשאַפט מיט אָט דעם הורוויטש פון פינסק, וואָס איז איהר פון טאָג צו טאָג געוואָרען אַלץ מעהר נאָהענט... זי האָט מורא זיך מודה צו זיין, נאָר עס דאַכט זיך איהר, אַז דער דאָזיגער הורוויטש, בישט קוקענדיג דערויף, וואָס האָט אין זיך געגנ, מאַכט אָנשטעלען פון אַ פּאַיאַץ, אַ פערשלעפּטע קרענק און נאָך אַזעלכע זאַכען, איז ער איהר דאָך מעהר סימפּאַטיש פון אַלע יונגע לייט, וועלכע זי האָט וועז געקענט ביז אַהער. דאָס, וואָס איהר געפעלט מעהר פון אַלסדינג — איז זיין וואונדערליכע פּראָסטקייט און מאָדנע עפענטליכקייט. אַ מענש, וועלכער זאָגט דאָס, וואָס ער טראַכט, און טראַכט דאָס, וואָס ער זאָגט. ניטאָ קיין איבערשפּיצלעך, דיפּלאָמאַטישע המצאות. ער האָט איהר שוין צום צווייטען וויזיט געגעבען צו וויסען אין גאַנץ פּשוט׳ע ווערטער, אַז ער האָט זי אָבגעשאַצט שוין לאַנג, נאָך אין יענער בהלה-נאַכט, ווען דער פּרינץ (מיט דער נאָמען הייסט ביי איהם זיין חבר ראַבּינאָוויטש) האָט איהם בעקאַנט געמאַכט מיט איהר אויף דער גאַס, וואָס ביי׳ם וואָקזאַל, און אַז ער איז גרייט פאַר איהר ניט נור, ווי עס רעדט זיך על-פּי מליצה: „אין פייער און אין וואַסער"—ניין, ער איז טאַקי גרייט יעדע מינוט זיך מקריב זיין, זיך לאָזען אָבשניידען ביידע הענד פאַר איהר און „פאַר דעם, וואָס איז איהר ליעב..." דאָס מיינט ער, נאַטירליך, דעם פּרינץ ראַבּינאָוויטש, אויף וועלכען ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט נישט ערלויבט זיך צו זאָגען איין וואָרט אַ שלעכטס—

דאָס קאָן זי איהם נישט פערגעסען און איז איהם דאַנקבאַר אָהן אַ שעור...

נאָך מעהר דאַנקבאַר איז זי איהם דערפאַר, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט בעריהרט פאַר איהר איהרע געפיהלען צו ראַבינאָוויטש'ען. גלייך ווי דאָס וואָלט להלוטין גאָרנישט געווען, אָדער גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, וואָס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, גלייך ווי ראַבינאָוויטש וואָלט אָנגעקעהרט איהר אַ ברודער און ער, הורוויטש, איז זייער ביידענס עלטסטער ברודער. עס איז ווערט געווען צו זעהען, ווי דער מענש האָט געשעפט תענוג אַלע מאָל, ווען ער האָט איהר געבראַכט צופיהרען פון שטאָדט אַ פרעהליכע ידיעה פונ'ם „קנעפעל", אָדער פון דער „אָפגעשלאָגענער הושענה" (וועמענס נאָמען ס'איז קיינמאָל ניט דערמאָהנט געוואָרען און פאַר דעם איז זי איהם געווען גאָר בעזונדער דאַנקבאַר...) עס געהט גוט, אַלסדינג גוט, אויסגעצייכענט, מע בעדאַרף גאָרניט בעסער!" — אָט דאָס זענען געווען די ידיעות אין דער ערשטער צייט. שוין אויף זיין גרויסען אויסגעקייל͏עכדיגען שטערען האָט זי פון דערווייטען געקאָנט איבערלייענען דאָס וואָרט: „אויסגעצייכענט!"... אַריינפיהרען זי אין דער אונטער-וועלט, אין דעם „רינשטאָק", פון וואַנען די דאָזיגע גוטע ידיעות קומען אָן, האָט ער נישט געוואָלט בשום אופן, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס בעטי האָט דוקא געוואָלט וויסען אַלעס, אַלעס. „אַז איהר וועט וועלען, הערט זיך איין, אַלסדינג וויסען, וועט איהר גיך אַלט ווערען" — האָט איהר ראַבינאָוויטש געזאָגט, געוואָלט פטר'ען מיט אַ גלייכווערטעל. האָט איהם אָבער בעטי געזאָגט, אַז זי האָט פיינט זיינע גלייכווערטלעך — און דאָס איז געווען נישט אמת. בעטי, ניט נור זי האָט ליעב זיינע גלייכווערטלעך, אַפילו דער אויסדרוק „הערט זיך איין", וואָס ער בענוצט אַלע וויילע, וואו מע דאַרף און וואו מע דאַרף ניט, האָט ביי איהר אויך אַ בעזונדער'ען חן...

פערשטעהט זיך, אַז אויסגעפיהרט האָט בעטי: זי האָט געוואוסט אַלסדינג, אָדער כמעט אַלסדינג. זי האָט געוואוסט, אַז דעם „קנעפעל" אָדער דער „אָבגעשלאָגענער הושענא" האָט זיך, נאָך זעהר פיעל מיה און קונצען, ווי אַנ'אמת'ן שערלאָק האָלמס אָדער נאַט פינקערטאָן, איינגעגעבען טאַקי ממש פון אונטער דער ערד אַרויסצוגעפינען די פערלוירענע יפה-פיה מיט'ן נאָמען מאַשקא טשערעפקאָוואַ און אַרויסבעקומען פון איהר נישט נור וויכטיגע בייעס, נאָר אַ סך זעהר וויכטיגע

בעוויזען, זאַכען און דאָקומענטען... זי האָט געוואוסט, אַז, אַ דאַנק דער דאָזיגער מאַשאַ טשערעפּקאָוואַ, האָט מען פערהאַלטען נאָך צוויי נקבות, וואָס זאָלען האָבען ביידע גענומען אַנ'אָנטייל אין וואָלאָדקע'ס טויט, נאָר די ביידע האָבען געלייקענט שטיין און ביין און אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע שולד אויף מאַשאַ'ס חתן מאַקאַר זשערעבטשיק, וועלכער איז פערשוואונדען געוואָרען, ווי אין דער ערד אַריין. דאָס זענען געווען די ערשטע גוטע ידיעות. דערנאָך האָט הורוויטש געבראַכט די בעסטע פון אַלע ידיעות, אַז זיין שערלאָק האָלמס אָדער נאַט פינקערטאָן, וואָס האָט געאַרבייט דורך פרעמדע הענד, ווייל ער איז דאָך שוין אַנ'אָבגעשלאָגענע הושענא, האָט אַזוי לאַנג געטהאָן אַ פערבאָרגענע דראָט-אַרבייט, ביז מע האָט געפּאַקט דעם חתן, מאַקאַר זשערעבטשיק, און גענומען אין חדר אַריין... נאָר דאָס אַליין איז נאָך גאָרניט אַקעגען דעם, וואָס דער מאַקאַר זשערעבטשיק האָט אָנגעוויזען אויף אַ גאַנצער באַנדע גנבים, חוליגאַנעס און רויבער, וואָס האָבען געהאַט געפּלאַנעוועט דורך דעם גע'הרג'עטען וואָלאָדיע שטשיגרינסקי אַ יודישען פּאָגראָם אויף פּסח און וואָס צוליעב דעם טאַקי זענען דאָס געמאַכט געוואָרען די ניינאונפערציג וואונדען און צוגעגעבען געוואָרען אַ ריטואַלען האַראַקטער... מאַקאַר זשערעבטשיק האָט צוגעזאָגט צו אָנרופען ביי די נעמען די דאָזיגע אַלע חברה-לייט, וואָס האָבען זיך מתעסק געווען אַרום דעם דאָזיגען מת-מצוה און אויך די נעמען פון די מחותנים, די הויפּט-אָנפיהרער...—הכלל, עס האָט זיך געטהון, ווי מע זאָגט, אויף טישען און אויף בענק! יענעם טאָג ווער איז געווען צו בעטי'ן גלייך? איהר פרייד האָט נישט געהאַט קיין ברעג. אַ קלייניגקייט! עס איז שוין געווען אַלעס, וואָס מע דאַרף,—האָט זיך בעטי געטראַכט — נאָך מעהר ווי מע דאַרף. עס איז שוין געווען אַלסדינג פאַרטיג, אַט-אָט ווערט פערפיהרט אַ נייע עסק און דער פריהערדיגער ווערט בטל, בטל פון זיך אַליין... נאָר פּלוצים—דאָס איז געווען פריהער מיט עטליכע טעג—קומט צופאָהרען הורוויטש מיט אַ וויסטער בשורה (בעטי האָט נאָך זיין פּנים דערקענט, אַז ער האָט געבראַכט נישט קיין גוטע בשורה). וואָס איז די מעשה? „די מעשה, הערט זיך איין, איז אַ מיאוס'ע מעשה—דער חתן איז אַנטלאָפען, פון אונטער דער חופּה אַנטלאָפען!"... בעטי איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט פון אַזאַ נייעס, אַז זי האָט איהר גאַנץ' ביטער האַרץ אויסגעלאָזט צו הורוויטש'עס קאָפּ: גיין, זי וויל וויסען נור איין זאַך—פון וואַנען נעהמט זיך ביי אַ מענ-

שען חשק צו פּראַווען לצנות אין אַזאַ צייט און ביי אַזאַ זאַך? „מע בעדאַרף זיין, הערט זיך איין, חאָטש אַ ברעקעל פילאָזאָף—האָט איהר הורוויטש געענטפערט פרעהליך, ווי זיין שטייגער איז—חאָטש אָט אַזאַ קאַפּעטשקע, וועט איהר דעמאָלט ממילא זעהען, אַז ס'איז אינגאַנצען אַ חוזק שבחוזק אָט די גאַנצע וועלט, מיט אָט דעם גאַנצען הימעל, מיט אָט די אַלע גלגלים אַרום און אַרום...”

בעטי איז געווען אַזוי אויפגעקאָכט פון זיין לשון, אַז זי האָט איהם אָנגערופען מיט'ן נאָמען פאַיאַץ און פערשלעפּטע קרענק און איז אַוועק פון איהם אומגעזעגענט און איז, פערשטעהט זיך, אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען פון חרטה, פאַר וואָס זי האָט אומזיסט בעליידיגט אַ מענשען, אַ געטרייען, אַנ'איבערגעגעבענעם מיט לייב און לעבען, און איז געווען גליקליך, אַז זי האָט איהם אויף מאָרגען דערזעהען מיט'ן אייגענעם פּנים, וואָס אַלע מאָל, גלייך ווי צווישען זיי וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען קיין שום קריעג.

—ס'איז ניט גוט טייערינקע—האָט ער איהר געזאָגט—ס'איז, הערט זיך איין, זעהר ניט גוט, אַזוי ניט גוט אשר לא ניט גוטו אבותינו!...”

—איך בעט אייך, רעדט מיט מיר ניט מיט אָ דעם לשון—בעט זיך ביי איהם בעטי רחמים, ווי מע בעט זיך ביי אַ גזלן.

—וואָס העלפט דאָ, טייערינקע, דער לשון, אַז מע זעהט ווי דער אמת געהט צופוס, איינגעבויגען אין דרייען, האַרט ביי די ווענד, מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס, און דער שקר, הערט זיך איין, פאָהרט רייטענדיג, דעם קאָפּ אַרויף, פייפט און קנאַקט מיט דער בייטש און טרעט מענשען אין די גאַסען: עה! סטאָראָניס, רעביאַטאַ!...

דאָך האָט ער זי ווי ווייט מעגליך געטרייסט, געגעבען האָפנונג, אַז זיין שערלאָק חאָלמס לעבט נאָך—און „קוים לעבט דער גוי, הערט זיך איין, וועט ער ניט רוהען, ביז ער וועט ניט אויפדעקען די גאַנ-צע כּנופיה”... נאָר ווער האָט זיך געקאָנט ריכטען אויף אַזאַ קלאַפּ, אויף אַזאַ אונערוואַרטעטען אומגליק, וואָס האָט פּלוצים געטראָפען ווי אַ דונער אין אַ שענעם טאָג—און דאָס איז געווען די שרעקליכע ידיעה, וואָס הורוויטש האָט היינט געבראַכט צופיהרען פון שטאָדט:—

—מע האָט אויפגעחאַפּט, הערט זיך איין, דעם שערלאָק חאָלמס אַליין בכבודו ובעצמו, און מע האָט איהם אָבגעפיהרט ווי אַ פּשוט'ן בשר-ודם און איינגעפּאַקט אין חד-גדיא אַריין. מע ווייס נאָך ניט פאַר וואָסערע מעשים טובים. אפנים, אַז אונזערע חכמים, הערט זיך איין,

זענען געררעכט געווען, וואָס זיי האָבען געזאָגט: „על דאטפת אַטפוך״.. דער טייטש איז אַזוי: „דערפאַר, וואָס דו האָסט דערטרינקען, ביזטו דער-טרונקען געוואָרען, און דעו׳ סוף פון דייגע דערטרענקער—זיי וועלען דערטרינקען ווערען...״ האָט איהר צעקייעט?... איצט בלייבט איבער נאָך איין זאַך: מע טאָר ניט לאָזען, ס׳זאָל אַבגעקיהלט ווערען און מע בעדאַרף זיך בענוצען, הערט זיך איין, מיט די ידיעות, וואָס מיר האָ-בען און איבערגעבען דעם גאַנצען מאַטעריאַל צו אַ רעכטען אַדוואָקאַט אין די הענד אַריין, לאָז ער דערפון מאַכען אַ פיינקוכען. ווילט איהר—נעהם איך דאָס אויף זיך נאָך היינט; איך האָב אַ בעקאַנטען אַדוואָקאַט, ער איז טאַקי אונזערער אַ פינסקער. דאָס איז, הערט זיך איין, אַנ׳-אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטען-לאַנד, אַ מענש, וואָס קאָן מאַכען פון שניי גאָמעלקעס, אַ קאָפּ איז אויף איהם פון אַ מיניסטער, און אַ מויל—אַז ער רעדט, פאַלען פליגען, און חוץ לזה איז ער נאָך צו די צרות אַנ׳עהרליכער מאַן אויך און וועט ניט פערקויפען אייך פאַר צוויי גיל-דען...

—איך פאָהר—האָט בעטי אַ זאָג געגעבען מיט אַזאַ טאָן, וואָס לאָזט זיך ניט איבערשפּאַרען און אפילו נישט איבערפרעגען נאָכאַמאָל—איך פאָהר אַהיים. איהר זאָלט זיין ביי מיר אין שטאָדט מאָרגען אין דערפריה צווישען ניין און צעהן.

—סלאושאַיו-ס! — האָט זיך הורוויטש אויסגעצויגען פאַר איהר, ווי אַ סאָלדאַט און גענומען פאָד קאָזעראָק און האָט געחאַפּט אַ מיאוס׳ען פּסק, אַז מע דאַרף וויסען ווען וואָס עפּיט פּאַסט און אַז ס׳איז שוין בכלל צייט אַמאָל אַוועקוואַרפען די דאָזיגע שטיק פון...

—פון וואָס?

—פון אַ פּאַיאַץ.

## דאָס הונדערטצעהנטע קאַפּיטעל.

## אַן'אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטען-לאַנד.

אַז בעטי איז געקומען פון דער דאַטשע אַהיים אין שטאָדט אַריין, האָט אויף איהר געוואַרט אַ נייער סורפריז: אויפגעשטאַנען אויף מאָרגען אין דערפריה, האָט זי זיך אָנגעטהון און אַבגעוואַרט הור-וויטש'ען, ווי מען האָט אַבגערעדט, צו געהן אינאיינעם צום „אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטענלאַנד". דערווייל האָט זי קודם, ווי אַלע מאָל, געכאַפּט אַ קוק אין בלאַט אַריין און, ווי אַלע מאָל, געזוכט מיט די אויגען דאָס, וואָס איהר האָט מעהר פון אַלעס אינטערעסירט — נייעס וועגען דעם ריטואַל-פּראָצעס — און ווי איבערראַשט איז זי געווען, אַז זי האָט איבערגעלייענט אַ ידיעה, אַז די טעג איז דעם בעשולדיגטען הערש מאָוושאָוויטש ראַבינאָוויטש איבערגעגעבען געוואָרען די קאָפּיע פונ'ם בעשולדיגונגס-אַקט, וועלכער פערנעהמט ביז צוויי הונדערט זייטען און אַז דער טאָג פונ'ם משפט איז בעשטימט אויפ'ן נייַן און צוואַנציגסטען, און נאָך אַ נייעס: אַז צווישען די עדות, וואָס די בעשולדיגונג שטעלט אַרויס, ווערט אַרויסגערופען אויך דער יוד דוד שפּירא, ביי וועמען דער פערברעכער האָט געהאַלטען קוואַרטיר, זיינע אַ טאָכטער און אַ מינדעריעהריגען זוהן, וואָס איז געווען אַ חבר פונ'ם געהרג'עטען וולאַדימיר שטשיגרינסקי . . .

— — — — — — — — —

בעטי האָט זיך אויפגעגעסען אַ לעבעדיגע, למאי זי האָט פערבראַכט די בעסטע צייט אויף דאַטשע. עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז ווען זי זאָל זיין געווען דאָ אויפ'ן אָרט, וואָלט אַלסדינג געווען אַנדערש. דורך פרעמדע הענד איז גוט פייער צו שאַרען. און ווער איז שולדיג, ווען נישט די מאַמע, וואָס האָט זיך נאַסיאַדעט אויף איהר מיט אָט דעם נמאס'ען דאָקטאָר: „דאַטשע—דאַטשע! דאַטשע—דאַט-

שע!" און גלייך ווי די צווייַ וואָלטען געוואוסט, אַז זי האָט זיי אויפ'ן קאָפּ, קומען זיי אַריין ביידע, יעדער מיט זייגעם: די מאַמע בעט, זי זי זאָל עפּעס געהמען אין מויל אַריין: אַ לעבערעל, אַנ'אייעלע, אַ גלע-זעלע מילך, אָדער אפשר גאָר אַ פּרעזשעניצע? און דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען מעהר נישט אַ פרעג טהון, ווי געהטס אין געזונד, חאָטש ער האָט זי געזעהען ערשט נעכטען אויף דער נאַכט, נאָך איהר צוריק-קומען פון דער דאַטשע, און ביידע האָבען פון איהר נישט גוט אָבגע-שניטען. דער מוטער האָט זי אָבגעשפּיעלט אַ פריהמאָרגען, זי זאָל זי לאָזען צורוה מיט איהרע לעבערלעך, אייעלעך און פּרעזשעניצעס. זי איז נישט קיין גאַנז, וואָס מע דאַרף זי שטאָפּען זי זאָל זיין פעט. אויסגעטרונקען אַ גלעזעל קאַווע אין דערפריה—גענוג. און מיט'ן דאָק-טאָר האָט זי זיך אויך אָבגערעכענט, נאָר אַ ביסעל איידעלער. ער האָט דערזעהען ביי איהר אין די הענד דאָס בלאַט און געשטויסען זיך, אַז זי ווייסט שוין אוודאי פון היינטיגען נייעס, איז איהם געפעלען דווקא איצט זיך אָננעהמען מיט האַרץ און איהר זאָגען מוסר און דוקא גאַנץ רוהיג, ווי אַ זייטיגער מענש, וואָס האָט נישט קיין שום זייטיגע חשבונות, אָדער קלויבט זיך שוין לאַנג איהר אויפקלערען, אַז זי טהוט נישט גוט, וואָס זי איז מפקיר איהר געזונד צוליעב אַ מענשען, וועלכער...

—צוליעב אַ מענשען?—האָט איהם בעטי איבערגעריסען און גע-וואָרפען אויף איהם אַ קוק פול מיט צאָרן און מיט האַס, חאָטש זי האָט זיך געפלייסט, עס זאָל אויסקומען מיט אַ שמייכעל—צוליעב אַ מענשען, זאָגט איהר? צוליעב איין מענשען? איהר מיינט אפנים, אַז נאָר איהם אַליין זעצט מען אַוועק אויפ'ן בענקעל? איהר האָט פערגע-סען, אַז אינאיינעם מיט איהם משפט מען מיך און אייך און אונז אַלע! איהר האָט פערגעסען, אַז...

בעטי האָט נישט געענדיגט, ווייל אין דער מינוט האָט זיך גע-עפענט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען דער, וועמען זי האָט אָבגעוואַרט, בעני הורוויטש פון פינסק, אַ לעבעדיגער, אַ פרעהליכער, ווי תמיד און באַלד נאָכ'ן ערשטען גוטמאָרגען, האָט ער אַ פרעג געטהון בעטי'ן, צי זי ווייסט שוין פון דער בשורה טובה, און גאָר נישט קוקענדיג אפילו אויפ'ן דאָקטאָר, האָט ער גענומען אַרומשפּאַנען מיט זיינע גרויסע פיס הין און צוריק און שיטען מיט ווערטער אויף זיין בלומענשפּראַך. „שענער פון אַלץ, הערט זיך איין, איז איהם געפעלען דאָס, וואָס מע רופט אַרויס פאַר עדות זיי, דעם פאָטער מיט די קינדער! און ווער,

דוקא די פּראָקוראַטור!"

געזעהען, אַז ער איז דאָ אַנ'איבעריגער האָט דער דאָקטאָר געהאַפּט דאָס היטעל און איז מיט אַ טרוקענעם „אַדיע!" אַוועק, זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז אַנ'עק, דאָס איז זיין לעצטער וויזיט אַהער... ביז וואַנען איז דער שעור זיך לאָזען טרעטען מיט די פיס פון עפּיס אַ מיידעל מיט אַ שען פּנים'על, וואָס טאַנצען אַרום איהר בחורים, פון דער וועלט בחורים!...

דעם דאָקטאָר'ס אַנטלויפען האָט, אַפּנים, נישט געמאַכט אויף די יונגעלייט קיין שום רושם. זייער קאָפּ איז געווען פערנומען מיט עפּעס אַנדערש. הורוויטש האָט נישט אויפגעהערט אַרומצושפּאַנען און שיטען מיט רעד:

—פּאַרפּאַלען, הערט זיך איין, די קוה מיט'ן שטריקעל, אַרויסגעוואָרפען די גאַנצע אַרבייט! פּאַסקודנע וואָס קאָן שוין גאָר פּאַסקודנער נישט זיין! נאָר פונדעסטוועגען אונטערגעבען זיך—דאָס פּע! אַ יוד, הערט זיך איין, דאַרף טהון אַלסדינג און גאָט דאַרף טהון פערקעהרט. אַ יוד טראַכט, און גאָט לאַכט...

אַזוי האָט איהר אויסגערעדט דאָס האַרץ בעני הורוויטש פון פינסק, וועלכער האָט נאָך קיינמאָל, אין די סאַמע ערנסטע מינוטען פון זיין לעבען, נישט פערלוירען קיין מוטה, און נאָך געהענדיג אַהער, איז ביי איהם פאַרטיג געוואָרען אַ פּלאַן, אַז וויבאַלד מען ווייסט שוין וועו דער משפּט איז, און דער בעשולדיגטער מוז דאָך האָבען אַנ'אַדוואָקאַט, על-כּן, רעכענט ער, זיך דורכגעהן און טאַקי באַלד צו זיין בעקאַנטען אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטענלאַנד, וואָס קאָן מאַכען פון אַנ'איי גאָמעלקעס, וואָס האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער און וואָס אַז ער רעדט, פאַלען פליעגען.

—ממה נפשך, אַז מען פאָהרט, זאָל מען פאָהר'ען!

—איך געה מיט!—האָט בעטי געזאָגט בעשטימט און מיט אַ טאָן פון אַ קעניגין, ווי איהר שטייגער איז און וועלכם פּאַסט זיך טאַקי זעהר צו איהר באמת מאַיעסטעטישע פיגור און גיט איהר צו אַ בעזונדערען חן. דערהערט דאָס די מוטער, קומט זי אַריין אַ דערשראָקענע:

—וואוהין איז?

—הערט זיך איין, מוהמעניו, עלי ועל צוארי, זי געהט מיט בעני הורוויטש'ען פון פינסק. מיט מיר געהט זי!

און בעני הורוויטש פון פינסק האָט זיך דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער האַנד איבער'ן האַרצען און אַריינגעקוקט שרה'ן אין די אויגען אַריין מיט אַזאַ פרעהליכען און גליקליכען קוק, גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען פון דאַנען מיט בעטי'ן נישט צום אַדוואָקאַט, נאָר צו דער חופה... אַז שרה שפירא האָט זיי אַרויסבעגלייט און פערמאַכט נאָך זיי די טיר, האָט זי זיך פערטראַכט: „נאַט אייך אַזאַ מין אַנשיקעניש! דער דאָקטאָר איז אַנטלאָפען ווי פון אַ שרפה... דער דאָזיגער פינסקער שלים-מזל פליהט מיט איהר אַרום פון שמונין צו בונין—חלואי עס זאָל זיך חאָטש ענדיגען מיט גוטען!" לאָזט זי אויס נעבעך מיט זעהר אַ טיעפען זיפץ און קנאַקט זיך אויס אַלע פינגער ביז איינעם.

אויב אַ מיניסטערשער קאָפּ בעדאַרף זיין גרויס ווי אַ באַר! און גלאַט ווי אַ לאָקשענברעט, אָהן אַ שום סימן פון געוואוקס, וואָלט אָט דעם אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטענלאַנד, ווען ער זאָל נאָר נישט האָבען דעם איינאַוגאיינציגען חסרון, וואָס ער איז אַ יוד און פון פינסק, אָנגעשטאַנען צו זיין נישט נאָר אַ מיניסטער, נאָר אַ מיניסטער-שבמיניסטער. דער קאָפּ זיינער האָט אויסגעוויזען נאָך מעהר גרויס, ווייל אַליין איז ער אַ טרוקענער, אַ דאַרער, אַ בולאַנער בלאָנדין. און פיס האָט ער לאַנגע און דינע—אַ קאָמישע פיגור, נאָר חאָטש די דאָזיגע פיגור איז אַ קאָמישע, פונדעסטוועגען האָט אויף בעטי'ן דער אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטענלאַנד געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק. אפשר דערפאַר, ווייל הורוויטש האָט איהם אַזוי אָבגעלויבט, און אפשר דערפאַר, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט געהאַלטען, אַז דער גאַנצער עסק איז נישט ווערט קיין פּאַפּיראָס. צי ער קאָן מאַכען פון שניי גאָמעלקעס, ווי הורוויטש פערזיכערט, ווייסט זי נישט. נאָר אַז ער קאָן רעדען — דאָס האָט זי אַרויסגעזעהען פון זייער ערשטען וויזיט צו איהם, וואָרום אין דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבען ביי איהם פערבראַכט, האָט פון זיי אַלע דריי גערעדט כמעט נאָר ער איינער. אויסגעהערט האָט ער פון הורוויטש'ען דעם קצור-המעשה וועגען דער מפלה מיט זייער שערלאָק חאָלמס, אָדער נאַט פינקערטאָן, דוקא מיט קאָפּ און מיט צוגעמאַכטע אויגען, און אַז יענער האָט געענדיגט, האָט ער זיך ווי אויפגעחאַפּט פון שלאָף, גענומען רויכערן אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, און נישט רויכערן, נאָר קייען מיט די צייהן און מיט די ליפּען און שאָקלען

בעת-מעשה מיט אַנ׳איבערגעלעגטען פוס איבער אַ פוס, האָט ער אָנ-געהויבען צו רעדען—און פון דער מינוט אָן איז ער שוין געווען דער איינציגער רעדנער ביז׳ן סוף. ער האָט געמאַכט צו נישט די גאַנצע טרחה זייערע מיט זייער גאַט פינקערטאָן מיט זיין גאַנצער אַרבייט און האָט זיי פונאַנדערגעוויקעלט אַ גאַנצע טעאָריע, אַז לויט זיין סיס-טעם, זענען פאַרהאַן צוויי וועגען. איין וועג, אויפצעווייזען, אַז דער בעשולדיגטער איז נישט דער שולדיגער, און דער צווייטער וועג—אויפ-צודעקען די אמת׳ע שולדיגע. איהם אַליין אינטערעסירט דער צווייטער וועג להלוטין נישט, זוכען [illegible] לאָזען יענע, וואָס זענען מחויב,—זיי בעקומען דערפאַר געצאָלט.—מיר דאַרפען נאָך אַמאָל און נאָך צעהן מאָל און נאָך הונדערט מאָל אויפווייזען, אַז קיין ריטואַל-פערברעכען איז ביי אונז נישטאָ. און אויב מענשען זענען נאָך אַזוי פערפיהרט און אַזוי איינגעבילדעט און לאָזען זיך היפּנאָטיזירען פון אַנדערע, אָדער זיי גלויבען אַליין אין אַזאַ ווילדער נאַרישקייט אַזוי שטאַרק, אַז מע מוז זיי נאָך ברענגען בעווייזען און אַריינשלאָגען זיי אין קאָפּ אַריין, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער און נישט קיין געזויערטע אוגערקע, איז אונזער חוב דאָס צו טהון, דאָס צו בעווייזען,—און דאָס איז אַזוי גרינג צו בעווייזען. ווי ס׳איז גרינג אָט-דאָס-אָ.

דערביי האָט ער אַרויסגעחאַפּט פון מויל דאָס שטיקען פּאַפּיראָס, וואָס איז געבליבען נישט אויסגערויכערט, אָדער, בעסער געזאָגט, נישט אויפגעגעסען, און גענומען זיך תוך כדי דבור צו אַ ניי פּאַפּיראָסעל. דעם דאָזיגען מאָמענט האָט אויסגענוצט הורוויטש און אַ זאָג געגעבען איהם, אַז איצט איז שוין במילא מעהר נישט געבליבען ווי דער איינ-ציגער וועג און צוליעב דעם טאַקי זענען זיי דאָס אייגענטליך געקו-מען צו איהם בעטען, אַז...

—אַז איך זאָל זיין פאַר איהם דער מליץ-יושר?—חאַפּט אונטער דער אַדוואָקאַט, שוין קייענדיג דאָס נייע פּאַפּיראָסעל—שוין שפּעט, מיין ליעבער פריינד, שפּעט זעגט איהר געקומען.

ביי בעטי׳ן האָט זיך אָבגעריסען אין האַרצען פון די דאָזיגע ווערטער: וואָס הייסט, שפּעט?... צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז פּ ע ר-שׁ פּ ע ט י ג ט האָבען זיי דערמיט, וואָס ער איז שוין סיי-ווי-סיי בע-שטימט אַלס אַדוואָקאַט פאַר׳ן דאָזיגען „פערברעכער”, נאָך פון ווייס איך ווען אָן, אָהאָ-האָ!

בעטי האָט אַ ביסעל אָבגעלעבט, און דער אַדוואָקאַט האָט גענו-

מען דערצעהלען, ווי אזוי דאס איז געוועזען!

—עס זענען, פערשטעהט איהר מיך, אבגעהאלטען געווארען פון אונזערע „שבעה טובי עיר” איינע נאך דער אנדערער עטליכע אספות, און, ווי עס פיהרט זיך ביי אונז, זענען ארויסגעזאגט געווארען אהן א שעור דעות און בויך-סברות. א סך האבען געדרונגען, אז מע זאל אויסשרייבען פון דער רעזידענץ-שטאדט דעם בעריהמטען סאלאוויי... דעם גרעסטען פון אלע קנאקערס. האב איך זיי געזאגט, זאג איך, אז אויסשרייבען קאנט איהר אייך, קינדערלעך, וועמען איהר ווילט, זאג איך, אפילו בלעם הצדיק פון יענער וועלט, זאג איך, נאר וואס וועט זיין, מיינע ליעבע פריינד, זאג איך, אז איך וועל אייך איבערצייגען, זאג איך, אז דא בעדארף מען נישט קיין שום קנאקערס מיט קיין שום סאלאווייטשיקעס, און אז דער בעשולדיגטער וועט געפינען ווע-רען פאר אונשולדיג, זאג איך, אזוי קלאר, זאג איך, ווי דער טאג איז קלאר?

בעטי שמעלצט זיך פאר תענוג. איטליכס ווארט פון דאזיגען אד-וואקאט איז פאר איהר א תורה. נישט קיין מענש רעדט, נאר א נביא פרעדיגט...

—מיין סיסטעם—זאגט ווייטער דער אדוואקאט גלאט און קיילע-כיג אהן א שום אבשטעל, גלייך ווי פון א בוך—מיין סיסטעם איז א י-בערצייגען. איך וועל זעהען איבערצייגען, אז דער דאזיגער דאנ-טיסט געהער זיך אזוי אן מיט דעם פערברעכער, אזוי ווי איך געהער זיך אן מיט דעם, וואס רוים איז חרוב געווארען, אדער וואס נאפא-לעאן האט געהאט די מפלה אינ'ם אכצעהנהונדערט צוועלפטען יאהר. דאס איז מיין סיסטעם. און וואס ריטואל אנבעטרעפט, וועל איך זיי לייענען א לעקציע, אז עס וועט זיי ליכטיג ווערען אין די אויגען. זעהט איהר, אט דאס א!—ער האט געגעבען א ווייז מיט דער האנד אויף א גאנצען פאק מיט ביכער, כתבים און פאפירען און גענומען שיטען מיט נעמען און מיט ציטאטען, לייענען גאנצע בלעטלעך אויף אויסווענדיג, און נישט גלאט געלייענט, נאר דעקלאמירט, מיט געפיהל און מיט הארץ, און אזוי גלאט און אזוי זיס—אך! בעטי'ן וואלט נישט נמאס געווארען, ער זאל נאך רעדען און רעדען און רעדען. נאר, אנ'-עבירה—ער האט זיך פלוצים געגעבען א האפ אויף, אויסגעשפיגען דאס איבעריגע שטיקעל פאפיראסעל פון מויל, אויסגעצויגען זיך אויף די לאנגע דינע פיס, געחאפט א קוק אויפ'ן זייגער און געבעטען, זיי זא-

לען איהם מוחל זיין—ער דאַרף זיך געהן איבערטהון פאָהרען אין טור-מע אַריין טאַקי צו אָט דעם דאָזיגען ראַבינאָוויטש׳ן.

—ווי באַלד אַזוי—זאָגט צו איהם הורוויטש אויף יודיש—זאָל זיין אין אַ גוטער שעה, מיט׳ן רעכטען פוס, איהר זאָלט זיין דער גוטער שליח און לאָזט איהם גריסען, הערט זיך איין, פון מיר און פון אָט דער מיידעל... שפּירא איז איהר נאָמען.

—שפּירא?—האָט זיך דער אַדוואָקאַט אומגעדרעהט מיט׳ן פּנים צו בעטי׳ן, אויסגעצויגען איהר אַ דינע לאַנגע קאַלטע האַנד מיט דינע לאַנגע קאַלטע פינגער און איינגעקוקט זיך מיט פערגניגען אין איהר שען ליכטיג פּנים, גלייך, ווי ער האָט זי נאָר וואָס בעמערקט.

—שפּירא, פון די אמת׳ע, פון... פון די סלאַוויטער שפּיראָס", האָט הורוויטש געוואָלט זאָגען, ווי דוד שפּירא זאָגט, נאָר בעגעגענט בעטי׳ס קוק, האָט ער געהאַפּט אַ שוויג, און דער אַדוואָקאַט האָט שוין אַליין געענדיגט פאַר זיין בן-עיר, פאַר הורוויטש׳ען:

— בקצור, דאָס מיידעל, ווילט איהר מיר זאָגען, מסתמא, איז אייערע אַ כּלה? קומט אייך אַ מזל-טוב מיט אַ בראַוואָ אינאיינעם... איהר האָט א גוטען גוסט...

הורוויטש האָט זיך הילכיג צעלאַכט און איבערגעקוקט זיך מיט בעטי׳ן, און בעטי האָט זיך אָנגעצונדען ווי אַ שטרויענער דאַך... אין דער מינוט האָט זי אויסגעזעהען אַזוי געטליך שען, מיט אַזוי פיעל חן, אַז ביידע מאַנסבּילען האָבען זיך אויף איהר פערקוקט. דער אַדוואָקאַט, וואָס איז אַליין געווען אַ בחור, האָט מקנא געווען זיין בן-עיר, דעם בחור הורוויטש: „וואו האָט ער אויסגעזוכט אַזאַ-נ-אתרוג׳ל?..." נאָר הור-וויטש האָט איהם גיך בערוהיגט. ער האָט זיך אָנגערופען צו איהם אויף יודיש, געוועהנליך:

—אַ כּלה איז זי טאַקי, הערט זיך איין, נאָר לײדער נישט מיי-נע, אַנ׳אַנדערענס, און דוקא...

—אַך, לאָזט צורוה!—שלאָגט איהם איבער בעטי אויף רוסיש און פרעגט זיך נאָך ביי׳ם אַדוואָקאַט, אויב עס איז שוין מעגליך אַצינד זיך זעהען מיט...

—מיט׳ן „פערברעכער"? געוויס! איצט איז שוין אַלעס מעגליך. ער אַליין בעדאַרף מעלדען, מיט וועמען ער וויל זיך זעהען. און איהר פון אייער זייט, בעדאַרפט איינגעבען צום פּראָקוראָר... קומט אַריין צו מיר היינט אַרום דריי-פיער. איך וועל אייך אַלעס בעזאָרגען. איהר

וועט נאָך מאָרגען קאָנען זעהען זיך.

ניט שפּעטער ווי אין אַ שעה אַרום, איז שוין דער אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטענלאַנד געזעסען אויג אויף אויג מיט׳ן בעשולדיגטען און נישט געקאָנט זיך זאַט אָנקוקען אין דעם דאָזיגען יונגען מאַן, וואָס האָט אויסגעזעהען פריש און מונטער, גאָר נישט ווי אַנ׳אַרעסטאַנט, נאָר דאָס, וואָס ער איז געווען מגושמ׳דיג בעוואָקסען (די גאַנצע צייט, וואָס ער זיצט, האָט ער זיך נישט געגאָלט און נישט געשערען), און געהאַלטען האָט ער זיך עפּעס אַזוי גלייך און פעסט און שטאָלצעדיג, גאָר נישט די יודישע דערשלאָגענקייט מיט דער יודישער דורכזיכטיג-קייט, וואָס קוקט אויף אייך פון די אויגען אַרויס און וויל לייענען, וואָס ביי אייך אין האַרצען טהוט זיך: „הלנו אתה אם לצרינו?"...

דער אַדוואָקאַט האָט נאָך כמעט קיינמאָל נישט געזעהען אַ יודען מיט אַזאַ ברוסט און מיט אַזעלכע ביינער — „אַ יונגאַטש אַ חריפות, אַ תענוג צו קוקען!..."

ראַבינאָוויטש-פּאָפּאָוו האָט נאָך, אמת, טאַקי קיינמאָל אַזוי גוט נישט אויסגעזעהען, ווי איצט, וואָרום ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גע-פיהלט זיך אַזוי גליקליך ווי איצט: אויסערדעם, וואָס אָט-אָט געהט ער אַרויס פון דאַנען אויף דער פרייער וועלט (אין דעם איז קיין שום ספק נישט!), אויסערדעם, וואָס דורך איהם וועט די גאַנצע וועלט זיך איבערצייגען, אַז די שרעקליכע לעגענדע פונ׳ם אַזוי-גערופענעם „ריטואַל" איז מעהר נישט אַז אַ חלום, און וואָס צוליעב איהם וועט אַ גאַנץ פאָלק סוף-כל-סוף אויפגעריכט ווערען פון אַזאַ בעליידיגונג — אויסערדעם אַלעם איז ער ערשט פונ׳ם אַקט געוואוירע געוואָרען, אַז בעטי לעבט און איז געזונד, קוים איז זי געשטעלט צום משפט פאַר אַנ׳עדות! און ועל כולם, היינט, נאָכדעם, ווי דער דאָזיגער אַדוואָקאַט (וואָס פאַר אַ ליעבער טייערער מענש דאָס איז!) האָט איהם אָבגעגע-בען אַזאַ ליעבער גערוס פון איהר און זאָגט איהם נאָך צו, אַז ער נעהמט זיך בעזאָרגען אַ ראַנדעוואו פאַר זיי—אָ! ער זאָל זיך נישט שע-מען, וואָלט ער איהם אַרומגעחאַפּט קושען, און סך-הכל מיט איין האַל-בע שעה פריהער, אַז דער אַדוואָקאַט איז אַריינגעקומען און פאָרגע-שטעלט זיך, צוליעב וואָס ער איז געקומען, האָט איהם ראַבינאָוויטש-פּאָפּאָוו אויפגענומען עפּיס נישט אַזוי פריגעלדיג. ער האָט איהם גע-זאָגט, אַז ער דאַנקט, ער דאַרף נישט קיין אַדוואָקאַט—ער האָט אַליין אַ צונג. פערשטעהט זיך, אַז „דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער

געזאָגט אַ נאַרישקייט, אַ גרויס נאַרישקייט . אַ בעשולדיגטער, ער מעג זיין דער גרעסטער רעדנער, ער מעג קאָנען רעדען ווי ציצעראָ אַליין, מוז האָבען אויפ׳ן משפט אַנ׳אַדוואָקאַט, אַ פערטיידיגער".

—איהר מוזט מיר מוחל זיין, טויזענד מאָל מוחל זיין. איך האָב מיך געהיצט. איהר זענט מיין אַדוואָקאַט, איהר, נישט קיין אַנדערער.

—בעסער דער ערשטער רוגז--רופט זיך אָן דער אַדוואָקאַט שוין אויף יודיש און דער בעשולדיגטער פרעגט איהם: „וואָס הייסט דאָס אייגענטליך?"

—אַך, איך האָב גאָר פערגעסען, אַז איהר זענט אַ האַלבער יוד —פערחאַפּט זיך דער אַדוואָקאַט. און זייער געשפרעך ווערט וואָס ווייטער, ווייטער אַלץ מעהר אינטים, און אַז עס קומט צום געזעגענען זיך, פיהלען זיךביידע גלייך ווי זיי וואָלטען געווען גוטע פריינד שוין פון ווייס איך ווען אָן.

## דאָס הונדערט עלפטע קאַפּיטעל.

## איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו.

די זומערדיגע רעזידענץ פון די פּאָפּאָווס, דאָס שענע פּרעהליכע בלאַגאָסוויעטלאָווא, איז דעם זומער געוועזן נישט דאָס, וואָס אַלע יאָהר. פון זינט דער הויף איז אַריבערגעפּאָהרען אַהער פון שטאָדט, האָט מען דאָ כּמעט נישט אָנגעקוקט גאָך קיין פרעמדען מענשען. קיינער איז אַהער נישט געקומען צו גאַסט. און ווער ס׳איז געקומען איז ער אַוועקגעפאָהרען צוריק נישט אויפגענומענערהייד. און ווען ס׳איז געווען זעהר נויטיג, האָט איהם אויפגענומען דער אופּראַווליאַיושטשי. איוואַן איוואַנאָוויטש איז זעלטען אַרויסגעפאָהרען אויף עטליכע טעג, און געקומען צוריק—זיך פערשלאָסען ביי זיך און אפילו אויפ׳ן פעלד נישט אַרויסגעפאָהרען. אַלע איינדערפריה האָט איהם אויפגענומען דער אופּראַווליאַאושטשי מיט אַ דאָקלאַד און שטעהענדיג אויף די פיס אי־בערגעבען אַלץ, וואָס האָט זיך אָבגעטהון אינ׳ם פערגאַנגענעם טאָג, און אַז ער איז געגאַנגען צוריק, האָט ער זיך געפיהלט אַ סך בעסער, ווי איידער אַהינצו געהענדיג—אַזוי שווער איז געווען אויסצושטעהן די עטליכע מינוט פאַר׳ן שווערען איוואַן איוואַנאָוויטש, וואָס איז געוואָרען גאָן שווערער זינט עס האָט זיך אויסגעגאָסען אויף איהם גאָטס שטראָף, וועלכע אַלע האָבען געוואוסט, נאָר קיינער האָט נישט געטאָרט אויסרעדען וועגען דעם אַ הויך וואָרט.

און וואָס איז בעשטאַנען די דאָזיגע גאָט׳ס שטראָף?—וועגען דעם זענען געוועזן אין הויף פערשיעדענע מיינונגען. שטילערהייד האָט מען איבערגעגעבען איינער דעם אַנדערן אַלעמאָל אַנ׳אַנדער נייס וועגען

דעם פערפאַלענעם פאַניטש. איינע האָבען געזאָגט, אַז ער זיצט און מ'ע דאַרף איהם משפט'ן. אַנדערע האָבען געדרונגען, אַז ער איז שוין אָב-גע'משפט און פערשיקט געוואָרען אַהין, וואו דער ווייסער פעפער וואַקסט. נאָך אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז אַ סך ערגער ווי פערשיקט, און דערביי זיך איבערגע'צלמ'ט. אַ בעווייז האָבען זיי געדאַט די „באַרישניע", אָדער די „פערשלאָסענע", ווי דער הויף האָט איהר אַ נאָמען געגעבען, אויף איהר האָבען זיי געהאַט נאָך מעהר רחמנות, ווי אויפ'ן „באַרין". די דיענסטען, וואָס ווייסען אומעטום, אין יעדען הויז, וואָס עס טהוט זיך אַלסדינג, און אָפטמאָל אַ סך מעהר ווי אַלסדינג, האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען אַליין געזעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, ווי די באַרישניע איז געשטאַנען אויף די קניה און געדאַווענט פאַר'ן געשטאָרבענעם פאַניטש... אַנדערע האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען אַליין געהערט, ווי דער באַרין האָט זיך געקריעגט מיט דער באַרישניע, אַז זי איז שולדיג אין איהר ברודערס אומגליק, וואָרום זי האָט גע-וואוסט, אַז ער געהט אין שלעכטען וועג און האָט פערלייקענט פונ'ם פאָטער און איינגעשטעלט זיך אַלעמאָל פאַר'ן ברודער... איינער אַ לאַ-קיי, אַ שענער יונג אין אַ פראַק, אַ גאַנצער פריץ, האָט, שטעהענדיג אין קיך פאַר'ן שפיגעל, מיט האַלבע ווערטער דערצעהלט גאָר אַ וויל-דע זאַך, אַז ער איז אָנגעקומען אַקוראַט דעמאָלט, ווען דער באַרין האָט נאָר-וואָס אויפגעהויבען די האַנד אויף דער באַרישניע... נאָר דער דאָזיגער ליגען האָט בעגעגענט אַזאַ פראָטעסט פון אַלע זייטען און ס'איז געוואָרען צווישען די דיענסטען אַזאַ מהומה, אַז ווען דער דאָזי-גער פאַרשוין מיט'ן פראַק ציהט נישט צוריק זיינע ווערטער, בעהמט מען איהם צו פון דעם קוטשערס געבענשטע ידים אַ צעביילטען—ער זאָל זיך ניט דערוועגען מעהר אויסטראַכטען אַזעלכע נאַרישע שקרים.

אין די דאָזיגע אַלע רייד, וואָס זענען געווען, געוועהנליך, שטאַרק אַריבערגעחאַפט די מאָס, איז דאָך געווען אַ קליינער טראָפען אמת. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט טאַקי געהאַט שטענדיג טענות צו דער טאָכטער, אַז צווישען איהר מיט'ן ברודער זענען פאַרהאַן סודות, און אַז זי ווייסט מסתמא זעהר גוט דעם שכל, פאַרוואָס גרישאַ הייסט, מ'ע זאָל איהם שרייבען בריעף „פאָסט-רעסטאַנטאָ", און אַז זי ווייס גאָר אָהן אַ שום ספק דעם טעם, פאַרוואָס גרישאַ איז נישט געקומען אויף פסח אַהיים—זי ווייס אַלסדינג, זי וועט איהם ניט איינרעדען. זיין זוהן איז אַוועק מיט'ן שטראם—ער איז זיכער אין דעם, ווי ער איז זי-

בער אין דעם, אַז מע רופט איהם איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, אַז זיין זוהן האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ געפעהרליכען וועג. און ניט היינט—איז מאָרגען, וועט מען דערהערען די גוטע בשורה, אַז ער איז אַרעסטירט, אויב נישט ערגער נאָך... און ווער איז שולדיג אין דעם, ווען נישט ער, איוואַן איוואַנאָוויטש אַליין, מיט זיין סיסטעם ערציהען די קינדער אין אַבסאָלוטער פרייהייט? צו וואָס האָט ער בעדאַרפט זיי האַלטען אין דער פרעמד, דעם זוהן אין גימנאַזיע אין איין אָרט, און די טאָכטער אין אינסטיטוט אין אַנ'אַנדער אָרט? איז זיין ברודער ני-קאָלאַי נישט גערעכט געווען? ער האָט געזאָגט, אַז קינדער בעדאַרפען זיין פאַר די אויגען און אַז די קינדער, וואָס וואַקסען אָהן פאָטער און מוטער, זענען געגליכען צו גראָז, וואָס וואַקסט אָהן אַ זון. איוואַן אי-וואַנאָוויטש איז אָבער געגאַנגען מיט זיין סיסטעם, אַז אַ היים אָהן אַ מוטער איז קיין היים ניט. איהם איז אָהן אַלעמען, זינט ער איז אַנ'-אלמן, נמאס די היים. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען. קיין זאַך איז איהם נישט געווען ליעב. נישט געזוכט צו שטייגען אין זיין קאַריערע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אַזוי גלענצענד, אַז צו עטלי-כע און דרייסיג יאָהר איז ער שוין געווען גובערנסקי פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואַ, און ס'איז געווען אַ צייט, ווען ער האָט גע'חלומ'ט פון אַ מיניסטערשען פּאָרטפעל... און דער גלענצענדער, פרעהליכער איצטיגער איוואַן איוואַנאָוויטש, וואָס האָט אַזוי ליעב געהאַט אַמאָל מרבה רעים זיין, אין אַ געזעלשאַפט געווען תמיד דער מיטעלפונקט, האָט ביסלעכ-ווייז-ביסלעכווייז אָנגעהויבען אָבלאָזען זיך, דערווייטערן פון מענשען, געוואָרען אַ בעל-מרה-שחורה און אַ קאַפּריזנער פּריץ, אַ שטרענגער פאָ-טער צו די קינדער און נאָך מעהר שטרענגער בעל-הבית צו זיינע מענשען, אַזוי, אַז זיינע אייגענע ברידער האָבען איהם נישט דערקאָנט מעהר און נישט פערשטאַנען, וואָס מיט איהם טהוט זיך. די איינציגע תאוה, וואָס איהם איז פערבליבען און דאָס איינציגע פערגעניגען, וואָס ער האָט זיך נאָך פערגונען, איז געווען דאָס שיסען. „אָכאָטע"—דאָס איז געווען זיין לעבען. נאָר היינטיגען זומער איז ער שוין אויף דער „אָכאָטע" אויך זעהר זעלטען אַרויסגעפאָהרען. ער איז מעהרסטענטיילס געזעסען אין דערהיים, בחדרי-חדרים, געלייענט און גערויכערט, גע-רויכערט און געלייענט, און נאָר צום טיש בעווייזען זיך אַ פינסטע-רער ווי די נאַכט, קאַלט זיך בעגריסט מיט דער טאָכטער, זעלטען זיך איבערגעוואָרפען מיט איהר אַ צוויי-דריי ווערטער און קיינמאָל נישט,

קיין איינציג וואָרט מעהר וועגען דעם זוהן, גלייך ווי ער וואָלט שוין לאַנג-לאַנג אויף דער וועלט נישט געוועזן.

דאָס לעצטע מאָל, וואָס איז דערמאָנט געוואָרען דער נאָמען גרי-שאַ, איז געוועזן ערשט נעכטען, ווען וויעראַ איז צוריקגעקומען פון דער רוסישער צענטראַל-שטאָדט און געבראַכט צופיהרען מאָדנע ידיעות וועגען ברודער: „אַז, ערשטענס, אין אוניווערזיטעט האָט ער געלערנט אויסגעצייכענט גוט, אויפגעפיהרט זיך שטיל און פיין, וואָס מע דאַרף גאָרנישט בעסער, און, צווייטענס, אַז ער איז געוועזן אויף קאָנדיציע אין זעהר אַנ׳אָנשטענדיג הויז מיט׳ן נאָמען באַרדאָ-בראַדאָווסקי, וועלכע קאָנען זיך פון איהם ניט זאַט אָבלויבען, און, דריטענס, האָבען די באַרדאָ-בראַדאָווסקיס דערצעהלט, אַז פאַר׳ן אוועקפאָהר האָט ער בעקו-מען אַ דעפּעש און איז געוועזן שרעקליך צוטראָגען און געזאָגט, אַז ער פאָהרט אַהיים...

—דאָס איז אַלעס?

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט דורכגענומען די טאָכטער מיט די אוי-גען. וויעראַ האָט פערשטאַנען, אַז דער פאָטער גלויבט איהר ניט, אַז דאָס, וואָס זי דערצעהלט זאָל זיין דער גאַנצער אמת, מסתמא ווייסט זי וועגען ברודער נאָך עפּיס אַזעלכעס, וואָס זי בעהאַלט פון איהם, האָט מורא אויסצוזאָגען איינגאַנצען,—האָט זי זיך גענומען איהם איבערצייגען, שווערען ביים הייליגען אָנדענקען פון דער געשטאָרבענער מוטער, אַז... נאָר דאָס האָט דעם צובייזערטען אויפגערעגטען איוואַן איוואַנאָ-וויטש׳ן ניט בערוהיגט. אדרבה, ער איז געוואָרען נאָך מעהר אויפגע-טראָגען, למאי די טאָכטער בעריהרט דעם אָנדענקען פון איהר גע-שטאָרבענער מוטער, וועלכער איז איהם אפשר אַזוי טייער ווי איהר,— און ער בלייבט איבער ביי זיינעם. אַז ס׳איז נישט אמת, אַז דאָ מוז זיין עפּעס אַנ׳אַנדער זאַך! ס׳איז נישט גלאַט, עס לעגט זיך ניט אויפ׳ן מח: וואָס פאַר קאָנדיציעס? ווי קומט צו זיין זוהן קאָנדיציעס? ס׳איז אַנ׳אויסרייד, אַנ׳אָנשטעל, אַנ׳אינטריגע, אַנ׳אַוואַנטיורע. אַלע האָבען זיך ווי אָנגערעדט קעגען איהם, אַלע,—זיינע אייגענע קינדער, זיין פלייש און בלוט... און איוואַן איוואַנאָוויטש שטעהט אויף, טהוט אַ קלאַפּ מיט דער טהיר, געהט אַוועק צו זיך, פערשליסט זיך—און קיין וואָרט נישט מעהר וועגען זוהן. נישטאָ קיין זוהן. געשטאָרבען.

— — — — — — — — — — — — — —

אין אַזאַ צייט בעדאַרף זיך טרעפען אַ מעשה: דער אופּראַווליאַ-

יושטשי קומט צו איהם מיט אַ דאָקלאַד—עפּיס אַ יונגער מענש, אַ סטו-דענט, איז געקומען צו פאָהרען און בעט זעהר, מע זאָל איהם אויפ-נעהמען צוליעב זעהר אַ וויכטיגען ענין (פאָ אָטשען וואַזשנאָמו דיעלו). איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געגעבען אויף איהם אַזאַ קוק, אַז דעם אופּ-ראַווליאַיושטשי איז פערקיהלט געוואָרען אינווייניג. ער האָט געדענקט גאַנץ גוט דעם בעפעהל, אַז מע נעהמט נישט אויף קיינעם אָהן אַ שום אויסנאַהם. דער סטודענט זאָגט אָבער, אַז די זאַך, וואָס ער האָט צו אי-בערגעבען, איז בוגע איוואַן איוואַנאָוויטש'ען מעהר ווי איהם אַליין און אַז ער מוז זיך זעהען מיט איהם, גאָר אָהן אַ שום תירוץ, און וואָס גיכער.

—ווי זעהט ער אויס?

—ווי אַ אַרמיאַנין, אַ גרוזין, אָדער אַ יוד.

—זיין נאָמען?

—ער זאָגט ניט.

—וואָ...!!!

דעם „וואָ" האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַזוי שאַרף אַרויסגערעדט, אַז די פענסטער האָבען געקלונגען. און דער אופּראַווליאַיושטשי האָט זיך האַלב אַ טויטער געלאָזט צו דער טהיר. האָט איהם איוואַן איוואַ-נאָוויטש אומגעקעהרט צוריק:

—אויף אַ פּאַפּיר זאָל ער אויפגעבען, וואָס ער דאַרף!

אין עטליכע מינוט אַרום איז איוואַן איוואַנאָוויטש'ען אויפגעגע-בען געוואָרען אין אַ פער'חתמ'עטען קאָנווערט אַ קליין צעטעלע מיט דריי ווערטער: „פּאָ דיעלו סינאַ" (וועגען אייער זוהן)—און ער איז אויפ-געציטערט געוואָרען.

„אַ גרוזין אָדער אַ יוד... אודאי אַ חבר—אַ רעוואָלוציאָנער, אפשר אַנ'-אַנאַרכיסט... געקומען אינטריגירען, אויספּרעסען געלד... מע דאַרף זיין געהיט, נעהמען מיטלען... אַ גרוזין אָדער אַ יוד... אומעדום אָט די יו-דען!..."

אַז מע האָט אַריינגעפיהרט דעם סטודענט (וואָס איז געוועזן, ווי דער לעזער שטויסט זיך שוין אָן, דער אמת'ער ראַבינאָוויטש), איז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזעהען, געווען אַ בכבוד'ער בראַאוניגג אויפ'ן טיש מיט'ן שפּייער גלייך אַקעגען איהם. דערנאָך האָט ער דער-זעהען זיין חבר גרישאַ'ס פאָטער, וועלכען ער האָט דערקענט, ערש-טענס, נאָכ'ן פּאָרטרעט, וואָס ער האָט ניט איין מאָל געזעהען בי

זיין חבר; און, צווייטענס, ער זאָל אפילו ניט געווען זעהען, וואָלט ער אויך געזאָגט, אַז דאָס איז גרישאַ׳ס פאָטער. דיזעלבע גוטע, עהר-ליכע, פערטרויערליכע אויגען, וואָס זיצען נאָך אַ ביסען טיעפער ווי ביי׳ם זוהן, דיזעלבע שוואַרצע געדיכטע, נאָר עטוואָס פערזילבערטע, האָר, און דיזעלבע ברייטע ברוסט מיט די ברייטע, אַ ביסעל אַרויס-געצויגענע אַקסלען, אַלע תנועות און אפילו דאָס אַ מאַך טהון מיט דער האַנד איבער די האָר און אַ וואָרף מיט׳ן קאָפּ—גרישאַ׳ס כאַראַקטערי-סטישע בעוועגונג, און אפילו דאָס הויך און גיך רעדען—צוויי טראָפּען וואַסער גרישאַ.

—זיצט, וואָס וועט איהר זאָגען?

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטול אין איין עק טיש און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אינ׳ם אַנדערען עק, נעהענטער צום אָנגעלאָדענעם בראַאונינג און דורכגענומען דעם גאַסט מיט די טיעף זיצענדיגע אויגען דורך און דורך און געוואַרט, וואָס וועט ער זאָגען? ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אָנהויבען פון דעם, אַז ער איז געקומען ראַטעווען זיין זוהן פון אַנ׳אומגליק... און כּך הוה. גלייך ווי געטראָפען! דער סטודענט האָט זיך פריהער אַ בי-סעל אַרומגעזעהען, וואו ער איז אין דער וועלט, דערנאָך איז ער אַריבער גלייך צום ענין, נאָר בעת מעשה האָט איהם דאָס קול אַ בי-סעל געציטערט.

—איך בין אייער גרישאַ׳ס אַ חבר... נאָך פון גימנאַזיע. (ער האָט אָנגערופען די שטאָדט) אייער גרישאַ געפינט זיך אין אַ צרה... דאָס הייסט, ס׳איז פאַרהאַן ערגערע צרות, קיין סכּנה איז דערביי נישטאָ פאַר איהם... נאָר...

—ער זיצט?—האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַ פרעג געטהון, אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד אַרויף. דאָס איז געווען די הויפּט-זאַך, וואָס ער האָט געוואָלט וויסען. דער סטודענט האָט איהם פערוואונדערט און מיט אונרוהיגקייט אַריינגעקוקט אין די אויגען.

—איהר ווייסט שוין, אַז... ער זיצט?

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט מיט די טיעפזיצענדיגע אויגען דורכ-גענומען דעם סטודענט און נישט געענטפערט דערויף, נאָר אַ פרעג געגעבען גיך, ווי זיין שטייגער איז:

—אַלזאָ, זענט איהר געקומען איהם ראַטעווען?

ראַבינאָוויטש האָט זיך נאָך מעהר פערוואונדערט און נאָכגעזאָגט

צרה און פונ'ם שפּאַס איז געוואָרען אַ בלוטיגער שפּאַס...

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אַ וואָרף געגעבען מיט'ן קאָפּ און אַ שאַר די האָר אַרויף און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ווענטעל פון זיין שטוהל, אָבגעאָטעמט און גענומען בעטראַכטען מיט זיינע טיעפזיצענדיגע אויגען דעם גאַסט, וואָס האָט אָנגעהויבען אויסווייזען איהם שוין ניט פון אַן'אַוואַנטיוריסט אַן'עקספּראָפּריאַטאָר, נאָר פון אַ מאַניאַק, פון אַ מענשען, וואָס איז ניט ביי אַלע געדאַנקען... דער גאַסט, ווייזט אויס. האָט זיך געשטויסען.. ער האָט געזאָגט:

—איך זעה, איוואַן איוואַנאָוויטש, אַז איהר קוקט מיך אָן ווי אַ מענשען, וואָס רעדט ניט צו דער זאַך... איך מוז אייך איבערגעבען דעריבער אָט די גאַנצע עפּאָפּעיע, די טראַגיקאָמעדיע, פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף. ס'איז אַ לאַנגע און אַ קאָמפּליצירטע פּערפּלאָנטעטע געשיכטע, וואָס בעווייזט, אַז פון אַ נאַרישקייט קאָן אַמאָל אַרויסקומען דאָס גרעסטע אומגליק אין דער וועלט... נאָר פריהער פון אַלץ, מוזט איהר מיר—ענטשולדיגט וואָס איך ערלויב מיר — איהר מוזט מיר געבען אייער עהרען-וואָרט — דאָס איז ביי מיר די גרעסטע גאַראַנטיע, ווארום איך קען מיין חבר גרישאַ און קען זיין פאָטער, אַז, ערשטענס, דאָס, וואָס איך דערצעהל אייך דאָ, טאָר נישט אַרויס פון די דאָזיגע פיער ווענט, ווארום מיט איין וואָרט, מיט איין וואונק קאָנט איהר מיך אַרויסגעבען און מע זאָל מיך פּאַקען אויפ'ן אָרט—און דאָס קאָן ברענגען פיעל שאָדען דעם גאַנצען ענין און אויך אייער זוהן, חאָטש, איך חזר איבער נאָכאַמאָל, קיין גרויס געפאַהר שטעהט אייער זוהן נישט פאָר, וואָרום אַז מע וועט זיך דערוויסען דעם אמת, וועט מען דאָך איהם סוף-כל-סוף אַרויסלאָזען. דאָס איז איין מאָל אַוועק...

—דאָס איז איינס, און צווייטענס?—פרעגט איוואַן איוואַנאָוויטש, וואָס האָט איהם שוין רעכט פערדראָסען דאָס עזות פון דעם דאָזיגען יודען פאָדערן פון איהם, פון איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו'ען. דאָס עהרען-וואָרט... אַגב האָט ער געוואָלט וויסען וואָס גיכער דעם שפּיץ, נאָר דעם סטודענט האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מע גלויבט איהם ניט און מע לאַכט פון איהם, האָט ער זיך אָבגעשטעלט. האָט איהם איוואַן איוואַנאָוויטש אונטערגעטריבען:

—און צווייטענס?

און צווייטענס האָב איך געוואָלט אייך בעטען, אַז איהר זאָלט זיך בעציהען צו מיר מיט מעהר צוטרויען, ווארום איהר זעהט פאַר

זיך אַ מענשען, וואָס הוץ דעם וואָס ער איז אייער זוהנ'ס אַ נאָהענטער פריינד און אַ חבר, איז ערי אויסען נישט קיין זאַך, נאָר פעררייכטען דעם פעהלער, דעם נאַרישען פעהלער, וואָס צוויי חברים זענען בע-גאַנגען אין אַ פרעהליכער מינוט פון אַ פרעהליך קערמעשעל פון אינטי-מע חברים... איהר זענט אַליין געווען אַמאָל יונג און מסתמא אויך בעגאַנגען פעהלערען, געוויס ניט אַזאַ נאַרישען פעהלער ווי מיר, איך און אייער זוהן, זענען בעגאַנגען...

אין דער גאַנצער צייט פון זינט זיי האָבען זיך געביטען, האָט דער אמת'ער ראַבינאָוויטש נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעזעהען אַזוי דייטליך, ווי אַצינד, ווי ווייט נאַריש ס'איז געווען פון זיי ביידען צו פערפיהרען דעם דאָזיגען געפעהרליכען שפּאַס. און חאָטש אין דעם איז זיין חבר געווען מעהר שולדיג אַלס ער, וואָרום אונטערן גלעזעל איז דעמאָלט געווען גרישאַ, ניט ער — דאָך האָט ער גענומען אַ האַלבע עבירה אויף זיך...

פון די דאָזיגע ווערטער האָט איוואַן איוואַנאָוויטש אַרויסגעזע-העז, אַז ער האָט ניט צו טהון מיט אַ מאַניאַק, נאָר פערשטעהן פער-שטעהט ער נאָך אַלץ ניט, וואָס ער וויל, עס פּאָטאָיפּעט זיך איהם ניט אין מח: וואָס הייסט זיי האָבען זיך געביטען? וואָס פאַר אַ טראַ-גיקאָמעדיע? ער האָט זיך ניט געשעמט און אַרויסגעזאָגט זיך בזו הלשון:

— איך פערשטעה אייך זעהר ווינציג, יונגערמאַן. איך הער נאָר ווערטער: „פעהלער"... „שפּאַס"... „קערמעשעל"... טראַגיקאָמעדיע"... וואָס דאָס איז — פערשטעה איך נישט. אפשר ווען מיר עס פערשטעהן שפּעטער אַז איהר וועט זיך אַרויסזאָגען אַ ביסעל קלאָרער. און וואָס איהר פאָדערט פון מיר מיין וואָרט — איז אויך צום לאַכען. ווי קאָן איך געבען אַ וואָרט אַ מענשען, וואָס איך קען איהם ניט?... איהר אַליין האָט געזאָגט נאָר-וואָס, אַז איהר קענט אייער חבר און זיין פאָטער, — אויב אַזוי, דאַרפט איהר אַליין פערשטעהן, אַז איהר קאָנט רעדען אַלץ, וואָס איהר ווילט. ווייטער פון אָט דעם אָרט וועט דאָס ניט געהן.

נאָכ'ן ווייכען טאָן פון דידאָזיגע ווערטער און נאָך די גוטע עהרליכע אויגען, וואָס האָבען אויף איהם געקוקט מיט פולען פערטרוי-ען, האָט ראַבינאָוויטש אַרויסגעזעהען, אַז זיין הקדמה איז געווען לחלוטין איבעריג. און ער האָט זיך דעריבער ... איילט איבערגעבען זיין לאַנ-

גע געשיכטע, די טראַגיקאָמעדיע—ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט,—מיט אַלע פּרטים און פּיטשעווקיס, פון׳ם סאַמע אָנהויב ביז׳ן סוף, ווי אַזוי פון אַ נאַרישען, קונדעסען שפּאַס, וואָס קונדייסים חברים האָבען אין אַ פרעהליכען מינוט פערקלערט, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טרויעריגער, אַ בלוטיגער שפּאַס...

דאָ האָט ראַבינאָוויטש געמוזט אָבטרעטען אַ ביסעל אויף אַ זייט, געבען צו פערשטעהן, פאַרוואָס ער רופט עס אָן מיט׳ן נאָמען אַ בלוטיגער שפּאַס און לייענען פאַר איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו׳ען אַ קליינע לעקציע וועגען דעם, אַז עס עקזיסטירט ליידער נאָך אין אונזער צייט פון פּראָגרעס אַזאַ שענדליכע זאַך, וואָס ווערט אָנגערופען „עלילת דם״... און דאָס איז געווען נישט איבעריג, וואָרום איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך נאָכדעם מודה געווען, אַז ער האָט נישט אָנגעהויבען צו וויסען, מיט וואָס מע עסט עס. דאָס הייסט, לייענען האָט ער געלייענט אויף די צייטונגען, אַז עפּיס קומט דאָרטען פאָר אַזעלכעס, וואָס טראַקטירט וועגען בלוט, אַז עפּיס אַ יוד אַ דאַנטיסט האָט פערנאַרט צו זיך אַ קריסטליך יונגעל און געקוילעט איהם צוליעב זייער יום-טוב דאָרטען, נאָר ס׳זאָל איהם קומען אויף די געדאַנקען, ער זאָל זיך צוהערען—ווייניג מענשען ווערען ביי הייניגער צייט אויסגעשאָכטען טאָג-טעגליך, גאָט, מיין גאָט!...

אַ סך וואונדערליכע זאַכען האָט זיך יענעם טאָג איוואַן איוואַנאָוויטש אָנגעהערט פון אָט דעם דאָזיגען סטודענט, וואָס האָט איגאייגעם מיט דער געשיכטע פון זיין זוהב׳ס צרות איבערגעגעבען אויך די געשיכטע פון זיינע צרות און ליידען, וואָס ער איז צוליעב זיין יודישקייט אויסגעשטאַנען זיינע אַלע בעסטע יונגע יאָהרען, און אויך ווי אַזוי ער איז פערשוואַרצט געוואָרען אינ׳ם דאָזיגען יאָהר אין זיין ראָל פון כלומר׳שט אַ גליקליכען גלייכבערעכטיגטען קריסט צווישען קריסטען... און איבערהויפּט דעם גיהנום, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין זיין איצטיגער גרויסער נסיעה אין דער גרויסער שטאָדט פון דער „טשערטאַ״ (דעם ענין פון דער „טשערטאַ״ האָט ער אויך געמוזט אַרומרעדען), וואו ער האָט גערעכענט, אַז עס וועט איהם געראָטען אַרויסראַטעווען זיין חבר און האָט געהאַט אַ מיאוס׳ען טעות—אַלסדינג, אַלסדינג האָט ראַבינאָוויטש אויסגעלעגט פאַר זיין חבר׳ס פאָטער, גלייך ווי פאַר זיין אייגענעם טאַטען.

אויף איוואַן איוואַנאָוויטש׳עס פּנים איז געווען צו בעמערקען

אַלע די געפיהלען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די עטליכע שעה, וועלכע זענען אַריבערגעפלויגען פאַר איהם, ווי עטליכע מינוט—אַזוי גיי און אַזוי טיעף אינטערעסאַנט איז געווען דאָס, וואָס דער יוד דער- צעהלט, אַזוי אמת'דיג און טיעף בעהאַרצט קלינגען זיינע ווערטער, חאָטש ער איז אַ יוד... דער לאַקיי אינ'ם פראַק מיט'ן ווייסען שניפּס, וואָס האָט סערווירט טיי, האָט זיך ניט ווינציג געוואונדערט, וואָס אויפ'ן באַרין איז מיט אַמאָל געקומען אַ נייע הויט, זינט אָט דער סטו- דענט זיצט ביי איהם—גאָר ניט צו דערקענען...

דעם זעלבען טאָג, שוין פאַרנאַכטליך האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געגעבען אַ בעפעהל, אַז מע זאָל שפּאַנען פערד, געשיקט רופען דעם אופראַוולינאַיושטשי און איבערגעגעבען איהם אָרדערס אויף אַ גאַנצער וואָך, דערנאָך האָט ער אַריינגערופען די טאָכטער, געזאָגט אַז ער האָט איהר צו דערצעהלען אַ וויכטיגע זאַך, נאָר ער קאָן דאָס איהר נאָך ניט זאָגען... עס האָט אַ שייכות צו גרישאַ'ן... (אין די אויגען האָט זיך אָנעצונדען ביי איהם אַ פייערעל). מעגליך אַז ער וועט איהם אַראָפּ- ברענגען אין גיכען אַהיים. ער פאָהרט אויף עטליכע טעג... ער וועט שרייבען... ער וועט טעלעגראַפירען...

דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען איז אויסגעקומען איוואַן אי- וואַנאָוויטש פּאָפּאָוו'ען צו זיצען אַזוי נאָהענט אַ זייט צו אַ זייט מיט אַ יודען.. ער האָט געהאַט גענוג צייט אין וועג, אין אַ בעזונדערער קו- פּע ערשטע קלאַס, וואו זיי זענען געזעסען, אויסצוהערען פון זיין שכן אַזוי פיל וואונדערליכע זאַכען, פון וועלכע—ער האָט זיך געמוזט מודה זיין—ער האָט נישט געהאַט קיין שום בעגריף—עס האָט זיך פאַר איהם געעפענט אַ גאַנצע וועלט, אַ אומבעקאַנטע וועלט... איין זאַך נור איז איהם געווען נישט אָנגענעהם דער דאָזיגער שכן איז אפילו אַ גאַנץ סימפּאַטישער פּאַרשוין, נאָר ער איז פּאָרט אַ יוד...

## דאָס הונדערט צוועלפטע קאַפּיטעל.

## אין הויז פון גערעכטיגקייט.

נישט נור דאָס לאַנגע גרויע הויז מיט די צוויי גאַנקעס — דאָס הויז פון גערעכטיגקייט — נאָר די גאַס, וואו דאָס הויז געפינט זיך, איז געווען פול און פול מיט מענשען. נאָך קיינמאָל איז די בערזע נישט געווען אַזוי פּוסט און לעהר, ווי דעם דאָזיגען פריהמאָרגען. נאָך קיינמאָל האָבען דער מאַרק און די קראָמען, די קאָנטאָרען און די בענק נישט געזעהען אַזוי ווינציג קונים, קונדען און קליענטען, ווי אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען, גלייך ווי עס זענען אויסגעשטאָרבען אַלע אינטערעסען אין שטאָדט און ס'איז געבליבען נור איין אינטערעס — דער רייטואַל-פּראָצעס און זיין העלד, דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש. שוין פון גאַנץ פריה אָן זענען געווען בעלנים אָבצושטעהן צוויי זייגער שעה אין דרויסען אויפ'ן רעגען — עס איז געווען אַ רעגענדיגער פריהמאָרגען — טאָמער וועט זיי געראָטען צו זעהען, ווי מען וועט איהם פיהרען. און ווייל דאָס דאָזיגע פּובליקום איז בעשטאַנען מעהרסטענטייל פון יודען, און יודען, אַז זיי זענען אינגאַיינעם, האָבען זיי נישט ליעב, כידוע, צו פערברענגען די צייט גלאַט אַזוי אָהן אַ שום אַרבייט, — האָט מען גערעדט; און גערעדט האָבען אַלע, און געשמאַק, מיט העגד, ווי עס געהערט צו זיין. פון וואָס האָט מען גערעדט? געוועהנליך, פונ'ם „פעקעל", און ווידער אַמאָל פונ'ם פּראָצעס און אָבער אַמאָל פונ'ם דאַנטיסט. און רעד זענען געווען — גוזמי גוזמאות, מימרות פערשידענע, מעשיות און קאָמבינאַציעס, מיינונגען און סברות אָהן אַ שעור. פון וואַנען דאָס ברייטע פּובליקום ווייס וואָס אונטער'ן פאָרהאַנג טהוט זיך — איז שווער צו זאָגען; נאָר ס'איז דאָ מענשען, דאָס הייסט, יודען, וואָס

ווייסען לחלוטין אַלסדינג. יודען ווייסען, למשל, פון די נייע עדות, וואָס וועלען געבען אַ שבועה (צווישען די עדות איז איינער אַ בעריהמ-טער סטודענט אַנ׳אַקאַדעמיסט, קאַרשונאָוו), אַז זיי האָבען אַליין געזע-העז, ווי דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש מיט נאָך איינעם אַ שוואַרצען יונגענמאַן מיט געקרייזעלטע האָהר זענען געפאָהרען אויף אַ דראָזש-קע, אויף דער דראָושקע צופוסענס איז געלעגען אַ פערבונדענער זאַק און אין זאַק האָט זיך געוואָרפען, געצאַפּעלט עפּיס אַ לעבעדיגע זאַך, און געשמועסט האָבען די צוויי יודען צווישען זיך עפּיס אויף יודיש, וואָס—ווייסען זיי נישט. נאָר איין וואָרט האָבען זיי געחאַפּט: „מאַ-צצאַ“, „מאַצצאַ“... האָבען זיך די עדות געהאַט געלאָזט נאָכגעהן זיי פון הינטען, האָבען די יודען דערזעהען, און געהייסען דעם איזוואָזטשיק פאָהרען גיכער און פערקערעוועט אָן אַ זייט און פערשוואונדען גע-וואָרען אין דער גאַס, וואו די יודישע סינאַגאָגע געפינט זיך.

אַלסדינג ווייסען יודען. יודען ווייסען, אַז מע האָט די טעג גע-לאָזט איינזעצען נאָכאַמאָל קירילען מיט קיריליכען, וואָרום מע האָט געהאַפּט, דורך דער הילף פון אַ שפּיק, דעם אמת׳ען פערברעכער, עפּיס איינעם אַ גנב, וואָס האָט זיך געהאַט שוין מודה געוועז און אַרויסגע-געבען די נעמען פון די חברים; האָט זיך אָבער געטראָפען אַנ׳אומ-גליק און דער גנב איז על-פּי-נס אַנטרונען געוואָרען פון געפענגניש און דעם שפּיק, וואָס האָט געגראָבען אויף די גנבים, האָט מען איינ-געזעצט אויף פּאַר אַ גנבה...

אַלסדינג ווייסען יודען. יודען ווייסען אַז דער משומד לאַפּידוס, דער מומר להכעיס, האָט שוין חרטה און איז גרייט זיינע ווערטער צוריקצוציהען. זיך מודה זיין, אַז ס׳איז איהם אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ—ער ווייס אַליין נים וואָס מיט איהם איז געוועז. ער איז גרייט איצטער זיך אַ מעשה אָנטהון. „זעהר רעכט!—זאָגען יודען—כן יאבדו אויף אַלע רשעים אַזאַ סוף!..“

אַלסדינג ווייסען יודען. יודען ווייסען אפילו, וואָס די אַדוואָקאַ-טען וועלען רעדען, ווער פריהער און ווער שפּעטער. און עס ווערען דער-צעהלט גרויסקייטען און גוזמות נישט נור פון די בעריהמטע אַדוואָקאַ-טען, נאָר אויך פונ׳ם פּראָקוראָר, וואָס מע האָט אַראָבגעשיקט, ווייל ער איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין ריטואַל-זאַכען און שוין אַ חודש, אַז ער זיצט דאָ און שטודירט דעם פּראָצעס אויפ׳ן אָרט, געפּאָטאָ-גראַפירט די גאַנצע יודישע גאַס, געוועז אומעדום, אין שוהל און

אפילו דאָרט, וואו יודען באַקען מצות, אַרויסגערופען צו זיך דעם רב, — און נאָך און נאָך זאָכען ווערען דאָ איבערגעגעבען פון איינעם צום אַנדערען, חדושים ונפלאות. און אויך פון דעם בעשולדיגטען ווערט דאָ דערצעהלט אַ סך נייעס, האָטש קיינער האָט איהם נישט געזעהען, מען דערצעהלט, אַז ער איז דורך דער צייט, וואָס ער זיצט, געוואָרען גרוי, ווי אַ טויב, און ס'איז גאָר אַ סברה, אַז ער איז געווען אַ ביסעל ווי געריהרט. אַצינד איז איהם שוין בעסער. ער האָט די טעג געשריבען אַ בריוועלע צו זיין כלה, אין לשון-קודש געשריבען, דורכ'ן אַדוואָקאַט איבערגעגעבען...

—וואָסערע לאָקשען? וואָסער כלה? איהר מיינט אַוודאי אָט דעם שפּירא'ס טאָכטער? עס הויבט זיך גאָר נישט אָן! זי איז שוין לאַנג אויס כלה. זי האָט שוין אַ נייעם חתן. פרעגט מיר. איך ווייס בעסער פון אייך אַלע. איך בין זייערער אַ שכן און אַ היימישער מענש.

פערשטעהט זיך, אַז דאָס זאָגט נישט קיין אַנדערער, נאָר קאַץ, אָדער קעצעלע, ווי די בערזע האָט איהם אַ נאָמען געגעבען. אַ פּער-שוויצטער, מיט אַ געקנייטשטען שטערען איז קעצעלע מיט זיינע קור-צינקע פיסעלעך אַרומגעפלויגען דעם דאָזיגען פריהמאָרגען פון איינעם צום אַנדערען, געמאַכט מיט די הענד און מיט די פּלייצעס און מיט אַלע איבעריגע אברים, נישט געשטאַנען קיין מינוט אויף אַן אָרט, גלייך ווי עמיצער האָט איהם אַריינגעשלאָגען צוויעקעס אין די פּאָ-דעשוועס פון די פיס, אָדער גלייך ווי די גאַס וואָלט געווען אויסגע-פלאַסטערט נישט מיט שטיינער, נאָר מיט הייסע קויהלען. קעצעלע האָט נעבאַך געשמאַק און געטריי געטהאָן זיין זאַך. מע זאָל צאָהלען אַ מענשען מי יודע וויפיעל, וואָלט ער אַזוי געשמאַק און געשמיידיג נישט בעדאַרפט אַרבייטען. וואָרום, אַחוץ וואָס קעצעלע קען זיך מיט'ן בעל-דבר אַליין, געשפּיעלט מיט איהם וויפיעל מאָל אין סטוקעלקע און אין טערטעל-מערטעל, האָט ער געהאַט אַ געלעגענהייט נאָהענט צו בע-קענען זיך מיט זיין טאַטען, וואָס האָט ביי איהם פערבראַכט אַ טאָג מיט אַ נאַכט און „גערעדט און גערעדט"—זאָגט קעצעלע און איז שוין נישטאָ. אַ קליינגקייט אַ מענש האָט אַזוי פיעל צו טהון! קיין עין-הרע, אַזוי פיעל יודען...

נאָר מען קאָן נישט זאָגען פונדעסטוועגען, אַז דאָס גאַנצע פּו-בליקום איז בעשטאַנען בלויז פון יודען אַליין. עס זענען געווען אויך נישט ווינציג קריסטען, וואָס האָבען זיך נישט ווינציגער אינטערעסירט

מיט'ן פּראָצעס, וואָס די גאַזעטען האָבען נישט אויפגעהערט צו פויקען וועגען איהם פון טאָג אויף טאָג, צעבלאָזענדיג איהם אין אַ וועלט-פּראָצעס — אַזוי שטאַרק, אַז עס זענען אַראָבגעקומען ספּעציעל קאָרעספּאָנדענטען נישט נור פון דער רעזידענץ, נאָר אויך פון אַלע גרעסטע שטעדט פון אויסלאַנד, און אַלע האָבען אַרויסגעקוקט, געגאַרט אַריין אינווייניג אין זאַל אַריין. נאָר נישט יעדער האָט געהאַט די מעגליכקייט. דער אַריינטריט איז געווען אויף בילעטען און די צאָהל פון די איינטריטס-קאַרטען איז געווען בעשטרענקט, ווייל עס זענען געווען זעהר אַ סך עדות, קאָרעספּאָנדענטען, יוריסטען און טשינאָווניקעס, און די אַלע האָבען ממש בעלעגערט דאָס הויז, שפּאַרענדיג אַרויף צו דער טיר, וואָס איז געווען נאָך צוגעשלאָסען און בעוואַכט פון שומרים. ווייטער-ווייטער האָבען אָנגעהויבען צופאָהרען קאַרעטעס, וואָס האָבען געבראַכט צו פיהרען עלעגאַנטע דאַמען מיט שענע היטעלעך. די געוויסע קרימינאַלדאַמען, וואָס אָהן זיי געהט נישט, כּידוע, קיין גרויסער פּראָצעס. ווייטער-ווייטער האָט אָנגעהויבען דער צופאָהר ווערען אָפּטער און געדיכטער און דער צוגאַנג איז שוין געוואָרען גאָר אונמעגליך, עס האָט זיך בעוויזען פּאָליציע, וועלכע איז געווען גאָר נישט איבעריג, וואָרום עס זענען אויסגעפאַלען אַ פּאָר אינצידענטען צווישען די „פּערשיידענע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג", וואָס האָבען זיך געקאָנט אויסלאָזען זעהר נישט פרעהליך...

נאָר אָט האָט זיך דער עולם געגעבען אַ ריהר, דער ים פון קעפּ האָט זיך אַ וויעג געגעבען, ווי אַ ים-פאַליע, — עס האָט זיך געעפענט די טיר און די גליקליכע האָבען אָנגעהויבען איינציגווייז, אי דאָס נישט אַזוי גרינג, מיט שטופּעניש מיט קוועטשעניש, אַריינגעלאָזען ווערען אינווענינ, און די ווינציגער גליקליכע האָבען געמוזט נעבאַך בלייבען פון דער זייט טיר, נישט געהאָלפען נישט קיין בעטען, נישט קיין שטופּען זיך, נישט קיין דורכשלאָגען זיך מיט דער הילף פון קולאַקעס. מע האָט באין ברירה געמוזט בענוגענען זיך דערמיט, וואָס מע שטעהט האָטש נעהנטער צו דער טיר און געדאַנקט גאָט, וואָס דער רעגען האָט האָטש אויפגעהערט צו געהן. „גם זו לטובה"... „אַ יודיש גליק איז אַ קיהלער תשעה באב"... אַזוי האָבען זיך אויסגעשמועס יודען, וואָס זענען געבליבען אין דרויסען.

— „אָט ווענען ס'איז 'גוט—האָבען זיי נישט אויפגעהערט צו וויצלען זיך—אָט ווענען מע דאַרף מקנא זיין: דאָס זענען די קורצע פּראָ-

קען מיט די ווייסע שניפסלעך. זיי לאזט מען אריין אינוועניג און דווקא אויף יענער זייט גראטעס". „א טשינאווניק איז אויך נישט שלעכט צו זיין, אבי א קנעפעל, לאזט מען דיך אריין".

אין דער מינוט איז צוגעפאהרען א רייכע קארעטע און פון דער קארעטע איז ארויס זעהר אנ׳אנגעזעהענער, א בכבוד׳יגער מאן מיט טיעפזיצענדיגע אויגען, און באלד נאך איהם א סטודענט מיט א יודיש אויסזעהען. דער אנגעזעהענער מאן און באלד נאך איהם דער סטו- דענט האבען זיך געלאזט צו דער טיר און זענען אבער ביידע געבלי- בען נישט אריינגעלאזט און, ווי עס האט אויסגעזעהען, זענען זיי גע- ווען גאנץ איבערראשט. דער אנגעזעהענער מאן האט א קוק געגעבען מיט זיינע טיעפזיצענדיגע אויגען אויפ׳ן סטודענט און דער סטודענט האט עפיס גערעדט צו איהם הייס, מיט פייער און געמאכט צו איהם בעת מעשה מיט די הענד, געווען שטארק אויפגערעגט.

פערשטעהט זיך, אז יודען האבען די דאזיגע סצענע גענומען אויסטייטשען אויף אלערליי אופנים און פרעגען איינס דאס אנדערע, ווער קאן זיין אט דער קריסט און ווי קומט אהער א יודישער סטו- דענט מיט׳ן קריסט אין איין קארעטע? וואקסט אויס קעצעלע:

—איהר מעגט זאגען אויף מיר, אז איך בין א משוגע׳נער און א שאלאקווילע און וואס איהר ווילט, נאר איך געה מיט אייך אין גע- וועט אויף וויפיעל איהר ווילט אליין, אז דער סטודענט איז א נאש בראט און איז דעם בעל-דבר׳ס א ברודער. ווארום איך קען זיין על- טערן ברודער, אברהם לייבוש, הייסט ער, צוויי טראפען וואסער! איך האב מיט איהם פערבראכט א טאג מיט א נאכט און האב מיך גוט צו- געקוקט.

—גוט, ווער-זשע איז דער קריסט?

—וואס פערשטעהט איהר דא נישט? דארף זיין מסתמא דער פריץ, וואס ראבינאוויטש׳עס פאטער האלט ביי איהם די ארענדע. קע- צעלע זאגט עס מיט זאא מין אפלאמב, אז עס פאלט גאר קיינעם נישט איין איבערצופרעגען ביי איהם, וואסער ארענדע? און אגב איז מען נייגעריג צו זעהען, וואס וועט דא זיין מיט׳ן פריץ, צי וועט מען איהם אריינלאזען, צי ניין? אנדערע האבען געזאגט, אז יא, אנ- דערע—אז ניין. און דער קריסט האט דערווייל איבערגעשמועסט זיך מיט׳ן סטודענט, און דער סטודענט האט נישט אויפגעהערט צו היצען זיך און מאכען מיט די הענד. „אפנים, ער גיט איהם אנ׳עצה? ער

לערנט איהם וואָס צו טהון? אַ יודישער קאָפּ"... אַ סימן, דער קריסט האָט איהם טאַקי געפאָלגט און אַרויסגענומען פון בוזעם-קעשעני אַ וויזיט-קאַרטע און איבערגעגעבען זי צום שומר, און עס האָט נישט גענומען קיין עטליכע מינוט, האָט זיך געעפענט די טיר און דער קריסט איז אַריינגעלאָזען געוואָרען אינווייניג און דער סטודענט מיט'ן יודיש כּנים האָט זיך נאָך אַ ווײַלע אַרומגעדרעהט ביי דער טיר הין און צוריק, זיך געשטשיפּעלט די וואָנסעס פּאַר אויפרעגונג, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעזעצט אין דער קאַרעטע און איז אַוועק.

— נו? וואָס האָב איך אייך געזאָגט? — מאַכט קעצעלע מיט אַ נצחון-געלעכטער—דער פּריץ איז נישט קיין פּראָסטער פּריץ, מסתמא אַ גראַף, האָט ער אַריינגעשיקט זיין קאַרטעל צום „פּרינצעראַטעל"‚—גראַף אַזעלכער און אַזעלכער; האָט מען איהם געזאָגט ברוכים הבאים, און דעם יודען האָט ער געזאָגט: דו בלייב שטעהן אָט דאָ אַ פּאָר מינוט ווען איך פּועל'ן ביי'ם „פּרינצעראַטעל", מע זאָל דיך אַריינלאָזען, איז גוט, אלא נישט, פאָהר אַהיים אין האָטעל און הייס דיר דאָרט שטעלען דעם סאַמאָוואַר אויף מיין רעכנונג.

—אַלסדינג ווייסט ער אייך, אָט דער קעצעלע, ווי אַן אַלטער.

—נישט אַזוי אַלט, ווי געניט.

—לייענט ווי פון אַ בוך.

—אַ מאָדנער יוד.

—אַ יוד אַ אומרוה.

און אינווייניג אין זאַל האָט בעדאַרפט נעהמען אַ ביסעל צייט, ביז דער עולם זאָל זיך בעזעצען אויף די געדיכט-צונויפגעשטעלטע בענק. וואָרום איטליכען דאַכט זיך, אַז ווי גוט ער זאָל נישט זיצען, וואָלט ער געקאָנט זיצען נאָך בעסער, און וויפיעל ער זאָל נישט זעהען, וואָלט ער געקאָנט נאָך מעהרער.. נישט נאָך אין זאַל גופא, נאָר אַפילו אויף יענער זייט גראַטעס איז געווען אַ נאָדעל נישט דורכצוּוואַרפען. דאָס זענען געווען די חברה יוריסטען, געשוואָרענע אַדוואָקאַטען און זייערע געהילפען, אַלע אין שוואַרצע פראַקען און מעהרסטענטייל—צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט—מיט גרויסע פאָרטפעלען אונטער די אָרעמס. צווישען די דאָזיגע חברה יוריסטען האָט אַרויסגעשיינט דער „אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטענלאַנד" מיט זיין מיניסטערשען קאָפּ און מיט זיינע דינע לאַנגע פּיס; דער שוואַרצער פראַק מיט'ן ווייסען שניפּס האָבען צוגעגעבען זיין גרויסען גלאַטען קאָפּ אַ בעזונדערען גלאַנק, און זיין ברייטער ווײַ-

סער שטערען האָט געזאָגט עדות, אַז דער מענש דענקט און אַז ער איז רוהיג און אַז ער איז גרייט אַרויסצוטרעטען אין דער מלחמה, ווי שטאַרק און ווי בעוואָפּענט דער פּיינט זאָל נישט זיין. אויב דער פּיינט איז שטאַרק, איז ער נאָך שטאַרקער. אויב דער פּיינט איז בע-וואָפּענט, איז ער נאָך מעהר בעוואָפּענט, וואָרום אויף זיין זייט איז דאָס וויסען, אַז זיין בעשולדיגטער איז נישט שולדיג, אויף זיין זייט איז דער אמת און די אונשולדיגקייט... און ווער איז יענער אַדוואָקאַט מיט אַ לייבענקאָפּ און מיט פּייעריגע שוואַרצע אויגען, וואָס אַלע אַד-וואָקאַטען שטופּען זיך צו איהם, דריקען איהם אַזוי פריינדליך די האַנד און רינגלען איהם אַרום פון אַלע זייטען? דאָס איז דער בע-ריהמטער רעדנער-אַדוואָקאַט, וואָס מע האָט אַראָבגעבראַכט צום פּראָ-צעס פון דער רעזידענץ, אָדער, ווי דער אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטען-לאַנד האָט איהם אָנגערופען: דער בעריהמטער סאָלאָוויי, „דער גרעס-טער קנאַקער פון אַלע קנאַקערס". גיך האָבען זיי ביידע פּערנומען זייערע ערטער אין דער רעכטער האַנד ביי אַ לאַנגען שטענדער-טישעל נעבען דער בעשולדיגונגס-באַנק, וויזאַווי דעם שטענדער-טישעל פון'ם געגנער, פון'ם פּראָקוראָר.

דער דאָזיגער פּאַרשוין איז אויך געווען אַ האָמאָ נאָוואוס, אַ פּנים חדשות, אין דעם דאָזיגען זאַל. ער איז דאָס אַראָבגעשיקט געוואָרען אַהער פון דער רעזידענץ ספּעציעל צוליעב דעם אָנגעזעהענעם פּראָצעס. און כאָטש ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, נאָך אַ „מאָיוואָרישטש פּראָקוראָראַ", נאָר צוליעב זיין אַריסטאָקראַטישער אָבשטאַמונג (און באַלד וועלען מיר געוואוירע ווערען, ווער דאָס איז געווען) און צוליעב דער גרויסער פּראָטעקציע, וואָס ער האָט געהאַט, האָט דער דאָזיגער אַרויסטריט זיינער בעדאַרפט איהם אויסבעטען אַ וועג צו זיין ווייטע-רער קאַריערע. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס ווערט אָנגערופען ביי אונז אַ מושלם, אַ שעהנער יונג, מיט שענע וואָנסעס, אַ שענער קאָפּ נידעריג געשוירען, אַ גלענצענדער רעדנער, מיט אַ געבענשטער שטימע— מיט איינעם וואָרט, אַלסדינג, וואָס מע בעדאַרף האָבען אויף איינצוגעה-מען די הערצער פון די אַזוי-גערופענע קרימינעלע דאַמען.

ביסלעכווייז האָט זיך דער עולם אויסגעזעצט און בערוהיגט, נאָר די אמת'ע רוהיגקייט איז איינגעטריטען און שטיל איז געוואָרען ערשט אין דעם מאָמענט, ווען דער פּריסטאַוו, אַ מויעריגער יונג, אַ הויכער, אַ גלאַטער, מיט אַ ברייטער קייט אויפ'ן האַלז, האָט מיט אַ פּייערליכע,

שטימע אויסגערופֿען: „דער בית-דין געהט״. גאַנץ אויבען-אָן האָבען זיך אויסגעזעצט די ריכטער, איינער אַן׳עלטערער און זעהר אַ חשוב׳ער מאַן מיט אַ קיילעכיג פּנים און אַ גרויליך בערדעל און מיט קישעלעך אונטער די אויגען—צוויי טראָפּען וואַסער דער ענגלישער קעניג עדואַרד. און ביי די זייטען זיינע צוויי חברים, איינער אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ קרענקליכער, וואָס דער איינגעשרומפּענער האַלז האָט זיך שטאַרק אַרויסגעזעהען פֿונ׳ם מיט גאָלד-געשמיקטען קאָלנער, און דער אַנדערער, אַ טאָטערשער טיפּ, אַ ניעדעריגער און אַ קיילעכיגער מיט אַ שוואַרצען ברייטען שטאַרק געשאָרענעם קאָפּ, מיט אַ ברייט גוט פּנים, פֿון וואַנען עס האָבען אַרויסגעקוקט אַ פּאָר קליינע מייזענאויגלעך. אונטער די דריי ריכטער אויף אַ גאַנצער רייהע שטוהלען, האַרט ביי דער וואַנד, אַקוראַט אונטער׳ן קייזער׳ס פּאָרטרעט, האָבען זיך אויסגעזעצט אַלס זייטיגע צוקוקער פֿערשיעדענע הויכגעשטעלטע פּאַרשוינען מיט און אָהן גאָלדענע קנעפּ און קעלנער. נאָר די אַלע האָבען אויף זיך אַזוי נישט געצויגען די אויגען פֿון פּובּליקום, ווי דער אַראָבּגעשיקטער יונגער פּראָקוראָר מיט זיין גלענצענדער פיגור, ווי אויך דער אַראָבּגעבּראַכטער אַדוואָקאַט מיט זיין לייבען-קאָפּ. דאָס זענען געווען צוויי העלדען — גלאַדיאַטאָרען, וואָס האָבען בעדאַרפֿט אַרויסטרעטען אויף דער אַרענע פֿון גערעכטיגקייט מיט דער קראַפֿט פֿון זייער שען רעדען און מיט׳ן כח פֿון דער לאָגיק און איבערצייגונג. ביידע צדדים, אַחוץ וואָס זיי האָבען זיך צוגעגרייט אין דער היים, אָנגעזעטיגט זיך מיט מאַטעריאַל פֿון פֿערשיעדענע קוועלעס, האָבען זיי מיטגעבּראַכט מיט זיך גראָב-בייכיגע ספרים און כתבים, יעדער מיט זיינע אויטאָריטעטען. איין צד האָט מיטגעבּראַכט די ביכער פֿון קאַרל עקקער, הערמאַן בּער. אויגוסט ראָלינג און פֿונ׳ם בעריהמטען ליוטאָסטאַנסקי, וואָס בעווייזען מיט ראיות און אותות ומופתים, אַז יודען קאָנען זיך נישט בעגעהן אָהן קריסטליך בלוט צו זייערע מצות אויף פּסח... און דער אַנדערער צד האָט מיטגעבּראַכט די ביכער פֿון פּראָפֿעסאָר דעליטש, פּראָפֿעסאָר חוואָלסאָן, פֿון דאָקטאָר פראַנק, אַ קאַטוילישער גלח, און פֿון דאָקטאָר שטראַק, אַ ליוטעראַנישער פּאַסטאָר, און נאָך אַ סך יודישע און קריסטליכע אויטאָריטעטען, וואָס בעווייזען מיט פֿיעל שטאַרקערע ראיות פֿון דער תורה נופא און מיט אותות ומופתים פֿון תלמוד, קבלה און פֿון היסטאָרישע קוואַלען, אַז די אַלע בעשולדיגונגען זענען פֿאַלש פֿון אָנהויב ביז׳ן סוף, גראָב עם-הארצ׳יש און מעהרסטענטייל מסירות און

פּאַסקווילען, דורכגעוועבט מיט רשעות, בלבול, אינטריגע, שאַנטאַזש און נאָך אַזעלכע נישט גאַנץ ריינע געפּיהלען. וואָס איז צו רעדען? פּאַר'ן ברייטען פּובליקום איז דאָס אַוודאי אַ יום-טוב. עס שטעהט פּאַר זעהר אַ שענע סצענע אויף צו קוקען און מיט פערגעניגען צו האָרכען אַזעל־כע שענע רעדנער-גלאַדיאַטאָרען... ווי האָט דאָס אָבער אויסגעזעהען ביי די עטליכע גליקליכע יודען, וואָס האָבען זיך מיט גרויס מיה און זכות-אָבות אריינגעכאַפּט אַהער אין זאַל אריין? זיי, וועלכע ווייסען דעם אמת'ן אמת, האָט דאָס בעדאַרפט, מיין איך, רעכט פערדריסען אויף פעמידאַ'ן, דער געטין פון גערעכטיגקייט, וואָס שטעהט מיט פער־בונדענע אויגען און האַלט אַ וואָג אין דער האַנד;ביידע וואָגשאָלען זענען גלייך, נישט אַריבערגעוואויגען אַהער אַהין אָדער אויף אַ האָר— נישט שוין-שוין איז נאָך דאָ אַ ספק?... נישט שוין-זשע בעדאַרף מען נאָך בעווייזען, אַז מיר זענען נישט קיין מענשען-פרעסער?... און עס האָט זיך זיי, מיין איך, געדאַרפט אויסדוכטען, אַז זיי הערען אַ בת־קול פון אויבען נידערט אַראָב און רופט אויס: ווָעה איז צו יע־נעם, וואָס מען איז איהם חושד אין דעם, וואָס ער איז נישט!..."

## דאָס הונדערט צעהנטע קאַפּיטעל.

## איין סיורפּריז נאָכ׳ן אַנדערען.

אויב דאָס רוב פּובליקום איז געווען פעראינטערעסירט מיט די בעריהמטע גלאַדיאַטאָרען פון גערעכטיגקייט, מיט די בעריהמטע אַד-וואָקאַטען און מיט׳ן פּראָקוראָר, איז מען נאָר אין גאַנצען פער׳כשופ׳ט געוואָרען, אַז דער פּאָרזיצענדער מיט די קישעלעך אונטער די אויגען, וואָס חאַפּט דעם אָבבליק פונ׳ם ענגלישען קעניג עדוואַרד, האָט געגע-בען אַ בעפעהל, מע זאָל אַריינפיהרען דעם בעשולדיגטען. אַנדערע האָ-בען געוואַרט, אַז דאָ וועט זיך בעוויזען מסתמא אַ געלער פּאַרשוין מיט אַ פּנים פון אַ וואַמפּיר און מיט אויגען פון אַ גזלן. און אַנדערע האָבען גערעכענט פערקעהרט: נישט קיין וואַמפּיר און נישט קיין גזלן און נישט קיין געלער, נאָר דווקא אַ שוואַרץ זשוואַווע יודעל מיט אַ שפּיצי-כיג קעפּעל, מיט אַ כיטרע פּנים און מיט גנבה׳שע אויגעלעך. נאָר נישט די, נישט יענע האָבען געטראָפען. אַריינגעפיהרט מיט צוויי סאָלדאַטען מיט בלויזע שווערדען האָט מען אַ הויכען ברייטביינעריגען יונגען מאַן, אַ פּאַרשוין מיט אַ זעלטען שענעם געדיכט בעוואַקסענעם קאָפּ, מיט שע-נע, אַ ביסעל פערטראַכטע אויגען און מיט אַ סימפּאַטיש דורכזיכטיג פּנים, בעברעמט מיט שוואַרצע ווייכע, שוין לאַנג נישט געשאָרענע האָר. אַ סך אויגען האָבען פערוואונדערט בעטראַכט דעם בעשולדיגטען. דאַמען האָבען אָנגעשטעלט די לאָרנעטען: „אַך, ווער וואָלט זיך ריכטען, אַז אַ זעלכער זאָל בעגעהן אַזאַ פערברעכען!?״... און דער „פערברע-כער״ האָט זיך געהאַלטען גאָרנישט ווי אַ פערברעכער. אויפ׳ן פּנים איז נישט געווען קיין שום סימן פון צרות, ליידען, יסורים, אָדער די מינדסטע אויפרעגונג. מעהר נישט דער פערטראַכטער קוק פון זיינע

שענע אויגען און די דורכזיכטיגקייט פון זיין הויט האָבען עדות געזאָגט, אַז דער מענש האָט בעדאַרפט אַ סך אַריבערטראָגען, אַ סך אָבקומען און אַ סך — אַ סך איבערטראַכטען... פאַר איהם איז דער דאָזיגער טאָג געווען, אויב ניט דער סאַמע געווינשטער טאָג, אויף וועלכען ער האָט אַזוי פיעל געהאָפט און אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט. „געקומען אַ סוף צו דער טראַגיקאָמעדיע"... ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דאָס איז איינגעטריטען דער מאָמענט, דער היסטאָרישער מאָמענט, וואָס אַלע וועלען סוף־כל־סוף זיך איבערצייגען, אַז נישט נור ער איז ריין אין דעם דאָזיגען „ריטואַלען" פערברעכען, נאָר אַז עס איז איבערהויפּט אַזאַ פערברעכען קיינמאָל נישט געווען אין ערגיץ אונטער יודען... אַ סך האָט ער זיך פערלאָזט אויף דעם געזונדען פערשטאַנד און אויף די עהרליכקייט פון די געשוואוירענע ריכטער. אַ סך האָט ער געשלאָגען אויף זיינע צוויי אַדוואָקאַטען, צוויי ריזען, צוויי לייבען, וואָס אויב אַזעלכע וועלען נישט איבערצייגען, טאָ ווער זשע דען?... נאָר מעהר פון אַלץ האָט ער געבויט אויף זיך אַליין, אויף זיין אייגענעם כח פון זיין פעסטען ווילען און אויף דער קראַפט פון דעם הייליגען אמת, וואָס מוז אַרויסקוקען פון זיין איטליכס וואָרט. „נישטאָ קיין גרעסערע קראַפט אויף דער וועלט פון אמת".

אַזוי האָט זיך געטראַכט דער דאָזיגער פערברעכער און איז פאַרטיג געווען מיט אַלע זיינע ענטפערס אויף די פראַגען, וואָס מע וועט איהם דאָ שטעלען, און איז פאַרטיג געווען אפילו מיט דעם, ווי אַזוי, מיט וואָסערע אויסדריקען ער וועט אַרויסטריטען פאַר די געשוואוירענע ריכטער אין זיין לעצטען וואָרט, וואָס קומט איהם על־פּי דין. דאָס זענען געווען ווערטער געצעהלטע, נאָר הויכע, פייערליכע, גלייך פון האַרצען אַרויס, ווערטער, וואָס ברענען, וואָס נידערען גלייך אין דער נשמה אַריין, וואָס איבערצייגען... און ער איז בעצייטענס שוין אַזוי בעגייסטערט מיט זיין שען רעדען און מיט זיין האַלטען זיך אויפ'ן משפט, אַז ער קוקט אויף זיך ווי אויף אַ קרבן, אַ מאַרטירער פאַר'ן יודישען פאָלק, און, אַלס ניט־ווילענדיגער מאַרטירער, איז ער כמעט גרייט אויף אַלעסדינג... ער גיט זיך נאָך ניט אָב קיין דין־וחשבון, וואָס בעדייט אַלעסדינג, נאָר ער פיהלט אַ בעזונדער זיסקייט אין דעם וויסען, וואָס ער ווייסט, אַז ער קאָן זיין דער מאַרטירער, דער היסטאָרישער קרבן פון אַ היסטאָריש פאָלק... דערפאַר אָבער, אַז ער וועט אַרויס ניט שולדיג, ווי ער איז עס באמת, וואָס

פאַר אַ נצחון דאָס וועט זיין פאַר'ן אמת! וואָס פאַר אַ יום-טוב דאָס וועט זיין פאַר אַ גאַנץ פאָלק פון פערפאָלגטע און גע'רודפ'טע, פון ערנידעריגטע און בעליידיגטע, וואָס זענען געהאָלפען געוואָרען דורך איהם, דורך אַ מענשען, וואָס געהערט דוקא צו די פערפאָלגער... און זיין פאַנטאַזיע האַפּט איהם אויף איהרע גרינגע פליגלען און מאָלט איהם ליכטיגע גרויסאַרטיגע שיינענדיגע בילדער, איינס גרויסאַרטיגער, גראַנדיעזער און שענער פונ'ם אַנדערען,—גאָט ווייס, וואוהין זיי וואָלטען איהם געקאָנט פערטראָגען, ווען ער זאָל זיין איינגאַנצען אויסגעטהון פון עולם-הזה און פערגעסען, אַז ס'איז דאָ אַ שען מיידעל, וואָס דופט זיך בעטי, און וואָס ער איז אין איהר פערקאָכט און וואָס ער וועט זי אָט באַלד אָט דאָ טאַקי זעהען, וואָס ער וועט זי אָט באַלד אָט דאָ טאַקי הערען רעדען (זעהען זיך מיט איהר אין טורמע איז געווען אוממעגליך. דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט צוגעזאָגט זי ברענגען, האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, אַז זי איז אויך אַנ'עדות). ער זוכט זי מיט די אויגען אין זאַל און געפינט זי נישט. נישטאָ זי נאָך, נישטאָ נאָך קיינער פון די עדות, נישטאָ נאָך די געשוואוירענע ריכטער, פאַר וועלכע אייגענטליך ער האָט צוגעגרייט זיין ריהרענדיגע דרשה, ער זעהט פאַר זיך אין זאַל נור אַ ים מיט קעפּ, וואָס קוקען אַלע אויף איהם, אַ סך דאַמען-היטעלעך מיט ריהרענדיגע פעדערען און און מיט לאָרנעטען אויף איהם אָנגעשטעלטע. און די דריי ריכטער זעהט ער, וואָס זיצען אויבען-אָן מיט די אויסגעניייטע קעלנער, און אַקוראַט אַקעגען איהם דער שענער יונג, דער פּראָקוראָר, מיט די שענע וואָנסען, מיט דעם שענעם נידעריג געשאָרענעם קאָפּ—ווער זאָל דאָס זיין? פאַרוואָס איז ער איהם אַזוי קענטיג?... עס טהוט איהם ווי אַ בריע אונטער די פּאַכוועס און—טיק-טיק-טאַק—דאָס האַרץ הויבט אָן צו קלאַפּען ווי מיט עטליכע האַמערס. ער קוקט זיך איין שטאַרק-שטאַרק. די אויגען ווערען ביי איהם גרעסער און ברייטער: „ניט שוין זשע...—טראַכט ער זיך—ניין, עס קאָן ניט זיין!... עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען... עס מאַכט זיך אַמאָל מענשען זעהען אויס עהנליך... עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין!... אין דער מינוט ווערט צום פּראָזי-צענדען דורך אַ קוריער פון דער זייטיגער טיר צוגעטראָגען אַ וויזיט-קאַר-טע. דער פּראָזיצענדער בעטראַכט די וויזיט-קאַרטע פון אַלע זייטען, זאָגט עפּיס דעם קוריער, וועלכער ווערט פערשוואונדען אין דער זעלבער זייטיגער טיר. מיט דער מינוט בענוצט זיך דער בעשולדיגטער. ער

פויגט זיך איבער צו זיין אַדוואָקאַט גלייך אין אויער אַריין: „ווער איז אָט דער, וואָס אַקעגען אונז?” „דאָס איז דאָך דער מלאך־המות אונזערער — ענטפערט איהם יענער אויך אויפ'ן אויער — דער טאָוואַרישטש פּראָקוראָראַ, וואָס איז ספּעציעל אַראָפּגעשיקט געוואָרען אַהער צי ליעב אונז... אַ יונג מיט ביינער, זאָגט מען... נאָר בישקשה, נישט מסוכן. מיר וועלען איהם געבען פעפער שמעקען...” „אָך, ניט דאָס, — ערגערט זיך דער בעשולדיגטער—ניט דאָס! איך מיין—דער נאָמען זיי־נער”... „זיין נאָמען? אָט באַלד”. און דער אַדוואָקאַט טהוט אַ פרעג שטילערהייד ביי'ם צווייטען אַדוואָקאַט, וואָס מיט'ן לייבען־קאָפּ, און גיט דאָס באַלד איבער דעם בעשולדיגטען ווידער אויפ'ן אויער:

—זיין נאָמען איז פּאָפּאָוו... דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש פּאָפּאָוו...

נו פערשטעהט זיך! ער האָט געטראָפען, אַז דאָס איז ער... אָך, ווי ער האָט זיך פערענדערט! וואָס פאַר אַ עלעגאַנטער ביוראָקראַט פון איהם איז אויסגעוואַקסען!... פון שטענדיג אָן געווען אַ עלעגאַנטער יונג און אַ קאַריערריסט... אַ מתמיד, אַ בעל דרך ארץ, נאָר אַ קאַריערריסט. „מיין מיטיאַ וועט געהן ווייט”—פלעג זיך דער פעטער ניקאָלאַי איוואַ־נאָוויטש מיט איהם בערימען... און איצט איז ער זיין בעשולדיגטער! ער וועט דאָס איהם בעשולדיגען—„ניין! קיין ראָמאַן קאָן נישט ברענ־גען אַזעלכע סיורפּריזען ווי דאָס לעבען אַליין קאָן אַמאָל געבען”... אַזוי האָט זיך געטראַכט אונזער העלד, דער אמת'ער פּאָפּאָוו, אַז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין טעות און אַז דאָס איז געווען זיין פעטער ניקאָלאַי איוואַנאָוויטשעס עלטערער זוהן, מיט וועלכען ער האָט אַמאָל איינאיינעם פערבראַכט אין בלאַגאָסוויעט־לאָוואָ ניט איין פרעהליכען טאָג, איינאייגעם אַרויסגעפאָהרען אין וואַלד, איינאיינעם געשיפט זיך איבער דער סאַזשעלקע, געחאַפּט פיש און נאָך אַזעלכע זאַכען. אמת, דאָס איז געווען שוין זעהר לאַנג. ער, גרישאַ, איז נאָך דעמאָלט געווען אין די יונגסטע קלאַסען גימנאַזיע און יענער איז שוין געווען אַ סטודענט פון ערשטען אָדער צווייטען קורס... נאָר ניט שוין זשע האָב איך מיך אַזוי פערענדערט, אַז ס'איז אַזוי שווער מיך צו דערקענען? וויפיעל איז שוין? פיער יאָהר... פינף יאָהר... זעקס יאָהר... נאָר דאָ ווערען זיינע געדאַנקען איבערגעריסען: דער פּאָרזיצענדער, וואָס האָט נאָך אַמאָל בעטראַכט דאָס וויזיט־קאַרטעל און איבערגעשעפּטשעט זיך מיט די צוויי מיטגליעדער, האָט צונויפגענומען די פּאַפּיערען, וואָס אויפ'ן טיש, און האָט מיט אַ גרינגען הוסט און

מיט אַנ׳איינגענעהמענעם טענאָר אָנגעהויבען צוצוטריטען צום עסק,—נאָר ער האָט נישט אויסגערעדט די ערשטע דריי ווערטער, האָט זיך פון פובליקום אויפגעהויבען אַ הויכער, זעהר אַנ׳אָנגעזעהענער מאַן מיט ברייטע, אַ ביסעל אַרויפגעצויגענע אַקסלען (דאָס איז געווען דער קריסט, וואָס איז צוגעפאָהרען מיט׳ן סטודענט אין דער קאַרעטע) און, האַלטענדיג פאַר זיך אַ ווייסען בויגען פאַפּיער צונויפגעלעגט אין פיערען, האָט ער זיך מיט פעסטע טריט געלאָזט גלייך צום טיש אַקעגען דעם פאָרזיצענדען. דער פאָרזיצענדער האָט איבערגעריסען אין מיטען — און דאָס האָט דאָס גאַנצע פובליקום בעמערקט, נאָר ניט פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. געזעהען האָט מען, אַז דער אָנגעזעהענער פאַרשוין, וואָס האָט זיך געלאָזט מיט׳ן פאַפּיער צום פאָרזיצענדען, איז צוגעקומען צו די פערשלאָסענע גראַטעס, געבליבען שטעהן אַ ווילע און איבערגעקוקט זיך פריהער מיט׳ן פראָקוראָר, דערנאָך מיט׳ן בעשולדיגטען, וועלכס האָט גענומען אַלסדינג איינאיינעם מעהר נישט אַז עטליכע סעקונדען, וואָרום דאָ איז אונטערגעשוואומען דער פריסטאַוו מיט אַזעלכע שטילע טריט, גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף פעדערען, און, נאָכ׳ן שטומען בעפעהל פונ׳ם פאָרזיצענדען, האָט ער גענומען דאָס פאַפּיער פונ׳ם פאַרשוינ׳ס האַנד און צוגעטראָגען צום פאָרזיצענדען, וועלכער האָט דאָס פאַפּיער גלייך איבערגעקוקט, בעוויזען אויך די צוויי מיטגליעדער און אַלע דריי האָבען, ווי ס׳איז געווען צו בעמערקען, מיט גרויס איבערראַשונג, איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינגעקוקט זיך שטאַרק אינ׳ם בעשולדיגטען און, אָנבויגענדיג זיך איינער צום אַנדערען, האָבען זיי עפּיס זעהר שטיל, נאָר מיט גרויס היץ געשמועסט צווישען זיך, און דער פאַרשוין, וואָס האָט דערלאַנגט דאָס פאַפּיער, האָט אַרויפגעלעגט איין האַנד אויף די גראַטעס, מיט דער אַנדערער פערשאַרט די שוואַרצע, עטוואָס פערזילבערטע האָר אַרויף און געוואַרט. דאָס פובליקום אין זאַל האָט נישט אָנגעהויבען צו פערשטעהן און נישט געהאַט דעם מינדעסטען חשד, אַז דאָ קומט פאָר עפּיס אַזעלכס, וואָס איז אויסערגעוועהנליך, און דעריבער האָט אָט דער זייטיגער פאַרשוין נישט געמאַכט אויף קיינעם קיין בעזונדערען איינדרוק, אויסער אויף צוויי מענשען, וואָס זענען געווען נישט נור איבערראַשט, נאָר זיי האָבען זיך, ווי ס׳איז געווען גאַנץ לייכט צו בעמערקען, אינגאַנצען פערלוירען. דאָס זענען געווען, ערשטענס, דער פראָקוראָר, וועלכער האָט זיך אויפגעחאַפּט פון זיין שטוהל און איינגעקוקט זיך אין פאַרשוין,

נישט פערשטאַנען ווי קומט ער אַהער און וואָס טהוט ער דאָ און וואָס בעדייט דאָס פּאַפּיער, וואָס ער האָט דערלאַנגט? און דער אַנדערער איז געווען דער בעשולדיגטער.—דער איז גאָר געבליבען צוגעקאָוועט צום אָרט, נישט געקאָנט אויפשטעהן און נאָר אָנגעחאַפּט זיך מיט ביידע הענד ביי דער פּערענטשע פון די גראַטעס און געפּיהלט, אַז די אויגען קריכען איהם פון קאָפּ אַרויס. אַ מינוט האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ס'איז אַ גאַלוציגאַציע, אַ דמיון, אַז דאָס האָט דער שאָטען פון זיין פאָטער זיך בעוויזען, ווייל ער האָט היינטיגע נאַכט אַ סך געטראַכט וועגען איהם... עס איז איהם אָבגעגאַנגען אַ מינוט צום חלש'ען...

— — — — — — — — —

ווי דורך אַ חלום האָט ער צוגעזעהען און צוגעהערט אַלעסדינג, וואָס האָט זיך אָבגעטהאָן נאָכדעם אַרום איהם... ער האָט געזעהען, ווי דאָס פּאַפּיער איז איבערגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד ביי די דריי ריכטער, ביז ס'איז געקומען צום טאָוואַרישטש פּראָקוראָראַ, וועלכער האָט מיט שרעק אָנגעשטעלט אויף איהם די אויגען און דאַכט זיך ווי דערקענט אין איהם... דערנאָך האָט איהם דער פּאַרזיצענדער געשטעלט פראַגען און ער האָט געענטפערט—ער געדענקט נישט וואָס... עס האָט איהם געשווינדעלט אין די אויגען, געקלונגען אין די אויערען און דאָס פּנים, האָט ער געפיהלט, ברענט איהם מיט אַ העליש פייער... דערנאָך האָט ער פלוצים דערהערט, ווי פון ווייטען ערגיץ, דעם טאָוואַרישטש פּראָקוראָראַ'ס קלינגענדיגע שטימע, און ער האָט זיך איינגעהערט אין זיין קול, גלייך ווי ער וואָלט וועלען זיך איבערצייגען, אויב דאָס רעדט מיטיאַ, דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש פּאָפּאָוו... פון זיינע רעד האָט ער געחאַפּט נאָר די עטליכע ווערטער, אַז „לויט'ן אַרטיקעל 549 דאַרף מען דעם עסק איבערגעבען צו אַ נייער אויספאָרשונג און דעם בעשולדיגטען...” דאָס איבעריגע האָט ער שוין נישט געהערט... דערנאָך, געדענקט ער, האָבען זיך די ריכטער אויפגעהויבען און אין זאַל איז געוואָרען אַ מורא'דיגער טומעל, און איהם האָט מען אָבגעפיהרט, נאָר שוין נישט מיט סאָלדאַטען און נישט צו פוס און נישט אין טורמע אַריין! אויס טורמע!...

. . . . . . . . .

. . . . . . . . . .

. . . . . . . . . .

וואָס עס האָט זיך אָבגעטהאָן אין זאַל און דערנאָך אין דרויסען,

אַז מע איז געוואָרע געוואָרען פונ׳ם דאָזיגען איבעררעשענדען נייס, אַז דער בעשולדיגטער, וואָס איז אָבגעזעסען אַזאַ צייט אין טורמע אַלס דאַנטיסט ראַבינאָוויטש, איז גאָרנישט קיין יוד און נישט קיין שקלאָווער מעשטשאַנין, וואָס הייסט הערש מאָוושאָוויטש ראַבינאָוויטש, נאָר אַ ריינער דוואָריאַנין, אַ זוהן פון דעם ט—ר געוועזענעם גובערנסקי פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואַ און זיין אמת׳ער נאָמען איז גאָר גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו—דאָס לאָזען מיר איבער פאַר׳ן לעזער, ער זאָל זיך אַליין משער זיין... אַ סך נעבאַך האָבען געהאַט אַ שלעכטען טאָג. ערשטענס, די קרימינאַל-דאַמען—געבליבען אָהן אַ פאָרשטעלונג. היינט די שוואַרצע חברה — די האָבען גאָר געהאַט אַ מפּלה, אַ מאָדנע מפּלה! אַנדערע האָבען געדרונגען, אַז ס׳איז ניט גלאַט, אַז דאָ מוז עפּיס זיין אַ יודיש אָבשניצעל, ניט אַנדערש... און אַנדערע האָבען גע׳טענה׳ט, אַז ס׳איז אַ חוצפּה פון אַ יודען אַזוי אָבפיהרען אַ גאַנצע וועלט מיט מענשען און מע דאַרף שטרענג בעשטראָפען דעם אמת׳ען ראַבינאָוויטשען און אַלע ראַבינאָוויטש׳עס... אַ שלעכטען, אַ ביטערען טאָג האָבען נעבאַך געהאַט די שוואַרצע חברה. דערפאַר אָבער האָבען די יודען געהאַט אַ שמחה און אַ יום-טוב — אַ ווערטעלע אַזאַ נס! אויף אַזאַ וואונדערליכען אופן פּטור געוואָרען פון אַזאַ פּעקעל—ממש שמחה בית השאבה. מע האָט אַלסדינג פערגעסען, פערגעסען אַלע צרות און געלאָפען איינער צום אַנדערען אָנזאָגען די גוטע בשורה, אָבגעשטעלט איינס דאָס אַנדערע און אין קורצע ווערטער איבערגעשמועסט זיך וועגען דעם, וואָס גאָט קען. אַנדערע האָבען זיך געקושט. אַ קלייניגקייט אַזאַ גדולה — אַלע, די גאַנצע וועלט וועט שוין וויסען אַצינד, אַז אין׳ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, אַז מיר זענען נישט קיין מענשענפרעסער!... „ניין. און געהט זאָגט נאָך אַזאַ מעשה, אַז עס טרעפען זיך נישט קיין נסים היינטיגע צייטען!“, „נו יאָ, אָדער אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט!...“ „אַי גאָט!...“ „דער יודישער גאָט!“...

נאָר מעהר פון אַלעמען האָט, ווי אַלע מאָל, געאַרבייט קעצעלע. ער איז נור אַרומגעלאָפען און געשריען אין איין קול: „נו, יודישע קינדער? וואָס האָב איך אייך געזאָגט? איז שוין קאַץ נישט קיין משוגע׳נער? ניין?...“ און ווייטער וואָס די צייטונגען פון אַלע מינים און פאַרבען האָבען דערנאָכדעם געהאַט צו זאָגען—דאָס איז אויך ניט שווער זיך פאָרצושטעלען. דעם לעזער אינטערעסירט אַוודאי מעהר פון אַלסדינג, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט די העלדען פונ׳ם

דאָזיגען אויסערגעוועהנליכען ראָמאַן? און צי האָט מען אויפגעדעקט די אמת'ע מחותנים מיט די אונטערפיהרער? און צי האָבען זיי בעקומען זייער לוין על פּי דין און על פּי יושר, ווי זיי האָבען עס כשר פערדיענט? — דאָס אַלעס וועט דער לעזער געפינען אינ'ם לעצטען קאַפּיטעל, אינ'ם עפּילאָג צו דער עפּאָפּעיע פונ'ם בלוטיגען שפּאַס.

ענדע צווייטער טייל.

# עפּילאָג.

עס איז געווען אַ ווינטער-אָווענד אין איינעם פון די אַכט טעג אן חנוכּה. ביי די שפּיראָ׳ס אין שטוב איז געווען מאָדנע אויפגערוימט גין יום-טוב׳דיג צוגעגרייט. דער בעל-הבית אַליין, דוד שפּיראָ, איז צוועו אָנגעטהון אין זיין שבת׳דיגער שוואַרצער קאַפּאָטע. ער האָט שוין לאַנג אָבגעבענשט חנוכּה-ליכטלעך, איז געווען גרייט אויפצונעהמען געסט, וואָס האָבען זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען און זענען זיך צונויפגעקומען איינס נאָך דאָס אַנדערע צו די שפּיראָ׳ס „אויף לאַטקעס”. דאָס איז אָבער נאָר געווען אַנ׳אויסרייד „אויף לאַטקעס”. באמת האָבען אַלע געוואוסט, אַז ביי די שפּיראָס דאַרף זיין היינט אַ וואָרט און טאַקי אַ קנס-מאָל. בעטי דאַרף אַ כּלה ווערען פאַר עפּיס איינעם אַנ׳אָרימען סטודענט, נאָר אַ גראַטעגעם. הורוויטש רופט מען איהם. בעני הורוויטש. אָט דער דאָזיגער הורוויטש איז ניט גלאַט אַ הורוויטש, ער שטאַמט פון אַ גרויסען יחוס—בעריהמט זיך דוד שפּיראָ—ער קומט-אַרויס פון די אמת׳ע, פון די פּינסקער הורוויטשעס, וואָס ציהען זייער יחוס אַזש פונ׳ם של״ה הקדוש. היינט ווייסט איהר שוין?...

פריהער פון אַלע זענען געקומען חתנ׳ס צד, דער איינבינדער מיט דער איינבינדערין, וואָס האָט אַ פּנים פון אַ מצה, ביידע אָנגעטהון שבת׳דיג. זיי האָבען זיך אָבער ביידע אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע מיט גרויס דרך-ארץ. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי אויפנעהמען. בעטי איז נאָך געווען ביי זיך, דוד׳ן איז נישט אָנגעשטאַנען: „אַ יוד אַ בעל-מלאכה!..” און שרה איז נאָך געווען אין קיך מיט נאָך עפּיס אַ יודענע, ביידע שטאַרק פערטיעפט אין דער אַרבייט—מע האָט געבראָטען גענז, געפּרעגעלט שמאַלץ און געבאַקט לאַטקעס. נאָר אַז די נגידים זענען געקומען—די רייכע שוועגערין טויבע מיט איהרע אויס-

געגעבענע טעכטער און שנור (דער שוואָגער, ר׳ שלמה פּאַמיליאַנט, איז נישט געווען אין דערהיים. דער דאָזיגער עולם-הזה׳ניק האָט זיך פּערגונען אַ לוקסוס און איז אַוועק אויף חנוכה צום רבי׳ן), און באַלד נאָך זיי האָט זיך בעוויזען דוד שפּיראָס שעף מיט זיינע בנים—האָט מען שוין נישט געקאָנט זיין אַזוי גראָב, און שרה האָט גיך אַרויפגע-צויגען דאָס זיידענע מלבוש און די דימענטלעך און איז אַרויס אַ שיי-נענדיגע צו די ליעבע געסט און האָט זיך צוקושט מיט די רייכע קרובים:

—טויבעניו, האַרצעניו. וואו זענען אייערע מיידלעך?

—גאָט איז מיט אייך, שרה׳ל קרוין, איהר ווייסט נישט, אַז באַ-רישנים געהען נישט אויף אַ קנס-מאָל?—און ס׳איז אַוועק ביי זיי אַ ווינשעניש אויף היבשע עטליכע מינוט. פריהער האָט טויבע געווינשע-וועט שרה׳ן, אַז זי זאָל דערלעבען טאַקי אין גיכען אם ירצה השם צו דער חופּה. „שוין צייט...” דערנאָך האָט איהר שרה געווינשעוועט ביי איהרע יונגערע טעכטער אין גיכען אויף אַ קנס-מאָל. „שוין לאַנג צייט...”

—אמן הלואי—האָט טויבע אונטערגעכאַפּט מיט אַ פרום פּנים, זיך געמאַכט גלייך ווי זי הערט נישט, אַז די שוועגערין צאָהלט איהר מיט אַ שטאָך פּאַר אַ שטאָך—און בני-ביה האָט זי געכאַפּט אַ קוק צו די מאַנסבילען, געזוכט צווישען זיי דעם חתן מיט דער כלה. צום סוף איז גאָר דער חתן געזעסען מיט דעם דאָקטאָר אין אַ ווינקעלע און גע-שפּיעלט מיט איהם אין שאָך.ביידע אָהן היטלען און ביידע אַזוי פער-טיעפט אין שאָך-ברעטעל, אַז זיי האָבען גאָרנישט בעמערקט, וואָס אַרום טהוט זיך. און די כלה איז זיך בעזונדערס געזעסען מיט עפּיס אַ פרעמ-דען מאַנסביל, אויך אָהן אַ היטעל, מיט אַ מורא׳דיג גרויסען קאָפּ (דאָס איז געווען דער אַדוואָקאַט פון אַדוואָקאַטענלאַנד).

בעטי איז נאָך קיינמאָל, דאַכט זי, נישט געווען אַזוי שען און מיט אַזויפיעל חן ווי אַצינד. זי האָט באמת געשיינט ווי די זון, חאָטש אויף איהר שיינענדיג פּנים איז געווען צו בעמערקען אַ נייעם שטריך, אַ צייכען פון אַ פערבאָרגענער מרה-שחורה. נאָר דאָס האָט איהר צוגע-געבען אַ בעזונדערן חן... די מוהמע טויבע האָט זיך אויף איהר פער-קוקט און געקרעכצט. נאָר פון וואָס זי האָט געקרעכצט, איז שווער צו וויסען: צי פון דעם, וואָס אָרימע מיידלעך אָהן אַ גראָשען נדן האָבען חתנים, נאָר איהרע „באַרישנים” שיקט דער אויבערשטער נישט צו קיין זווג?.. צי פון דעם איז זי געווען פערזאָרגט, וואָס דאָס רוב מאַנסבי-

לען זיצען דאָ אָחן היטלען ווי די גוים?.. אָדער אפשר גאָר פון דעם, וואָס קוקענדיג אויף בעטי'ן, האָט זי זיך דערמאָהנט אָן איהר שלמה'ן דעם חסיד, וואָס ווען ער זאָל זיין דאָ, וואָלט ער דאָס מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען זיך איינגעקוקט אין דער פלעמעניטשקע?..—מיט איין וואָרט, די מוהמע טויבע האָט, נעבען, גוט געקרעכצט, נאָר ווער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף איהר אַצינד, אַז עס קומען אָן אַלעמאָל ביידע געסט און מען דאַרף יעדען אויפנעהמען? גאַנץ אויבען-אָן האָבען זיך בעזעצט די נגידים, דוד שפּיראָ'ס שעף מיט דער אָנגעקלעבטער באָרד און מיט די זילבערנע קיילעכיגע ברילען, און זיינע בנים, די זיהן מיט די איידעמס, וואָס האָבען אַלע אַזוי פיעל געריוועכט, אַז מען האָט קוים געזעהן איינס דאָס אַנדערע. נעבען זיי איז געשטאַנען דער בעל-שמחה (דוד שפּיראָ), וואָס האָט זיי אונטערגעהאַלטען מיט אַ שמועס. ער האָט זיי דערצעהלט, שטילערהייד נאַטירליך, וועגען דער גרויסקייט פונ'ם חתן, אַז חאָטש ער איז נישט רייך, דערפאַר שטאַמט ער פון אַ גרויסען יחוס. ער איז אַ הורוויטש, פון די אמת'ע, פון די פינסקער הורוויט-שעס, וואָס קומען אַרויס פונ'ם של"ה הקדוש. היינט זיין קאָפּ און זיינע קענטענישען מיט זיינע אויפטהועכצען—דער ערשטער סטודענט צווישען די סטודענטען, וואָס זענען אַלע קעגען איהם אַ... ווייס איך וואָס! איהר זאָלט איהם האָרכען רעדען! היינט שרייבט עס אַ לשון-קודש! היינט קען עס גמרא אויסוועניג! היינט שפּילעלט דאָס אין שאָך!...

אַ ביסעל נאָר האָט דוד'ן פערשטערט די שמחה דעם חתנ'ס שוואָ-גער, דער איינבינדער, וואָס איז געזעסען ווי אין אַ הייס בעדעל און געשוויצט, מיט שרעק אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטען און איבער-הויפּט אויף די נגידים. זיין ווייב, די איינבינדערין מיט'ן מצה-פּנים, האָט זיך געריסען עטליכע מאָל צו דער שפּיראָכע, געוואָלט פערפיהרען מיט איהר אַ שמועס, ווי מיט אַנ'אַלטער בעקאַנטער, געוואָלט איהר דערמאָהנען אָן יענער נאַכט, ווען מע איז געזעסען, נישט היינט גע-דאַכט, אַ גאַנצע נאַכט אין דרויסען, האָט איהר דער איינבינדער נישט געלאָזט. ער האָט איהר אַלעמאָל געגעבען אַ ציה ביים אַרבעל זי זאָל זיצען שטיל און אַליין האָט ער אונטערגעהוסט זיך אין אַרבעל אַריין. „צווישען בעלי-בתים דאַרף אַ יוד אַ בעל-מלאכה זיצען מיט דרך-ארץ...”

נישט אַזוי גרינג, מאָלט איך, איז שרה שפּיראָ'ן אָנגעקומען אָט דער דאָזיגער מזל טוב. אַ קניהע ערד האָט זי בעדאַרפט פריהער אויס-שלאָגען פאַר דער טאָכטער, איידער זי האָט ביי איהר גע'פּועל'ט, אַז

ס'זאָל נעהמען אַנ'עק—טויט אָדער רויט! לאָזען לייטישע מיילער זיך בערוהיגען, אויפהערען האָבען צו טהון מיט איהר טאָכטער און מיט'ן סטודענט, וואָס ליעגט ביי זיי טאָג ווי נאַכט, וויל גאָר פון שטוב נישט אַרויס! די אָרעמע מוטער האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ נסיון איהר טאָכטער איז אויסגעשטאַנען, וואָס פאַר אַ בריעף זי בע-קומט פון זייער געוועזענעם קוואַרטיראַנט, וואָס האָט אַזוי טרויעריג אָבגעשפיעלט דעם בלוטיגען שפאַס... פון די דאָזיגע בריף האָט נישט געוואוסט קיין בן אדם, אפילו בעני הורוויטש, וואָס איז געווען איהר בעל סוד. דאָס הייסט ער האָט געוואוסט, אַז פון עמיצען האָט זי בריעף און עמיצען ענטפערט זי; ער האָט געוואוסט, ווער דער עמי-צער איז—דאָס אויך. נאָר פרעגען זי ווער וואָס ווענען—האָט ער נישט געוואָלט. דאָס וועט קיינער נישט דערוואַרטען זיך. דערויף איז ער אַ פינטשוק און אַ הורוויטש. ניין, ער וועט גיכער שטאַרבען, איידער אַרויסווייזען אפילו אַ סימן, אַז ער ווייס פון עפּיס צו זאָגען. און דאָס פערדריסט בעטי'ן סכנות! זי וואָלט וועלען מיט איהם זיך דורכשמועסען, אַנ'עצה האַלטען, וואָס ענטפערט מען יענעם, ווייזען איהם, וואָס יענער שרייבט צו איהר. נאָר אַז ער פרעגט זיך ניט נאָך, אַז ער מאַכט זיך גלייך ווי ער אינטערעסירט זיך גאָרנישט דערמיט, זאָל זי איהם געהן דערצעהלען מעשיות, התנצלות?—דאָס וועט קיינער ניט דערוואַרטען זיך. דערויף איז זי שפּיראָס אַ טאָכטער, פון די אמת'ע, פון די סלאַוויטער שפּיראָס... דריי טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צע-קאָכטע, דריי נעכט ניט געשלאָפען, אַ סך געוויינט, אויסגעוואַשען דאָס פּנים און ווידער געוויינט, בסוד-סודות, און אויפ'ן פיערטען טאָג איז אַוועק אַנ'ענטפער אַ גרויסער בריעף, אַ פריינדליכער, אין וועלכען זי האָט אויסגעגאָסען אינגאַנצען איהר האַרץ, אַרויסגעזאָגט דעם אמת, צוגלידערט איהרע געפיהלען צו איהם ביז דער קאַטאַסטראָפע און נאָך דער קאַטאַסטראָפע (אונטער'ן וואָרט „קאַטאַסטראָפע” האָט מען בע-דאַרפט פערשטעהן דעם טאָג פונ'ם משפט, ווען מ'איז געוואויער גע-וואָרען, אַז דער יוד גריגאָרי מאָיסעיעוויטש ראַבינאָוויטש איז גאָר אַ קריסט גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו...). זי האָט זיך געפלייסט אויפצו-ווייזען איהם, אַז דאָס, וואָס ער שרייבט, וואָלט געווען אַנ'אומזין פאַר זיי ביידע. די גרעניצען, וואָס צוימען זיי אָב, וועט זי נישט אַריבער-טרעטען קיינמאָל אויס ליעבע צו איהר פאָלק, צוליעב וועלכען און מיט וועלכען זי ווערט פערשוואַרצט און איז גרייט פערשוואַרצט ווערען

אויך ווייטער—דאָס האָט זי איהם שוין וויפיעל מאָל געזאָגט. דאָס איז אַ נאַטור-זאַך, וואָס מען קאָן נאָר פיהלען מיט'ן האַרצען און עס לאָזט זיך ניט בעהערשען מיט'ן שכל... און אויך ער טאָר עס נישט טהון און דאַרף עס נישט טהון דערפאַר, ווייל דאָס וואָלט געווען קעגען געזונד-טען פערשטאַנד, קעגען דער נאַטור און קעגען געוויסען. און ער איז דאָך צו-עהרליך, אַז ער זאָל קאָנען זיין פעהיג אויף אַ זאַך, וואָס איז ניט אינגאַנצען כשר...

„איהר האָט בעוויזען אַזוי פיעל העלדענמוט—לאָזט זי אויס איהר „בריעף—זייט אַ העלט אויך ווייטער, פערגעסט, אַז צווישען אונז זענען „ווען געווען אַנדערע געפיהלען אויסער די געפיהלען פון ריינער גוט-„פריינדשאַפט, וועלכע לאָזען בלייבען צווישען אונז אויף אייביג און „אייביג!...

גריגאָרי איוואַנאָוויטש פאָפּאָוו, אַז ער האָט בעקומען דעמדאָזיגען בריעף, איז ער געווען זעהר דערשלאָגען. ער איז כמעט גרייט געווען זיך נעהמען דאָס לעבען. ער האָט דאָס אָבער נישט געטהאָן. אַז ער איז אָבגעקומען זיין שטראָף פאַר'ן שפּאַס, דאָס הייסט, פאַר'ן אָנרופען זיך מיט אַ פרעמדען נאָמען און וואוינען אויף אַ פרעמדען פּאַס מיט אַ פרעמדען דיפּלאָם, האָט ער זיך איבערגעבעטען מיט'ן פּאָטער און איז אַריין אין אוניווערזיטעט און לערנט, זאָגט מען, גאַנץ גוט. ביסלעכ-ווייז האָט ער זיך אויסגעניכטערט פון די פריהערדיגע חלומות און איז אַריין אין דער קאָליע אַריין און איז אַוועק מיט'ן שטראָם. נאָר ס'איז צו האָפען, אַז פון איהם זאָל אַרויס אַ געלייטערטער קריסט, וואָס איז דיסטילירט געוואָרען אויף יודישען וואַסער... גיט אונז אַהער אַ ביסעל מעהרער אַזעלכע קריסטען—און דאָס יודענטום איז געשירמט פון אַ סך אומזיסטע בעשולדיגונגען, זלזולים, בלבולים, בעליידיגונגען, צרות, יסורים, שלעק, פּרוּעניות'ן...

נישט אויסגעהאַלטען דעם בזיון האָט נאָר זיין שוועסטער. די גוטע פרומע וויעראַ האָט באַלד נאָך דעם ברודערס צוריקקעהרען אַהיים איינגעגעבען זיך אין מאָנאַסטיר.

* *

*

און דער אמת'ער ראַבינאָוויטש האָט, גלייך ווי דער געמאַכטער

ראַבינאָוויטש, פריהער פון אַלץ אָבגעקומען זיין שטראָף פאַר׳ן זעלביגען שפּאַס... נאָר דאָס איז געווען אַ קלייניגקייט אין פערגלייך מיט דעם ים צרות, וואָס האָבען זיך פאַר איהם געעפענט ערשט נאָכדעם, בעת ער האָט געוואָלט לערנען ווייטער און בעגעגענט אַ מבול פון צירקו-לאַרען מיט אַזוי פיעל נייע בעגרענצונגען, אַז ער האָט געמוזט זיך אָבטראָגען קיין אויסלאַנד, „שעפּען חכמות און וויסענשאַפט פון פרעמדע קוואַלען...” אין די סאַמע ביטערע שווערע מאָמענ-טען פון זיין לעבען טראָגט ער זיך אַריבער אין זיינע זכרונות אַהין אין דעם כשוף׳דיגען לאַנד פון „אופיר”, וואו עס געפינט זיך זיין „בת מלכה”, וואָס ווייס גאָר אפילו ניט, ניט פון קיין „בלוטיגען שפּאַס”, ניט פון דעם, אַז ער איז געווען איינער פון די העלדען פונ׳ם דאָזי-גען „בלוטיגען שפּאַס”.